זאלין הערן מיין בפעל די פרעמדע זאלן זיך לייקענן פאר מיר זיי זאלן מיך האלטין פאר אמלך מחמת מורא: (מו) בני די פרעמדע קינדר זיי זאלין ווערין מיד זיי זאלין זיך פארכטין פון זייערע פר שלאסענע ערטער: (מז) חי נאט לעבט אייביג און גלויבט איז מיין באשעפר מיין גאט מיין העלפער איז ערהויבין: (מח) האל דער גאט ער גיבט מיר אנקמה פון מיינע פיינד און הט גיבראכט פעלקר אונטר מיר: (מט) מפלטי ער מאכט אנטרינן מיך פון מיינע פיינד, פון מיינע שונאים טוסטו מיך דער הויבן, פון אמענש וואס רויבט טוסטו מיך מציל זיין: (נ) על דרום לויב איך דיך צווישין דיא פעלקר דו גאט און צו דיין נאמן טו איך זינגן: (נא) מגדיל דאס איז דיא לויב ער מאכט גרויס די הילף צו זיין מלך וואס ער האט גישטעלט ער טוט חסד צוא זיין גיזאלבטן קעניג צוא דוד און צו זיינע קינדער ביז אייביג:

יט (א) למנצח צו שטארקן דעם גיזאנג צו דוד: (ב) השמים דער וואס קוקט אויף דעם הימיל דר ציילט ער גאטס כבוד און די וואונדר פון זיינע מעשים: (ג) יום אַרייד פון איין טאג צום אנדרין ווערט גירעט פון איין נאכט צו דער אנדרע ווערט גוויזן וויסין שאפט מען ווערט גיוואר גאטש וואונדר: (ד) אין די הימלן זאגין ניט און ריידין ניט מיט לויב עס ווערט ניט גיהערט זייער קול: (ה) בכל איז אזו גלייך וויא זיי ריידין, צו דר זון האט ער גמאכט איין גצעלט אז זי זאל ניט ארויס גיין מער איידר מען בדארף: (ו) והוא און די זון גייט וויא אחתן גייט פון זיין חופה טוט זיך פרייען וויא איין גבור לייפט אין וועג: (ז) מקצה פון איין עק הימיל גייט ארויס די זון און זיין ארום רינגלן אויף אלע עקין פון דר וועלט מען קאן זיך ניט בהאלטין פון זיין היץ: (ח) תורת גאטס
תורה

עֵדוּת יְיָ נֶאֱמָנָה מַחְכִּימַת פֶּתִי: ט פִּקּוּדֵי יְיָ יְשָׁרִים
מְשַׂמְּחֵי לֵב מִצְוַת יְיָ בָּרָה מְאִירַת עֵינָיִם: י יִרְאַת יְיָ
טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד מִשְׁפְּטֵי יְיָ אֱמֶת צָדְקוּ יַחְדָּו:
יא הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב וּמִפַּז רָב וּמְתוּקִים מִדְּבַשׁ וְנֹפֶת
צוּפִים: יב גַּם עַבְדְּךָ נִזְהָר בָּהֶם בְּשָׁמְרָם עֵקֶב רָב:
יג שְׁגִיאוֹת מִי יָבִין מִנִּסְתָּרוֹת נַקֵּנִי: יד גַּם מִזֵּדִים
חֲשׂךְ עַבְדֶּךָ אַל יִמְשְׁלוּ בִי אָז אֵיתָם וְנִקֵּיתִי
מִפֶּשַׁע רָב: טו יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי
לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי:

ווען אמענטשינס אקרוב איז אין אצרה חס ושלום זאל ער דיא תפלה מתפלל זיין פון זיינט וועגין:

כ א לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: ב יַעַנְךָ יְיָ בְּיוֹם צָרָה
יְשַׂגֶּבְךָ שֵׁם אֱלֹהֵי יַעֲקֹב: ג יִשְׁלַח עֶזְרְךָ מִקֹּדֶשׁ
וּמִצִּיּוֹן יִסְעָדֶךָּ: ד יִזְכֹּר כָּל מִנְחֹתֶךָ וְעוֹלָתְךָ יְדַשְּׁנֶה
סֶלָה: ה יִתֶּן לְךָ כִלְבָבֶךָ וְכָל עֲצָתְךָ יְמַלֵּא: ו נְרַנְּנָה

---

תורה איז גאנץ זי דער קוויקט די נשמה די תורה איז בייא גאט אבאגלייבטר עדות זיא מאכט קלוג איין נאר: (ט) פקודי די באפעל פון גאט איז רעכט פארטיג זי טוט דר פרייען דאס הארץ די מצוה פון גאט איז קלאר עס מאכט ליכטיג די אויגין: (י) יראת די יראה פון גאט איז ריין זי שטייט אויף אייביג די משפטים פון גאט איז ווארהפטיג זיינען גירעכט אלע משפטים: (יא) הנחמדים עס איז גלוסטיגר פון גאלד אונ פון גין גאלד די תורה איז זיסער פון האניק: (יב) גם אזו איך דיין קנעכט איז נזהר צוא היטן דיין תורה ומצות: (יג) שגיאות פון עבירות וואס בשוגג ווער פרשטייט צו היטין זיך, פון פרבארגענע עבירות מאך מיך ריין: (יד) גם פון די עבירות וואס מוטווילינ ווערט גיטאן פר מייד דיין קנעכט עס זאל ניט גיוועלטיגן אויף מיר, דענסטמאל ווער איך זיין גאנץ אונ וועל זיין ריין פון פיל זינד: (טו) יהיו עס זאל זיין צו בווילינג די זאג פון מיין מויל אונ דאס טראכטונג פון מיין הארץ פאר דיר גאט מיין באשעפער:
כ (א) למנצח צו שטארקין דעם גזאנג צו דוד: (ב) יענך גאט זאל דיר ענטפרין אין דם
טאג ווען איינג איז ער זאל דיך שטארקן דר נאמען פון גאט וואס יעקב אבינו
האט גיגלייבט: (ג) ישלח ער זאל שיקן דיין הילף פון זיין הייליג ארט אונ פון ציון זאל ער
דיך אונטר לעהנן: (ד) יזכור ער זאל גידיינקן אלע מנחות ועולות דאס מיינט מען די
תפלות עס זאל זיין גירעכינט וויא פעטע קרבנות: (ה) יתן ער זאל דיר געבין וויא
דיין הארץ, דיין טראכטן זאל ער דר פילן: (ו) נרננה מיר וועלין זינגן אז דו וועסט העלפן
מיט אונ זער גאטס נאמן וועלן מיר צייכענן די דגלים גאט זאל דר פילן גאר דיין גבעט:
(ז) עתה איצונדערט ווייס איך אז גאט העלפט זיין גיזאלבטין טוט אים ענטפרין פון
זיין

בִּישׁוּעָתֶךָ וּבְשֵׁם אֱלֹהֵינוּ נִדְגֹּל יְמַלֵּא יְיָ כָּל
מִשְׁאֲלוֹתֶיךָ: ז עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי הוֹשִׁיעַ יְיָ מְשִׁיחוֹ
יַעֲנֵהוּ מִשְּׁמֵי קָדְשׁוֹ בִּגְבֻרוֹת יֵשַׁע יְמִינוֹ: ח אֵלֶּה
בָרֶכֶב וְאֵלֶּה בַסּוּסִים וַאֲנַחְנוּ בְּשֵׁם יְיָ אֱלֹהֵינוּ
נַזְכִּיר: ט הֵמָּה כָּרְעוּ וְנָפָלוּ וַאֲנַחְנוּ קַמְנוּ וַנִּתְעוֹדָד:
י יְיָ הוֹשִׁיעָה הַמֶּלֶךְ יַעֲנֵנוּ בְיוֹם קָרְאֵנוּ:

דֶר מִזְמוֹר לֶערְנְט אַז דֶם מֶענְטְשְׁן גֵייט גוּט דַארְף עֶר לוֹיבְּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּנ זָאל אַן הֵייבְּן וַויל עֶר הָט זַיין בִּטָּחוֹן אִין הַשֵּׁ״י:

כא א לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: ב יְיָ בְּעָזְּךָ יִשְׂמַח מֶלֶךְ
וּבִישׁוּעָתְךָ מַה יָּגֶל מְאֹד: ג תַּאֲוַת לִבּוֹ נָתַתָּה
לּוֹ וַאֲרֶשֶׁת שְׂפָתָיו בַּל מָנַעְתָּ סֶּלָה: ד כִּי תְקַדְּמֶנּוּ
בִּרְכוֹת טוֹב תָּשִׁית לְרֹאשׁוֹ עֲטֶרֶת פָּז: ה חַיִּים
שָׁאַל מִמְּךָ נָתַתָּה לּוֹ אֹרֶךְ יָמִים עוֹלָם וָעֶד: ו גָּדוֹל
כְּבוֹדוֹ בִּישׁוּעָתֶךָ הוֹד וְהָדָר תְּשַׁוֶּה עָלָיו: ז כִּי
תְשִׁיתֵהוּ בְרָכוֹת לָעַד תְּחַדֵּהוּ בְשִׂמְחָה אֶת פָּנֶיךָ:
ח כִּי הַמֶּלֶךְ בֹּטֵחַ בַּייָ וּבְחֶסֶד עֶלְיוֹן בַּל יִמּוֹט:
ט תִּמְצָא יָדְךָ לְכָל אֹיְבֶיךָ יְמִינְךָ תִּמְצָא שֹׂנְאֶיךָ:
י תְּשִׁיתֵמוֹ כְּתַנּוּר אֵשׁ לְעֵת פָּנֶיךָ יְיָ בְּאַפּוֹ יְבַלְּעֵם

זַיין הֵיילִיגְן הִימְל מִיט דֶעם שְׁטַארְקַייט פוּן זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט הֶעלְפְט עֶר: (ח) אלה
דִי דָאזִיגֶע הָאבְּן בִּטָּחוֹן אוֹיף רַייט וֶועגִין אוּנ דִי דָאזִיגֶע אוֹיף זַייעֶרֶע פֶערְד אָבֶּער
מִיר מִיט אוּנְזֶר גָאטְס נָאמֶן טוּעֶן מִיר דֶר מָאנֶען: (ט) המה זֵיי זַיינֶען נִידֶר גִקְנִיעֶט אוּנ
זַיינֶען גִיפַאלִין מִיר זַיינֶען אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוּנ זִיךְ גִישְׁטַארְקְט: (י) יי גָאט הֶעלְף דֶר מֶלֶךְ
הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא זָאל אוּנְז עֶנְטְפֶערִין אִין דֶעם טָאג וָואס מִיר טוּעֶן צוּ אִים רוּפִין:
כא (א) למנצח צוּ שְׁטַארְקִין דֶעם גִיזַאנְג צוּ דָוִד: (ב) יי גָאט מִיט דַיין שְׁטַארְקַייט וָוס
דוּ שְׁטַארְקְסְט דֶעם מֶלֶךְ טוּט עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן אוּנ מִיט דַיין הִילְף וִוי זַייעֶר פְרֵייט
עֶר זִיךְ: (ג) תאות דָאס גְלוּסְטִיקַייט פוּן זַיין הַארְץ הָאסְטוּ אִים גִיגֶעבְּן אוּנ דִי רֵייד פוּן
זַיינֶע לֶעפְּצִין הָאסְטוּ נִיט פַאר מִיטִין אֵייבִּיג: (ד) כי דוּ טוּסְט אִים פֶערְין בֶּענְטְשׁוּנְג
פוּן גוּטְס דוּ טוּסְט צוּ זַיין קָאפּ אַקְרוֹין פוּן גָאלְד: (ה) חיים עֶר הָאט גִיבֶּעטִין פוּן דִיר
לֶעבְּן הָאסְטוּ אִים גִיגֶעבְּן לַאנְגֶע יָארְן אַיין אֵייבִּיגֶע מְלוּכָה: (ו) גדול זַיין כָּבוֹד אִיז
גְרוֹיס מִיט דַיין הִילְף שֵׁיינְקַייט אוּנ וִוירְדִיקַייט טוּסְטוּ טָאן אוֹיף אִים: (ז) כי דוּ טוּסְט
אִים בֶּענְטְשִׁין אוֹיף אֵייבִּיג טוּסְט אִים מַאכִין פְרֵייעֶן מִיט פְרֵייד פוּן פַאר דִיר:
(ח) כי וָוארוּם דֶר מֶלֶךְ פַר זִיכֶערְט זִיךְ תָּמִיד אִין גָאט אוּנ אִין דֶם גִינָאד פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן,
וועט

וְתֹאכְלֵם אֵשׁ: יא פִּרְיָמוֹ מֵאֶרֶץ תְּאַבֵּד וְזַרְעָם מִבְּנֵי
אָדָם: יב כִּי נָטוּ עָלֶיךָ רָעָה חָשְׁבוּ מְזִמָּה בַּל יוּכָלוּ:
יג כִּי תְּשִׁיתֵמוֹ שֶׁכֶם בְּמֵיתָרֶיךָ תְּכוֹנֵן עַל פְּנֵיהֶם:
יד רוּמָה יְיָ בְעֻזֶּךָ נָשִׁירָה וּנְזַמְּרָה גְּבוּרָתֶךָ:

דער מזמור איז איין תפלה קעגין דעם לאנגען גלות פון דיא ישראל:

כב א לַמְנַצֵּחַ עַל אַיֶּלֶת הַשַּׁחַר מִזְמוֹר לְדָוִד: ב אֵלִי
אֵלִי לָמָה עֲזַבְתָּנִי רָחוֹק מִישׁוּעָתִי דִּבְרֵי שַׁאֲגָתִי:
ג אֱלֹהַי אֶקְרָא יוֹמָם וְלֹא תַעֲנֶה וְלַיְלָה וְלֹא דֻמִיָּה
לִי: ד וְאַתָּה קָדוֹשׁ יוֹשֵׁב תְּהִלּוֹת יִשְׂרָאֵל: ה בְּךָ
בָּטְחוּ אֲבֹתֵינוּ בָּטְחוּ וַתְּפַלְּטֵמוֹ: ו אֵלֶיךָ זָעֲקוּ
וְנִמְלָטוּ בְּךָ בָטְחוּ וְלֹא בוֹשׁוּ: ז וְאָנֹכִי תוֹלַעַת וְלֹא
אִישׁ חֶרְפַּת אָדָם וּבְזוּי עָם: ח כָּל רֹאַי יַלְעִגוּ לִי
יַפְטִירוּ בְשָׂפָה יָנִיעוּ רֹאשׁ: ט גֹּל אֶל יְיָ יְפַלְּטֵהוּ

---

וועט ער תמיד ניט גיגייגט ווערין: (ט) תמצא עס וועט גרייכין דיין האנט צוא אלע דיינע פיינט דיין רעכטע האנט וועט גרייכין דיינע שונאים: (י) תשיתמו דוא זאלסט זיי מאכין ווי איין אויבן מיט פייער צו דער צייט אז דו ביסט ברוגז, גאט זאל זיי מיט זיין צארין פר דארבין אונ זאל זיי פר ברענן דאס פייער: (יא) פרימו זייער פרוכט זייערע קינדר פון דר וועלט זאלסטו מאכין פאר לירן אונ זייערע קינדר פון לייט: (יב) כי זיי האבן גיגייגט צו טראכטן מיט זייער מחשבה אויף דיר שלעכטץ זיי האבן גיטראכט שלעכטע מחשבות זיי זאלין דס ניט אויספירין צו טאן: (יג) כי דו זאלסט זייא אפטיילין איין טייל, מיט דיינע שניר פון דער פייל זאלסטו אן גרייטין צו שיסין אויף זייער פנים: (יד) רומה דער הייב דיך גאט מיט דיין שטארקייט מיר וועלין לויבין אונ מיר וועלין זינגן דיין שטארקייט:

כב (א) למנצח אויף דעם כלי זמר וואס הייסט אילת השחר: (ב) אלי מיין גאט ווארום האסטו מיך פאר לאזין עס איז ווייט פון מיין הילף דיא רייד פון מיין גישריי: (ג) אלהי מיין גאט איך טו רופין בייא טאג אונ טוסט ניט ענטפערן אויך בייא נאכט איז קיין שטיל שווייגין צו מיר: (ד) ואתה אונ דו הייליגר זיצט צו הערין די לויב פון ישראל: (ה) בך אין דיר האבין זיך פאר זיכערט אונזערע עלטערין זיי האבין זיך פאר זיכערט אונ דו האסט זיי גימאכט אנטרינן: (ו) אליך צו דיר האבין זיי גישריען אונ זיינען גיווארן בשירעמט אין דיר האבין זיי זיך פאר זיכערט זיינען זיי ניט גיווארן פאר שעמט: (ז) ואנכי אונ איך בין ווי א ווארים איך בין ניט גירעכענט פר א מענטש דיא חרפה פון לייט איך בין מבוזה צום גאנצין פאלק: (ח) כל אלע וואס זעהן מיך טוען שפעטין פון מיר זיי עפענן די לעפצין צו שפעטין אונ טוען שאקלן מיט דם קאפ: (ט) גול ווארף דיין בטחון אויף גאט וועט ער אים אנטרינען ער וועט אים

באשירמען

יַצִּילֵהוּ כִּי חָפֵץ בּוֹ: י כִּי אַתָּה גֹחִי מִבָּטֶן מַבְטִיחִי
עַל שְׁדֵי אִמִּי: יא עָלֶיךָ הָשְׁלַכְתִּי מֵרָחֶם מִבֶּטֶן אִמִּי
אֵלִי אָתָּה: יב אַל תִּרְחַק מִמֶּנִּי כִּי צָרָה קְרוֹבָה
כִּי אֵין עוֹזֵר: יג סְבָבוּנִי פָּרִים רַבִּים אַבִּירֵי בָשָׁן
כִּתְּרוּנִי: יד פָּצוּ עָלַי פִּיהֶם אַרְיֵה טֹרֵף וְשֹׁאֵג: טו כַּמַּיִם
נִשְׁפַּכְתִּי וְהִתְפָּרְדוּ כָּל עַצְמוֹתָי הָיָה לִבִּי כַּדּוֹנָג
נָמֵס בְּתוֹךְ מֵעָי: טז יָבֵשׁ כַּחֶרֶשׂ כֹּחִי וּלְשׁוֹנִי מֻדְבָּק
מַלְקוֹחָי וְלַעֲפַר מָוֶת תִּשְׁפְּתֵנִי: יז כִּי סְבָבוּנִי כְּלָבִים
עֲדַת מְרֵעִים הִקִּיפוּנִי כָּאֲרִי יָדַי וְרַגְלָי: יח אֲסַפֵּר
כָּל עַצְמוֹתָי הֵמָּה יַבִּיטוּ יִרְאוּ בִי: יט יְחַלְּקוּ בְגָדַי
לָהֶם וְעַל לְבוּשִׁי יַפִּילוּ גוֹרָל: כ וְאַתָּה יְיָ אַל תִּרְחָק
אֱיָלוּתִי לְעֶזְרָתִי חוּשָׁה: כא הַצִּילָה מֵחֶרֶב נַפְשִׁי
מִיַּד כֶּלֶב יְחִידָתִי: כב הוֹשִׁיעֵנִי מִפִּי אַרְיֵה וּמִקַּרְנֵי
רֵמִים עֲנִיתָנִי: כג אֲסַפְּרָה שִׁמְךָ לְאֶחָי בְּתוֹךְ קָהָל

---

בשירמן װארום ער באגערט אים: (י) כי דוא ביסט מיין אויס ציהר פון דעם בויך
מיין פאר זיכערר אויף מיין מוטערס בריסט: (יא) עליך אויף דיר בין איך געװארפן אז
דוא זאלסט טאן מיין באדערפעניש פון מיין מוטערס בויך ביסטו מיין גאט: (יב) אל
זאלסט דיך ניט דער װייטערן פון מיר דען די אנגסטין איז נאהנט פון מיר עס איז
ניט דא קיין אנדערער העלפר אן דיר: (יג) סבבוני עס האבין מיך ארום גירינגילט פיל
שטארקע מענטשין װי אקסן װי די פעטע אקסן פון בשן האבין מיך ארום גנומען:
(יד) פצו זיי האבין געעפנט זייער מויל װי אלייב פרצוקט די חיות אונ שרייט פר שמחה:
(טו) כמים איך בין גיװארין פר גאסן װי װאסער אונ עס איז גװארין פאר שפרייט אלע
מיינע ביינר מיין הארץ איז גיװארין װי װאקס צו גייט פון פייער אזו איז מיין הארץ
צו גאנגען אין מיינע גידערים: (טז) יבש עס איז דאר װי אשארבן מיין כח אונ מיין
צונג איז באהעפט צום קינבאק פאר צער אונ צום גרוב טוסטו מיך זעצין: (יז) כי
עס האבן מיך ארום גרינגלט אזעלכע ביינע װי הינט איין פר זאמלונג פון שלעכטע
האבין מיך ארום גינומן מיינע הענט אונ פיס זיינן אזו װיא ביי אלייב אין מויל:
(יח) אספר איך קאן ציילין אלע מיינע ביינער מחמת מאגערקייט אבער זיי טוען לוגן
אונ זעהן מיינע צרות: (יט) יחלקו זיי טוען צװישן זיך צו טיילן מיינע קליידר אונ אויף
מיין אן קליידונג טוען זייא װארפין גורל: (כ) ואתה אונ דו גאט זאלסט דיך ניט דער
װייטערין פון מיר, מיין שטארקר צו מיין הילף איל: (כא) הצילה זיי מציל פון דר שװערד
מיין לייב פון אזעלכע הענט װאס זיינן גיגליכין צוא איין הונט מיין איינציגע נשמה:
(כב) הושיעני העלף מיר פון דעם מויל פון לייב פון די הערנר פון דר חיה ראם האסטו

אֲהַלְלֶךָּ: כד יִרְאֵי יְיָ הַלְלוּהוּ כָּל זֶרַע יַעֲקֹב
כַּבְּדוּהוּ וְגוּרוּ מִמֶּנּוּ כָּל זֶרַע יִשְׂרָאֵל: כה כִּי לֹא
בָזָה וְלֹא שִׁקַּץ עֱנוּת עָנִי וְלֹא הִסְתִּיר פָּנָיו מִמֶּנּוּ
וּבְשַׁוְּעוֹ אֵלָיו שָׁמֵעַ: כו מֵאִתְּךָ תְהִלָּתִי בְּקָהָל רָב
נְדָרַי אֲשַׁלֵּם נֶגֶד יְרֵאָיו: כז יֹאכְלוּ עֲנָוִים וְיִשְׂבָּעוּ
יְהַלְלוּ יְיָ דֹּרְשָׁיו יְחִי לְבַבְכֶם לָעַד: כח יִזְכְּרוּ וְיָשֻׁבוּ
אֶל יְיָ כָּל אַפְסֵי אָרֶץ וְיִשְׁתַּחֲווּ לְפָנֶיךָ כָּל מִשְׁפְּחוֹת
גּוֹיִם: כט כִּי לַייָ הַמְּלוּכָה וּמֹשֵׁל בַּגּוֹיִם: ל אָכְלוּ
וַיִּשְׁתַּחֲווּ כָּל דִּשְׁנֵי אֶרֶץ לְפָנָיו יִכְרְעוּ כָּל יוֹרְדֵי עָפָר
וְנַפְשׁוֹ לֹא חִיָּה: לא זֶרַע יַעַבְדֶנּוּ יְסֻפַּר לַאדֹנָי לַדּוֹר:
לב יָבֹאוּ וְיַגִּידוּ צִדְקָתוֹ לְעַם נוֹלָד כִּי עָשָׂה:

דָם מִזְמוֹר הָט דָוִד הַמֶּלֶךְ גִזָאגְט אִין וַואלְד חֶרֶת ווֶען עֶר הָט נִיט גִיהַאט וָוס צוּ עֶסְן אוּנ הַשֵּׁי״ת הָט אִים מְזוֹנוֹת גִּיגֶעבְּן פוּן עוֹה״ב:

יום ד כג א מִזְמוֹר לְדָוִד יְיָ רֹעִי לֹא אֶחְסָר: ב בִּנְאוֹת
דֶּשֶׁא יַרְבִּיצֵנִי עַל מֵי מְנֻחוֹת יְנַהֲלֵנִי: ג נַפְשִׁי

---

מִיר גִיעֶנְטְפֶערְט: (כג) אספרה אִיךְ וֶועל דָער צֵיילִין דַיין נָאמֶען צוּ מַיינֶע בְּרִידֶר צְווִישִׁין אַיין זַאמְלוּנְג וֶועל אִיךְ דִיךְ לוֹיבִּין: (כד) יראי דִי גָאטְס פָארְכְטִיגֶע לוֹיבְּט אִים דִי קִינְדֶר פוּן יַעֲקֹב הַאלְט אִים עֶרְלִיךְ אוּנ פָארְכְט אַייךְ פַר אִים אַלֶע קִינְדֶר פוּן יִשְׂרָאֵל: (כה) כי עֶר הָאט נִיט מְבַזֶה גִיוֶועז עֶר הָאט נִיט אוּמְווירְדִיג גִימַאכְט דָם גִישְׁרַיי פוּן דֶם אָרוּמַאן אוּנ הָאט נִיט פַאר בָּארְגִין זַיין פָּנִים פוּן אִים אוּנ וֶוען דֶר אָרֶעמֶער טוּט שְׁרַייעֶן צוּ גָאט טוּט עֶר הֶערִין: (כו) מאתך מַיין לוֹיבּ אִיז פוּן דִיר אַלֵיין צְווִישִׁין אַיין גְרוֹים אַיין זַאמְלוּנְג מַיינֶע נְדָרִים וֶועל אִיךְ בַּצָאלִין פַאר גָאטְס פָארְכְטִיגֶע: (כז) יאכלו דִיא פְרוּמֶע וֶועלִין עֶסִין אוּנ וֶועלִין זַאט זַיין זֵיי וֶועלִין לוֹיבִּין גָאט זַיינֶע פָארְשְׁטֶער עֶס זָאל לֶעבִּין אַייעֶר הַארְץ אוֹיף אֵייבִּיג: (כח) יזכרו זַייא וֶועלִין גִידַיינְקֶען אַלֶע וואוּנְדֶער אוּנ וֶועלִין זִיךְ אוּמְקֶערִין צוּ גָאט אַלֶע וָואס וואוֹינֶען אוֹיף דֶר גַאנְצֶר וֶועלְט אוּנ זֵיי וֶועלִין זִיךְ בּוּקִין פַאר דִיר דִיא מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַלֶע פֶעלְקֶר: (כט) כי וָוארוּם צוּ גָאט אִיז דִי מְלוּכָה אוּנ עֶר גִיוֶועלְטִיגְט אִיבֶּער אַלֶע פֶעלְקֶער: (ל) אכלו זַייא וֶועלֶען עֶסִין נָאר דָאס פֶעטְקַייט פוּן דֶער עֶרְד אוּנ וֶועלִין דַאנְקֶען עֶס וֶועלִין קְנִיעֶן פַאר אִים אַלֶע וָואס נִידֶערִין אִין דֶער עֶרְד. גָאט וֶועט נִיט לָאזִין לֶעבִּין דָאס נֶפֶשׁ פוּן רָשָׁע: (לא) זרע דָאס גִיבִּירְט וָואס טוּעֶן אִים תָּמִיד דִינֶען וֶועלִין דֶר צֵיילִין צוּם אַנְדֶערִין דוֹר פוּן גָאטְס מַעֲשִׂים: (לב) יבאו זֵיי וֶועלִין קוּמֶען אוּנ וֶועלִין דָער צֵיילִין צוּ דִי לַייט וָואס וֶועלִין גִיבָּארִין וֶוערִין אַז גָאט הָאט אַזֶעלְכֶע וואוּנְדֶר גִיטָאן:

כג (א) מזמור. גָאט אִיז מַיין שֶׁעפֶּער דְרוּם גֵייט מִיר נִיט אָפּ קַיין בַּאדֶערְפֶנִשׁ: (ב) בנאות אִין גוּט גְרָאז טוּט עֶר מִיךְ מַאכִין רוּעֶן אוֹיף שְׁטִיל וַואסֶר טוּט עֶר מִיךְ פִירִין: (ג) נפשי מַיין זֵייל טוּט עֶר דֶער קְוִויקִין עֶר טוּט מִיךְ פִירִן אִין רֶעכְטִין וֶועג פוּן וֶועגִין זַיין נאמע

יְשׁוֹבֵב יַנְחֵנִי בְמַעְגְּלֵי צֶדֶק לְמַעַן שְׁמוֹ: ד גַּם כִּי
אֵלֵךְ בְּגֵיא צַלְמָוֶת לֹא אִירָא רָע כִּי אַתָּה עִמָּדִי
שִׁבְטְךָ וּמִשְׁעַנְתֶּךָ הֵמָּה יְנַחֲמֻנִי: ה תַּעֲרֹךְ לְפָנַי
שֻׁלְחָן נֶגֶד צֹרְרָי דִּשַּׁנְתָּ בַשֶּׁמֶן רֹאשִׁי כּוֹסִי רְוָיָה:
ו אַךְ טוֹב וָחֶסֶד יִרְדְּפוּנִי כָּל יְמֵי חַיָּי וְשַׁבְתִּי בְּבֵית
יי לְאֹרֶךְ יָמִים:

דר מזמור לערנט דם מענטש ער זאל מתפלל זיין או השי״ת זאל אים צו הערן פון זיין הייליגן באכן וועגן און פון זכות אבות וועגן:

כד א לְדָוִד מִזְמוֹר לַיי הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ תֵּבֵל וְיֹשְׁבֵי
בָהּ: ב כִּי הוּא עַל יַמִּים יְסָדָהּ וְעַל נְהָרוֹת יְכוֹנְנֶהָ:
ג מִי יַעֲלֶה בְהַר יי וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ: ד נְקִי
כַפַּיִם וּבַר לֵבָב אֲשֶׁר לֹא נָשָׂא לַשָּׁוְא נַפְשִׁי וְלֹא
נִשְׁבַּע לְמִרְמָה: ה יִשָּׂא בְרָכָה מֵאֵת יי וּצְדָקָה
מֵאֱלֹהֵי יִשְׁעוֹ: ו זֶה דּוֹר דֹּרְשָׁיו מְבַקְשֵׁי פָנֶיךָ יַעֲקֹב
סֶלָה: ז שְׂאוּ שְׁעָרִים רָאשֵׁיכֶם וְהִנָּשְׂאוּ פִּתְחֵי עוֹלָם
וְיָבוֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד: ח מִי זֶה מֶלֶךְ הַכָּבוֹד יי עִזּוּז

---

נאמען מען זאל גיוואר ווערין זיין השגחה: (ד) גם ווען איך טו אויך גיין אין פינצטרין טאל פארכט איך מיך ניט פאר שלעכין ווארום דו ביסט מיט מיר. דיין רוט וואס דו שטראפסט מיך און וואס דו לעהנסט מיך און העלפסט מיר ווידער זייא טוען מיך טרייסטן: (ה) תערוך טוסט אן ריכטין פאר מיר אטיש גיסט מיר גוטס אנטקעגין מיינע באליידיגער זיי זאלין זעהן מיין כבוד דו האסט מיך גיזאלבט צוא זיין אמלך, מיין כוס איז זאט: (ו) אך נאר גוטס און גינאד פון גאט טוט מיך יאגין אלע טאג פון מיין
לעבין און איך וועל זיצען אין גאטס הויז צוא לאנגע צייטין:

כד (א) לדוד. צו גאט איז די ערד און איר דערפילונג די גאנצע וועלט און די וואס זיצן
אין איר: (ב) כי דען ער ביי די ימים האט ער זי גיגרונד פעסט. ביי טייכין האט ער
זי פעסט גיזעצט: (ג) מי ווער איז ראוי צו גיין אויף גאטס בארג דאס איז אין דעם בית
המקדש און ווער גהער צו שטיין אויף זיין הייליג ארט אין בית המקדש: (ד) נקי ווער
עס האט ריינע הענט פון גזל און האט אקלאר הארין וואס ער האט ניט גישוואריען
פאלש ביי מיר דם זאגט גאט און האט ניט גישווארין פאלש מרמה צו זיין לייטין:
(ה) ישא דער וועט פון גאט ברוך הוא נעמן איין בענטשונג און וועט האבין גנאד פון
גאט זיין העלפער: (ו) זה דאס מיינט מען דער דור וואס פארשטין אים וואס זייא
באגערין צו שטיין פר דיר: (ז) שאו ווערט דר הייבן אייער עלצטע טויערין און ווערט
אויף גיהויבין די טירין וואס זיינען פון אייביג. און עס וועט קומען דער מלך וואס גאר
דער כבוד גהער צו אים: (ח) מי ווער איז דאס דער מלך הכבוד דר שטארקר גאט,
דער

וְגִבּוֹר יְיָ גִּבּוֹר מִלְחָמָה: ט שְׂאוּ שְׁעָרִים רָאשֵׁיכֶם
וּשְׂאוּ פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד: י מִי הוּא זֶה
מֶלֶךְ הַכָּבוֹד יְיָ צְבָאוֹת הוּא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד סֶלָה:

דָעם מִזְמוֹר הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם גִיזָאגְט נָאךְ דָעם א׳ ב׳ אַז מֶען גִיהֶער זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פוּן וֶועגְן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ:

כה א לְדָוִד אֵלֶיךָ יְיָ נַפְשִׁי אֶשָּׂא: ב אֱלֹהַי בְּךָ בָטַחְתִּי
אַל אֵבוֹשָׁה אַל יַעַלְצוּ אֹיְבַי לִי: ג גַּם כָּל קֹוֶיךָ
לֹא יֵבֹשׁוּ יֵבֹשׁוּ הַבּוֹגְדִים רֵיקָם: ד דְּרָכֶיךָ יְיָ הוֹדִיעֵנִי
אֹרְחוֹתֶיךָ לַמְּדֵנִי: ה הַדְרִיכֵנִי בַאֲמִתֶּךָ וְלַמְּדֵנִי כִּי
אַתָּה אֱלֹהֵי יִשְׁעִי אוֹתְךָ קִוִּיתִי כָּל הַיּוֹם: ו זְכֹר
רַחֲמֶיךָ יְיָ וַחֲסָדֶיךָ כִּי מֵעוֹלָם הֵמָּה: ז חַטֹּאות נְעוּרַי
וּפְשָׁעַי אַל תִּזְכֹּר כְּחַסְדְּךָ זְכָר לִי אַתָּה לְמַעַן טוּבְךָ
יְיָ: ח טוֹב וְיָשָׁר יְיָ עַל כֵּן יוֹרֶה חַטָּאִים בַּדָּרֶךְ:
ט יַדְרֵךְ עֲנָוִים בַּמִּשְׁפָּט וִילַמֵּד עֲנָוִים דַּרְכּוֹ: י כָּל
אָרְחוֹת יְיָ חֶסֶד וֶאֱמֶת לְנֹצְרֵי בְרִיתוֹ וְעֵדֹתָיו:
יא לְמַעַן שִׁמְךָ יְיָ וְסָלַחְתָּ לַעֲוֹנִי כִּי רַב הוּא: יב מִי זֶה

דָער שְׁטַארְקֶער גָאט וָואס אִיז אַגִבּוֹר מִלְחָמָה: (ט) שאו הֵייבְּט אוֹיף אַייעֶר הוֹיפְּט איר טִירִין אוּנ וֶוערְט דֶער הוֹיבִּין דִי טִירִין וָואס זַייְנֶן אֵייבִּיג הֵיילִיג וָוארוּם עֶס וֶועט אַרַיין קוּמֶען דֶער מֶלֶךְ וָואס צוּ אִים גִיהֶער דֶער כָּבוֹד: (י) מי וֶוער אִיז דֶער מֶלֶךְ הַכָּבוֹד גָאט וָוס הֶערְשְׁט אוֹיבִּן אוֹיף דִי מַלְאָכִים אוּנ אוּנְטִין אִיז דֶר מֶלֶךְ אוֹיף אֵייבִּג:
כה (א) לדוד. צוּ דִיר גָאט טוּ אִיךְ מַיין זֵייל עֶרְהֵייבִּין: (ב) אלהי אוֹיף דִיר גָאט פַּר זִיכֶער אִיךְ מִיךְ אִיךְ זָאל נִיט פַּר שֶׁעמְט וֶוערִין עֶס זָאלְן זִיךְ נִיט פְרֵייעֶן מַיינֶע פַּיינְד אוֹיף מִיר: (ג) גם אַלֶע דִי וָואס הָאפִּין צוּא דִיר וֶועלִין נִיט פַּאר שֶׁעמְט וֶוערִן, זַייא וֶועלִין פַּאר שֶׁעמְט וֶוערִין דִיא פֶּעלְשֶׁר וָואס מַאכִין אַנְדֶרֶע לֵיידִיג פוּן זֵייעֶר הָאבּ: (ד) דרכיך דַיינֶע וֶועגִין מַאךְ מִיךְ וִויסִין אוּנ דַיינֶע שְׁטֶעגִין לֶערִין מִיךְ: (ה) הדריכני מַאךְ מִיךְ פִירִין מִיט דַיינֶע וַוארְהַייט אוּנ לֶערִין מִיךְ וָוארוּם דוּ בִּיסְט גָאט מַיין הֶעלְפֶּר צוּ דַיין הִילְף טוּ אִיךְ הָאפִּין אַגַאנְצִין טָאג: (ו) זכר גִידֵיינְק גָאט דַיין דֶר בַּארִימְהַקַייט אוּנ דַיין גְנָאד דֶען דָאס אִיז דָאךְ פוּן אֵייבִּיג: (ז) חטאות דִיא זִינְד פוּן מַיין יוּגֶענְט זָאלְסְטוּ נִיט דֶער מָאנֶן וִוי דַיין חֶסֶד, זָאלְסְט מִיךְ גִידֵיינְקֶען מִיט דַיינֶע חֲסָדִים פוּן וֶועגִין דַיין גוּטְהַקַייט וָוס דוּא גָאט ב״ה בִּיסְט: (ח) טוב גוּט אוּנ רֶעכְט פַארְטִיג אִיז גָאט דְרוּם וַוייזְט עֶר אוּנ לֶערִינְט דִי זִינְדִיגֶע זֵיי זָאלִין זִיךְ אוּם קֶערִין צוּם גוּטִין וֶועג: (ט) ידרך עֶר מַאכְט פִירִין דִי פְרוּמֶע אִין וֶועג פוּן גִירֶעכְטִיקַייט אוּנ לֶערִינְט דִי דֶעמוּטִיגֶע זֵיי זָאלִין גֵיין אִין זַיין וֶועג: (י) כל אַלֶע דִי וֶועגְן פוּן גָאט אִיז מִיט גְנָאד אוּנ וָוארְהַפְטִיקַייט צוּ דִי וָואס הִיטִין זַיין בְּרִית אוּנ זַיין תּוֹרָה: (יא) למען פוּן וֶועגִין דַיין נָאמֶען גָאט וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס
זאלכטו

הָאִישׁ יְרֵא יי יוֹרֶנּוּ בְּדֶרֶךְ יִבְחָר: יג נַפְשׁוֹ בְּטוֹב
תָּלִין וְזַרְעוֹ יִירַשׁ אָרֶץ: יד סוֹד יי לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ
לְהוֹדִיעָם: טו עֵינַי תָּמִיד אֶל יי כִּי הוּא יוֹצִיא מֵרֶשֶׁת
רַגְלָי: טז פְּנֵה אֵלַי וְחָנֵּנִי כִּי יָחִיד וְעָנִי אָנִי: יז צָרוֹת
לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי: יח רְאֵה עָנְיִי
וַעֲמָלִי וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי: יט רְאֵה אוֹיְבַי כִּי רָבּוּ
וְשִׂנְאַת חָמָס שְׂנֵאוּנִי: כ שָׁמְרָה נַפְשִׁי וְהַצִּילֵנִי אַל
אֵבוֹשׁ כִּי חָסִיתִי בָךְ: כא תֹּם וָיֹשֶׁר יִצְּרוּנִי כִּי קִוִּיתִיךָ:
כב פְּדֵה אֱלֹהִים אֶת יִשְׂרָאֵל מִכֹּל צָרוֹתָיו:

דֶר מִזְמוֹר דֶר צֵיילְט ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעווייטָערְט פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשְׁן:

כו א לְדָוִד שָׁפְטֵנִי יי כִּי אֲנִי בְּתֻמִּי הָלַכְתִּי וּבַיי
בָּטַחְתִּי לֹא אֶמְעָד: ב בְּחָנֵנִי יי וְנַסֵּנִי צָרְפָה כִלְיוֹתַי
וְלִבִּי: ג כִּי חַסְדְּךָ לְנֶגֶד עֵינָי וְהִתְהַלַּכְתִּי בַּאֲמִתֶּךָ:
ד לֹא יָשַׁבְתִּי עִם מְתֵי שָׁוְא וְעִם נַעֲלָמִים לֹא אָבוֹא:

---

זָאלְסטוּ פַאר גֶעבִּין מַיינֶע זִינְד װען אויךְ זֵיי זַיינֶען פִיל : (יב) מי וֶועלְכֶער מֶענְטְשׁ וָואס
פָארְכְט זִיךְ פַאר גָאט לֶערִינְט אִים גָאט ב״ה דֶעם גוּטִין וֶועג וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיס
דֶער וַויילְט : (יג) נפשו זַיין לַייבּ וֶועט מִיט גוּטְץ אִיבֶּר גֶעכְטִיגֶן אִין קֶבֶר אוּנ זַיינֶע קִינְדֶער
וֶועלְן מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶר וָועלְט : (יד) סוד דִי בַּהַאלְטִינֶע זַאכִין מַאכְט גָאט אַנְטְפְּלֶעקִין
צוּ זַיינֶע פְרוּמֶע דְרוּיף הָאט הש״י כּוֹרֵת בְּרִית גִיוֶועזִין עֶר זָאל זֵיי מַאכִין וִויסִין : (טו) עיני
מַיינֶע אוֹיגִין זַיינֶען אַלֶע מָאל צוּא גָאט וָוארוּם עֶר צִיהְט אוֹיס פוּן דֶער נֶעץ מַיינֶע פִיס :
(טז) פנה קֶער דִיךְ צוּ מִיר אוּנ לַייט זֶעלִיג מִיךְ וָוארוּם אִיךְ בִּין עֶלֶענְד אוּנ אָרוּם : (יז) צרות
דִי צָרוֹת אִין מַיין הַארְצִין טוּעֶן זִיךְ בְּרֵייטִין פוּן מַיינֶע אַנְגְסְטִין צִי מִיךְ אַרוֹיס : (יח) ראה
זֶעה מַיין אָרִימְקַייט אוּנ מַיין מִידִיקַייט אוּנ פַר גִיבּ מִיר אוֹיף אַלֶע מַיינֶע זִינְד : (יט) ראה
זֶעה מַיינֶע פַיינְט זַיינֶען פִיל אוּנ פַיינְדְשַׁאפְט פוּן אַרוֹיבֶּר גְלַייךְ ווִי אִיךְ וָואלְט גִוועזְן
אַגַזְלָן הָאבִּין זֵיי מִיךְ פַיינְד : (כ) שמרה הִיט מַיין לַייבּ אוּנ זֵיי מִיךְ מַצִּיל אִיךְ זָאל נִיט
פַאר שֶׁעמְט וֶוערִין וָואס אִיךְ הָאבּ מִיךְ בַּשִׁיצְט אִין דִיר : (כא) תם דָס גַאנְצְקַייט אוּנ
רֶעכְטְפַארְטִיקַייט וָוס בַּיי מִיר אִיז זָאל מִיךְ הִיטִין וָוארוּם אִיךְ הָאף צוּ דִיר : (כב) פדה
גָאט לֵייז אוֹיס דִיא יוּדִין פוּן אַלֶע אַנְגְסְטִין :

כו (א) לדוד. מִשְׁפֵּט מִיךְ גָאט וָוארוּם אִיךְ טוּ גֵיין אִין מַיין גַאנְצְקַייט אוֹיף גָאט הָאבּ
אִיךְ מִיךְ פַר זִיכֶערְט וֶועל אִיךְ מִיךְ נִיט אוֹיס גְלִיטְשְׁן : (ב) בחנני פַר זוּךְ מִיךְ גָאט אוּנ
פְּרוּבּ מִיךְ לַייטֶער מַיינֶע נִירְן אוּנ מַיין הַארְץ : (ג) כי וָוארוּם דַיין גִינָאד אִיז פַר מַיינֶע
אוֹיגִין דְרוּם טוּא אִיךְ גֵיין מִיט דַיין וַוארְהַייט תָּמִיד : (ד) לא אִיךְ בִּין נִיט גִיזֶעסְן מִיט
פַאלְשֶׁע לַייט אוּנ מִיט בַּהַאלְטֶענֶע לַייט וָואס טוּעֶן מַעֲשִׂים רָעִים בְּסֵתֶר טוּא אִיךְ

ה שָׂנֵאתִי קְהַל מְרֵעִים וְעִם רְשָׁעִים לֹא אֵשֵׁב׃ ו אֶרְחַץ
בְּנִקָּיוֹן כַּפָּי וַאֲסֹבְבָה אֶת מִזְבַּחֲךָ יְיָ׃ ז לַשְׁמִעַ בְּקוֹל
תּוֹדָה וּלְסַפֵּר כָּל נִפְלְאוֹתֶיךָ׃ ח יְיָ אָהַבְתִּי מְעוֹן
בֵּיתֶךָ וּמְקוֹם מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ׃ ט אַל תֶּאֱסֹף עִם
חַטָּאִים נַפְשִׁי וְעִם אַנְשֵׁי דָמִים חַיָּי׃ י אֲשֶׁר בִּידֵיהֶם
זִמָּה וִימִינָם מָלְאָה שֹּׁחַד׃ יא וַאֲנִי בְּתֻמִּי אֵלֵךְ פְּדֵנִי
וְחָנֵּנִי׃ יב רַגְלִי עָמְדָה בְמִישׁוֹר בְּמַקְהֵלִים אֲבָרֵךְ יְיָ׃

דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם דַאנְקְט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ פַאר זַיְינֶע נִצְחוֹנוֹ״ת אוּנ מִלְחָמוֹת אוּנ בֶּעט דָאס עֶר זָאל קֶענֶן קוֹנֶה שְׁלֵמוּת זַיְין

כז א לְדָוִד יְיָ אוֹרִי וְיִשְׁעִי מִמִּי אִירָא יְיָ מָעוֹז חַיַּי מִמִּי
אֶפְחָד׃ ב בִּקְרֹב עָלַי מְרֵעִים לֶאֱכֹל אֶת בְּשָׂרִי
צָרַי וְאֹיְבַי לִי הֵמָּה כָשְׁלוּ וְנָפָלוּ׃ ג אִם תַּחֲנֶה עָלַי
מַחֲנֶה לֹא יִירָא לִבִּי אִם תָּקוּם עָלַי מִלְחָמָה בְּזֹאת
אֲנִי בוֹטֵחַ׃ ד אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת יְיָ אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ
שִׁבְתִּי בְּבֵית יְיָ כָּל יְמֵי חַיַּי לַחֲזוֹת בְּנֹעַם יְיָ וּלְבַקֵּר

---

נִיט קוּמֶען : (ה) שנאתי אִיךְ הָאבּ פַיינְד דָאס אַיין זַאמְלוּנְג פוּן שַׁאלְקְהַאפְטִיגֶע אוּנ מִיט
רְשָׁעִים טוּ אִיךְ נִיט זִיצְן : (ו) ארחץ אִיךְ טוּ וַואשְׁן מִיט רֵיינְקֵייט מַיינֶע הֶענְד זַיי זַיינֶען
רֵיין פוּן גְזֵלָה אוּנ אִיךְ טוּ אַרוּם רִינְגְלֶען דַיין מִזְבֵּחַ וָואס דוּ הָאסְט אוֹיס דֶער וַוייל
גָאט : (ז) לשמיע צוּ מַאכִין הֶערִין אַלֶע לַייט מִיט אַיין קוֹל פוּן לוֹיבּוּנְג צוּ מַאכִין בֶּקֶענֶן
לַייט דַיינֶע נִסִּים אוּנ צוּ דֶּרְצֵיילִין אַלֶע דַיינֶע וואוּנְדֶר : (ח) יי גָאט אִיךְ הָאבּ לִיבּ דָאס
וואוֹינוּנְג פוּן דַיין הוֹיז אוּנ דָאס אָרְט דֶם רוּאוּנְג פוּן דַיין כָּבוֹד : (ט) אל דוּא זָאלְסְט נִיט
אַיין טָאן מִיט זִינְדִיגֶע לַייט מַיין נֶפֶשׁ מַיין לֶעבִּין זָאל נִיט אוֹיס גֵיין מִיט דִיא מֶענְטְשֶׁן
וָוס הָאבִּין בַּיי זִיךְ שׁוּלְד בְּלוּט : (י) אשר וָואס בַּיי זַיי אִיז שְׁלֶעכְטֶע גִידַאנְקֶען אוּנ זַייעֶר
רֶעכְטֶע הַאנְד אִיז פוּל שׁוֹחַד : (יא) ואני אוּנ אִיךְ טוּ תָּמִיד גֵיין מִיט גַאנְצְקֵייט לֵייז מִיךְ
אוֹיס אוּנ לַייטְזֶעלִיג מִיךְ : (יב) רגלי מַיין פוּס טוּט שְׁטֵיין אִין רֶעכְט פַארְטִיקֵייט אִין
אַיין זַאמְלוּנְג טוּא אִיךְ גָאט לוֹיבִּין :

כז (א) לדוד. דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט, גָאט אִיז מַיין דֶער לַייכְטֶער אוּנ מַיין הֶעלְפֶער פַר וֶועמֶן
זָאל אִיךְ מִיךְ פָארְכְטִין , גָאט אִיז דָאס שְׁטַארְקֵייט פוּן מַיין לֶעבִּין פַר וֶועמֶן זָאל אִיךְ
מִיךְ פָארְכְטִין : (ב) בקרוב אַז עֶס טוּעֶן צוּ מִיר גִינֶעהֶן שְׁלֶעכְטֶע צוּ עֶסִין מַיין לַייבּ מַיינֶע
בַּאלֵיידִיגֶער אוּנ מַיינֶע פַיינְט זַייא זַיינֶען גִישְׁטְרוֹיכִילְט גִיוָוארִין אוּנ זַיינֶען גִיפַאלִין פַאר
מִיר : (ג) אם וֶוען עֶס וֶועט רוּעֶן אוֹיף מִיר חַיָּלוֹת טוּט זִיךְ נִיט פָארְכְטִין מַיין הַארְץ וֶוען
עֶס וֶועט אוֹיף מִיר אוֹיף שְׁטֵיין אַיין שְׁטַרַייט, מִיט דֶעם וָוס אוֹיבִּן גֶרֶעט אִיז פַאר זִיכֶער
אִיךְ מִיךְ : (ד) אחת אֵיינְס בֶּעט אִיךְ בַּיי גָאט דָס טוּ אִיךְ בֶּעטִין אִיךְ זָאל טָאן זִיצִין אִין
גָאטִס הוֹיז אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַלֶע מַיין לֶעבְּם טָאג צוּ זֶעהֶן אִין דֶער זִיסְקֵייט פוּן גָאט

אוּנ

בְּהֵיכָלוֹ: ה כִּי יִצְפְּנֵנִי בְּסֻכֹּה בְּיוֹם רָעָה יַסְתִּרֵנִי
בְּסֵתֶר אָהֳלוֹ בְּצוּר יְרוֹמְמֵנִי: ו וְעַתָּה יָרוּם רֹאשִׁי
עַל אֹיְבַי סְבִיבוֹתַי וְאֶזְבְּחָה בְאָהֳלוֹ זִבְחֵי תְרוּעָה
אָשִׁירָה וַאֲזַמְּרָה לַייָ: ז שְׁמַע יְיָ קוֹלִי אֶקְרָא וְחָנֵּנִי
וַעֲנֵנִי: ח לְךָ אָמַר לִבִּי בַּקְּשׁוּ פָנָי אֶת פָּנֶיךָ יְיָ אֲבַקֵּשׁ:
ט אַל תַּסְתֵּר פָּנֶיךָ מִמֶּנִּי אַל תַּט בְּאַף עַבְדֶּךָ עֶזְרָתִי
הָיִיתָ אַל תִּטְּשֵׁנִי וְאַל תַּעַזְבֵנִי אֱלֹהֵי יִשְׁעִי: י כִּי אָבִי
וְאִמִּי עֲזָבוּנִי וַייָ יַאַסְפֵנִי: יא הוֹרֵנִי יְיָ דַּרְכֶּךָ וּנְחֵנִי
בְּאֹרַח מִישׁוֹר לְמַעַן שׁוֹרְרָי: יב אַל תִּתְּנֵנִי בְּנֶפֶשׁ
צָרָי כִּי קָמוּ בִי עֵדֵי שֶׁקֶר וִיפֵחַ חָמָס: יג לוּלֵא
הֶאֱמַנְתִּי לִרְאוֹת בְּטוּב יְיָ בְּאֶרֶץ חַיִּים: יד קַוֵּה
אֶל יְיָ חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל יְיָ:

---

און צו קומען אַלֶע מָארגֶענס פְרִי אין זיין הֵיכָל: (ה) כי דֶען עֶר טוּט מִיךְ בַּהַאלְטִין אִין
זיין בַּיידִיל פַאר מַיינֶע פַיינְט אִין אַשְׁלֶעכְטֶען טָאג וֶוען מִיר איז שְׁלֶעכְט פון די שׂוֹנְאִים
טוּט עֶר מִיךְ בַּהַאלְטִין אִין דֶם בַּהֶעלְטָנֶשׁ פוּן זַיין גְּצֶעלְט עֶר טוּט מִיךְ דֶר הוֹיבְּן אוֹיף
אַהוֹיכִין שְׁטַיין פַאר מַיינֶע שׂוֹנְאִים: (ו) ועתה און הַיינְט אַז עֶר הָאט מִיר גִיהָאלְפִין פוּן
דִיא מִלְחָמוֹת טוּט זִיךְ דֶער הֵייבִּין מַיין קָאפּ אוֹיף מַיינֶע פַיינְט וָואס זַיינֶען אַרוּם מִיר
זיי זָאלִין שׁוֹין מִיט מִיר קֵיין מִלְחָמָה נִיט הַאלְטִין, און אִיךְ וֶועל שֶׁעכְטִין קָרְבָּנוֹת אִין
זיין גִיצֶעלְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ שֶׁעכְטוּנְג מִיט שַׁאלוּנְג פוּן שׁוֹפָר אִיךְ טוּ לוֹיבִּין און אִיךְ
טוּ זִינְגֶען צוּ גָאט: (ז) שמע הֶער צוּ גָאט מַיין קוֹל וָוס אִיךְ טוּ רוּפִין צוּ דִיר און לַייטְזֶעלִיג
מִיךְ און עֶנְטְפֶער מִיר: (ח) לך צוּא דִיר גָאט זָאגְט מַיין הַארְץ הש״י זָאגְט צוּא יִשְׂרָאֵל
פָארְשְׁט און בַּגֶערְט צוּ שְׁטַיין פַר מִיר און אִיךְ דָוִד טוּ אַזוֹ און בַּגֶער צוּא שְׁטַיין פַר
דִיר: (ט) אל דוּ זָאלְסְט נִיט בַּהַאלְטִין דַיין פָּנִים פוּן מִיר דוּ זָאלְסְט נִיט גֵייגִין מִיט צָארְן
דַיין קְנֶעכְט פַאר מַיינֶע שׂוֹנְאִים דוּ בִּיסְט דָאךְ תָּמִיד מַיין הֶעלְפֶער גִיוֶועזְן דוּ זָאלְסְט
מִיךְ נִיט פַאר לָאזִין גָאט מַיין הֶעלְפֶר: (י) כי וָוארוּם מַיין פָאטֶר און מוּטֶר הָאבִּין מִיךְ
פַאר לָאזִין און גָאט הָאט מִיךְ צוּ זִיךְ אַרַייְנְגִינוּמֶן: (יא) הורני וַוייז מִיר גָאט דַיין וֶועג
און פִיר מִיךְ אִין אַגְלַייכִין וֶועג פוּן וֶועגְן מַיינֶע נָאךְ זֶעהֶר וָוס זֶעהֶן אוֹיס מַיין שְׁלֶעכְטְ׳ן:
(יב) אל דוּ זָאלְסְט מִיךְ נִיט אִיבֶּר עֶנְטְפֶרִין אִין ווִילִין פוּן מַיינֶע פַיינְט עֶס אִיז אוֹיף
גִישְׁטַאנֶען אוֹיף מִיר פַאלְשֶׁע עֵדוּת וָואס רֵיידִין פוּן רוֹיבּ: (יג) לולא וֶוען נִיט וַוייל אִיךְ
הָאבּ גִיגְלֵייבְּט און הָאבּ אַיין בִּטָּחוֹן גִיהַאט אוֹיף הש״י צוּ זֶעהֶען אִין דֶעם גוּטְקֵייט
פוּן גָאט אִין לַאנְד פוּן לֶעבִּין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דָאס הָאט מִיר גִיהָאלְפִין: (יד) קוה זָאגְט
דָוִד צוּא אִיטְלִיכִין הָאף צוּא גָאט שְׁטַארְק דִיךְ און דַיין הַארְץ זָאל דִיךְ שְׁטַארְקֶען
מִיט גְרוֹיס שְׁטַארְקַייט זָאלְסְטוּ הָאפִין צוּא גָאט:

לדוד

דער מזמור איז א תפלה פאר אבענטשיין אז השי״ת זאל אים העלפין צו גיין אין גוטין וועג .

כח א לְדָוִד אֵלֶיךָ יי אֶקְרָא צוּרִי אַל תֶּחֱרַשׁ מִמֶּנִּי פֶּן
תֶּחֱשֶׁה מִמֶּנִּי וְנִמְשַׁלְתִּי עִם יוֹרְדֵי בוֹר: ב שְׁמַע
קוֹל תַּחֲנוּנַי בְּשַׁוְּעִי אֵלֶיךָ בְּנָשְׂאִי יָדַי אֶל דְּבִיר
קָדְשֶׁךָ: ג אַל תִּמְשְׁכֵנִי עִם רְשָׁעִים וְעִם פֹּעֲלֵי אָוֶן
דֹּבְרֵי שָׁלוֹם עִם רֵעֵיהֶם וְרָעָה בִּלְבָבָם: ד תֶּן לָהֶם
כְּפָעֳלָם וּכְרֹעַ מַעַלְלֵיהֶם כְּמַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם תֵּן לָהֶם
הָשֵׁב גְּמוּלָם לָהֶם: ה כִּי לֹא יָבִינוּ אֶל פְּעֻלֹּת יי וְאֶל
מַעֲשֵׂה יָדָיו יֶהֶרְסֵם וְלֹא יִבְנֵם: ו בָּרוּךְ יי כִּי שָׁמַע
קוֹל תַּחֲנוּנָי: ז יי עֻזִּי וּמָגִנִּי בוֹ בָטַח לִבִּי וְנֶעֱזָרְתִּי
וַיַּעֲלֹז לִבִּי וּמִשִּׁירִי אֲהוֹדֶנּוּ: ח יי עֹז לָמוֹ וּמָעוֹז יְשׁוּעוֹת
מְשִׁיחוֹ הוּא: ט הוֹשִׁיעָה אֶת עַמֶּךָ וּבָרֵךְ אֶת
נַחֲלָתֶךָ וּרְעֵם וְנַשְּׂאֵם עַד הָעוֹלָם:

אין דעם מזמור שטייט אכצעהן מאל דער שם הוי׳ה, קעגין די ברכה פון תפלת שמונה עשרה:

יום ה כט א מִזְמוֹר לְדָוִד הָבוּ לַיי בְּנֵי אֵלִים הָבוּ לַיי
כָּבוֹד וָעֹז: ב הָבוּ לַיי כְּבוֹד שְׁמוֹ הִשְׁתַּחֲווּ

---

כח (א) לדוד. צו דיר גאט טוא איך רופין מיין בשעפער דו זאלסט ניט שווייגין ווען דו וועסט חלילה יא שווייגין וועל איך ווערין גיגליכין מיט דיא וואס גידערין אין גרוב: (ב) שמע הער צו מיין קול וואס איך בעט אז איך טוא צוא דיר שרייען אז איך הייב אויף מיינע הענט צו דיין הייליגין פאלין תפלה צו טאן: (ג) אל דו זאלסט מיך ניט גיוואונן מיט רשעים אונ מיט די וואס ווערקן און רעדט זיי ריידין שלום מיט זייערע גוטע פריינד אונ האבין שלעכץ אין זינען אין זייערע הערצער: (ד) תן גיב זיי ווי זייערע ווערק אונ ווי זייערע שלעכטע מעשים אזו וויא זייא טוען שלעכין מיט זייערע הענט גיב זיי קער זייא אום זייער גיצאלט וואס זיי קומט: (ה) כי ווארום זייא ווילין ניט פאר שטיין די ווערק פון גאט אונ די ווערק פון זיינע הענד. זאל ער זייא צו פירין אונ זאל זיי ניט בויען: (ו) ברוך גילויבט איז גאט אז ער האט גיהערט דס קול פון מיין גיבעט: (ז) יי גאט איז מיין שטארקער אונ מיין באשיצער אין אים איז פר זיכרט מיין הארץ אונ בין דורך אים גיהאלפין גיווארין עס איז לוסטיג מיין הארץ אונ פון מיין גיזאנג טו איך אים לויבין: (ח) יי גאט איז אשטארקייט צו זיי צו די ישראל אונ שטארקייט פון זיין גיזאלבטן איז ער השי״ת: (ט) הושיעה העלף דיין פאלק ישראל אונ בענטש דיין פאלק אונ שפייז זייא אונ הייב זייא אויף ביז אייביג:

כט (א) מזמור. גרייט אייך אן צו גאטס דינסט איר קינדער פון די שטארקע דס מיינט מען די אבות גיבט אפ צו גאט כבוד אונ שטארקייט איז אלין פון אים: (ב) הבו גרייט

לַיְיָ בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ: ג קוֹל יְיָ עַל הַמָּיִם אֵל הַכָּבוֹד
הִרְעִים יְיָ עַל מַיִם רַבִּים: ד קוֹל יְיָ בַּכֹּחַ קוֹל יְיָ בֶּהָדָר:
ה קוֹל יְיָ שֹׁבֵר אֲרָזִים וַיְשַׁבֵּר יְיָ אֶת אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן:
ו וַיַּרְקִידֵם כְּמוֹ עֵגֶל לְבָנוֹן וְשִׂרְיוֹן כְּמוֹ בֶן רְאֵמִים:
ז קוֹל יְיָ חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ: ח קוֹל יְיָ יָחִיל מִדְבָּר יָחִיל
יְיָ מִדְבַּר קָדֵשׁ: ט קוֹל יְיָ יְחוֹלֵל אַיָּלוֹת וַיֶּחֱשֹׂף יְעָרוֹת
וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד: י יְיָ לַמַּבּוּל יָשָׁב וַיֵּשֶׁב
יְיָ מֶלֶךְ לְעוֹלָם: יא יְיָ עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן יְיָ יְבָרֵךְ אֶת
עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם:

## ליום שני

דער מזמ ר פרייזט דעם מענטשין ווען ער האט ח״ו יסורים דאס ער וועט דאדורך קומען צוא עוה״ב :

ל א מִזְמוֹר שִׁיר חֲנֻכַּת הַבַּיִת לְדָוִד: ב אֲרוֹמִמְךָ יְיָ
כִּי דִלִּיתָנִי וְלֹא שִׂמַּחְתָּ אֹיְבַי לִי: ג יְיָ אֱלֹהָי שִׁוַּעְתִּי
אֵלֶיךָ וַתִּרְפָּאֵנִי: ד יְיָ הֶעֱלִיתָ מִן שְׁאוֹל נַפְשִׁי חִיִּיתַנִי
מִיָּרְדִי בוֹר: ה זַמְּרוּ לַיְיָ חֲסִידָיו וְהוֹדוּ לְזֵכֶר קָדְשׁוֹ:

---

גרייט אייך אן פאר גאט פאר זיין הערליכן נאמען איר זאלט אייך בוקין צו גאט מיט באשיינען זיין הייליקייט: (ג) קול דאס קול פון גאט איז גיווען אויף דעם וואסער פון ים סוף גאט וואס גיהער צו אים כבוד ער האט גימאכט שטורעמען אויף פיל וואסרן: (ד) קול גאטס קול איז מיט שטארקייט גאטס קול איז מיט שיינקייט: (ה) קול גאטס קול ברעכט טענן בוימר גאט צו ברעכט די טענן בוימר פון דעם וואלד לבנון: (ו) וירקידם און האט זיי גימאכט שפרינגען ווי אקאלב די צוויי בערג האבין גישפרונגען אזו ווי אוויזל טיר: (ז) קול גאטס קול האקט אויס פלאם פייער: (ח) קול גאטס קול טוט מאכין ציטערן דם מדבר גאט טוט מאכן ציטערן דם מדבר קדש: (ט) קול גאטס קול טוט מאכן ציטערין די וואס זיינען גישווינד וויא די אינדין און טוט אנפלעקין וועלדער און אין זיין היכל וועלן אלע זאגין דעם כבוד: (י) יי גאט איז גיזעסין אליין אז דאס מבול איז גיוועזן און גאט וועט ווידער זיצין און ער איז אמלך אויף אייביג דאס אלע וועלן וויסין אז קיין אנדערר מלך פון דער גאנצער וועלט איז ניט דא: (יא) יי שטארקייט צו זיין פאלק וועט ער געבין גאט וועט בענטשין זיין פאלק מיט שלום:

ל (א) מזמור שיר חנכת וגו׳: (ב) ארוממך איך טו דיך לויבין גאט דאס דו האסט מיך דר הייבין און האסט ניט דער פרייט מיינע פיינט אויף מיר: (ג) יי גאט מיין גאט איך האב צו דיר ג שריען און האסט מיר גיהיילט: (ד) יי דוא האסט אויף גבראכט פון גיהנם מיין נפש האסט מיר גלאזט לעבין איך זאל ניט נידערין אין גרוב: (ה) זמרו זינגט צו גאט

זיינע

ו כִּי רֶגַע בְּאַפּוֹ חַיִּים בִּרְצוֹנוֹ בָּעֶרֶב יָלִין בֶּכִי וְלַבֹּקֶר
רִנָּה: ז וַאֲנִי אָמַרְתִּי בְשַׁלְוִי בַּל אֶמּוֹט לְעוֹלָם: ח יְיָ
בִּרְצוֹנְךָ הֶעֱמַדְתָּה לְהַרְרִי עֹז הִסְתַּרְתָּ פָנֶיךָ הָיִיתִי
נִבְהָל: ט אֵלֶיךָ יְיָ אֶקְרָא וְאֶל אֲדֹנָי אֶתְחַנָּן: י מַה
בֶּצַע בְּדָמִי בְּרִדְתִּי אֶל שָׁחַת הֲיוֹדְךָ עָפָר הֲיַגִּיד
אֲמִתֶּךָ: יא שְׁמַע יְיָ וְחָנֵּנִי יְיָ הֱיֵה עֹזֵר לִי: יב הָפַכְתָּ
מִסְפְּדִי לְמָחוֹל לִי פִּתַּחְתָּ שַׂקִּי וַתְּאַזְּרֵנִי שִׂמְחָה:
יג לְמַעַן יְזַמֶּרְךָ כָבוֹד וְלֹא יִדֹּם יְיָ אֱלֹהַי לְעוֹלָם אוֹדֶךָּ:

דער מִזְמוֹר לֶערִינְט אַז מֶען זָאל בִּטָחוֹן הָאבִּין אויף השי"ת דֶען דִיא נְשָׁמָה אִיז אַפִּקָדוֹן בַּייא השי"ת:

לא א לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: ב בְּךָ יְיָ חָסִיתִי אַל
אֵבוֹשָׁה לְעוֹלָם בְּצִדְקָתְךָ פַלְּטֵנִי: ג הַטֵּה
אֵלַי אָזְנְךָ מְהֵרָה הַצִּילֵנִי הֱיֵה לִי לְצוּר מָעוֹז
לְבֵית מְצוּדוֹת לְהוֹשִׁיעֵנִי: ד כִּי סַלְעִי וּמְצוּדָתִי

---

זַיינֶע חֲסִידִים אוּנ לוֹיבְּט צוּם אָן דֵיינֶען זַיין הֵיילִיקַייט: (ו) כי וַוי אַיין אוֹיגְן בְּלִיק אִיז
גָאט בְּרוֹגֶז אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ בַּאווילִיגְט אִים אִיז וִוידֶער לַאנְג לֶעבִּין וֶועק אוֹיף
דֶער נַאכְט נֶעכְטִיגְט אִיבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ מִיט גִיוַויין אוֹיף זַיינֶע מַעֲשִׂים רָעִים אִין דֶר
פְרִיא אִיז שׁוֹין אַיין גַזַאנְג וָואס גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט אִים מוֹחֵל גֶעוֶועזִין: (ז) ואני אוּנ
אִיךְ הָאבּ גִיטְרַאכְט אַז אִיךְ בִּין גִיוֶועזְן בְּשַׁלְוָה אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִיט גִיגְלִיטְשְׁט וֶוערִין
אוֹיף אֵייבִּיג: (ח) יי אָבֶּער דוּ גָאט דָאס אִיז גִיוֶועזִין מִיט דַיין ווִילִין הָאסְטוּ גִיֽשְׁטֶעלְט
שְׁטַארְקַייט צוּא מַיין בַּארְג הָאסְט מִיר גִיגֶעבִּין גְדוּלָה וְהַרְאָיָה וִויא דוּא הָאסְט דִיךְ
בַּאהַאלְטִין פוּן מִיךְ בִּין אִיךְ גִוָוארִין בַּאלְד דֶר שְׁרָאקִין פַאר צָרוֹת: (ט) אליך צוּא דִיר
גָאט טוּ אִיךְ רוּפִין אוּנ צוּ גָאט טוּ אִיךְ בֶּעטִין: (י) מה וָוס וֶועסְטוּ גִיוִוינֶען אִין מַיין בְּלוּט
וֶוען אִיךְ וֶועל גִידֶערִין אִין גְרוּבּ פוּן גֵיהִנֹּם וֶועט דָען דִיךְ לוֹיבִּין דֶער וָואס אִיז אִין דֶר
עֶרְד וֶועט עֶר דֶען זָאגִין דַיין וַוארְהַייט: (יא) שמע הֶער מִיךְ צוּ גָאט אוּנ לַייטְזֶעלִיג מִיךְ
גָאט זַיי מִיר אַהֶעלְפֶר: (יב) הפכת דוּ הָאסְט פַאר קֶערְט מַיין קְלָאג צוּ אַיין טַאנְץ דוּא
הָאסְט גִיעֶפִינְט מַיין זַאק אוּנ הָאסְט מִיךְ אָן גִיגוּרְט מִיט שִׂמְחָה: (יג) למען פוּן וֶועגִין
מִיר לוֹיבִּין דִיךְ אַלֶע דִי עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשִׁין אוּנ וֶועלִין נִיט שְׁווַייגִין. גָאט מַיין גָאט
אֵייבִּיג וֶועל אִיךְ דִיר לוֹיבִּין:

לא (א) למנצח מזמור לדוד אַיין גִיזַאנְג צוּא דָוִד: (ב) בך אִין דִיר גָאט הָאבּ אִיךְ מִיךְ
בַּשִׁיצְט אִיךְ זָאל נִיט פַאר שֶׁעמְט וֶוערִין אֵייבִּיג. מִיט דַיין גְרֶעכְטִיקַייט אַנְטְרִין
מִיךְ: (ג) הטה נֵייג צוּ צוּ מִיר דַיין אוֹיעֶר זַיי מִיךְ גִיךְ מַצִיל פוּן מַיינֶע פַיינְט, זַיי צוּא
מִיר ווִי אַיין שְׁטַארְקֶער שְׁטַיין ווִי אַיין פֶעסְטֶע הוֹיז צוּ הֶעלְפִין מִיר: (ד) כי וָוארוּם ווִי
אַשְׁטַארְקֶר שְׁטַיין אוּנ אַפֶעסְטֶע הוֹיז בִּיסְטוּ מִיר צוּ בַּאשִׁיצִין זִיךְ אִין דִיר. אוּנ פוּן
וועגי:

אתה ולמען שמך תנחני ותנהלני: ה תוציאני
מרשת זו טמנו לי כי אתה מעוזי: ו בידך אפקיד
רוחי פדיתה אותי יי אל אמת: ז שנאתי
השמרים הבלי שוא ואני אל יי בטחתי: ח אגילה
ואשמחה בחסדך אשר ראית את עניי ידעת
בצרות נפשי: ט ולא הסגרתני ביד אויב העמדת
במרחב רגלי: י חנני יי כי צר לי עששה בכעס
עיני נפשי ובטני: יא כי כלו ביגון חיי ושנותי
באנחה כשל בעוני כחי ועצמי עששו: יב מכל
צוררי הייתי חרפה ולשכני מאד ופחד למידעי
ראי בחוץ נדדו ממני: יג נשכחתי כמת מלב
הייתי ככלי אבד: יד כי שמעתי דבת רבים מגור
מסביב בהוסדם יחד עלי לקחת נפשי זממו:
טו ואני עליך בטחתי יי אמרתי אלהי אתה:

---

וועגין דיין גרויסין נאמן זאלסטו מיך פירין: (ה) תוציאני זאלסטו מיך ארויס ציהען פון דער
נעץ וואס זיי האבין צו מיר באהאלטין דען דו ביסט מיין שטארקייט: (ו) בידך אין דיין
האנד גיב איך צו באהאלטין מיין זעלע טוסט מיך אויס לייזין דו גאט ביסט אמת:
(ז) שנאתי איך האב פיינד די וואס האפין צו די זאכין וואס גישט איז און פאלש אבער איך
צו גאט טו איך מיך פאר זיכערין: (ח) אגילה איך בין לוסטיג און פריי מיך מיט דיין
גינאד וואס דו זעהסט מיין פיין דו ווייסט אין די אנגסטין פון מיין לייב: (ט) ולא און דו
האסט מיך ניט איבער גיענטפערט אין די האנד פון פיינט דו האסט גישטעלט מיינע
פיס ברייט איך זאל ניט פאלין: (י) חנני לייטזעליג מיך גאט ווארים עס איז מיר אייננ,
עס איז גיווארן שוואך דורך צארן מיין אויג מיין לייב און מיין בויך: (יא) כי דען עס
איז אויס גיגאנגן מיט טרויעריקייט מיין לעבין און מיינע יארין מיט זיפצין. עס איז
גישטרויכלט דורך מיין זינד מיין כח און מיינע ביינער זיינען גיווארן פערפוילט: (יב) מכל
פון אלע מיינע באליידיגר וואס טוען מיר אנגסטין בין איך פר שעמט גיווארן און
פאר מיינע שכנים איז מיין חרפה זייער גרויס. צו מיינע באקענטע איז אפארכט
עס זאל זיי אויך ניט אזו זיין. די וואס זעהן מיך אויף דער גאס ווייכען אפ פון מיר
און אנטלייפין: (יג) נשכחתי איך בין פאר געסין גיווארין ווי איין מת פון דעם הארצין
איך בין גיוועזין ווי איין כלי וואס איז פר פאלין גיווארן: (יד) כי ווארום איך הער ריידן
פון פיל. איין פארכט איז ארום מיר. אז זיי באראטין זיך בנאנדר אויף מיר טראכטין
זיי זיך צו נעמען מיין נשמה: (טו) ואני און איך פאר זיכער מיר אויף דיר גאט. איך

טז בְּיָדְךָ עִתֹּתָי הַצִּילֵנִי מִיַּד אוֹיְבַי וּמֵרֹדְפָי׃
יז הָאִירָה פָנֶיךָ עַל עַבְדֶּךָ הוֹשִׁיעֵנִי בְחַסְדֶּךָ׃ יח יי
אַל אֵבוֹשָׁה כִּי קְרָאתִיךָ יֵבֹשׁוּ רְשָׁעִים יִדְּמוּ
לִשְׁאוֹל׃ יט תֵּאָלַמְנָה שִׂפְתֵי שָׁקֶר הַדֹּבְרוֹת עַל
צַדִּיק עָתָק בְּגַאֲוָה וָבוּז׃ כ מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר
צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ פָּעַלְתָּ לַחוֹסִים בָּךְ נֶגֶד בְּנֵי אָדָם׃
כא תַּסְתִּירֵם בְּסֵתֶר פָּנֶיךָ מֵרֻכְסֵי אִישׁ תִּצְפְּנֵם
בְּסֻכָּה מֵרִיב לְשֹׁנוֹת׃ כב בָּרוּךְ יי כִּי הִפְלִיא
חַסְדּוֹ לִי בְּעִיר מָצוֹר׃ כג וַאֲנִי אָמַרְתִּי בְחָפְזִי
נִגְרַזְתִּי מִנֶּגֶד עֵינֶיךָ אָכֵן שָׁמַעְתָּ קוֹל תַּחֲנוּנַי
בְּשַׁוְּעִי אֵלֶיךָ׃ כד אֶהֱבוּ אֶת יי כָּל חֲסִידָיו אֱמוּנִים
נֹצֵר יי וּמְשַׁלֵּם עַל יֶתֶר עֹשֵׂה גַאֲוָה׃ כה חִזְקוּ
וְיַאֲמֵץ לְבַבְכֶם כָּל הַמְיַחֲלִים לַיי׃

---

טו זאגין דו ביסט מיין גאט: (טז) בידך אין דיין האנד איז אלע מיינע צייטין צוא גיט אדר שלעכץ. זיי מיך מציל פון די האנד פון מיינע פיינט אונ פון מיינע נאך יאגר: (יז) האירה דר לייכט דיין פנים אויף דיין קנעכט. העלף מיר מיט דיין גנאד: (יח) יי גאט איך זאל ניט פאר שעמט ווערין ווארום איך האב דיך אן גירופין. דיא רשעים זאלן פאר שעמט ווערין זיי זאלין פאר שניטין ווערין צום גרוב פון גיהנם: (יט) תאלמנה עס זאל פאר שטומט ווערין דיא פאלשע לעפצין דיא וואס ריידין אויף דעם גירעכטין שטאלצע רייד מיט שטאלץ אונ שאנד: (כ) מה ווי פיל איז דיין גוטץ וואס דו האסט בעהאלטין לעולם הבא פאר די וואס פירכטין זיך פאר דיר אונ האסט געווערקט פר די וואס באשיצין זיך אין דיר וואס אלע מענטשין זעהן: (כא) תסתירם טוסט זיי בהאלטן אין בהעלטעניש ווען דיין רוגז איז אז מען איז דן דעם עולם, פון דעם זאמלונג פון האפערדיגע מענטשין טוסטו זיי בהאלטין אין איין ביידיל, פון די צינגער וואס מאכן קריג: (כב) ברוך גילויבט איז גאט דאס ער האט גיוואונדערט זיין חסד צוא מיר אין דער פלעגערטר שטאט: (כג) ואני אונ איך האב גיטראכט אין מיין איילעניש אז איך בין אנטלאפין גיווארין איך בין גיווארין פאר שניטין פון אקעגין דיינע אויגין פון דם בית המקדש אבער פאר וואר דוא האסט גהערט דאס קול פון מיין גיבעט ווען איך האב גישריען צו דיר: (כד) אהבו האט ליב גאט אלע זיינע חסידים. די וואס גלייבין אין גאט היט זיי גאט, אונ בעצאלט ווי אשכור גלייך מדה כנגד מדה די וואס מאכין זיך האפערדיג: (כה) חזקו שטארקט אייך אונ זאל ווערין גישטארקט אייער הארץ אלע דיא וואס האפין צוא גאט:

לדוד

דער מזמור לויבט דעם מענטשן וואס טוט בצייטן תשובה אונ וויא דוד המלך עליו השלום האט זיך אליין גיפרעגט דארין:

לב א לדוד משכיל אשרי נשוי פשע כסוי חטאה:
ב אשרי אדם לא יחשב יי לו עון ואין ברוחו
רמיה: ג כי החרשתי בלו עצמי בשאגתי כל
היום: ד כי יומם ולילה תכבד עלי ידך נהפך
לשדי בחרבוני קיץ סלה: ה חטאתי אודיעך
ועוני לא כסיתי אמרתי אודה עלי פשעי ליי
ואתה נשאת עון חטאתי סלה: ו על זאת יתפלל
כל חסיד אליך לעת מצא רק לשטף מים רבים
אליו לא יגיעו: ז אתה סתר לי מצר תצרני רני
פלט תסובבני סלה: ח אשכילך ואורך בדרך זו
תלך איעצה עליך עיני: ט אל תהיו כסוס כפרד
אין הבין במתג ורסן עדיו לבלום בל קרוב
אליך: י רבים מכאובים לרשע והבוטח ביי

---

לב (א) לדוד משכיל דער מזמור איז צו מאכין קלוג דעם עולם. וואויל דעם מענטשן וואס גאט פאר טראגט אונ איז אים מוחל די הארבע עבירות ער דעקט צו זיינע זינד: (ב) אשרי וואויל דעם מענטשן וואס גאט רעכינט אים ניט זיינע זינד ווען ער איז זיך מתודה אונ טוט תשובה אונ אז ער האט ניט אין זין פאלשקייט ער וויל שוין ווייטער דאס ניט טאן: (ג) כי אז איך האב שטיל גישוויגין פון תורה אונ תשובה זיינען פאר פוילט גיווארין מיינע ביינער דורך מיין גישריי אונ קרעכצין א גאנצין טאג: (ד) כי דען טאג אונ נאכט איז אויף מיר שווער די פארכט פון דער שטראף פון דיין האנד. מיין פייכטקייט איז פר קערט גיווארין אויף טרוקענהייט איך בין אזוי דר היצט גלייך ווי זומער וואלט גיוועין אייביג: (ה) חטאתי מיין זינד האב איך דיר מודיע גיוועין אונ מיינע עונות האב איך ניט צו גידעקט איך האב גיטראכט איך וועל מאכין בקענן מיינע פשעים צו גאט אונ דו האסט פאר טראגין דעם שולד פון מיינע חטאים אויף אייביג: (ו) על אויף דעם זאל יעדער פרומער בעטין צוא דיר אין דער צייט ווען ער גיפינט ביי זיך אז זיין הארץ איז גאנין מיט גאט נאר דאס זאל זיין גיבעט זיין אז צו פר פלייצונג פון פיל וואסר דס הייסט פיל צרות מיט אמאל זאל צו אים ניט גרייכן: (ז) אתה דו וואס דו ביסט מיר אבאהעלטעניש פון דעם באליידיגער זאלסטו מיך היטן, מיט רעטונגס גיזאנג וועלכע מען זינגט ווען מען ווערט גרעטעט פון אפיינד זאלסטו מיך ארום רינגלען: (ח) אשכילך איך וועל דיך מאכין קלוג אונ וועל דיר ווייזין אין דעם וועג זאלסטו גיין איך וועל דיך בראטין מיט די ווינקען פון מיינע אויגן וואס דוא זאלסט טאן: (ט) אל איר זאלט ניט זיין ווי אפערד ווי אמויל אייזל וואס איז אן פר שטאנד

חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: יא שִׂמְחוּ בַיי וְגִילוּ צַדִּיקִים
וְהַרְנִינוּ כָּל יִשְׁרֵי לֵב:

דער מזמור לערינט דאס דיא וואס פאר שטייען מער חכמת התורה דארפן מער לויבן השי״ת:

לג א רַנְּנוּ צַדִּיקִים בַּיי לַיְשָׁרִים נָאוָה תְהִלָּה:
ב הוֹדוּ לַיי בְּכִנּוֹר בְּנֵבֶל עָשׂוֹר זַמְּרוּ לוֹ: ג שִׁירוּ
לוֹ שִׁיר חָדָשׁ הֵיטִיבוּ נַגֵּן בִּתְרוּעָה: ד כִּי יָשָׁר
דְּבַר יי וְכָל מַעֲשֵׂהוּ בֶּאֱמוּנָה: ה אֹהֵב צְדָקָה
וּמִשְׁפָּט חֶסֶד יי מָלְאָה הָאָרֶץ: ו בִּדְבַר יי שָׁמַיִם
נַעֲשׂוּ וּבְרוּחַ פִּיו כָּל צְבָאָם: ז כֹּנֵס כַּנֵּד מֵי הַיָּם
נֹתֵן בְּאוֹצָרוֹת תְּהוֹמוֹת: ח יִירְאוּ מֵיי כָּל הָאָרֶץ
מִמֶּנּוּ יָגוּרוּ כָּל יֹשְׁבֵי תֵבֵל: ט כִּי הוּא אָמַר וַיֶּהִי
הוּא צִוָּה וַיַּעֲמֹד: י יי הֵפִיר עֲצַת גּוֹיִם הֵנִיא
מַחְשְׁבוֹת עַמִּים: יא עֲצַת יי לְעוֹלָם תַּעֲמֹד
מַחְשְׁבוֹת לִבּוֹ לְדֹר וָדֹר: יב אַשְׁרֵי הַגּוֹי אֲשֶׁר יי
אֱלֹהָיו הָעָם בָּחַר לְנַחֲלָה לוֹ: יג מִשָּׁמַיִם הִבִּיט יי

דאס מען מוז מיט איין צוים אונ איין געביס זיין מויל פערשליסען דאס ער זאל ניט גינעהנען צו דיר שלאגן אונ בייסן: (י) רבים פיל וויטאג איז צום רשע, אבער ווער עס פר זיכערט זיך אין גאט רינגלט אים ארום חסד: (יא) שמחו זייט לוסטיג מיט גאט גינאד אונ פרייט זיך איר צדיקים אונ זינגט אלע רעכטפארטיגע הערצער:
לג (א) רננו צדיקים זינגט צדיקים צו גאט, צו דיא רעכט פארטיגע איז שיין צוא לויבין גאט: (ב) הודו לויבט גאט מיט איין הארף. מיט אפידל פון צעהן שטרונעס שפילט צו אים: (ג) שירו זינגט צו אים איין נייע גיזאנג. מאכט שיין שפילין מיט איין גישריי פון שופר: (ד) כי ווארום רעכט פארטיג איז גאטס רייד אונ גאר זיין ווערק איז מיט ווארהייט: (ה) אוהב ער האט ליב צדקה אונ משפט, דער חסד פון גאט איז פול דיא וועלט: (ו) בדבר מיט גאטס רייד זיינען גיווארין דיא הימלען, אונ דורך דעם הויך פון זיין מויל גאר די הערשאפט פון הימעל: (ז) כונס ער זאמילט איין ווי איין מויער די וואסער פון דעם ים. ער גיט אין די באהעלטעניש די אפ גרונטען: (ח) ייראו פארכט אייך פאר גאט אלע לייט פון דער וועלט. פאר אים פירכטין זיך אלע איינוואונער פון דער וועלט: (ט) כי ווארום וואס ער זאגט איז אזו. וואס ער געבאט בלייבט שטיין: (י) יי גאט האט צו שטערט דעם ראט פון פעלקר אונ האט אפ גיטאן דאס טראכטונג פון נאציאנען: (יא) עצת גאטס עצה בלייבט שטיין אויף אייביג דיא גידאנקן פון זיין הארצין בלייבט פון איין דור צום אנדערין דור: (יב) אשרי וואול דעם פאלק וואס דער
אייבינער

ראה את כל בני האדם: יד ממכון שבתו השגיח
אל כל ישבי הארץ: טו היצר יחד לבם המבין אל
כל מעשיהם: טז אין המלך נושע ברב חיל גבור
לא ינצל ברב כח: יז שקר הסוס לתשועה וברב
חילו לא ימלט: יח הנה עין יי אל יראיו למיחלים
לחסדו: יט להציל ממות נפשם ולחיותם ברעב:
כ נפשנו חכתה ליי עזרנו ומגננו הוא: כא כי בו
ישמח לבנו כי בשם קדשו בטחנו: כב יהי
חסדך יי עלינו כאשר יחלנו לך:

דעם מזמור האט דוד המלך עליו השלום גימאכט על פי א"ב בשעת ער איז ניצול געווארן פון אכיש גלית ברודער:

לד א לדוד בשנותו את טעמו לפני אבימלך
ויגרשהו וילך: ב אברכה את יי בכל עת
תמיד תהלתו בפי: ג ביי תתהלל נפשי ישמעו
ענוים וישמחו: ד גדלו ליי אתי ונרוממה שמו

---

אייביגער גאט איז זיין גאט. וואול דעם פאלק וואס ער האט גאט אויס גיקליבין פר
איין ארב צו אים: (יג) משמים פון דעם הימיל לוגט גאט. ער זעהט אלע ווערק פון דיא
קינדער פון אדם: (יד) ממכון פון דעם ארט וואס ער האט אן גיגרייט ער זאל דארטין
זיצין טוט ער קוקין צו אלע די זיצער פון דר ערד: (טו) היוצר דער וואס האט בשאפין
אלע הערצער פר שטייט ער בודאי אלע זייערע ווערק: (טז) אין דר מלך ווערט ניט גיהאלפין
דורך זיין פיל חיל. דער שטארקסטער ווערט ניט ניצול אין דער מלחמה חאטשי ער
האט פיל כח נאר מיט דיא הילף פון גאט ברוך הוא: (יז) שקר עס איז ליגין אז איין
פערד איז איין הילף. און מיט זיין פיל חיל ווערט ער ניט אנטרונען אין דר מלחמה:
(יח) הנה נאר גאט גיט אכטונג צו זיינע פארכטיגע צו די וואס האפין צו זיין גינאד:
(יט) להציל צו מציל זיין פון דעם טויט זייער לייב און צו דער נערין זיא אין הונגער:
(כ) נפשנו אונזערע לייבער האפט צוא גאט אונזער הילף און אונזער שוטין איז ער:
(כא) כי ווארום מיט אים טוט זיך פרייען אונזער הארץ דען אין זיין היילגין נאמן פאר
זיכערין מיר זיך: (כב) יהי עס זאל זיין דיין גינאד אויף אונז וויא מיר האפין צוא דיר:
לד (א) לדוד בשנותו את טעמו ווען ער האט פר ענדערט זיין שכל פר דעם מלך פלשתים און
ער האט אים צו ליב דעם פון זיך פאר טריבין און איז אוועק פון אים: (ב) אברכה
איך טו לויבין גאט אלע צייט. שטענדיג איז זיין לויב אין מיין מויל: (ג) ביי מיט גאט
טו איך זיך בארימען. זאלין הערין דיא ענוים און זאלין זיך פרייען: (ד) גדלו מאכט
גרויס גאטס נאמען איר אלע מיט מיר און לאמיר דער הויבין זיין נאמען אלע מיט
אנאנדער

יחדו: ה דרשתי את יי ועני ומכל מגורותי
הצילני: ו הביטו אליו ונהרו ופניהם אל יחפרו:
ז זה עני קרא ויי שמע ומכל צרותיו הושיעו:
ח הנה מלאך יי סביב ליראיו ויחלצם: ט טעמו וראו
כי טוב יי אשרי הגבר יחסה בו: י יראו את יי
קדשיו כי אין מחסור ליראיו: יא כפירים רשו ורעבו
ודרשי יי לא יחסרו כל טוב: יב לכו בנים שמעו
לי יראת יי אלמדכם: יג מי האיש החפץ חיים
אהב ימים לראות טוב: יד נצר לשונך מרע ושפתיך
מדבר מרמה: טו סור מרע ועשה טוב בקש
שלום ורדפהו: טז עיני יי אל צדיקים ואזניו אל
שועתם: יז פני יי בעשי רע להכרית מארץ זכרם:
יח צעקו ויי שמע ומכל צרותם הצילם: יט קרוב
יי לנשברי לב ואת דכאי רוח יושיע: כ רבות

---

אנאנדר: (ה) דרשתי איך האב גיפארשט צוא גאט אונ ער האט מיר גיענטפערט אונ פון אלע מיינע פארכט האט ער מיך מציל גיוועזן: (ו) הביטו די וואס האבין גילוגט צו השי"י זיינען גיווארין דער לויכטן אונ זייער פנים זיינן ניט פרשעמט גווארין: (ז) זה ווען ער דער עני רופט אן גאט האט ער הערט גאט אונ העלפט אים פון אלע זיינע צרות: (ח) חונה עס רוט איין מלאך פון גאט ארום זיינע פארכטיגע אונ ער ציט זיא אויס פון אנגסטן: (ט) טעמו פאר שטייט אונ זעהט אז גאט איז גוט אונ קיין שלעכץ איז ביי אים ניט דא. וואול דעם מענטשין וועט ער עס טוט זיך באשיצין אין אים: (י) יראו פארכט אייך פאר גאט זיינע היילגע דען עס איז ניטא קיין שום אפ גאנג צוא זיינע פארכטיגע: (יא) כפירים עשירים זיינען ארים גיווארין אבער די וואס פארשטען גאט גייט זיי ניט אפ קיין גוטין: (יב) לכו גייט אהער קינדער הערט מיר צו. די פארכט פון גאט וועל איך אייך לערנען: (יג) מי וועלכער מענטש וואס באגערט צו לעבין אונ ליבט לאנגע טעג גוטס צו זעהן: (יד) נצור היט דיין צונג פון שלעכץ אונ דיינע לעפצן פון צו ריידן פאלשע רייד: (טו) סור קער דיך אוועק פון שלעכץ אונ טוא גוטין, באגער שלום אונ לויף נאך שלום: (טז) עיני דיא השגחה פון גאט איז צו די צדיקים אונ זיינע אויערן זיינען אפין צוא הערין זייער גישריי: (יז) פני דער צארין פון גאט איז אין דיא וואס טוען שלעכץ צו פאר שניידין פון דער וועלט זייער גידעכיניש: (יח) צעקו ווען צדיקים שרייען הערט גאט אונ פון אלע זייערע צרות טוט ער זיי מציל זיין: (יט) קרוב גאט איז נאהענט צו די צו בראכינע הערצר אונ די וואס זיינען מיט פאר שטויסנע געמיט טוט ער העלפן:

רבות

רעות צדיק ומכלם יצילנו יי: כא שמר כל עצמותיו
אחת מהנה לא נשברה: כב תמותת רשע רעה
ושנאי צדיק יאשמו: כג פודה יי נפש עבדיו ולא
יאשמו כל החוסים בו:

דעם מזמור האט דוד המלך עליו השלום געזאגט בשעת אז ער איז אנטלאפן געווארן פון שאול:

יום ו לה א לדוד ריבה יי את יריבי לחם את לחמי:
ב החזק מגן וצנה וקומה בעזרתי: ג והרק
חנית וסגר לקראת רדפי אמר לנפשי ישעתך
אני: ד יבשו ויכלמו מבקשי נפשי יסגו אחור
ויחפרו חשבי רעתי: ה יהיו כמץ לפני רוח
ומלאך יי דוחה: ו יהי דרכם חשך וחלקלקות
ומלאך יי רדפם: ז כי חנם טמנו לי שחת רשתם
חנם חפרו לנפשי: ח תבואהו שואה לא ידע
ורשתו אשר טמן תלכדו בשואה יפל בה:
ט ונפשי תגיל ביי תשיש בישועתו: י כל עצמותי

---

(כ) רבות עס טרעפט זיך פיל מאל שלעכטע זאכין צום צדיק און פון אלין איז גאט אים מציל: (כא) שומר גאט היט אלע זיינע ביינער דאס איינער פון זיי ווערט ניט צוא בראכין: (כב) תמותת דעם רשע טייט נאר זיינע איינענע בייזע מעשים און די שונאים פון דעם צדיק ווערין פאר וויסט: (כג) פודה גאט לייזט אויס דעם נפש פון זיינע קנעכט און זיי ווערין ניט פאר שולדיגט אלע וואס באשיצין זיך אין אים:

לה (א) לדוד ריבה יי דוד המלך זאגט קריג דו גאט מיט מיינע קריגר האלט מלחמה מיט מיינע בעלי מלחמות: (ב) החזק האלט אשילד און אפאנצער און שטיי אין מיין הילף: (ג) והרק זאלסט דיך וואפינן מיט אשפיז און פאר שליס דעם וועג קעגין מיינע נאך יאגער. זאג צו מיר דיין העלפער בין איך: (ד) יבשו זיי זאלין פאר שעמט זיין און שאנדע האבין די וואס באגערין מיין לייב אום צו ברייננגען. זייא זאלין צוריק ציהען און זאלין פאר שעמט ווערין די וואס טראכטין אויף מיר בייז: (ה) יהיו זיי זאלין זיין אז מעקענע וואס ווערט צו שפרייט פאר דעם ווינט און אמלאך פון גאט זאל זייא שטויסין: (ו) יהי עס זאל זיין זייער וועג פינצטער און גליטציג און אמלאך פון גאט זאל זייא נאך יאגין: (ז) כי ווארום אום זונסט האבין זיי פאר בארגין אויף מיר אגרוב מיט אנעץ. אום זונסט האבין זיי פון מיינט וועגין גיגראבין אגרוב: (ח) תבואהו עס זאל קומען אויף מיין פייגד אפינצטערנש פלוצלינג ער זאל גאר ניט וויסין זיך צו היטן און זיין נעץ וואס ער האט בהאלטין אויף מיר זאל אים בצווינגן. אין דער פינצטערנש זאל ער דרינען פאלין: (ט) ונפשי אבער מיין לייב זאל זיך פרייען אין גאט. זאל זיך

פרייען

תֹּאמַרְנָה יְיָ מִי כָמוֹךָ מַצִּיל עָנִי מֵחָזָק מִמֶּנּוּ וְעָנִי
וְאֶבְיוֹן מִגֹּזְלוֹ׃ יא יְקוּמוּן עֵדֵי חָמָס אֲשֶׁר לֹא
יָדַעְתִּי יִשְׁאָלוּנִי׃ יב יְשַׁלְּמוּנִי רָעָה תַּחַת טוֹבָה
שְׁכוֹל לְנַפְשִׁי׃ יג וַאֲנִי בַּחֲלוֹתָם לְבוּשִׁי שָׂק עִנֵּיתִי
בַצּוֹם נַפְשִׁי וּתְפִלָּתִי עַל חֵיקִי תָשׁוּב׃ יד כְּרֵעַ
כְּאָח לִי הִתְהַלָּכְתִּי כַּאֲבֶל אֵם קֹדֵר שַׁחוֹתִי׃
טו וּבְצַלְעִי שָׂמְחוּ וְנֶאֱסָפוּ נֶאֶסְפוּ עָלַי נֵכִים וְלֹא
יָדַעְתִּי קָרְעוּ וְלֹא דָמּוּ׃ טז בְּחַנְפֵי לַעֲגֵי מָעוֹג חָרֹק
עָלַי שִׁנֵּימוֹ׃ יז אֲדֹנָי כַּמָּה תִּרְאֶה הָשִׁיבָה נַפְשִׁי
מִשֹּׁאֵיהֶם מִכְּפִירִים יְחִידָתִי׃ יח אוֹדְךָ בְּקָהָל רָב
בְּעַם עָצוּם אֲהַלְלֶךָּ׃ יט אַל יִשְׂמְחוּ לִי אֹיְבַי שֶׁקֶר
שֹׂנְאַי חִנָּם יִקְרְצוּ עָיִן׃ כ כִּי לֹא שָׁלוֹם יְדַבֵּרוּ וְעַל
רִגְעֵי אֶרֶץ דִּבְרֵי מִרְמוֹת יַחֲשֹׁבוּן׃ כא וַיַּרְחִיבוּ עָלַי

---

פרייען מיט זיין הילף: (י) כל אלע מיינע ביינער זאלין זאגן, גאט ווער איז ווי דו וואס איז מציל דעם ארימאן פון דעם וואס איז שטארקער פון אים און דעם ארימאן און דעם אביון פון זיין רויבער: (יא) יקומון עס שטייט אויף געגין מיר פאלשע עדות דאס וואס איך ווייס גאר ניט פון וואס צו זאגין טוען זיי מיר פרעגין: (יב) ישלמוני זיי בצאלן מיר שלעכץ פאר גוטץ. זיי ווילין אויף מיר ברייננגען אטויט: (יג) ואני אבער איך ווען זיי זיינען גיוועין קראנק האב איך אן גיקליידעט אזאק איך האב מיך גיפייניגט מיט פאסטין און מיין גיבעט זאל אויף מיר זיין אויב איך האב אויף זיי שלעכץ גיבעטן: (יד) כרע אזו ווי מיט איין פריינט און ווי מיט איין ברודר האב איך מיך מיט זיי בגאנגן אזו ווי דער טרויער פון אמוטער אויף איר קינד אזו בין איך גיוועין שווארץ און איין גיבויגן: (טו) ובצלעי אבער אויף מיין בראך האבין זיי זיך גיפרייט און האבין זיך איין גיזאמילט. אפילו הינקעדיגע האבין זיך אויך פארזאמילט און גיקומען זעהן מיינע אנגסטין און איך ווייס ניט פאר וואס. ווען מען וואלט מיין לייב גיריסין וואלט קיין בלוט ניט גיגאנגען: (טז) בחנפי פון וועגין די חנופה וואס מיין שונא האט זיי גיגעבין עסין האבין זיי אויס מיר גישפאט און יעדער פון זייא האט געקריצט אויף מיר מיט זיינע ציין: (יז) אדני גאט וויא לאנג וועסטו דס זעהן און שווייגין.קער מיר אוועק פון זייערע פינצטערע צרות. פון די שטארקע ווי לעמפערטן מיין נשמה: (יח) אודך איך וועל דיך לויבין אין גרוים פאר זאמלונג צווישין פיל פאלק וועל איך דיך לויבין: (יט) אל עס זאלין זיך אויף מיר ניט פרייען די אומזיסטע פיינט וואס זאגין אויף מיר ליגין. די וואס האבין מיך אומזיסט פיינט זאלין ניט ווינקען מיט דם אויג: (כ) כי דען זייא ריידין ניט שלום. און אויף רוהיגע לייט טוען זייא טראכטין שלעכטע זאכין:

פִּיהֶם אָמְרוּ הֶאָח הֶאָח רָאֲתָה עֵינֵנוּ: כב רָאִיתָה
יְיָ אַל תֶּחֱרַשׁ אֲדֹנָי אַל תִּרְחַק מִמֶּנִּי: כג הָעִירָה
וְהָקִיצָה לְמִשְׁפָּטִי אֱלֹהַי וַאדֹנָי לְרִיבִי: כד שָׁפְטֵנִי
כְצִדְקְךָ יְיָ אֱלֹהָי וְאַל יִשְׂמְחוּ לִי: כה אַל יֹאמְרוּ
בְלִבָּם הֶאָח נַפְשֵׁנוּ אַל יֹאמְרוּ בִּלַּעֲנוּהוּ: כו יֵבֹשׁוּ
וְיַחְפְּרוּ יַחְדָּו שְׂמֵחֵי רָעָתִי יִלְבְּשׁוּ בֹשֶׁת וּכְלִמָּה
הַמַּגְדִּילִים עָלָי: כז יָרֹנּוּ וְיִשְׂמְחוּ חֲפֵצֵי צִדְקִי
וְיֹאמְרוּ תָמִיד יִגְדַּל יְיָ הֶחָפֵץ שְׁלוֹם עַבְדּוֹ:
כח וּלְשׁוֹנִי תֶּהְגֶּה צִדְקֶךָ כָּל הַיּוֹם תְּהִלָּתֶךָ:

דער מזמור לערנט מען זאל זיך ניט לאזן אן ריידן פון יצר הרע ניט מורא צו האבן פאר השי"ת:

לו א לַמְנַצֵּחַ לְעֶבֶד יְיָ לְדָוִד: ב נְאֻם פֶּשַׁע לָרָשָׁע
בְּקֶרֶב לִבִּי אֵין פַּחַד אֱלֹהִים לְנֶגֶד עֵינָיו: ג כִּי
הֶחֱלִיק אֵלָיו בְּעֵינָיו לִמְצֹא עֲוֹנוֹ לִשְׂנֹא: ד דִּבְרֵי
פִיו אָוֶן וּמִרְמָה חָדַל לְהַשְׂכִּיל לְהֵיטִיב: ה אָוֶן

---

(כא) וירחיבו און מאכין ברייט אויף מיר זייער מויל. זייא זאגין אפרייד, אונזער אויג האט גזעהן אנקמה: (כב) ראיתה דו גאט זעהסט דאך זאלסט ניט שווייגן. גאט זאלסט זיך ניט דער ווייטערין פון מיר: (כג) העירה דער וועק דיך און וואך זיך אויף צו מיין משפט. מיין גאט און מיין האר וואך דיך אויף צו מיין קריג: (כד) שפטני משפט מיך וויא דיין גירעכטיקייט איז גאט מיין גאט און זאלין זיך ניט פרייען אויף מיר מיינע פיינט: (כה) אל זיי זאלין ניט זאגין אין זייער הארצין אונזר זעלע איז ווארין דר פרייט. זייא זאלין ניט זאגין מיר האבין אים איין גישלונגען: (כו) יבשו זיי זאלין פאר שעמט זיין אלע דיא וואס פרייען זיך אויף מיין שלעכין. זיי זאלין ווערין אן גיקליידט מיט שאנד און פאר שעמונג דיא וואס מאכין זיך גרויס איבער מיר: (כז) ירונו זייא זאלין זינגען און זיך פרייען דיא וואס ווילין מיין גירעכטיקייט און זאלין תמיד זאגין עס זאל ווערין גרויס גאטס כבוד וואס ער וויל אז זיין קנעכט דוד זאל האבין שלום: (כח) ולשוני און מיין צונג וועט ריידין דיין גירעכטיקייט, אלע טאג דיין לויב:
לו (א) למנצח. צוא גאטס קנעכט דוד: (ב) נאם די רייד פון די זינד דאס איז דער יצר הרע איז צום רשע. איך טראכט מיך אין מיין הארצין דאס ער זאגט אים עס זאל ניט זיין קיין פארכט פון גאט אקעגען זיינע אויגין: (ג) כי דען ער מאכט אים שמייכלען מיט גלאטע רייד עס זאל אים גיפעלין אין זיינע אויגין דאס עס זאל גרייכען זיין זינד צו גאט ער זאל אים פיינט האבן: (ד) דברי דיא רייד פון זיין מויל איז אום רעכט און פאר שקייט ער וויל ניט פאר שטיין צו טאן גוטין: (ה) און אום רעכט טראכט ער אויף זיין גילעגער. ער טוט זיך שטעלין אויף דעם וועג וואס ניט גוט איז. שלעכט

יַחְשֹׁב עַל מִשְׁכָּבוֹ יִתְיַצֵּב עַל דֶּרֶךְ לֹא טוֹב רָע
לֹא יִמְאָס׃ ו יְיָ בְּהַשָּׁמַיִם חַסְדֶּךָ אֱמוּנָתְךָ עַד
שְׁחָקִים׃ ז צִדְקָתְךָ כְּהַרְרֵי אֵל מִשְׁפָּטֶךָ תְּהוֹם
רַבָּה אָדָם וּבְהֵמָה תוֹשִׁיעַ יְיָ׃ ח מַה יָּקָר חַסְדְּךָ
אֱלֹהִים וּבְנֵי אָדָם בְּצֵל כְּנָפֶיךָ יֶחֱסָיוּן׃ ט יִרְוְיֻן
מִדֶּשֶׁן בֵּיתֶךָ וְנַחַל עֲדָנֶיךָ תַשְׁקֵם׃ י כִּי עִמְּךָ מְקוֹר
חַיִּים בְּאוֹרְךָ נִרְאֶה אוֹר׃ יא מְשֹׁךְ חַסְדְּךָ לְיֹדְעֶיךָ
וְצִדְקָתְךָ לְיִשְׁרֵי לֵב׃ יב אַל תְּבוֹאֵנִי רֶגֶל גַּאֲוָה
וְיַד רְשָׁעִים אַל תְּנִדֵנִי׃ יג שָׁם נָפְלוּ פֹּעֲלֵי אָוֶן דֹּחוּ
וְלֹא יָכְלוּ קוּם׃

דער מלך האט געשטראפט דין דור זייא זאלין ניט מקנא זיין אין דיא הצלחה פון רשעים :

לז א לְדָוִד אַל תִּתְחַר בַּמְּרֵעִים אַל תְּקַנֵּא בְּעֹשֵׂי
עַוְלָה׃ ב כִּי כֶחָצִיר מְהֵרָה יִמָּלוּ וּכְיֶרֶק דֶּשֶׁא
יִבּוֹלוּן׃ ג בְּטַח בַּיְיָ וַעֲשֵׂה טוֹב שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה
אֱמוּנָה׃ ד וְהִתְעַנַּג עַל יְיָ וְיִתֶּן לְךָ מִשְׁאֲלוֹת לִבֶּךָ׃

---

פראנווירדיגט ער ניט : (ו) יי גאט, אין הימיל איז דיין חסד. דיין ווארהייט איז ביז דעם הימיל : (ז) צדקתך דיין גירעכטיגקייט איז הויך וויא די הויכע בערג דעם וואס דו משפטסט אויף זיינע שלעכטע מעשים מאכסטו אים נידעריג ביז דעם טיפן אבגרונד. אמענטש וואס האלט זיך שפל וויא אבהמה העלפסטו גאט : (ח) מה וויא טייער איז דיין חסד גאט צוא די לייט וואס באשיצין זיך אונטר דעם שאטן פון דיינע פליגלען : (ט) ירוין זיי וועלן זאט זיין פון דעם פעטקייט פון דיין הויז. פון דיין זיסין קוואל פון עדן וועסטו זיי אן טרינקען : (י) כי דען ביי דיר איז דר קוואל פון לעבן. מיט דיין לייכטין וועלין מיר זעהן ליכט : (יא) משוך ציהע דיין חסד צו די וואס קענען דיך. אונ דיין גירעכטיגקייט צו דיא רעכט פארטיגע הערצער: (יב) אל דיא פוס פון די האפערדיגע זאל איבער מיר ניט קומען. דיא האנד פון די רשעים זאל מיך ניט פאר וואגלען : (יג) שם דארטין ווערין זיין גיפאלין וועלכע עס טוען אומרעכט. זייא זאלין זיין פאר שטויסען אונ זאלין ניט קענען אויף שטיין :

לז (א) לדוד. זאלסט דיך ניט גיזעלין מיט די שלעכטע אונ זאלסט ניט מקנא זיין אין דיא וואס טוען עולות ווען זייא זיינען מצליח : (ב) כי דען וויא אגראז וועלין זיי פר שניטן הערין אונ וויא גרינע גראז וועלן זיי פר פוילט ווערן : (ג) בטח פר זיכער דיך אין גאט אונ טוא גוטע מעשים. לעב רוהיג אויף דער ערד אונ ווער גישפייזט פון אמונה: (ד) והתענג אונ זייא מקיים מיט פערגעניגען די מצות פון גאט וועט ער דיר געבין

ה גּוֹל עַל יְיָ דַּרְכֶּךָ וּבְטַח עָלָיו וְהוּא יַעֲשֶׂה: ו וְהוֹצִיא
כָאוֹר צִדְקֶךָ וּמִשְׁפָּטֶךָ כַּצָּהֳרָיִם: ז דּוֹם לַייָ
וְהִתְחוֹלֵל לוֹ אַל תִּתְחַר בְּמַצְלִיחַ דַּרְכּוֹ בְּאִישׁ
עֹשֶׂה מְזִמּוֹת: ח הֶרֶף מֵאַף וַעֲזֹב חֵמָה אַל תִּתְחַר
אַךְ לְהָרֵעַ: ט כִּי מְרֵעִים יִכָּרֵתוּן וְקוֵֹי יְיָ הֵמָּה יִירְשׁוּ
אָרֶץ: י וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל
מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ: יא וַעֲנָוִים יִירְשׁוּ אָרֶץ וְהִתְעַנְּגוּ עַל
רֹב שָׁלוֹם: יב זֹמֵם רָשָׁע לַצַּדִּיק וְחֹרֵק עָלָיו שִׁנָּיו:
יג אֲדֹנָי יִשְׂחַק לוֹ כִּי רָאָה כִּי יָבֹא יוֹמוֹ: יד חֶרֶב
פָּתְחוּ רְשָׁעִים וְדָרְכוּ קַשְׁתָּם לְהַפִּיל עָנִי וְאֶבְיוֹן
לִטְבוֹחַ יִשְׁרֵי דָרֶךְ: טו חַרְבָּם תָּבוֹא בְלִבָּם
וְקַשְּׁתוֹתָם תִּשָּׁבַרְנָה: טז טוֹב מְעַט לַצַּדִּיק
מֵהֲמוֹן רְשָׁעִים רַבִּים: יז כִּי זְרוֹעוֹת רְשָׁעִים
תִּשָּׁבַרְנָה וְסוֹמֵךְ צַדִּיקִים יְיָ: יח יוֹדֵעַ יְיָ יְמֵי תְמִימִם

---

געבן וואס דיין הארץ וועט וועלן: (ה) גול ווארף אראפ פון דיר אונ פר לאז אויף גאט דיין פירונג, אונ פאר זיכער דיך אויף אים אונ ער וועט אלעס טאן: (ו) והוציא אונ ער וועט אויס ציהען וויא דם ליכטיגקייט דיין גירעכטיגקייט. אונ דיין משפט וויא דיא קלארהייט פון מיטען טאג: (ז) דום שווייג אונ ווארט צו גאטס הילף אונ זאלסט האפן צו אים, זאלסט דיך ניט גיזעלן מיט ארשע וואס איז מצליח זיין וועג, מיט דעם וואס טוט שלעכטע גידאנקען: (ח) הרף לאז דיך אפ פון צארן אונ פערלאז פערדרוס. טוא דיך ניט באהעפטין מיט דעם נור וויל נאר טאן שלעכטס: (ט) כי דען די שלעכטע וועלין פאר שניטין ווערן. אבער די וואס האפן צו גאט וועלין ירשינען דיא וועלט צו לאנג לעבן: (י) ועוד אין איין קורצע צייט וועט שוין דער רשע ניט זיין. דו וועסט קוקין אונ באמערקין אויף זיין ארט אונ ער וועט שוין ניט זיין: (יא) וענוים אבער די ענוים וועלין ירשענען דיא וועלט צו לאנג לעבין. אונ זייא וועלין האבן תענוג מיט פיל שלום: (יב) זומם דר רשע טראכט שלעכטס צו טאן דעם צדיק אונ ער קריצט אויף אים מיט זיינע ציין: (יג) אדני אבער גאט לאכט פון אים. ווארום ער זעהט אז עס קומט זיין טאג וואס ער וועט גישטראפט: (יד) חרב אשווערד האבן אויס גצויגן דיא רשעים אונ האבין גיטראטין זייער בויגין צו מאכין פאלין דעם ארימאן אונ דעם נויט בדערפטיגן. צו שעכטין רעכטפארטיגע לייט: (טו) חרבם זייער שווערד וועט קומען אין זייער הארצין אונ זייערע בויגענס וועלן צו בראכן ווערן: (טז) טוב עס איז בעסער דס ביסיל וואס דר צדיק האט, מער פון די פיל עשירות וואס די רשעים האבן: (יז) כי ווארום דס שטארקייט פון די רשעים וועט ווערן צו בראכין אבער די צדיקים וועט

וְנַחֲלָתָם לְעוֹלָם תִּהְיֶה׃ יט לֹא יֵבֹשׁוּ בְּעֵת רָעָה
וּבִימֵי רְעָבוֹן יִשְׂבָּעוּ׃ כ כִּי רְשָׁעִים יֹאבֵדוּ וְאֹיְבֵי
יְיָ כִּיקַר כָּרִים כָּלוּ בֶעָשָׁן כָּלוּ׃ כא לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא
יְשַׁלֵּם וְצַדִּיק חוֹנֵן וְנוֹתֵן׃ כב כִּי מְבֹרָכָיו יִירְשׁוּ
אָרֶץ וּמְקֻלָּלָיו יִכָּרֵתוּ׃ כג מֵיְיָ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ
וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ׃ כד כִּי יִפֹּל לֹא יוּטָל כִּי יְיָ סוֹמֵךְ יָדוֹ׃
כה נַעַר הָיִיתִי גַּם זָקַנְתִּי וְלֹא רָאִיתִי צַדִּיק נֶעֱזָב
וְזַרְעוֹ מְבַקֶּשׁ לָחֶם׃ כו כָּל הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה וְזַרְעוֹ
לִבְרָכָה׃ כז סוּר מֵרָע וַעֲשֵׂה טוֹב וּשְׁכֹן לְעוֹלָם׃
כח כִּי יְיָ אֹהֵב מִשְׁפָּט וְלֹא יַעֲזֹב אֶת חֲסִידָיו לְעוֹלָם
נִשְׁמָרוּ וְזֶרַע רְשָׁעִים נִכְרָת׃ כט צַדִּיקִים יִירְשׁוּ
אָרֶץ וְיִשְׁכְּנוּ לָעַד עָלֶיהָ׃ ל פִּי צַדִּיק יֶהְגֶּה חָכְמָה
וּלְשׁוֹנוֹ תְּדַבֵּר מִשְׁפָּט׃ לא תּוֹרַת אֱלֹהָיו בְּלִבּוֹ לֹא

---

גאט שטיצען: (יח) יודע גאט השגחה וייס די טעג פון דיא צדיקים אונ זייער גוטער שכר וועט אויף אייביג זיין: (יט) לא זיי וועלין ניט פאר שעמט ווערין אין א שלעכטע צייט. אונ אין דר צייט פון הונגער וועלין זיי זיין זאט: (כ) כי נאר דיא רשעים וועלין פר טיליגט ווערין אונ גאטס פיינד זיינען נאר וויא די פעטע שאף וואס ווערין גישאכטין פריער פאר אנדערע. זיי וועלין פאר לענט ווערין מיט דעם רויך פון גיהנם: (כא) לוה דר רשע ווען אויך ער לייט וויל ער ניט באצאלין אבער דער צדיק לייטזעליגט אונ גיט צדקה אונ פשיטא שוין דס ער צאלט חובות: (כב) כי דען זיינע גיבענטשטע וואס השי"ת בענטשט ווערין ירשנן דס לאנד אבר זיינע פר שאלטענע וועלין פר שניטען ווערין: (כג) מיי פון גאט זיינען די טריט פון דעם וואס שטארקט זיך אין מעשים טובים אן גיברייט אונ זיין וועג טוט ער באגערין: (כד) כי דען ווען ער פאלט אמאל איז ער ניט אויף אייביג. ווארום גאט טוט אונטער שפארין זיין האנד: (כה) נער איך בין אמאל יונג גיוועזן איך בין אויך אלט גיווארין אונ האב ניט גיזעהן אז א צדיק זאל ווערין פר לאזין אונ זיינע קינדער זאלין בעטין ברויט: (כו) כל אלע טאג גיט דר צדיק צדקה אונ ער אנטלייט אונ דריבער וועלין זיינע קינדער האבין ברכה: (כז) סור קער אוועק פון שלעכטש אונ טוא גוטס דאן וועסטו רוען אויף אייביג מיט נחת: (כח) כי ווארום גאט האט ליב משפט צו טאן אונ וועט ניט פאר לאזין זיינע חסידים. אויף אייביג היטן זייא גיהיט. אבער די קינדר פון די רשעים וועלין ווערין פר שניטן: (כט) צדיקים די צדיקים וועלן ירשנן דיא וועלט וואס ווערט גירופן ארץ החיים אונ וועלין רוען אייביג אויף דר וועלט: (ל) פי דאס מויל פון דעם צדיק טוט טראכטן דם קלוגשאפט פון דער תורה וויא צו פסקינן אונ זיין צונג טוט ריידין ריכט: (לא) תורת דיא תורה

תָּמְעַד אֲשֻׁרָיו׃ לב צוֹפֶה רָשָׁע לַצַּדִּיק וּמְבַקֵּשׁ
לַהֲמִיתוֹ׃ לג יְיָ לֹא יַעַזְבֶנּוּ בְיָדוֹ וְלֹא יַרְשִׁיעֶנּוּ
בְּהִשָּׁפְטוֹ׃ לד קַוֵּה אֶל יְיָ וּשְׁמֹר דַּרְכּוֹ וִירוֹמִמְךָ
לָרֶשֶׁת אָרֶץ בְּהִכָּרֵת רְשָׁעִים תִּרְאֶה׃ לה רָאִיתִי
רָשָׁע עָרִיץ וּמִתְעָרֶה כְּאֶזְרָח רַעֲנָן׃ לו וַיַּעֲבֹר
וְהִנֵּה אֵינֶנּוּ וָאֲבַקְשֵׁהוּ וְלֹא נִמְצָא׃ לז שְׁמָר תָּם
וּרְאֵה יָשָׁר כִּי אַחֲרִית לְאִישׁ שָׁלוֹם׃ לח וּפֹשְׁעִים
נִשְׁמְדוּ יַחְדָּו אַחֲרִית רְשָׁעִים נִכְרָתָה׃ לט וּתְשׁוּעַת
צַדִּיקִים מֵיְיָ מָעוּזָּם בְּעֵת צָרָה׃ מ וַיַּעְזְרֵם יְיָ
וַיְפַלְּטֵם יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ׃

דער מִזְמוֹר איז איין תְּפִלָּה מִתְפַּלֵּל צוּא זיין וָוען אֵיינֶער איז קְרַאנְק אָדֶער עֶר איז חוֹלֶה אין אַיין צָרָה׃

לח א מִזְמוֹר לְדָוִד לְהַזְכִּיר׃ ב יְיָ אַל בְּקֶצְפְּךָ תוֹכִיחֵנִי
וּבַחֲמָתְךָ תְיַסְּרֵנִי׃ ג כִּי חִצֶּיךָ נִחֲתוּ בִי וַתִּנְחַת
עָלַי יָדֶךָ׃ ד אֵין מְתֹם בִּבְשָׂרִי מִפְּנֵי זַעְמֶךָ אֵין
שָׁלוֹם בַּעֲצָמַי מִפְּנֵי חַטָּאתִי׃ ה כִּי עֲוֹנֹתַי עָבְרוּ

---

פון זיין גָאט איז אין זיין הַארְץ עֶס וֶועלִין זִיךְ נִיט אוּיס גְלִיטְשְׁען זַיינֶע טְרִיט׃
(לב) צופה דֶר רָשָׁע לוּיְט צוּם צַדִּיק אוּנ בַּאגֶערְט צוּ טֵייטִין אִים׃ (לג) יי אָבֶּער גָאט טוּט
אִים נִיט פַּאר לָאזִין אִין זַיין הַאנְד אוּנ עֶר וֶועט אִים נִיט בַּאשׁוּלְדִינֶען וֶוען עֶר וֶועט
וֶוערִין גֶערִיכְטֶעט׃ (לד) קוה הָאף צוּ גָאט אוּנ הִיט צוּ זַיין אִין גָאטֶס וֶועג וֶועט עֶר דִיךְ
דֶער הֵייבִּין צוּ אַרְבִּין דָאס לַאנְד אוּנ וֶועסְט נָאךְ זֶעהְן וֶוען דִיא רְשָׁעִים וֶועלִין
פֶערְשְׁנִיטֶען וֶוערִן׃ (לה) ראיתי אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן אֵיין שְׁטַארְקֶען רָשָׁע אוּנ אִיז אֵייךְ
גִיוָוארְצִילְט וִויא אַיין אַלְטֶער גְרִינֶענְדֶער בּוֹים׃ (לו) ויעבור אָבֶּער פְּלוּצְלוּנְג גֵייט עֶר
אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ עֶר אִיז נִיטָא אוּנ אִיךְ הָאבּ אִים גִיזוּכְט אוּנ עֶר וֶוערְט נִיט
גֶעפוּנֶען׃ (לז) שמר הִיט צוּ זַיין פְרוּם אוּנ זֶעה צוּ זַיין רֶעכְטְפַארְטִיג וָוארוּם אַיין גוּטֶער
סוֹף אִיז נָאר צוּ אַיין פְרִידְלִיכֶען מֶענְטְשְׁן׃ (לח) ופושעים אָבֶּער דִי פוֹשְׁעִים וֶוערִן פַאר
טִילִיגְט אַלֶע אִין אֵיינֶעם. דֶער סוֹף פוּן דִי רְשָׁעִים אִיז פַאר שְׁנִיטִין צוּ וֶוערִן׃ (לט) ותשועת
אוּנ דִיא הִילְף פוּן דִיא צַדִּיקִים אִיז פוּן גָאט. עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְקֵייט אִין אַיין עֶנְגֶע
צַייט׃ (מ) ויעזרם אוּנ גָאט הֶעלְפְט זַייא אוּנ רֶעטֶעט זֵיי. עֶר טוּט זַייא רֶעטִין פוּן דִיא
רְשָׁעִים אוּנ עֶר הֶעלְפְט זַייא וָוארוּם זַייא הָאבִּין זִיךְ בַּאשִׁיצְט אִין אִים׃

לח (א) מזמור אַיין לוֹיבּ צוּ דָוִד צוּ דֶר מָאנֶען פַר הַשֵּׁי"ת זַיינֶע צָרוֹת׃ (ב) יי גָאט נִיט מִיט
דַיין צָארִין זָאלְסְטוּ מִיךְ שְׁטְרָאפִין אוּנ נִיט מִיט דַיין גְרִים צָארְן זָאלְסְטוּ
מִיךְ שְׁטְרָאפְן׃ (ג) כי וָוארוּם דַיינֶע פַיילְן טוּעְן נִידֶערְן אִין מִיר אוּנ עֶס טוּט נִידֶערִין
אוֹיף מִיר דִיא מַאכְט פוּן דַיין הַאנְד׃ (ד) אין עֶס אִיז נִיטָא קֵיין גַאנְצֶער אָרְט אִין מַיין
קערפער

רֹאשִׁי כְּמַשָּׂא כָבֵד יִכְבְּדוּ מִמֶּנִּי: ו הִבְאִישׁוּ
נָמַקּוּ חַבּוּרֹתָי מִפְּנֵי אִוַּלְתִּי: ז נַעֲוֵיתִי שַׁחֹתִי עַד
מְאֹד כָּל הַיּוֹם קֹדֵר הִלָּכְתִּי: ח כִּי כְסָלַי מָלְאוּ
נִקְלֶה וְאֵין מְתֹם בִּבְשָׂרִי: ט נְפוּגוֹתִי וְנִדְכֵּיתִי עַד
מְאֹד שָׁאַגְתִּי מִנַּהֲמַת לִבִּי: י אֲדֹנָי נֶגְדְּךָ כָל
תַּאֲוָתִי וְאַנְחָתִי מִמְּךָ לֹא נִסְתָּרָה: יא לִבִּי סְחַרְחַר
עֲזָבַנִי כֹחִי וְאוֹר עֵינַי גַּם הֵם אֵין אִתִּי: יב אֹהֲבַי
וְרֵעַי מִנֶּגֶד נִגְעִי יַעֲמֹדוּ וּקְרוֹבַי מֵרָחֹק עָמָדוּ:
יג וַיְנַקְשׁוּ מְבַקְשֵׁי נַפְשִׁי וְדֹרְשֵׁי רָעָתִי דִּבְּרוּ הַוּוֹת
וּמִרְמוֹת כָּל הַיּוֹם יֶהְגּוּ: יד וַאֲנִי כְחֵרֵשׁ לֹא אֶשְׁמָע
וּכְאִלֵּם לֹא יִפְתַּח פִּיו: טו וָאֱהִי כְּאִישׁ אֲשֶׁר לֹא
שֹׁמֵעַ וְאֵין בְּפִיו תּוֹכָחוֹת: טז כִּי לְךָ יְיָ הוֹחָלְתִּי
אַתָּה תַעֲנֶה אֲדֹנָי אֱלֹהָי: יז כִּי אָמַרְתִּי פֶּן יִשְׂמְחוּ
לִי בְּמוֹט רַגְלִי עָלַי הִגְדִּילוּ: יח כִּי אֲנִי לְצֶלַע נָכוֹן

---

קערפער וועגין דיין צארין. עס איז קיין געזונד ניטא אין מיינע ביינער וועגין מיין זינד: (ה) כי דען מיינע עבירות זיינן איבער געגאנגען איבער מיין קאפ. ווי א שווערע משא זיינען זייא שווערער פון מיר: (ו) הבאישו זייא זיינען פאר דארבין זייא זיינן צו גאנגען מיינע בייזין וועגן מיין נארעשקייט: (ז) נעויתי איך בין צו קריכט. איך בין זייער געבויגן. אגאנצן טאג גייא איך אום שווארץ פון צרות: (ח) כי דען מיינע נירין זיינען פול מיט ברענעדיגע היץ און עס איז ניטא קיין גאנצקייט אין מיין לייב: (ט) נפוגותי איך בין ווארן פאר שלאפט און איך בין זייער נידער געשלאגן. איך טוא שרייען מיט ברומונג פון מיין הארץ: (י) אדני גאט, אקעגן דיר איז בעוואוסט אלע מיינע פערלאנגען און מיינע זיפצן איז פון דיר ניט פערבארגין: (יא) לבי מיין הארץ איז ארום גירינגעלט מיט אנגסט. מיין כח האט מיך פאר לאזין און דיא ליכט פון מיינע אויגין איז אויך בייא מיר ניטא: (יב) אהבי מיינע ליב האבר און מיינע פריינד שטייען פון אנטקעגין מיין פלאג און מיינע נאהענטע פריינד שטייען פון וייטן: (יג) וינקשו און זיי זוכין נאך שטרויכלונג די וואס באגערין מיין נפש און דיא וואס פאר לאנגען מיין שלעכטש ריידין אונגערעכט. און פאלשקייט טוען זייא אגאנצן טאג ריידין: (יד) ואני און איך בין וויא א טויבער וואס איך הער ניט און ווי א שטומער טוט ניט עפינען זיין מויל: (טו) ואהי און איך בין אזוי וויא א מענש וואס הערט ניט און עס איז ניטא אין זיין מויל אפ רעדונגען: (טז) כי דען צו דיר גאט טוא איך האפין דוא זאלסט מיר ענטפערין גאט מיין גאט: (יז) כי דען איך האב געזאגט און
ניטראכט

וּמַכְאוֹבִי נֶגְדִּי תָמִיד׃ יט כִּי עֲוֺנִי אַגִּיד אֶדְאַג
מֵחַטָּאתִי׃ כ וְאֹיְבַי חַיִּים עָצֵמוּ וְרַבּוּ שֹׂנְאַי שָׁקֶר׃
כא וּמְשַׁלְּמֵי רָעָה תַּחַת טוֹבָה יִשְׂטְנוּנִי תַּחַת רָדְפִי
טוֹב׃ כב אַל תַּעַזְבֵנִי יי אֱלֹהַי אַל תִּרְחַק מִמֶּנִּי׃
כג חוּשָׁה לְעֶזְרָתִי אֲדֹנָי תְּשׁוּעָתִי׃

דעם מזמור האט דוד המלך מתפלל געווען אויף זיינע יסורים וואס האבן אים מבטל געווען פון תורה ג

יום ז לט א לַמְנַצֵּחַ לִידוּתוּן מִזְמוֹר לְדָוִד׃ ב אָמַרְתִּי
אֶשְׁמְרָה דְרָכַי מֵחֲטוֹא בִלְשׁוֹנִי אֶשְׁמְרָה
לְפִי מַחְסוֹם בְּעֹד רָשָׁע לְנֶגְדִּי׃ ג נֶאֱלַמְתִּי דוּמִיָּה
הֶחֱשֵׁיתִי מִטּוֹב וּכְאֵבִי נֶעְכָּר׃ ד חַם לִבִּי בְּקִרְבִּי
בַּהֲגִיגִי תִבְעַר אֵשׁ דִּבַּרְתִּי בִּלְשׁוֹנִי׃ ה הוֹדִיעֵנִי
יי קִצִּי וּמִדַּת יָמַי מַה הִיא אֵדְעָה מֶה חָדֵל אָנִי׃
ו הִנֵּה טְפָחוֹת נָתַתָּה יָמַי וְחֶלְדִּי כְאַיִן נֶגְדֶּךָ אַךְ
כָּל הֶבֶל כָּל אָדָם נִצָּב סֶלָה׃ ז אַךְ בְּצֶלֶם יִתְהַלֶּךְ

---

געטראכט טאמער וועלן זיי זיך אויף מיר פרייען. דען אז מיין פוס האט זיך אויס
געגליטשט האבן זיא זיך אויף מיר געגרייסט׃ (יח) כי ווארום איך בין צו אבראך אן
געברייט און מיין ווייטאג איז אקעגן מיר שטענדיג׃ (יט) כי דען מיינע עבירות זאג
איך און איך טיא זיך מתודה זיין איך טוא זארגן פון מיינע זינד׃ (כ) ואויבי און מיינע
פיינט לעבן מיט גרויס נחת און זיינען שטארק. און זיי זיינען פיל מיינע אומזיסטע
פיינט׃ (כא) ומשלמי און אויך די וואס באצאלין שלעכטס פר גוטס וואס איך האב זיי
געטאן. זיי האסין מיך ווייל איך יאג נאך גוטס צו טאן׃ (כב) אל דרום זאלסטו מיך
ניט פאר לאזן גאט מיין גאט דו זאלסט דיך ניט דער ווייטערין פון מיר׃ (כג) חושה
אייל צו מיין הילף. גאט וואס דוא ביסט מיין הילף׃

לט (א) למנצח צום זאנגמייסטער וואס שפילט אויף דעם כלי זמר וואס הייסט ידותון
א געזאנג צוא דוד׃ (ב) אמרתי איך האב געטראכט איך וועל היטן מיינע
וועגן פון צו זינדיגען מיט מיין צונג איך וועל היטן צו מיין מויל איין שלאס חאטש
דערטאמאל אז דער רשע שטייט אנקעגן מיר׃ (ג) נאלמתי איך בין שטום געווארן פון שטיל
שווייגן וואס איך האב געשוויגן אפילו פון דברי תורה ווייל מיין ווייטאג איז בטריבט׃
(ד) חם מיין הארץ איז דר היצט אין מיר. אין מיין דיינקען טוט ברענען אפייער דאס
איך האב גימוזט שוין ארויס ריידין מיט מיין צונג׃ (ה) הודיעני זאיי מיר גאט מודיע
מיין סוף און דיא מאס פון מיינע יארין וויפיל איז עס וויפיל וועט געווערין מיינע
אנגסטין. איך וויל וויסין וואס אונ ווען איך בין פאר מיטין פון מיינע יסורים׃
(ו) הנה נון גימאסטן וויא מיט איין הויפין האסטו צו גימאסטן מיינע יארין, און מיין

אִישׁ אַךְ הֶבֶל יֶהֱמָיוּן יִצְבֹּר וְלֹא יֵדַע מִי אֹסְפָם:
ח וְעַתָּה מַה קִּוִּיתִי אֲדֹנָי תּוֹחַלְתִּי לְךָ הִיא:
ט מִכָּל פְּשָׁעַי הַצִּילֵנִי חֶרְפַּת נָבָל אַל תְּשִׂימֵנִי:
י נֶאֱלַמְתִּי לֹא אֶפְתַּח פִּי כִּי אַתָּה עָשִׂיתָ:
יא הָסֵר מֵעָלַי נִגְעֶךָ מִתִּגְרַת יָדְךָ אֲנִי כָלִיתִי:
יב בְּתוֹכָחוֹת עַל עָוֹן יִסַּרְתָּ אִישׁ וַתֶּמֶס כָּעָשׁ
חֲמוּדוֹ אַךְ הֶבֶל כָּל אָדָם סֶלָה: יג שִׁמְעָה תְפִלָּתִי
יי וְשַׁוְעָתִי הַאֲזִינָה אֶל דִּמְעָתִי אַל תֶּחֱרַשׁ כִּי גֵר
אָנֹכִי עִמָּךְ תּוֹשָׁב כְּכָל אֲבוֹתָי: יד הָשַׁע מִמֶּנִּי
וְאַבְלִיגָה בְּטֶרֶם אֵלֵךְ וְאֵינֶנִּי:

דער מִזְמוֹר אִיז צוּא זָאגֶען נָאךְ אַיין קְרַאנְקְהַייט אָדֶער אַז מֶען אִיז נִיצוֹל גִיוָוארִין פוּן אַיין צָרָה ח״ו:

מ א לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד מִזְמוֹר: ב קַוֹּה קִוִּיתִי יי וַיֵּט אֵלַי
וַיִּשְׁמַע שַׁוְעָתִי: ג וַיַּעֲלֵנִי מִבּוֹר שָׁאוֹן מִטִּיט
הַיָּוֵן וַיָּקֶם עַל סֶלַע רַגְלַי כּוֹנֵן אֲשֻׁרָי: ד וַיִּתֵּן בְּפִי

צַייט אויף דֶער וָועלְט אִיז וִויא גָישְׁט אַקֶעגֶין דִיר. עֶס אִיז גָאר גִיט דֶער בֶּאשְׁטַאנְד
פוּן יֶעדֶער מֶענְטְשְׁן אויף דֶר וֶועלְט: (ז) אך נָאר אִין דֶר פִינְסְטֶער גֵייט אַרוּם דֶר מֶענְטְשׁ
נוּר וֶועגֶן נַארִישְׁקַייט טוּעֶן זַייא בְּרוּמֶען עֶר טוּט אַיין זַאמְלֶען גֶעלְד אוּנ עֶר וַויים נִיט
וֶוער עֶס וֶועט עֶס צוּ נֶעמֶען נָאךְ זַיין טוֹיט: (ח) ועתה אוּנ אִיצוּנְד וָואס אִיז מַיין הָאפְנוּנְג
גָאט. מַיין הָאפְנוּנְג אִיז נָאר צוּ דִיר: (ט) מכל פוּן אַלֶע מַיינֶע זִינְד רֶעטֶע מִיךְ. דִיא
שַׁאנְד פוּן אַשְׁלֶעכְטִין זָאלְסְטוּ מִיךְ נִיט טָאן: (י) נאלמתי אִיךְ בִּין פַר שְׁטוּמְט אִיךְ טוּא
גִיט עֶפִינֶען מַיין מוֹיל וָוארוּם וָואס דוּא הָאסְט גִיטָאן אִיז בְּוַדַאי רֶעכְט: (יא) הסר טוּא
אָפּ פוּן מִיר דַיין פְּלָאג. פוּן דֶער שְׁטְרָאף וָואס דוּא שְׁטְרָאפְסְט מִיט דַיין מַאכְט בִּין
אִיךְ פַאר לֶענְט: (יב) בתוכחות מִיט דֶער שְׁטְרָאף וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה אויף
עֲבֵרוֹת הָאסְטוּ גִישְׁטְרָאפְט דֶעם מֶענְשִׁין אוּנ עֶס אִיז צוּ גַאנְגֶען וִויא אַמִילְב וָואס
מַאכְט מָאִיל פוּן קְלֵיידֶער זַיין גִילוּסְטִיקַייט. גַייעֶרְט נַארְהַייט אִיז אִיטְלִיכֶער מֶענְשׁ:
(יג) שמעה הָארְךְ מַיין גִבֶּעט גָאט אוּנ מַיין גִישְׁרַייא פַר נֶעם. צוּ מַיינֶע טְרֶערִין זָאלְסְטוּ
נִיט שְׁוַייגִין וָוארוּם אִיךְ בִּין וִויא אַגֵר אויף דֶער וֶועלְט אַנְקֶעגִין דִיר. נוּר וִויא
אַפְרֶעמְדֶער אַיינְוואוינֶער וָואס בַּאזֶעצְט זִיךְ אַזוֹ וִויא אַלֶע מַיינֶע עֶלְטֶערִין: (יד) השע
קֶער אָפּ פוּן מִיר מַיינֶע צָרוֹת כְּדֵי אִיךְ זָאל זִיךְ שְׁטַארְקִין אֵיידֶער אִיךְ וֶועל אַוֶועק
גַיין פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ וֶועל נִיט דָא זַיין:

מ (א) למנצח לדוד מזמור: (ב) קוה הָאפִין טוּא אִיךְ הָאפִין צוּא גָאט אוּנ עֶר הָאט זִיךְ
גִינֵייגְט צוּא מִיר אוּנ הָאט גִיהֶערְט מַיין גִישְׁרַייא: (ג) ויעלני אוּנ עֶר הָאט
מִיךְ אויף גִיבְּרַאכְט פוּן אַפִינְסְטֶערֶע גְרוּבּ פוּן אַזוּמְפִּיגֶען לֵיים אוּנ עֶר הָאט אויף
גישטעלט

שִׁיר חָדָשׁ תְּהִלָּה לֵאלֹהֵינוּ יִרְאוּ רַבִּים וְיִירָאוּ
וְיִבְטְחוּ בַּיְיָ: ה אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר שָׂם יְיָ מִבְטַחוֹ
וְלֹא פָנָה אֶל רְהָבִים וְשָׂטֵי כָזָב: ו רַבּוֹת עָשִׂיתָ
אַתָּה יְיָ אֱלֹהַי נִפְלְאֹתֶיךָ וּמַחְשְׁבֹתֶיךָ אֵלֵינוּ אֵין
עֲרֹךְ אֵלֶיךָ אַגִּידָה וַאֲדַבֵּרָה עָצְמוּ מִסַּפֵּר: ז זֶבַח
וּמִנְחָה לֹא חָפַצְתָּ אָזְנַיִם כָּרִיתָ לִּי עוֹלָה וַחֲטָאָה
לֹא שָׁאָלְתָּ: ח אָז אָמַרְתִּי הִנֵּה בָאתִי בִּמְגִלַּת
סֵפֶר כָּתוּב עָלָי: ט לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹהַי חָפָצְתִּי
וְתוֹרָתְךָ בְּתוֹךְ מֵעָי: י בִּשַּׂרְתִּי צֶדֶק בְּקָהָל רָב
הִנֵּה שְׂפָתַי לֹא אֶכְלָא יְיָ אַתָּה יָדָעְתָּ: יא צִדְקָתְךָ
לֹא כִסִּיתִי בְּתוֹךְ לִבִּי אֱמוּנָתְךָ וּתְשׁוּעָתְךָ אָמָרְתִּי
לֹא כִחַדְתִּי חַסְדְּךָ וַאֲמִתְּךָ לְקָהָל רָב: יב אַתָּה יְיָ
לֹא תִכְלָא רַחֲמֶיךָ מִמֶּנִּי חַסְדְּךָ וַאֲמִתְּךָ תָּמִיד

---

גִישְׁטֶעלְט אוֹיף אַפֶעלְזִין מַיינֶע פִיס עֶר הָאט פֶעסְט גִישְׁטֶעלְט מַיינֶע טְרִיט אִיךְ זָאל
נִיט אַיין זִינְקֶען: (ד) ויתן אוּן עֶר הָאט גִיגֶעבִּין אִין מַיין מוֹיל אַיין נַייעֶ גִיזַאנְג. אַלוֹיבּ
צוּ אוּנְזֶער גָאט. עֶס זָאלִין פִיל מֶענְשִׁין זֶעהִין דִיא הַשְׁגָחָה פוּן הַשֵׁ"י אוּן זֵייא וֶועלִין
זִיךְ פָארְכְטִין אוּן וֶועלִין זִיךְ פַאר זִיכֶערִין אוֹיף גָאט: (ה) אשרי ווֹאוֹל דֶעם מֶענְשִׁין
וָואס עֶר הָאט גִימַאכְט גָאט זַיין פַאר זִיכֶערְנִישׁ אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִיט גִיקֶערְט צוּ
שְׁטָאלְצֶע אוּן צוּ דִיא וָואס קֶערִין זִיךְ צוּ לִיגֶענְס: (ו) רבות פִיל וואוּנְדֶער הָאסְטוּ גִיטָאן
גָאט מַיין גָאט. דַיינֶע וואוּנְדֶער אוּן דַיינֶע טְרַאכְטוּנְג פַאר אוּנְז. עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין
זַאךְ מָען זָאל עֶס גְלַייכִין צוּ דִיר. וָוען אִיךְ זָאל וֶועלִין אוֹיס זָאגִין אוּן אוֹיס רֵיידִין
דַיינֶע פִיל וואוּנְדֶער זַיינֶען זֵייא צוּ פִיל פוּן צוּ קֶענֶען זֵייא אוֹיס דֶער צֵיילִין: (ז) זבח
אַשְׁלַאכְט אָפְּפֶער אוּן אַמִנְחָה הָאסְטוּ נִיט בַּאגֶערְט. אוֹיעֶרִין הָאסְטוּ מִיר גִילֶעכֶערְט
אִיךְ זָאל הֶערִין דִבְרֵי תוֹרָה. אַקָרְבָּן עוֹלָה אוּן אַקָרְבַּן חַטָאת הָאסְטוּ נִיט גִיבֶּעטִין אַז
דוּ הָאסְט דִי תוֹרָה גִיגֶעבִּין: (ח) אז דֶענְסְטְמָאל בִּשְׁעַת מַתַּן תוֹרָה הָאבּ אִיךְ גִזָאגְט נוּן
אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּם בַּארְג סִינַי כְּדֵי צוּ הַאלְטִין וָואס הַשֵׁ"י וֶועט הֵייסִין אִין דֶער תוֹרָה
וָואס שְׁטֵייט גִישְׁרִיבִּין וֶועגִין מִיר: (ט) לעשות צוּ טָאן דַיין ווִילִין מַיין גָאט הָאבּ אִיךְ גִיוָואלְט
אוּן דַיין תוֹרָה אִיז אִין מַיין הַארְצִין אוּן אִין מַיינֶע אִינְגֶעוֵויד: (י) בשרתי אִיךְ הָאבּ אָן
גִיזָאגְט דָאס הֵייסְט אִיךְ הָאבּ דֶער צֵיילְט דָס גִירֶעכְטִיקַייט פוּן גָאט צְוִוישִׁין גְרוֹיס אַיין
זַאמְלוּנְג נוּן מַיינֶע לֶעפְצִין וֶועל אִיךְ נִיט פַאר מֵיידִין. גָאט דוּ וֵוייסְט: (יא) צדקתך דַיין
גִירֶעכְטִיקַייט הָאבּ אִיךְ נִיט פַאר הוֹילִין אִין מַיין הַארְצִין, דַיין וַוארְהַייט אוּן דַיין הִילְף
הָאבּ אִיךְ גִזָאגְט. אִיךְ הָאבּ נִיט פַר מִיטְן צוּ דֶר צֵיילִין דַיין גִינָאד אוּן דַיין וַוארְהַייט
צוּ פִיל אַיין זַאמְלוּנְג: (יב) אתה בֶּעט אִיךְ דִיר אַז דוּ גָאט זָאלְסְט נִיט פַאר מֵיידִין דַיין

יִצְּרוּנִי: יג כִּי אָפְפוּ עָלַי רָעוֹת עַד אֵין מִסְפָּר
הִשִּׂיגוּנִי עֲוֹנֹתַי וְלֹא יָכֹלְתִּי לִרְאוֹת עָצְמוּ
מִשַּׂעֲרוֹת רֹאשִׁי וְלִבִּי עֲזָבָנִי: יד רְצֵה יְיָ לְהַצִּילֵנִי
יְיָ לְעֶזְרָתִי חוּשָׁה: טו יֵבֹשׁוּ וְיַחְפְּרוּ יַחַד מְבַקְשֵׁי
נַפְשִׁי לִסְפּוֹתָהּ יִסֹּגוּ אָחוֹר וְיִכָּלְמוּ חֲפֵצֵי רָעָתִי:
טז יָשֹׁמּוּ עַל עֵקֶב בָּשְׁתָּם הָאֹמְרִים לִי הֶאָח הֶאָח:
יז יָשִׂישׂוּ וְיִשְׂמְחוּ בְּךָ כָּל מְבַקְשֶׁיךָ יֹאמְרוּ תָמִיד
יִגְדַּל יְיָ אֹהֲבֵי תְּשׁוּעָתֶךָ: יח וַאֲנִי עָנִי וְאֶבְיוֹן אֲדֹנָי
יַחֲשָׁב לִי עֶזְרָתִי וּמְפַלְטִי אַתָּה אֱלֹהַי אַל תְּאַחַר:

דער מזמור בים דער ווערן צדקה צוא געבן איין חולה וואס ער דארף:

מא א לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: ב אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל
בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְיָ: ג יְיָ יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ
וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: ד יְיָ יִסְעָדֶנּוּ
עַל עֶרֶשׂ דְּוָי כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: ה אֲנִי

---

דער בארימהערציקייט פון מיר. דיין גינאד און דיין ווארהייט זאלין מיר שטענדיג היטן: (יג) כי וואררום עס האבן ארום גירינגעלט אויף מיר שלעכטעש אן אצאל. עס האבן מיר גיגרייכט די מקטרגים פון מיינע עבירות און איך קען ניט זעהן פאר אנגסטין. זייא זיינען מער פון דיא האר פון מיין קאפ און מיין הארץ האט מיר פאר לאזין פון צו שטארקין מיך: (יד) רצה זאיי באוויליגט גאט מיר מציל צו זיין. גאט צו מיין הילף איייל: (טו) יבשו זייא זאלין פר שעמט ווערן אלע די וואס באגערן מיין לייב צו פר לענדן. זיי זאלין צוריק טרעטן אהינטער און זיי זאלין פר שעמט ווערין די וואס באגערין מיין שלעכטין: (טז) ישומו מען זאל זיך וואונדערן אויף דעם סוף וואס זייא וועלין פאר שעמט ווערין וואס זאגן אויף מיר אפרייד אפרייד: (יז) ישישו זיי זאלין זיין לוסטיג און זאלין זיך פרייען מיט דיין הילף אלע וואס באגערן דיך. זיי זאלין שטענדיג זאגן גאט זאל דער הויבין זיין די וואס ליבען דיין הילף: (יח) ואני און איך בין איין ארימער און אנויט בדערפטיגער. גאט זאל פאר מיר טראכטין. מיין הילף און מיין רעטער ביסטו. מיין גאט זאלסט ניט פאר זאמען פון צו העלפין מיר:

מא (א) למנצח מזמור לדוד: (ב) אשרי וואויל דעם מענטשין וואס ער קליגט זיך צום ארימאן צוא געבין צדקה מען זאל אים ניט פאר שעמען. אין דעם טאג פון אונגליק וועט אים גאט דר פאר אנטרינען: (ג) יי גאט וועט אים היטן און וועט איהם לאזן לעבן, ער וועט ווערן גלויבט און גשטארקט אויף דר וועלט און דו וועסט אים ניט איבער געבן אין דעם ווילין פון זיינע פיינט: (ד) יי גאט וועט אים אונטער לעהנען דענסטמאל ווען ער ליגט אויף דעם קראנקען בעט דעם זיבעטן טאג פון דער קרייניק

אָמַרְתִּי יְיָ חָנֵּנִי רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ׃
ו אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ׃ ז וְאִם
בָּא לִרְאוֹת שָׁוְא יְדַבֵּר לִבּוֹ יִקְבָּץ אָוֶן לוֹ יֵצֵא
לַחוּץ יְדַבֵּר׃ ח יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל שֹׂנְאָי עָלַי
יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי׃ ט דְּבַר בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ וַאֲשֶׁר
שָׁכַב לֹא יוֹסִיף לָקוּם׃ י גַּם אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר
בָּטַחְתִּי בוֹ אוֹכֵל לַחְמִי הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב׃ יא וְאַתָּה
יְיָ חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם׃ יב בְּזֹאת יָדַעְתִּי
כִּי חָפַצְתָּ בִּי כִּי לֹא יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי׃ יג וַאֲנִי בְּתֻמִּי
תָּמַכְתָּ בִּי וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם׃ יד בָּרוּךְ יְיָ
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן׃

## ספר שני

דער מזמור פון דער וועקן די הערצער פון די ישראל אויף דעם חורבן בית המקדש:

מב א לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח׃ ב כְּאַיָּל תַּעֲרֹג

דענסטמאל אז זיין געלעגער איז זייער שלאף האסטו אים פר קערט אין זיין קרענק
און האסט אים געהאלפן: (ה) אני איך דוד פלעג זאגן אז איך בין געוועזן קראנק, גאט
לייטזעליג מיך היילן מיין נפש ווען אפילו איך האב גזינדיגט צו דיר: (ו) אויבי מיינע
פיינט זאגן שלעכטע ווערטער אויף מיר, ווען וועט ער שוין שטארבן און ווען וועט
ווערן פערלארין זיין נאמען: (ז) ואם און ווען איינער קומט מיך זעהן רעט ער מיט
מיר פאלש און מאכט זיך פר אפריינד. זיין הארץ זאמילט דא צונויף דם אומרעכט
וואס ער קאן ניט ריידין פר מיר און ווען ער גייט ארויס אין גאס טוט ער ריידין דאס
שלעכטש וואס ער האט געטראכט: (ח) יחד אלע מיינע שונאים ריידין איבער מיר
צוזאמען שטילערהייד כדי איך זאל ניט הערן. זיי טראכטן וועגן מיר וויא צו ברענגן
שלעכטעס אויף מיר: (ט) דבר די שאלקהאפטיגע זאכין וואס ער האט געטאן איז אין
אים ארין געגאסן דאס הייסט איבער זיינע עבירות איז ער קראנק דרום אז ער ליגט
שוין קראנק וועט ער שוין ניט אויפשטיין: (י) גם אויך דער מענטש וואס איך האב
אים געהאלטן אז ער איז מיט מיר אין שלום וואס איך האב מיר אין אים פר זיכערט
וואס עסט מיין ברויט טוט אויך הייבין אויף מיר זיין טריט: (יא) ואתה אבער דוא גאט
לייטזעליג מיך און שטעל מיך אויף און איך וועל זייא באצאלין גוטס: (יב) בזאת מיט
דעם וועל איך וויסן דאס דוא באגערסט אין מיר ווען מיין פיינט וועט ניט שאלן פאר
שמחה איבער מיך ווען מיר איז שלעכט: (יג) ואני און איך ווייל איך בין געבליבן אין
מיין פרומקייט האסטו מיך אונטער געשפארט אין מיין קרענק און האסט מיך אויף
געשטעלט פאר דיר אז איך זאל געזונד זיין כל זמן איך וועל לעבן: (יד) ברוך געלויבט

עַל אֲפִיקֵי מָיִם כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים:
ג צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים לְאֵל חָי מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה
פְּנֵי אֱלֹהִים: ד הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה
בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: ה אֵלֶּה אֶזְכְּרָה
וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ אֶדַּדֵּם עַד
בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל רִנָּה וְתוֹדָה הָמוֹן חוֹגֵג: ו מַה
תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִלִי לֵאלֹהִים כִּי
עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: ז אֱלֹהַי עָלַי נַפְשִׁי
תִשְׁתּוֹחָח עַל כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן וְחֶרְמוֹנִים
מֵהַר מִצְעָר: ח תְּהוֹם אֶל תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל
צִנּוֹרֶיךָ כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: ט יוֹמָם
יְצַוֶּה יְיָ חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי תְּפִלָּה לְאֵל

---

איז גאָט דער גאָט פון ישׂראל פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערין עק וועלט אונ פון
דער וועלט ביז יענער וועלט אָמֵן וְאָמֵן:

מב (א) למנצח משכיל לבני קרח צום זאַנג מייסטער. איינע בעלעהרונג צו דיא קינדער
פון קֹרַח: (ב) כאיל תערוג אַזוֹא וויא איין אינד טוט שרייען אונ גילוסטין צו
אַקוועלע וואַסער אַזו טוט מיין נפש גילוסטין צו דיר גאָט: (ג) צמאה מיין לייב איז
דאַרשטיג אונ גילוסט צו גאָט וואָס לעבט אייביג וויא אַדאַרשטיגער צו טרינקען.
ווען וועל איך קומען אונ וועל ווערין גיזעהען פאַר גאָט ב״ה: (ד) היתה עס איז מיר
גיוועזן מיינע טרערין וויא ברויט טאָג אונ נאַכט זייא האָבן מיך גיזעטיגט ווייל מען
טוט מיר זאָגן אַלע טאָג וואו איז דיין גאָט: (ה) אלה דאָס טוא איך זיך דר מאָנען אונ
עס צו גיסט זיך אין מיר מיין זעלע אַז איך פלעג איבער פאָרין מיט באַדעקטע וועגין
איך פלעג שטיל גיין אָן פחד פאַר שונאים ביז מיר פלעגין קומען אין גאָטס הויז אין
בית המקדש מיט איין קול פון גיזאַנג אונ מיט לויב לידער אונ ברומונג פון פיל לייט
וואָס זיינען גיגאַנגען עולה לרגל זיין דאָרט צו זיין יו״ט: (ו) מה וואָס טוסטו זיך אַזו
איין בייגין אויף מיר מיין זעלע אונ וואָרום טוסטו ברומען פר גרויס צער. האָף צו
גאָט איך וועל אים נאָך לויבן פאַר דער הילף וואָס פון אים וועט זיין: (ז) אלהי זאָגט
ווידער דוד המלך. מיין גאָט אויף מיר טוט מיין זעלע זיך איין בייגן דרום ווייל איך
דר מאָן מיך וואָס פר נסים דוא האָסט אונז גיטאָן אין דאָס לאַנד פון ירדן אונ בייא
דיא בערג פון חרמון אַז מיר זיינען אַוועק גיגאַנגען פון דעם באַרג סיני. אָבער
היינט. (ח) תהום איין אַ גרונד דאָס הייסט איין טיפע צרה צו דער אַנדערע צרה טוט
רופין פון דיינע רינעס וואָס לויפט פיל וואַסער מיט אַמאָל אַזוי קומען אָן מיינע
צרות. אַלע דיינע וועלען אונ דיינע אינדען פון ים זיינען אויף מיר איבער גיפאָרין
דאָס הייסט אַזעלכע גרויסע צרות: (ט) יומם עס זאָל שוין ווערן טאָג דאָס הייסט איין
דער

חיי: י אומרה לאל סלעי למה שכחתני למה קדר
אלך בלחץ אויב: יא ברצח בעצמותי חרפוני
צוררי באמרם אלי כל היום איה אלהיך: יב מה
תשתוחחי נפשי ומה תהמי עלי הוחילי לאלהים
כי עוד אודנו ישועות פני ואלהי:

דער און דער צווייטער מזמור זיינען תפלות אויף דער גאולה און איין קינה אויף צרות ישראל:

מג א שפטני אלהים וריבה ריבי מגוי לא חסיד
מאיש מרמה ועולה תפלטני: ב כי אתה
אלהי מעוזי למה זנחתני למה קדר אתהלך
בלחץ אויב: ג שלח אורך ואמתך המה ינחוני
יביאוני אל הר קדשך ואל משכנותיך:
ד ואבואה אל מזבח אלהים אל אל שמחת גילי
ואודך בכנור אלהים אלהי: ה מה תשתוחחי
נפשי ומה תהמי עלי הוחילי לאלהים כי עוד
אודנו ישועות פני ואלהי:

---

דער לייכטונג פון צרות און גאט זאל שאפן זיין חסד צו מיר און ביי נאכט אין דאגות זאל זיין געזאנג זיין מיט מיר דאס ער זאל מיר העלפן. איך בעט דס בייא גאט וואס היט מיין לעבין: (י) אומרה איך זאג צו גאט וואס ער איז מיין שטארקייט ווי אפעלזין פר וואס האסטו מיך היינט פר געסין ווארום זאל איך אום גיין פאר שווארצט דורך די דריקונג פון פיינט: (יא) ברצח עס איז גלייך וויא מען שטעכט אין מיינע ביינער מיט אשווערד ווען מיינע באליידיגער לעסטערין מיך מיט דעם וואס זיי זאגן צו מיר אלע טאג וואו איז דיין גאט: (יב) מה וואס טוסטו זיך איין בייגן מיין נפש און וואס טוסטו ברומען אויף מיר. האף צו גאט ווארום איך וועל אים נאך לויבין ווייל ער איז דיא הילף פון דיא ליכטיקייט פון מיין פנים און מיין גאט:

מג (א) שפטני. דוד המלך זאגט משפט מיך גאט פון מיינע שונאים און קריג מיין קריג פון אזו אפאלק וואס איז ניט פרום. פון איין פאלשין און איין אונגירעכטין מענטשין זאלסטו מיך אנטרינען: (ב) כי ווארום דוא ביסט מיין גאט מיין שטארקער ווארום האסטו מיך פר לאזין ווארום זאל איך ארום גיין פאר שווארצט דורך דיא דריקונג פון פיינט: (ג) שלח שיק דיין ליכט און דיין ווארהייט זיי זאלין מיך פירין. זייא זאלן מיך בריינגען צו דיין הייליגען בארג און צו דיינע וואוינונגן: (ד) ואבואה און דאן וועל איך קומען צו דעם מזבח פון גאט צום שטארקין גאט וואס איך פרייא מיך מיט אים און איך וועל דיך לויבין מיט איין פידיל גאט מיין גאט: (ה) מה תשתוחחי וגו׳:

יום ח מד א לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי קֹרַח מַשְׂכִּיל: ב אֱלֹהִים
בְּאָזְנֵינוּ שָׁמַעְנוּ אֲבוֹתֵינוּ סִפְּרוּ לָנוּ פֹּעַל
פָּעַלְתָּ בִימֵיהֶם בִּימֵי קֶדֶם: ג אַתָּה יָדְךָ גּוֹיִם
הוֹרַשְׁתָּ וַתִּטָּעֵם תָּרַע לְאֻמִּים וַתְּשַׁלְּחֵם: ד כִּי לֹא
בְחַרְבָּם יָרְשׁוּ אָרֶץ וּזְרוֹעָם לֹא הוֹשִׁיעָה לָּמוֹ כִּי
יְמִינְךָ וּזְרוֹעֲךָ וְאוֹר פָּנֶיךָ כִּי רְצִיתָם: ה אַתָּה הוּא
מַלְכִּי אֱלֹהִים צַוֵּה יְשׁוּעוֹת יַעֲקֹב: ו בְּךָ צָרֵינוּ
נְנַגֵּחַ בְּשִׁמְךָ נָבוּס קָמֵינוּ: ז כִּי לֹא בְקַשְׁתִּי אֶבְטָח
וְחַרְבִּי לֹא תוֹשִׁיעֵנִי: ח כִּי הוֹשַׁעְתָּנוּ מִצָּרֵינוּ
וּמְשַׂנְאֵינוּ הֱבִישׁוֹתָ: ט בֵּאלֹהִים הִלַּלְנוּ כָל הַיּוֹם
וְשִׁמְךָ לְעוֹלָם נוֹדֶה סֶלָה: י אַף זָנַחְתָּ וַתַּכְלִימֵנוּ
וְלֹא תֵצֵא בְּצִבְאוֹתֵינוּ: יא תְּשִׁיבֵנוּ אָחוֹר מִנִּי צָר
וּמְשַׂנְאֵינוּ שָׁסוּ לָמוֹ: יב תִּתְּנֵנוּ כְּצֹאן מַאֲכָל וּבַגּוֹיִם
זֵרִיתָנוּ: יג תִּמְכֹּר עַמְּךָ בְלֹא הוֹן וְלֹא רִבִּיתָ

---

מד (א) למנצח לבני קרח משכיל: (ב) אלהים גאט מיט אונזערע אויערן האבן מיר געהערט
אונזערע עלטערין האבן אונז דר ציילט די ווערק וואס דו האסט געווערקט אין
זייערע טעג פר צייטן: (ג) אתה דו מיט די מאכט פון דיין האנד האסטו פעלקער פאר
טריבן אונ האסט איין גיפלאנצט די ישראל אויף זייער ארט. האסט צו בראכין די
פעלקער כנען אונ האסט זייא ארויס געטריבן פון ארץ ישראל: (ד) כי ווארום ניט
מיט זייער שווערד האבן די ישראל גירשת ארץ ישראל אונ זייער שטארקייט פון
זייער ארעם האט זיי ניט גיהאלפין נייערט דיין רעכטע האנד אונ דיין שטארקער
ארעם אונ דאס ליכט פון דיין אנגעזיכט ווייל דוא האסט זיי באוויליגט: (ה) אתה דו
ביסט מיין מלך גאט. דוא זאלסט פר זאגן איצונד אויך דס עס זאל קומען די הילף
פון יעקב: (ו) בך מיט דיין הילף וועלן מיר פאר שטויסן אונזערע באליידיגער. מיט
דיין נאמען וואס מיר רופן דיך אן וועלן מיר צו טרעטן אונזרע פיינט: (ז) כי ווארום
ניט אויף מיין בויגן טוא איך מיך פר זיכערן אונ מיין שווערד קען מיר ניט העלפן:
(ח) כי ווארום דוא האסט אונז גיהאלפן פון אונזערע באליידיגער אונ אונזערע פיינט
האסטו גימאכט פר שעמען: (ט) באלהים מיט גאט רימען מיר זיך אגאנצן טאג אונ דיין
נאמען וועלן מיר אייביג לויבן: (י) אף דאטש דו האסט פר לאזין אונ האסט אונז פר
שעמט אונ גייסט ניט אין אונזר חיל צו העלפין אונז: (יא) תשיבנו דו האסט אונז פאר
קערט אהינטער פון באליידיגר אונ אונזערע פיינט האבן פון אונז גרויבט צו זיי: (יב) תתננו
האסט אונז גיגעבין וויא שאף צום עסין אונ צווישן פעלקער האסטו אונז פאר
שפרייט: (יג) תמכור דוא האסט איבער גיענטפערט דיין פאלק גאר אן געלט אונ דוא
האסט

בִּמְחִירֵיהֶם: יד תְּשִׂימֵנוּ חֶרְפָּה לִשְׁכֵנֵינוּ לַעַג וָקֶלֶס
לִסְבִיבוֹתֵינוּ: טו תְּשִׂימֵנוּ מָשָׁל בַּגּוֹיִם מְנוֹד רֹאשׁ
בַּלְאֻמִּים: טז כָּל הַיּוֹם כְּלִמָּתִי נֶגְדִּי וּבֹשֶׁת פָּנַי
כִּסָּתְנִי: יז מִקּוֹל מְחָרֵף וּמְגַדֵּף מִפְּנֵי אוֹיֵב וּמִתְנַקֵּם:
יח כָּל זֹאת בָּאַתְנוּ וְלֹא שְׁכַחֲנוּךָ וְלֹא שִׁקַּרְנוּ
בִּבְרִיתֶךָ: יט לֹא נָסוֹג אָחוֹר לִבֵּנוּ וַתֵּט אֲשֻׁרֵינוּ מִנִּי
אָרְחֶךָ: כ כִּי דִכִּיתָנוּ בִּמְקוֹם תַּנִּים וַתְּכַס עָלֵינוּ
בְצַלְמָוֶת: כא אִם שָׁכַחְנוּ שֵׁם אֱלֹהֵינוּ וַנִּפְרֹשׂ כַּפֵּינוּ
לְאֵל זָר: כב הֲלֹא אֱלֹהִים יַחֲקָר זֹאת כִּי הוּא יֹדֵעַ
תַּעֲלֻמוֹת לֵב: כג כִּי עָלֶיךָ הֹרַגְנוּ כָל הַיּוֹם נֶחְשַׁבְנוּ
כְּצֹאן טִבְחָה: כד עוּרָה לָמָּה תִישַׁן אֲדֹנָי הָקִיצָה אַל
תִּזְנַח לָנֶצַח: כה לָמָּה פָנֶיךָ תַסְתִּיר תִּשְׁכַּח עָנְיֵנוּ
וְלַחֲצֵנוּ: כו כִּי שָׁחָה לֶעָפָר נַפְשֵׁנוּ דָּבְקָה לָאָרֶץ

---

הָאסְט נִיט גִימֶערְט קֵיין פִיל גָעלְט פַאר זַייעֶר פְרַייז: (יד) תשימנו דוּ הָאסְט אוּנְז גִמַאכְט
צוּ שַׁאנְד פַאר אוּנְזֶערֶע שְׁכֵנִים. אַגִישְׁפָּאט אוּנ אַשַׁאנְד צוּ אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער וָואס
אַרוּם אוּנְז: (טו) תשימנו דוּא הָאסְט אוּנְז גִימַאכְט פַר אַיין בַּיישְׁפִּיל בַּייא דִי פֶעלְקֶער.
מֶען הָאט גִישָׁאקִילְט מִיט דֶעם קָאפּ אוֹיף אוּנְז בַּייא דִיא פֶעלְקֶער: (טז) כל אַגַאנְצִין
טָאג אִיז מַיין שַׁאנְד מִיר אַנְטְקֶעגִין אוּנ שַׁאנְד הָאט מַיין פָּנִים צוּ גִידֶעקְט: (יז) מקול
פוּן דִי שְׁטִימֶע פוּן דֶעם לֶעסְטֶערֶער וָואס לֶעסְטֶערְט מִיר אוּנ פַר שֶׁעמְט מִיר. פַאר
דֶעם פַיינְט וָואס אִיז זִיךְ נוֹקֵם אִין מִיר: (יח) כל וָוען אוֹיךְ דָס אַלְץ אִיז גִיקוּמֶען אוֹיף
אוּנְז הָאבְּן מִיר דִיךְ פָארְט נִיט פַאר גֶעסְן אוּנ מִיר הָאבְּן נִיט גִיפֶעלְשְׁט אִין דַיין בּוּנְד:
(יט) לא עֶס הָאט נִיט צוּרִיק גִיטְרָאטְן אוּנְזֶער הַארְץ אוּנ עֶס הָאט נִיט אָפּ גִינֵייגְט אוּנְזָר
טְרִיט פוּן דַיין וֶועג: (כ) כי וָוען אוֹיךְ דוּא הָאסְט אוּנְז פַאר שְׁטוֹיסִין אִין אַיין אָרְט פוּן
שְׁלַאנְגֶען אוּנ הָאסְט אוֹיף אוּנְז בַּאדֶעקְט מִיט דֶעם שָׁאטִין פוּן טוֹיט דָאס הֵייסְט מִיט
צָרוֹת: (כא) אם אוֹיבּ מִיר הָאבְּן פַאר גֶעסְן אוּנְזֶער גָאטְס נָאמֶען אוּנ אוֹיבּ מִיר הָאבִּין
אוֹיס גִיבְּרֵייטֶעט אוּנְזֶערֶע הֶענְט צוּ בֶּעטְן צוּ אַפְרֶעמְדִין גָאט: (כב) הלא פַר וָואר גָאט
ב״ה וֶועט דָאס פָארְשְׁטִין וָוארוּם עֶר וַויים דָאס פַר בָּארְגֶענֶעם וָואס אִין הַארְץ אִיז:
(כג) כי וַוייל מִיר הַאלְטִין זִיךְ אִין דִיר זַיינֶען מִיר וָוארְן דֶער שְׁלָאגְן אַלֶע טָאג. מִיר זַיינֶען
גִיוֶוען גִירֶעכִינְט וִויא דִיא שָׁאף וָואס מֶען הַאלְט צוּ שֶׁעכְטְן: (כד) עורה דֶער וֶועק דִיךְ
וָוארוּם זָאלְסְטוּ זַיין וִויא אַיינֶער וָואס שְׁלָאפְט. גָאט. וַואכְּע דִיךְ אוֹיף. דוּ זָאלְסְט
אוּנְז נִיט פַאר לָאזְן אוֹיף אֵייבִּיג: (כה) למה וָוארוּם פַארְבָּארְגְסְטוּ דַיין אַנְגֶעזִיכְט דָאס
הֵייסְט דַיין הַשְׁגָּחָה גְלַייךְ וִויא דוּא פַאר גֶעסְט אוּנְזֶער פַּיין אוּנ אוּנְזֶער דְרִיקוּנְג:
(כו) כי עֶס אִיז אַיין גִיבוֹיגִין צוּ דֶער עֶרְד אוּנְזֶער לַייבּ. עֶס אִיז בַּאהֶעפְט צוּ דֶער עֶרְד

בִּטְנֵנוּ: כו קוּמָה עֶזְרָתָה לָּנוּ וּפְדֵנוּ לְמַעַן חַסְדֶּךָ:

דעם מִזְמוֹר הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גִיזוּנְגֶען אוֹיף מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ אז ער דער צֵיילט זיין מַעֲלָה און דיא מִדּוֹת טוֹבוֹת און דעם כָּבוֹד
און עֲשִׁירוּת און גִיוועלְטִיגוּנְג:

מה א לַמְנַצֵּחַ עַל שֹׁשַׁנִּים לִבְנֵי קֹרַח מַשְׂכִּיל שִׁיר
יְדִידֹת: ב רָחַשׁ לִבִּי דָּבָר טוֹב אֹמֵר אָנִי מַעֲשַׂי
לְמֶלֶךְ לְשׁוֹנִי עֵט סוֹפֵר מָהִיר: ג יָפְיָפִיתָ מִבְּנֵי
אָדָם הוּצַק חֵן בְּשְׂפְתוֹתֶיךָ עַל כֵּן בֵּרַכְךָ אֱלֹהִים
לְעוֹלָם: ד חֲגוֹר חַרְבְּךָ עַל יָרֵךְ גִּבּוֹר הוֹדְךָ וַהֲדָרֶךָ:
ה וַהֲדָרְךָ צְלַח רְכַב עַל דְּבַר אֱמֶת וְעַנְוָה צֶדֶק
וְתוֹרְךָ נוֹרָאוֹת יְמִינֶךָ: ו חִצֶּיךָ שְׁנוּנִים עַמִּים
תַּחְתֶּיךָ יִפְּלוּ בְּלֵב אוֹיְבֵי הַמֶּלֶךְ: ז כִּסְאֲךָ אֱלֹהִים
עוֹלָם וָעֶד שֵׁבֶט מִישֹׁר שֵׁבֶט מַלְכוּתֶךָ: ח אָהַבְתָּ
צֶּדֶק וַתִּשְׂנָא רֶשַׁע עַל כֵּן מְשָׁחֲךָ אֱלֹהִים אֱלֹהֶיךָ
שֶׁמֶן שָׂשׂוֹן מֵחֲבֵרֶיךָ: ט מֹר וַאֲהָלוֹת קְצִיעוֹת כָּל
בִּגְדֹתֶיךָ מִן הֵיכְלֵי שֵׁן מִנִּי שִׂמְּחוּךָ: י בְּנוֹת

---

אונזער בויך: (כו) קומה שטייא אויף העלף אונז אונ לייז אונז אויס פון וועגין דיין
גינאד ווען אויך מיר האבין קיין גוטע מעשים:
מה (א) למנצח צום זאנג מייסטער אויף דעם פלי זמר ששנים צו דיא בני קרח.
איין בעלעהרונג אליבליבע גיזאנג אין בית המקדש: (ב) רחש מיין הארץ רירט
זיך אונ טראכט גוטע רייד. איך זאג מיינע ווערק וואס איך האב גמאכט דעם שיר
צו דעם מלך. מיין צונג צו זאגין שירה איז גלייך וויא א פעדער פון א גיכן שרייבער:
(ג) יפיפית דוא ביזט שענער פון אלע מענשין. עס איז אויס גיגאסין לייטזעליגקייט
אונ געפעליגקייט אין דיינע לעפצן. דרום האט דיך גאט גיבענטשט אויף אייביג:
(ד) חגור גורט אן דיין שווערד אויף דיין דיך דוא גבור דיין פראכט אונ דיין צירונג:
(ה) והדרך אונ מיט דיין שיינקייט בגליק. רייט. זאלסט רעכט משפטין אונ דו זאלסט
זיין מיט גירעכטע ענוות אונ זיא ווערט דיך לערנען פארכטיגע זאכין דיין רעכטע
האנד: (ו) חציך דיינע פיילן זיינען גשארפט. פעלקער ווערין אונטר דיר פאלין. דיינע
פיילן זאלין טרעפין אין הארצן פון קיניגס פיינט: (ז) כסאך דיין שטול וואס גאט האט
דיר גיגעבן אויף אייביג איז דאס ווייל איין רעכט פארטיגע גיוועלטיגקייט איז דיא
גיוועלטיגקייט פון דיין קיניגרייך: (ח) אהבת דוא האסט ליב גירעכטיגקייט אונ האסט
פיינט שלעכטס דרום האט דיך גזאלבט דיין גאט מיט אייל פון פרייד מער פון דיינע
חברים: (ט) מור נעגעליך אונ אזוי אויך אלע פיינע בשמים אלע דיינע קליידר ווערין
שמעקין פון אלע בשמים פון די פאלאצין פון העלפאנד ביין ווערט מען דיך דר מיט
דר פרייען: (י) בנות אלע עלצטע פון די מדינות ווערין דיך פארערן מיט גרויס כבוד
עם

מְלָכִים בִּיקְּרוֹתֶיךָ נִצְּבָה שֵׁגַל לִימִינְךָ בְּכֶתֶם
אוֹפִיר: יא שִׁמְעִי בַת וּרְאִי וְהַטִּי אָזְנֵךְ וְשִׁכְחִי עַמֵּךְ
וּבֵית אָבִיךְ: יב וְיִתְאָו הַמֶּלֶךְ יׇפְיֵךְ כִּי הוּא אֲדֹנַיִךְ
וְהִשְׁתַּחֲוִי לוֹ: יג וּבַת צֹר בְּמִנְחָה פָּנַיִךְ יְחַלּוּ עֲשִׁירֵי
עָם: יד כׇּל כְּבוּדָּה בַת מֶלֶךְ פְּנִימָה מִמִּשְׁבְּצוֹת
זָהָב לְבוּשָׁהּ: טו לִרְקָמוֹת תּוּבַל לַמֶּלֶךְ בְּתוּלוֹת
אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ מוּבָאוֹת לָךְ: טז תּוּבַלְנָה
בִּשְׂמָחֹת וָגִיל תְּבֹאֶינָה בְּהֵיכַל מֶלֶךְ: יז תַּחַת
אֲבֹתֶיךָ יִהְיוּ בָנֶיךָ תְּשִׁיתֵמוֹ לְשָׂרִים בְּכׇל הָאָרֶץ:
יח אַזְכִּירָה שִׁמְךָ בְּכׇל דֹּר וָדֹר עַל כֵּן עַמִּים
יְהוֹדֻךָ לְעֹלָם וָעֶד:

דער מזמור אונ דער צווייטער מזמור נאך אויף דיא צייט פון גוג ומגוג דאמאלס וועט אויף הערן מלחמות:

מו א לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי קֹרַח עַל עֲלָמוֹת שִׁיר: ב אֱלֹהִים
לָנוּ מַחֲסֶה וָעֹז עֶזְרָה בְצָרוֹת נִמְצָא מְאֹד: ג עַל
כֵּן לֹא נִירָא בְּהָמִיר אָרֶץ וּבְמוֹט הָרִים בְּלֵב יַמִּים:

עס טוט שטיין דיא מלכה בייא דיין רעכטע האנד מיט גאלד פון אופיר: (יא) שמעי
הארך צו טאכטער אונ זעה אונ נייג דיין אויער צו הערן די תורה אונ פר געס דיין
פאלק אונ דיין פאטערס הויז וואס האבן גידינט עבודת כוכבים: (יב) ויתאו אונ ער
וועט גילוסטין דעם מלך הקב״ה דיין שיינקייט ווארום ער איז דיין האר אונ בוק דיך
צו אים: (יג) ובת אונ דיא גרויסע שטאט צור מיט איין מתנה דיין פנים וועלן זייא באן
בעטן די רייכסטע פון פאלק: (יד) כל וואס היינט איז זייער כבוד וויא א בת מלך וואס
זיצט אינעווייניג פון דיא קעסטיגע קליידער פון גאלד איר קליידונג: (טו) לרקמות מיט
גיוועבטע קליידער וועט זיא געפירט ווערן צום מלך הקב״ה דיא ישראל וואס ווערין
גירופין בתולות אירע גיזעלן וואס וועלין זיין שלום מיט זייא וועט צום מלך הקב״ה
גבראכט ווערן: (טז) תובלנה זייא וועלן ווערן גיבראכט מיט לוסטיגקייט אונ פרייד זיי
וועלן קומען אין דעם היכל פון הקב״ה. זאגט דוד המלך בנבואה. (יז) תחת אויף דעם
ארט פון דיינע עלטערן וועלן זיין דיינע קינדער, דו הקב״ה וועכסט זייא טאן צו האבן
אין דער גאנצער וועלט: (יח) אזכירה איך טוא דער מאנען דיין נאמען אין איטליכען
דור דרום פעלקער וועלין דיך לויבן אויף אייביג:

מו (א) למנצח אויף דעם כלי זמר עלמות איין גיזאנג: (ב) אלהים גאט איז צו אונז
אבאשיצער אונ א שטארקייט א הילף אין ענגשאפט אז מען איז צו אים מתפלל
ווערט ער גיפונען צו ענטפערן זייער: (ג) על דרום וועלן מיר זיך ניט פארכטן אז עס
וועט ווערן פאר ביטן דיא ערד אז עס וועט זיך ביינן דיא בערג אין מיטן ים:
יהמו

ד יהמו יחמרו מימיו ירעשו הרים בגאותו סלה:
ה נהר פלגיו ישמחו עיר אלהים קדש משכני
עליון: ו אלהים בקרבה בל תמוט יעזרה אלהים
לפנות בקר: ז המו גוים מטו ממלכות נתן בקולו
תמוג ארץ: ח יי צבאות עמנו משגב לנו אלהי
יעקב סלה: ט לכו חזו מפעלות יי אשר שם שמות
בארץ: י משבית מלחמות עד קצה הארץ קשת
ישבר וקצץ חנית עגלות ישרף באש: יא הרפו
ודעו כי אנכי אלהים ארום בגוים ארום בארץ:
יב יי צבאות עמנו משגב לנו אלהי יעקב סלה:
מז א למנצח לבני קרח מזמור: ב כל העמים תקעו
כף הריעו לאלהים בקול רנה: ג כי יי עליון
נורא מלך גדול על כל הארץ: ד ידבר עמים
תחתינו ולאמים תחת רגלינו: ה יבחר לנו את

---

(ד) יהמו עס טוען ברומען עס ווערט צו מישט מיט ליים דאס וואסער פון ים זייא טוען ציטערן דיא בערג דורך זיין הויכקייט אייביג: (ה) נהר דער טייך וואס זייגע קוואלין ווערט גיין פון בהמ״ק ווערין דער פרייען דיא שטאט פון גאט ב״ה דאס הייליגע הויז וואס דער אויבערשטער רועט דארטן: (ו) אלהים גאט איז אין דר שטאט ירושלים ז׳ט זיא ניט ווערין גינייגט גאט ווערט איר העלפין אז עס ווערט קומען דיא צייט פון טאג ווערין: (ז) המו זייא האבין גיטאן ברומען פעלקער זייא האבין זיך גינייגט קיניגרייכן השי״ת טוט געבין מיט זיין קול טוט צוא גיין דיא ערד: (ח) יי גאט דער האר איבער אלע הערשאפט איז מיט אונז. אשטארקייט צו אונז דער גאט פון יעקב שטענדיג:
(ט) לכו גייט זעהט דיא ווערק פון גאט וואס האט גיטאן וויסטקייט אין לאנד: (י) משבית ער טוט פאר שטערן שטרייט ביז עק וועלט אלע וועלין שלום האבין אבויגין האט ער צו בראכין אונ צו האקט דעם שפיז רייט וועגן האט ער פר ברענט אין פייער: (יא) הרפו לאזט אפ פון מלחמה האלטין אויף ירושלים אונ ווייסט אז איך בין גאט צו טאן אמשפט איך וועל ווערן דר הייכט אויף דר ערד: (יב) יי גאט דער האר איבער אלע הערשאפט איז מיט אונז אשטארקער צו אונז דער גאט פון יעקב תמיד:
מז (א) למנצח תו׳: (ב) כל אלע די פעלקער גיבט אייך די הענט איינער דעם אנדערין טוט שאלין אונ זינגען צו גאט מיט אקול פון גיזאנג: (ג) כי דען גאט איז דער אויבערשטער אפארכטיגער אגרויסר מלך אויף דר גאנצר וועלט: (ד) ידבר ער האט מאכן פירן די פעלקער קיין ירושלים אונטער אונז זיין אונ נאציאנען אונטער אונזערע פיס:

יבחר

נחלתנו את גאון יעקב אשר אהב סלה: ו עלה
אלהים בתרועה יי בקול שופר: ז זמרו אלהים
זמרו זמרו למלכנו זמרו: ח כי מלך כל הארץ
אלהים זמרו משכיל: ט מלך אלהים על גוים
אלהים ישב על כסא קדשו: י נדיבי עמים נאספו
עם אלהי אברהם כי לאלהים מגני ארץ מאד נעלה:

דער מזמור גיט אויף ימות המשיח אונ דער צילט דיא שבחים פון ירושלים:

מח א שיר מזמור לבני קרח: ב גדול יי ומהלל
מאד בעיר אלהינו הר קדשו: ג יפה נוף משוש
כל הארץ הר ציון ירכתי צפון קרית מלך רב:
ד אלהים בארמנותיה נודע למשגב: ה כי הנה
המלכים נועדו עברו יחדו: ו המה ראו כן תמהו
נבהלו נחפזו: ז רעדה אחזתם שם חיל כיולדה:
ח ברוח קדים תשבר אניות תרשיש: ט כאשר

---

(ה) יבחר ער האט אונז אויס דר וויילט אונזר נחלה דס הערשאפט פון יעקב וואס ער האט ליב תמיד: (ו) עלה גאט ב״ה איז ווארן דר הייבין מיט שאלונג גאט וועט ווערין גילויבט מיט דעם קול פון שופר: (ז) זמרו זינגט אונ לויבט צו גאט זינגט צו אונזער מלך: (ח) כי ווארום דער מלך פון גאר דיא וועלט איז גאט זינגט מיט קלונגשאפט: (ט) מלך דער גיוועלטיגער גאט טוט קיניגען אויף די פעלקער אלע וועלן וויסן אז גאט איז אמלך פון דער גאנצער וועלט גאט זיצט אויף זיין היילגער שטול: (י) נדיבי דיא איידעלע פון פאלק טוען זיך איין זאמלען קיין ירושלים דאס פאלק פון גאט וואס אברהם האט גיהאלטין פאר אגאט ווארום צו גאט זיינען דיא באשיצער פון דער וועלט ער איז זייער דער הויבין:

מח (א) שיר מזמור לבני קרח: (ב) גדול גאט איז גרויס אונ זייער גילויבט אין דער שטאט פון אונזר גאט זיין היילגן בארג: (ג) יפה אשיינער גענענד די שטאט ירושלים איז די פרייד פון דר וועלט דר בארג ציון אין צפון זייט פון דעם מזבח דארטן האט מען גישאכטן קרבנות וואס האט מכפר גיוועזן דיא שטאט פון דעם גרויסן מלך: (ד) אלהים גאט וועט רוען אין אירע פאלאצין אז משיח וועט קימען ער איז בעקאנט פאר אשטארקין: (ה) כי ווארום דיא קיניגרייך האבין זיך איין גיזאמילט זיי זיינען אוועק גיפארן באנאנד: (ו) המה זיי האבן גיזעהן אזוי האבין זיי זיך פאר וואונדערט זיינען ווארן דער שראקין זייא האבין זיך גיאיילט: (ז) רעדה אציטערניש האט זיי דארטן אן גינומען אוויטאג וויא אגעווינערין: (ח) ברוח מיט דעם מזרח ווינט טוט ער צו ברעכין די שיפין פון תרשיש. זאגין דיא ישראל. (ט) כאשר וויא מיר האבין גיהערט פון דיא

נביאים

שָׁמַעְנוּ כֵּן רָאִינוּ בְּעִיר יְיָ צְבָאוֹת בְּעִיר אֱלֹהֵינוּ
אֱלֹהִים יְכוֹנְנֶהָ עַד עוֹלָם סֶלָה: י דִּמִּינוּ אֱלֹהִים
חַסְדֶּךָ בְּקֶרֶב הֵיכָלֶךָ: יא כְּשִׁמְךָ אֱלֹהִים כֵּן
תְּהִלָּתְךָ עַל קַצְוֵי אֶרֶץ צֶדֶק מָלְאָה יְמִינֶךָ:
יב יִשְׂמַח הַר צִיּוֹן תָּגֵלְנָה בְּנוֹת יְהוּדָה לְמַעַן
מִשְׁפָּטֶיךָ: יג סֹבּוּ צִיּוֹן וְהַקִּיפוּהָ סִפְרוּ מִגְדָּלֶיהָ:
יד שִׁיתוּ לִבְּכֶם לְחֵילָה פַּסְּגוּ אַרְמְנוֹתֶיהָ לְמַעַן
תְּסַפְּרוּ לְדוֹר אַחֲרוֹן: טו כִּי זֶה אֱלֹהִים אֱלֹהֵינוּ
עוֹלָם וָעֶד הוּא יְנַהֲגֵנוּ עַל מוּת:

דער מזמור איז איין מוסר אויף דיא וואס האבין בטחון אויף זייערע עשירות אונ ניט אויף הקב״ה:

יום ט מט א לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי קֹרַח מִזְמוֹר: ב שִׁמְעוּ זֹאת
כָּל הָעַמִּים הַאֲזִינוּ כָּל יֹשְׁבֵי חָלֶד: ג גַּם
בְּנֵי אָדָם גַּם בְּנֵי אִישׁ יַחַד עָשִׁיר וְאֶבְיוֹן: ד פִּי
יְדַבֵּר חָכְמוֹת וְהָגוּת לִבִּי תְבוּנוֹת: ה אַטֶּה לְמָשָׁל
אָזְנִי אֶפְתַּח בְּכִנּוֹר חִידָתִי: ו לָמָּה אִירָא בִּימֵי רָע

נביאים אזו האבן מיר געזעהן אין דער שטאט פון גאט דער האר איבער אלע חילות
אין דער שטאט פון אונזער גאט, גאט טוט זיא דיא שטאט פעסטיגען ביז אייביג:
(י) דמינו גאט מיר האבן געטראכט אונ געהאפט דיין גנאד אין דיין היכל: (יא) כשמך וויא
דיין נאמן איז וואס ווייזט אויף ממשלה אזו איז דיין לויב אויף די עקין פון דר וועלט
גערעכטיקייט איז פול דיין רעכטע האנד: (יב) ישמח עס טוט זיך פרייען דר בארג ציון
זיי טוען זיך פרייען די שטעט פון יהודה פון וועגן דיין משפט: (יג) סבו גייט ארום ציון
אונ רינגעלט זיא ארום ציילט אירע טורעמס: (יד) שיתו טוט אייער הארץ צו איר מויער
וויא מען זאל מויערן, הייבט אויף אירע פאלאצין דאס איר זאלט דער ציילין צו דעם
דור וואס וועט שפעטער זיין: (טו) כי דער געוועלטיגער גאט אונזער גאט וואס איז
אייביג ער וועט אונז פירין אייביג אונ שטענדיג:

מט א) למנצח לבני קרח מזמור: (ב) שמעו הארכט דאס אלע פעלקער פר נעמט אלע דיא
זיצער אויף דער וועלט: (ג) גם די קינדר פון אברהם וואס ער הייסט אדם גדול
אויך די קינדער פון נח וואס ווערט גירופן איש צדיק באנאנדער אריכער איין נויט
באדערפטיגער: (ד) פי מיין מויל טוט ריידין קלוגשאפט אונ דאס טראכטין פון מיין
הארין איז פר שטאנדיגקייט: (ה) אטה איך טוא נייגן מיינע אויערן צו דר תורה איך
טוא עפענען מיט אבלי זמר וואס הייסט כנור מיין רעטעניש: (ו) למה ווארום טוא
איך מיך פארכטן אין דיא שלעכטע טעג ווייל די עברות וואס איך טרעט מיט דיא

עון עקבי יסבני: ז הבטחים על חילם וברב עשרם
יתהללו: ח אח לא פדה יפדה איש לא יתן
לאלהים כפרו: ט ויקר פדיון נפשם וחדל לעולם:
י ויחי עוד לנצח לא יראה השחת: יא כי יראה
חכמים ימותו יחד כסיל ובער יאבדו ועזבו
לאחרים חילם: יב קרבם בתימו לעולם משכנתם
לדור ודר קראו בשמותם עלי אדמות: יג ואדם
ביקר בל ילין נמשל כבהמות נדמו: יד זה דרכם
כסל למו ואחריהם בפיהם ירצו סלה: טו כצאן
לשאול שתו מות ירעם וירדו בם ישרים לבקר
וצורם לבלות שאול מזבל לו: טז אך אלהים יפדה
נפשי מיד שאול כי יקחני סלה: יז אל תירא כי
יעשר איש כי ירבה כבוד ביתו: יח כי לא במותו
יקח הכל לא ירד אחריו כבודו: יט כי נפשו בחייו

---

פיס טוען מיך ארום רינגלען: (ז) הבוטחים דיא וואס פאר זיכערן זיך אויף זייער האב
מיט זייער רייכקייט בארימען זיי זיך: (ח) אח אברודער קען אמענש ניט אויס לייזין
ער וועט ניט געבן צו גאט זיין אויסלייזונג: (ט) ויקר אונ עס איז טייער דם אויסלייזונג
פון זייער נפש אונ די זאך איז גאר פר מיטן אויף אייביג: (י) ויחי ווען ער זאל לעבן
אייביג ער זאל ניט זעהן דם גיהנם וואלט דם פארמעגן אוועקגיהאט: (יא) כי אבער
ער טוט זעהן צדיקים שטארבן באנאנדער דר נארישער רשע אונ אויך דער וואס
איז ליידיג פון מצות ווערן פר לארן אונ זייא לאזן צו אנדערע זייער האב: (יב) קרבם
זייער טראכטן זייערע הייזער וועט זיין אויף אייביג זייער רואונג וועט זיין פון איין
דור צום אנדערן זיי רופן זייער נאמען אויף דער ערד: (יג) ואדם אבער דר אמת איז
איין מענש ווער ווייס אויב עס וועט ביי אים בלייבן דם עשירות ער ווערט גיגליכן
אזו וויא בהמות: (יד) זה דאס איז זייער וועג וואס זיי האבן נארישקייט מיט זייער
עשירות גלייך וויא נאך זייא מיט זייער מויל וועט מען דר ציילין שטענדיג: (טו) כצאן
דר סוף איז וויא די שאף גייען אין שטאל אזו גייען זיי אין גיהנם דער מלאך המות
טוט זיי צו ברעכן אונ עס וועט אויף זיי גיוועלטיגען די רעכטפארטיגע אין דר בריא
אונ זייער צורה פון די רשעים צו פר פוילן אין גיהנם פון זיין הויז וועט ער קומען אין
גיהנם: (טז) אך אבער גאט וועט אויס לייזין מיין נפש פון גיהנם ווארום ער וועט מיך
נעמען צו זיך אויף אייביג: (יז) אל זאלסט דיך ניט פארכטין אונ זארגין ווען ארשע
ווערט רייך ווען עס ווערט גימערט דער כבוד פון זיין הויז: (יח) כי ווארום ניט אז ער

שטארבט

יברך ויודך כי תיטיב לך: כ תבוא עד דור
אבותיו עד נצח לא יראו אור: כא אדם ביקר ולא
יבין נמשל כבהמות נדמו:

דער מזמור נייט אויף דעם יום הדין נאך גוג ומגוג:

נ א מזמור לאסף אל אלהים יי דבר ויקרא ארץ
ממזרח שמש עד מבאו: ב מציון מכלל יפי
אלהים הופיע: ג יבא אלהינו ואל יחרש אש לפניו
תאכל וסביביו נשערה מאד: ד יקרא אל השמים
מעל ואל הארץ לדין עמו: ה אספו לי חסידי כרתי
בריתי עלי זבח: ו ויגידו שמים צדקו כי אלהים
שפט הוא סלה: ז שמעה עמי ואדברה ישראל
ואעידה בך אלהים אלהיך אנכי: ח לא על זבחיך
אוכיחך ועולתיך לנגדי תמיד: ט לא אקח מביתך
פר ממכלאתיך עתודים: י כי לי כל חיתו יער

---

שטארבט נעמט ער גאר מיט זיך און עס נידערט ניט נאך אים זיין כבוד: (יט) י
ווארום דער רשע זיין נפש טוט ער אליין לויבן זיך ניט קיין אנדערער אבער דיך
צדיק וועלן לויבן אנדערע מענשין אז דוא וועסט דיר אליין גוטס טאן: (כ) תבוא דוא
וועסט קומען זעהן אויף יענער וועלט ביז דעם דור פון זיינע עלטערן פון רשע וועסטו
זעהן, ביז אייביג וועלן זייא ניט זעהן קיין ליכט: (כא) אדם דער מענש וואס קאן קומען
צו גרויס הערליכקייט בעולם הבא און ער פאר שטייט דאס ניט איז גיגליכן צו
בהמות, זייא וועלן פאר שטומט ווערין:

נ (א) מזמור. דער שטארקער גאט דר גיוועלטיגער גאט ער האט גירעט און אן גירופן
אז עס זאל זיין ערד פון די זון שיינונג ביז זיין אונטער גיין: (ב) מציון פון ציון דיא
שיינע שטאט האט גאט גמאכט שיינען אויף דער גאנצר וועלט: (ג) יבא אונזער גאט
וועט קומען און וועט ניט שווייגן פאר אים וועט ברענען א פייער און ארום אים וועט
שטורמען זייער מען זאל טאן אמשפט: (ד) יקרא ער טוט רופן צו די שרים וואס זיינען
אויף דעם הימיל אויבין און צו דיא ערד צו משפטין זיין פאלק: (ה) אספו און זאגט
זאמילט מיר איין מיינע חסידים די וואס האבן כורת ברית גיוועזן צו האלטן די תורה
ביי דעם שעכטן וואס מען האט גישאכטן קרבנות ביין הר סיני: (ו) ויגידו און זיי האבן
גיטאן זאגן די וואס אויפין הימיל זיין גירעכטיקייט חאטשע עס האט לאנג גיווערט
איי ער האט אמשפט גיטאן ווארום גאט משפט אייביג: (ז) שמעה הארכט צו מיין
פאלק איך וועל רעדין ישראל איך וועל דיר בצייגן און מתרה זיין אריכטער און דיין
גאט בין איך: (ח) לא ניט אויף דיינע קרבנות טוא איך דיך שטראפין דיינע עולות

זאלין

בְּהֵמוֹת בְּהַרְרֵי אָלֶף: יא יָדַעְתִּי כָּל עוֹף הָרִים וְזִיז
שָׂדַי עִמָּדִי: יב אִם אֶרְעַב לֹא אֹמַר לָךְ כִּי לִי תֵבֵל
וּמְלֹאָהּ: יג הַאוֹכַל בְּשַׂר אַבִּירִים וְדַם עַתּוּדִים
אֶשְׁתֶּה: יד זְבַח לֵאלֹהִים תּוֹדָה וְשַׁלֵּם לְעֶלְיוֹן
נְדָרֶיךָ: טו וּקְרָאֵנִי בְּיוֹם צָרָה אֲחַלֶּצְךָ וּתְכַבְּדֵנִי:
טז וְלָרָשָׁע אָמַר אֱלֹהִים מַה לְּךָ לְסַפֵּר חֻקָּי וַתִּשָּׂא
בְרִיתִי עֲלֵי פִיךָ: יז וְאַתָּה שָׂנֵאתָ מוּסָר וַתַּשְׁלֵךְ
דְּבָרַי אַחֲרֶיךָ: יח אִם רָאִיתָ גַנָּב וַתִּרֶץ עִמּוֹ וְעִם
מְנָאֲפִים חֶלְקֶךָ: יט פִּיךָ שָׁלַחְתָּ בְרָעָה וּלְשׁוֹנְךָ
תַּצְמִיד מִרְמָה: כ תֵּשֵׁב בְּאָחִיךָ תְדַבֵּר בְּבֶן
אִמְּךָ תִּתֶּן דֹּפִי: כא אֵלֶּה עָשִׂיתָ וְהֶחֱרַשְׁתִּי
דִּמִּיתָ הֱיוֹת אֶהְיֶה כָמוֹךָ אוֹכִיחֲךָ וְאֶעֶרְכָה
לְעֵינֶיךָ: כב בִּינוּ נָא זֹאת שֹׁכְחֵי אֱלוֹהַּ פֶּן
אֶטְרֹף וְאֵין מַצִּיל: כג זֹבֵחַ תּוֹדָה יְכַבְּדָנְנִי וְשָׂם
דֶּרֶךְ אַרְאֶנּוּ בְּיֵשַׁע אֱלֹהִים:

---

זאלן זיין פאר מיר שטענדיג: (ט) לא איך פר לאנג ניט פון דיין הויז איין אקס פון דיין
שטאל שאף: (י) כי ווארום צו מיר איז אלע חיות פון וואלד דער שור הבר וואס ער
עסט אויף אלע טאג טויזנט בערג: (יא) ידעתי איך וויים אלע עופות וואס פליען אויף
די בערג און דר גאנץ גרויסער פויגעל זיז שדי איז פר מיר: (יב) אם ווען איך זאל זיין
הונגעריג וועל איך דיר ניט דארפן זאגן ווארום צו מיר איז וואס אין דר וועלט איז:
(יג) האוכל וועל איך דען עסן דאס פלייש פון פעטע בהמות און דאס בלוט פון שאף
וועל איך דען טרינקען: (יד) זבח דאס איז גירעכינט פר א קרבן צו גאט ווען דוא טוסט
מאכן בקענן די עבירות פר גאט און דער נאך בצאל צום איבערשטן דיין נדר וועט
בודאי אנגענומען ווערן: (טו) וקראני און רוף צו מיר אין דעם טאג וואס דיר איז איינג
איך וועל דיך רעטין און דוא וועסט מיר לויבן: (טז) ולרשע אבער צום רשע וואס וויל
קיין תשובה ניט טאן זאגט גאט וואס טויג דיר דאס צו דער ציילן מיינע מצות און
טוסט טראגן מיין תורה אויף דיין מויל: (יז) ואתה דוא האסט פיינט שטראף רייד און
ווארפסט מיינע רייד הינטער דיר: (יח) אם ווען דו זעהסט א גנב ביסטו בווילינט צו
אים און מיט נואפים איז דיין חלק: (יט) פיך דיין מויל שיקסטו ריידן שלעכטש און
דיין צונג טוט בהעפטן און גיוואוינן מיט רמאות: (כ) תשב דו טוסט זיצין מיט לצים
פון דיין ברודער טוסטו ריידן אין דיין מוטערס זון טוסטו געבן א שאנד: (כא) אלה
די דאזיגע זאכין האסטו גיטאן און איך זאל שטיל שווייגן האסטו דיר גידאכט איך
ווייל

אין דעם מזמור האט דוד המלך זיך מתודה געווען אויף דעם חטא מיט בת שבע און האט תשובה געטאן:

נא א לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: ב בְּבוֹא אֵלָיו נָתָן
הַנָּבִיא כַּאֲשֶׁר בָּא אֶל בַּת שָׁבַע: ג חָנֵּנִי אֱלֹהִים
כְּחַסְדֶּךָ כְּרֹב רַחֲמֶיךָ מְחֵה פְשָׁעָי: ד הֶרֶב כַּבְּסֵנִי
מֵעֲוֹנִי וּמֵחַטָּאתִי טַהֲרֵנִי: ה כִּי פְשָׁעַי אֲנִי אֵדָע
וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד: ו לְךָ לְבַדְּךָ חָטָאתִי וְהָרַע
בְּעֵינֶיךָ עָשִׂיתִי לְמַעַן תִּצְדַּק בְּדָבְרֶךָ תִּזְכֶּה
בְשָׁפְטֶךָ: ז הֵן בְּעָווֹן חוֹלָלְתִּי וּבְחֵטְא יֶחֱמַתְנִי
אִמִּי: ח הֵן אֱמֶת חָפַצְתָּ בַטֻּחוֹת וּבְסָתֻם חָכְמָה
תוֹדִיעֵנִי: ט תְּחַטְּאֵנִי בְאֵזוֹב וְאֶטְהָר תְּכַבְּסֵנִי
וּמִשֶּׁלֶג אַלְבִּין: י תַּשְׁמִיעֵנִי שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה תָּגֵלְנָה
עֲצָמוֹת דִּכִּיתָ: יא הַסְתֵּר פָּנֶיךָ מֵחֲטָאָי וְכָל עֲוֹנֹתַי
מְחֵה: יב לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹהִים וְרוּחַ נָכוֹן

---

וועל זיין וויא דו, אזו וועל איך דיך שטראפן איך וועל אן ריכטן דיינע מעשים פאר דיינע אויגן צו שטראפן דיך: (כב) בינו פר שטייט דס די וואס פר געסן אן גאט ווארום אז איך וועל פר צוקן וועט קיינר ניט מציל זיין: (כג) זובח ווער עס שעכט דעם יצה״ר אונ איז זיך מתודה אויף זיינע עבירות מיט דעם טוט ער מיר כבוד. דר וואס מאכט אוועק קערין פון זיינע חטאים וועל איך אים ווייזן אין דער הילף פון גאט:

נא (א) למנצח מזמור לדוד: (ב) בבוא אז נתן הנביא איז גיקומען צו אים אז דוד איז גיקומען צו בת שבע: (ג) חנני לייט זעליג מיך גאט אזו וויא דיין חסד איז אזו וויא דיין פיל דער בארימקייט מעק אפ מיינע פשעים: (ד) הרב מערר מיך צו וואשן פון מיינע זינד אונ פון מיינע חטאים ריינג מיך: (ה) כי ווארום מיינע פשעים ווייס איך אונ מיינע זינד שטייט שטענדיג פר מיר: (ו) לך צו דיר אליין האב איך גיזינדיגט אונ ניט צו קיין מענטש, וואס אין דיינע אויגן איז שלעכט האב איך גיטאן פון וועגן אז דוא וועסט מיר מוחל זיין וועסטו גירעכט זיין מיט דיינע רייד דו וועסט בלייבן גירעכט אז דו משפטסט דיא רשעים: (ז) הן מיט זינד בין איך בשאפן גיווארן אונ מיט זינד האט מיך דער היצט מיין מוטער: (ח) הן פאר וואר ווילסטו עס זאל זיין אמת אין די נירן פון דעם מענשין וואס פון דארטן קומט ארויס די מחשבות אונ דאס וואס דיא חכמה איז פאר מיר צו גידעקט זאלסטו מיר מאכין וויסן: (ט) תחטאני דוא זאלסט מיך ריינגן אזו וויא מען ריינגט מיט אזוב פון דעם אש פון פרה אדומה אונ איך זאל ווערן ריין דוא זאלסט מיך וואשן איך זאל ווייסער ווערן פון שניי: (י) תשמיעני זאלסט מיך מאכין הערין פרייד אונ לוסטיקייט אז דוא וועסט מיר מוחל זיין עס וועט זיך פרייען די ביינער וואס דו האסט צו שטויסן: (יא) הסתר בהאלט דיין צארן פון מיינע חטאים אונ אלע מיינע עונות מעק אפ: (יב) לב אריין הארין בשאף מיר גאט אונ ארעכט

פארטיגן

חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי: יג אַל תַּשְׁלִיכֵנִי מִלְּפָנֶיךָ וְרוּחַ
קָדְשְׁךָ אַל תִּקַּח מִמֶּנִּי: יד הָשִׁיבָה לִּי שְׂשׂוֹן יִשְׁעֶךָ
וְרוּחַ נְדִיבָה תִסְמְכֵנִי: טו אֲלַמְּדָה פֹשְׁעִים דְּרָכֶיךָ
וְחַטָּאִים אֵלֶיךָ יָשׁוּבוּ: טז הַצִּילֵנִי מִדָּמִים אֱלֹהִים
אֱלֹהֵי תְּשׁוּעָתִי תְּרַנֵּן לְשׁוֹנִי צִדְקָתֶךָ: יז אֲדֹנָי
שְׂפָתַי תִּפְתָּח וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ: יח כִּי לֹא תַחְפֹּץ
זֶבַח וְאֶתֵּנָה עוֹלָה לֹא תִרְצֶה: יט זִבְחֵי אֱלֹהִים
רוּחַ נִשְׁבָּרָה לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹהִים לֹא תִבְזֶה:
כ הֵיטִיבָה בִרְצוֹנְךָ אֶת צִיּוֹן תִּבְנֶה חוֹמוֹת
יְרוּשָׁלָיִם: כא אָז תַּחְפֹּץ זִבְחֵי צֶדֶק עוֹלָה וְכָלִיל
אָז יַעֲלוּ עַל מִזְבַּחֲךָ פָרִים:

דָוִד הַמֶּלֶךְ שִׁילְט דוֹאֵג הָאֲדוֹמִי וָואס הָאט גִירֶעט לְשׁוֹן הָרַע אוּנ בַּארִיהְמְט זִיךְ דָאס עֶר הָעט אִים טָאן רָעוֹת:

נב א לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לְדָוִד: ב בְּבוֹא דּוֹאֵג הָאֲדֹמִי
וַיַּגֵּד לְשָׁאוּל וַיֹּאמֶר לוֹ בָּא דָוִד אֶל בֵּית
אֲחִימֶלֶךְ: ג מַה תִּתְהַלֵּל בְּרָעָה הַגִּבּוֹר חֶסֶד

---

פארטיגן ווילן איך זאל ווערן גוטס טאן בנייא אין מיר: (יג) אל דוא זאלסט מיך ניט אוועק ווארפין פון דיר אונ דיין רוח הקודש זאלסטו ניט אוועק נעמען פון מיר: (יד) השיבה קער מיר אום דם פרייד פון דיין הילף דר בווילינטער רוח דאס מיינט מען רוח הקודש זאל מיך אונטער לעהנען: (טו) אלמדה איך וועל לערנען די פושעים דיין וועג זייא זאלין אויך תשובה טאן אונ דיא זינדיגע וועלין זיך צו דיר אומקערין מיט תשובה: (טז) הצילני זאיי מיך מציל פון שולד בלוט גאט דער גאט מיין הילף. מיין צונג וועט זינגען דיין גירעכטיקייט: (יז) אדני גאט מיינע לעפצן זאלסטו עפענען אונ מיין מויל וועט זאגן דיין לויב: (יח) כי ווארום דו בגערסט ניט אשטעכטונג אונ גאב דו פערלאנגסט ניט קיין קרבן עולה אויף איין עבירה וואס מען טוט במזיד: (יט) זבחי וואס דען איז די שעכטונג וואס גאט נעמט אן אצובראכינעם רוח אצובראכין אונ איין צו שטויסן הארץ אפילו דר מדת הדין איז ניט מבזה אונ נעמט אן: (כ) היטיבה בגיטיג מיט דיין ווילן דיא שטאט ציון דוא זאלסט בויען דיא מויערין פון ירושלים: (כא) אז דענסטמאל וועסטו וועלין אן נעמען שעכטונג פון גירעכטע לייט דען עברות וועט ניט זיין. קרבן עולות וואס מען איז נאר מקריב אויף דעם מזבח. דענסטמאל וועלן אויף גיבראכט ווערין אויף דיין מזבח אקסין:

נב (א) למנצח משכיל לדוד: (ב) בבא אז דואג איז גיקומען אונ האט גיזאגט צו שאול המלך ער האט אים גיזאגט דוד איז גיקומען אין הויז פון אחימלך: (ג) מה וואס

באריהמטו

אֵל כָּל הַיּוֹם: ד הַוּוֹת תַּחְשֹׁב לְשׁוֹנֶךָ כְּתַעַר
מְלֻטָּשׁ עֹשֵׂה רְמִיָּה: ה אָהַבְתָּ רָּע מִטּוֹב שֶׁקֶר
מִדַּבֵּר צֶדֶק סֶלָה: ו אָהַבְתָּ כָל דִּבְרֵי בָלַע לְשׁוֹן
מִרְמָה: ז גַּם אֵל יִתָּצְךָ לָנֶצַח יַחְתְּךָ וְיִסָּחֲךָ מֵאֹהֶל
וְשֵׁרֶשְׁךָ מֵאֶרֶץ חַיִּים סֶלָה: ח וְיִרְאוּ צַדִּיקִים וְיִירָאוּ
וְעָלָיו יִשְׂחָקוּ: ט הִנֵּה הַגֶּבֶר לֹא יָשִׂים אֱלֹהִים
מָעוּזּוֹ וַיִּבְטַח בְּרֹב עָשְׁרוֹ יָעֹז בְּהַוָּתוֹ: י וַאֲנִי כְּזַיִת
רַעֲנָן בְּבֵית אֱלֹהִים בָּטַחְתִּי בְחֶסֶד אֱלֹהִים עוֹלָם
וָעֶד: יא אוֹדְךָ לְעוֹלָם כִּי עָשִׂיתָ וַאֲקַוֶּה שִׁמְךָ
כִּי טוֹב נֶגֶד חֲסִידֶיךָ:

דער מוסר נײט אויף טיטש וויא ער האט גישאפן דעם ברכה אבער ער האט אבייזן סוף גיהאט:

נג א לַמְנַצֵּחַ עַל מָחֲלַת מַשְׂכִּיל לְדָוִד: ב אָמַר
נָבָל בְּלִבּוֹ אֵין אֱלֹהִים הִשְׁחִיתוּ וְהִתְעִיבוּ עָוֶל
אֵין עֹשֵׂה טוֹב: ג אֱלֹהִים מִשָּׁמַיִם הִשְׁקִיף עַל בְּנֵי
אָדָם לִרְאוֹת הֲיֵשׁ מַשְׂכִּיל דֹּרֵשׁ אֶת אֱלֹהִים:

---

בארימסטו דיך מיט שלעכטס דוא גבור גאטס גינאד איז אנאנצן טאג ער קאן מיר העלפין: (ד) הוות בריבעניש טוסטו טראכטין דיין צונג איז וויא אגאל מעסער אויס גישלייפט ער טוט פאלשקייט: (ה) אהבת דוא האסט ליב שלעכטס פון גוטס ליגינס פון צו ריידין רעכטע רייד אייביג: (ו) אהבת די האסט ליב איין גישלונגענע רייד וואס דו רעדסט לשון הרע שאלקהאפטיגע רייד: (ז) גם אויך גאט וועט דיך צו שטויסין אויף אייביג אונ וועט דיך צו ברעכין אונ וועט דיך אוועק רוקין פון דיין גיצעלט אונ וועט דיך אויס ווארצלען פון דעם לעבעדיגען לאנד שטענדיג: (ח) ויראו אונ דיא צדיקים וועלן זעהן דיין פורענות אונ זיי וועלין זיך פארכטין פר גאט. אונ אויף אים וועלין זייא לאכן זיי וועלן זאגן. (ט) הנה נון דר מענש האט ניט גיטאן גאט פר זיין פעסטיקייט ער האט איין בטחון אויף זיין פיל רייכקייט ערשט זאל ער זיך שטארקין אין זיין אונגליק: (י) ואני אונ איך בין וויא איין אייל בערט בוים צווייגהאפטיג אין גאטס הויז איך טוא מיך פאר זיכערין אין גאטס גינאד אויף אייביג: (יא) אודך איך טוא דיך לויבין אייביג וואס דוא האסט גיטאן איך טוא האפין צו דיין נאמען ווארום דיין נאמען איז גוט אנטקעגין דיינע חסידים:

נג (א) למנצח. אויף דעם כלי זמר מחלת: (ב) אמר דער שאלקהאפטיגער זאגט אין טראכט אין זיין הארץ עס איז ניטא קיין גאט זייא האבין פאר דארבין זייא האבין גמאכט אומווערדיג זייא האבין גטאן אומרעכט קיינער האט ניט גטאן קיין גוטס:

אלהים

ד כלו סג יחדו נאלחו אין עשה טוב אין גם אחד:
ה הלא ידעו פעלי און אכלי עמי אכלו לחם אלהים
לא קראו: ו שם פחדו פחד לא היה פחד כי
אלהים פזר עצמות חנך הבשתה כי אלהים
מאסם: ז מי יתן מציון ישעות ישראל בשוב
אלהים שבות עמו יגל יעקב ישמח ישראל:

אין תפלה דאס השי"ת זאל העלפין צוא דיא וואס האפין צוא זיין חסד:

נד א למנצח בנגינות משכיל לדוד: ב בבוא
הזיפים ויאמרו לשאול הלא דוד מסתתר
עמנו: ג אלהים בשמך הושיעני ובגבורתך
תדינני: ד אלהים שמע תפלתי האזינה לאמרי
פי: ה כי זרים קמו עלי ועריצים בקשו נפשי לא
שמו אלהים לנגדם סלה: ו הנה אלהים עזר לי
אדני בסמכי נפשי: ז ישיב הרע לשררי באמתך

(ג) אלהים גאט פון דעם הימיל האט ער גילוגט אויף דיא מענשן צו זעהן אויב עס איז פר האנדן אקלוגער ער זאל פארשטין גאט: (ד) כלו אלע האבן צוריק גיטראטין אונ זיי אלע זיינן שלעכט גיווארן עס טוט ניט קיין גוטס אפילו איינער ניט: (ה) הלא פר וואר זיי האבן גיוואוסט די וואס האבן גיווערקט אומרעכט די וואס האבן גיגעסן מיין פאלק וויא מען עסט ברויט. גאט האבן זייא ניט אנגערופין: (ו) שם דארטין האבין זייא זיך גיפארכטן איין פארכט עס איז נאך ניט גיוועזן אזו אפחד אויף דער וועלט אז בייא סנחריב זיינען מיט אמאל טויט גיווארין אזו אגרויסר חיל ווארום גאט האט צו שפרייט דיא ביינער פון דיא חילות פון דיא וואס האבן גירוהט ארום דיר ירושלים דוא האסט זייא גימאכט פאר שעמען די שונאים ווארום גאט האט זייא פאר מיאוסת: (ז) מי ווער וועט געבין פון ציון דיא הילף פון ישראל נאר גאט ב"ה אז גאט וועט ווידער קערין דאס ווידער קערונג פון זיין פאלק וועט זיך פרייען יעקב עס וועט זיך פרייען ישראל:

נד (א) למנצח בנגינות משכיל לדוד: (ב) בבוא אז די לייט פון דער שטאט זיף זיינן גיקומע: אונ האבן גיזאגט צו שאול פר וואר דוד ער בהאלט זיך מיט אונז: (ג) אלהים גאט מיט דיין נאמען וואס הייסט רחום העלף מיר אונ מיט דיין גבורה זאלסטו מיך משפטן: (ד) אלהים גאט הער צו מיין גיבעט פאר נעם צו דיא רייד פון מיין מויל: (ה) כי ווארום פרעמדע זיינן אויף גשטאנן אויף מיר אונ שטארקע האבן בגערט מיין נפש זיי האבן ניט גיטאן גאט אנטקעגן זיי אייביג: (ו) הנה נון גאט איז מיין העלפער גאט איז אין דעם אונטער לעהנען פון מיין נפש: (ז) ישיב ער זאל אומקערין דאס

שליכטס

הַצְמִיתֵם: ח בִּנְדָבָה אֶזְבְּחָה לָּךְ אוֹדֶה שִּׁמְךָ יְיָ כִּי
טוֹב: ט כִּי מִכָּל צָרָה הִצִּילָנִי וּבְאֹיְבַי רָאֲתָה עֵינִי:

דעם מִזְמוֹר האָט דָוִד הַמֶּלֶךְ גִיזָאגְט אַז עֶר איז אַנְטְלָאפְן גִיוָוארִין פוּן הוֹאַג וַאֲחִיתוֹפֶל:

יום י נה א לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת מַשְׂכִּיל לְדָוִד: ב הַאֲזִינָה
אֱלֹהִים תְּפִלָּתִי וְאַל תִּתְעַלַּם מִתְּחִנָּתִי:
ג הַקְשִׁיבָה לִּי וַעֲנֵנִי אָרִיד בְּשִׂיחִי וְאָהִימָה: ד מִקּוֹל
אוֹיֵב מִפְּנֵי עָקַת רָשָׁע כִּי יָמִיטוּ עָלַי אָוֶן וּבְאַף
יִשְׂטְמוּנִי: ה לִבִּי יָחִיל בְּקִרְבִּי וְאֵימוֹת מָוֶת נָפְלוּ
עָלָי: ו יִרְאָה וָרַעַד יָבֹא בִי וַתְּכַסֵּנִי פַּלָּצוּת: ז וָאֹמַר
מִי יִתֶּן לִּי אֵבֶר כַּיּוֹנָה אָעוּפָה וְאֶשְׁכֹּנָה: ח הִנֵּה
אַרְחִיק נְדֹד אָלִין בַּמִּדְבָּר סֶלָה: ט אָחִישָׁה מִפְלָט
לִי מֵרוּחַ סֹעָה מִסָּעַר: י בַּלַּע אֲדֹנָי פַּלַּג לְשׁוֹנָם
כִּי רָאִיתִי חָמָס וְרִיב בָּעִיר: יא יוֹמָם וָלַיְלָה יְסוֹבְבֻהָ
עַל חוֹמֹתֶיהָ וְאָוֶן וְעָמָל בְּקִרְבָּהּ: יב הַוּוֹת בְּקִרְבָּהּ

---

שְׁלֶעכְטֶם צוּ מַיינֶע לויגֶערְס מיט דַיין וָוארְהַייט טוּא זֵייא פַאר דַארְבְּן: (ח) בנדבה מִיט
אַבֵּווילִיגְט הַארְץ וֶועל אִיךְ צוּ דִיר שֶׁעכְטִין אִיךְ טוּא לוֹיבִּין דַיין נָאמֶען גָאט וָוארוּם
דוּ בִּיסְט גוּט: (ט) כי וָוארוּם פוּן אַלֶע אַנְגְסְטִין הָאט מִיךְ גָאט בַּאשִׁירְמֶעט אוּנ אִין
מַיינֶע פַיינְט הָאט גִיזֶעהֶן אַנְקָמָה מַיין אוֹיג:
נה (א) למנצח בנגינות משכיל לדוד: (ב) האזינה פַאר נֶעם גָאט מַיין תְּפִלָּה אוּנ זָאלְסְט דִיךְ
נִיט פַאר הוֹילִין פוּן מַיין גִיבֶּעט: (ג) הקשיבה פַארְנֶעם מַיין זָאג אוּנ עֶנְטְפֶער מִיר
אִיךְ טוּא קְלָאגְן מִיט מַיינֶע רַייד אוּנ אִיךְ טוּא בְּרוּמֶען: (ד) מקול פוּן דֶעם קוֹל פוּן דֶעם
פַיינְט פַר דִי אַנְגְסְטְן וָואס דֶר רָשָׁע טוּט מִיר אַנְגְסְטִן וָוארוּם זֵייא טוּעְן נֵייגְן אוֹיף מִיר
אוּמְרֶעכְט אוּנ מִיט צָארְן טוּעְן זֵייא מִיר הִיטְן פַיינְדְשַׁאפְט: (ה) לבי מַיין הַארְץ טוּט
זִיךְ פָארְכְטְן אִין מִיר אוּנ דִי פָארְכְט פוּן דֶעם טוֹיט פַאלְט אוֹיף מִיר: (ו) יראה פָארְכְט
אוּנ צִיטֶערְנִישׁ טוּט קוּמֶען אִין מִיר אוּנ עֶס טוּט מִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּדֶעקְן צִיטֶערְנִישׁ:
(ז) ואמר אִיךְ טוּא זָאגְן וֶוער וֶועט מִיר גֶעבְּן אַפְלִיגֶעל וִויא בַּיי אַטוֹיב אִיךְ וֶועל אַוֶועק
פְלִיעֶן אוּנ אִיךְ וֶועל רוּעֶן וַוייט פוּן דַאגֶען: (ח) הנה נוּן אִיךְ וֶועל דֶער וַוייטֶערְן פַאר
וָואנְלֶען אִיךְ וֶועל נֶעכְטִיגְן אִין דֶר מִדְבָּר שְׁטֶענְדִיג: (ט) אחישה אִיךְ וֶועל אַיילְן אַיין
אַנְטְרִינוּנְג צוּ מִיר פוּן אַווִינְט וָואס רוּקְט אַוֶועק אַלְץ פוּן זַיין אָרְט פוּן שְׁטוּרֶעם וִוינְט
דָס מַיינְט מֶען דִי שׂוֹנְאִים: (י) בלע פַר דַארְבּ זֵיי גָאט טַייל זֵייעֶר צוּנְג מֶען זָאל זֵייעֶר
לָשׁוֹן הָרָע נִיט הֶערִין אִיךְ טוּא זֶעהְן רוֹיבּ אוּנ קְרִיג אִין שְׁטָאט דוּרְךְ זֵייעֶר לָשׁוֹן
הָרָע: (יא) יומם טָאג אוּנ נַאכְט טוּט אַרוּם רִינְגְלֶען דִי קְרִיג אוֹיף אִירֶע מוֹיעֶרְן פוּן דֶר
שְׁטָאט אוּנ אוּמְרֶעכְט מִידִיקַייט אוּנ פַאלְשְׁקַייט אִיז אִין אִיר: (יב) הוות בְּרֶעכֶענִישׁ אוּנ
פאלשקייט

וְלֹא יָמִישׁ מֵרְחֹבָהּ תֹּךְ וּמִרְמָה: יג כִּי לֹא אוֹיֵב
יְחָרְפֵנִי וְאֶשָּׂא לֹא מְשַׂנְאִי עָלַי הִגְדִּיל וְאֶסָּתֵר
מִמֶּנּוּ: יד וְאַתָּה אֱנוֹשׁ כְּעֶרְכִּי אַלּוּפִי וּמְיֻדָּעִי:
טו אֲשֶׁר יַחְדָּו נַמְתִּיק סוֹד בְּבֵית אֱלֹהִים נְהַלֵּךְ
בְּרָגֶשׁ: טז יַשִּׁיא מָוֶת עָלֵימוֹ יֵרְדוּ שְׁאוֹל חַיִּים כִּי
רָעוֹת בִּמְגוּרָם בְּקִרְבָּם: יז אֲנִי אֶל אֱלֹהִים אֶקְרָא
וַיְיָ יוֹשִׁיעֵנִי: יח עֶרֶב וָבֹקֶר וְצָהֳרַיִם אָשִׂיחָה וְאֶהֱמֶה
וַיִּשְׁמַע קוֹלִי: יט פָּדָה בְשָׁלוֹם נַפְשִׁי מִקְּרָב לִי כִּי
בְרַבִּים הָיוּ עִמָּדִי: כ יִשְׁמַע אֵל וְיַעֲנֵם וְיֹשֵׁב קֶדֶם
סֶלָה אֲשֶׁר אֵין חֲלִיפוֹת לָמוֹ וְלֹא יָרְאוּ אֱלֹהִים:
כא שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלֹמָיו חִלֵּל בְּרִיתוֹ: כב חָלְקוּ
מַחְמָאֹת פִּיו וּקְרָב לִבּוֹ רַכּוּ דְבָרָיו מִשֶּׁמֶן וְהֵמָּה
פְתִחוֹת: כג הַשְׁלֵךְ עַל יְיָ יְהָבְךָ וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ לֹא
יִתֵּן לְעוֹלָם מוֹט לַצַּדִּיק: כד וְאַתָּה אֱלֹהִים

---

פאלשקייט איז אין דער שטאט עס ווערט ניט אפ געטאן פון איר נאס פאלשע
מחשבות אונ רמאות: (יג) כי ווארום ניט אפיינד טוט מיך זידלען דס איך זאל ליידן
ניט מיין שונא מאכט זיך איבר מיר גרויס דס איך זאל מיך קענן פון אים בהאלטן:
(יד) ואתה נור דוא אחיתופל אמענש וויא מיין ערך דוא ביסט מיין לערנר אונ מיין
באקענטער: (טו) אשר וואס צוזאמען האלטן מיר איין עצה אין דער תורה אין גאטס
הויז אין בהמ״ק טוען מיר גיין מיט פיל לייט: (טז) ישיא ער זאל אן רייצן דעם מלאך
המות אויף זייא זיי זאלן נידערן אין גיהנם לעבעדיגערהייד דען שלעכטס איז אין
זייער וואוינונג אין זייא: (יז) אני אונ איך צו גאט טוא איך רופין אונ גאט ווערט מיר
העלפן: (יח) ערב ביי נאכט אונ צו מארגין אונ אין מיטן טאג טוא איך ריידין אונ טוא
ברומען אונ ער טוט הערן מיין קול: (יט) פדה ער האט אויס גילייזט מיט פריד מיין
לייב פון דער מלחמה ווארום פיל לייט זיינן מיט מיר גיוועז אונ האבן פר מיר מתפלל
גוועזן: (כ) ישמע גאט זאל הערן מיין תפלה אונ זאל זיי ענטפערן דר אייביגר גאט אבר
די רשעים ווילן ניט ביטן זייערע שלעכטע מחשבות אונ זייא פארכטן זיך ניט פר
גאט: (כא) שלח דר אחיתופל האט גישטרעקט זיין האנד אין דעם וואס איז מיט אים
שלום גיוועזן ער האט פר שוועכט זיין ברית: (כב) חלקו זיי זיינן גלאטר פון פוטער די
רייד פון זיין מויל אבר זיין הארץ איננווייניג איז אין זין מלחמה צו האלטן מיט מיר
זיינע רייד זיינן ווייכער פון אייל אבר זיי זיינן וויא שווערדן: (כג) השלך וואַרף אויף
גאט ב״ה דיין לאסט אונ ער הש״י ווערט דיר באשערין וואס דוא דארפסט ער ווערט

ניט

תורדם לבאר שחת אנשי דמים ומרמה לא
יחצו ימיהם ואני אבטח בך:

דאס האט דוד המלך עליו השלום געזאגט בשעת ער האט זיך גיטאכט משוגע פאר אכיש דער ברודער פון גלית:

נו א למנצח על יונת אלם רחקים לדוד מכתם
באחז אתו פלשתים בגת: ב חנני אלהים כי
שאפני אנוש כל היום לחם ילחצני: ג שאפו
שוררי כל היום כי רבים לחמים לי מרום: ד יום
אירא אני אליך אבטח: ה באלהים אהלל דברו
באלהים בטחתי לא אירא מה יעשה בשר לי:
ו כל היום דברי יעצבו עלי כל מחשבתם לרע:
ז יגורו יצפונו המה עקבי ישמרו כאשר קוו נפשי:
ח על און פלט למו באף עמים הורד אלהים:
ט נדי ספרתה אתה שימה דמעתי בנאדך הלא
בספרתך: י אז ישובו אויבי אחור ביום אקרא

---

ניט געבין אויף אייביג איין אויס גליטשונג צום צדיק: (כד) ואתה אונ דו גאט וועסט זיי מאכין נידערן אין טיפן גיהנם די לייט פון שולד בלוט זיי טייטן מיט זייערע פאלשע רייד זייא זאלין ניט אויס לעבין האלב יארן אבער איך וועל מיך פר זיכערן אין דיר:

נו (א) למנצח. אויף דעם וואס ער איז גוועזן וויא אשטומע טויב אונ איז ווייט פון זיין לאנד. דער מזמור איז בייא דוד גיוועזן טייער וויא אקריין אז עס האבין אים אן גינומען פלשתים אין דר שטאט גת: (ב) חנני לייטזעליג מיך גאט ווארום די מענטשן גילוסטין מיך איין צו שלינגן. אלע טאג דריקט מיך דר שטרייטער: (ג) שאפו זיי טוען גילוסטין מיינע לוגערס אגאנצין טאג ווארום פיל האלטין מיט מיר מלחמה דו גאט וואס דוא ביסט הויך העלף מיר: (ד) יום דעם טאג וואס איך האב מורא טוא איך מיר אויף דיר פר זיכערן: (ה) באלהים אין גאט איך טוא לויבין זיין הייליג ווארט אין גאט טוא איך מיך פר זיכערן איך טוא מיך ניט פארכטן וואס קאן מיר טאן אבשר ודם: (ו) כל אגאנצין טאג טוען זייא מיינע רייד טרויעריג מאכין אויף מיר איז גאר זייערע מחשבות צו שלעכט: (ז) יגורו זיי טוען זיך איין זאמלען אונ בהאלטין צו לויגין וואו איך בין זייא טוען מיינע טריט היטן וואו הין איך גייא ווייל זייא האפין מיין נפש צו בעקומען: (ח) על אומזונסט דס רעטונג צו זיי, זיי זאלין קיין רעטונג האבין, מיט צארן זאלסטו דיא פלשתים מאכן נידערן גאט: (ט) נדי דוא טוסט ציילן מיין פר יאגלען טוא מיינע טרערין אין דיין לאגיל אין דיין ספר הזכרונות איז אלץ פאר שריבן: (י) אז דענסטמאל וועלן מיינע פיינט זיך אומקערן אהינטער אין דעם טאג וואס איך וועל אן רופין גאט ב"ה מיט דעם וועל איך וויסן אז גאט איז מיט מיר

זה ידעתי כי אלהים לי: יא באלהים אהלל דבר
ביי אהלל דבר: יב באלהים בטחתי לא אירא מה
יעשה אדם לי: יג עלי אלהים נדריך אשלם תודות
לך: יד כי הצלת נפשי ממות הלא רגלי מדחי
להתהלך לפני אלהים באור החיים:

דיא תפלה האט דוד המלך מתפלל געוועזן אין דער הייל או ער איז אנטלאפן פאר שאול המלך:

נז א למנצח אל תשחת לדוד מכתם בברחו
מפני שאול במערה: ב חנני אלהים חנני כי בך
חסיה נפשי ובצל כנפיך אחסה עד יעבר הוות:
ג אקרא לאלהים עליון לאל גמר עלי: ד ישלח
משמים ויושיעני חרף שאפי סלה ישלח אלהים
חסדו ואמתו: ה נפשי בתוך לבאם אשכבה
להטים בני אדם שניהם חנית וחצים ולשונם
חרב חדה: ו רומה על השמים אלהים על כל
הארץ כבודך: ז רשת הכינו לפעמי כפף נפשי

---

צו העלפן: (יא) באלהים אז גאט וייזט מיר מדת הדין טוא איך לויבן זיינע רייד אוג
אז גאט ווייזט מיר מדת הרחמים טוא איך לויבן זיינע רייד: (יב) באלהים אין גאט
טוא איך מיך פר זיכערן האב איך קיין מורא ניט ווארום וואס קאן מיר אמענש טאן:
(יג) עלי איך האב גינומען אויף מיר נדרים איך וועל באצאלין פיל דאנקן צו דיר:
(יד) כי דוא האסט באשירמעט מיין נפש פון טויט מיינע פיס האסטו מציל גיוועזן פון
פאר שטויסונג אונ האסט מיר גיהאלפן צו גיין פר דיר גאט אין דר ליכט פון לעבן:
נז (א) למנצח. אין זיין טאן אנטלויפן פון שאול המלך אין דר הייל: (ב) חנני לייטזעליג
גאט לייטזעליג מיך דען אין דיר טוט זיך בשיצן מיין לייב אונ אין שאטין פון
דיינע פליגלען טוא איך מיך בשיצין ביז עס וועט איבער פארין פון מיר ברעכעניש:
(ג) אקרא איך טוא רופן צום אויבערשטין גאט צו גאט וואס האט באשטימט צו טאן
מיר גוטס: (ד) ישלח ער וועט שיקין פון הימל אונ וועט מיר העלפן ער וועט פר שעמן
דעם וואס וויל מיך איין שלינגן. גאט וועט שיקן זיין גינאד אונ ווארהייט: (ה) נפשי
מיין לייב איז צווישן לייבן. איך טוא ליגין, זיי פלאמען, אזעלכע לייט זייערע ציין
איז גלייך וויא שפיזן אונ פיילן אונ זייער צונג איז וויא אשארפע שווערד: (ו) רומה
וועד דער הויבין אויף דעם הימל גאט אויף דער ערד וועט דיין כבוד דער הויבין
ווערן: (ז) רשת אנעץ האבן זיי אן גיגרייט צו מיין טריט מיין נפש איז איין גיבויגן
זיי האבן גיגראבן פר מיר אגרוב וועלן זיי אריין פאלן אין דעם גרוב אויף אייביג:

נכון

כָּרוּ לְפָנַי שִׁיחָה נָפְלוּ בְתוֹכָהּ סֶלָה: ח נָכוֹן לִבִּי
אֱלֹהִים נָכוֹן לִבִּי אָשִׁירָה וַאֲזַמֵּרָה: ט עוּרָה כְבוֹדִי
עוּרָה הַנֵּבֶל וְכִנּוֹר אָעִירָה שָּׁחַר: י אוֹדְךָ בָעַמִּים
אֲדֹנָי אֲזַמֶּרְךָ בַּלְאֻמִּים: יא כִּי גָדוֹל עַד שָׁמַיִם
חַסְדֶּךָ וְעַד שְׁחָקִים אֲמִתֶּךָ: יב רוּמָה עַל שָׁמַיִם
אֱלֹהִים עַל כָּל הָאָרֶץ כְּבוֹדֶךָ:

דוד המלך קלאגט אויף דיא וואס האבין גיזאגט פאר שאול המלך אז ער איז גירעכט וואס ער וויל דוד טייטן:

נח א לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם: ב הַאֻמְנָם
אֵלֶם צֶדֶק תְּדַבֵּרוּן מֵישָׁרִים תִּשְׁפְּטוּ בְּנֵי אָדָם:
ג אַף בְּלֵב עוֹלוֹת תִּפְעָלוּן בָּאָרֶץ חֲמַס יְדֵיכֶם
תְּפַלֵּסוּן: ד זֹרוּ רְשָׁעִים מֵרָחֶם תָּעוּ מִבֶּטֶן דֹּבְרֵי
כָזָב: ה חֲמַת לָמוֹ כִּדְמוּת חֲמַת נָחָשׁ כְּמוֹ פֶתֶן
חֵרֵשׁ יַאְטֵם אָזְנוֹ: ו אֲשֶׁר לֹא יִשְׁמַע לְקוֹל מְלַחֲשִׁים
חוֹבֵר חֲבָרִים מְחֻכָּם: ז אֱלֹהִים הֲרָס שִׁנֵּימוֹ בְּפִימוֹ
מַלְתְּעוֹת כְּפִירִים נְתוֹץ יְיָ: ח יִמָּאֲסוּ כְמוֹ מַיִם

---

(ח) נכון עס איז אן גיברייט מיין הארץ צו האפן צו גאט מיין הארץ איז אן גיברייט
איך וועל לויבן אונ זינגן:(ט) עורה דר וועק זיך מיין כבוד דר וועק זיך צו שפילן אויפן
פידיל מיט אפייפיל צו לויבן גאט טוא דר וועקן דעם מארגין שטערן: (י) אודך
איך טוא דיך לויבן צווישן פעלקער גאט טוא איך זינגן צו דיר צווישן פעלקער:
(יא) כי ווארום עס איז גרויס ביז אין הימל דיין חסד ביז דעם הימיל וואס הייסט
שחקים דיין ווארהאפטיקייט: (יב) רומה ער ווערט דער הויבין אויף דעם הימל גאט
אויף דער גאנצער וועלט דיין כבוד:
נח (א) למנצח וגו׳: (ב) האמנם פר וואר איר זייט גיווארן שטום פון צו ריידן גרעכטיקייט
אונ דם רעכטפארטיקייט וואס איר וואלט גיקענט משפטן מענשין: (ג) אף אויך
אין הארצן טוט איר טראכטן אונ ווערקן אומרעכט אויף דר וועלט דם רויבונג וואס
אין אייערע הענט טוט איר מאכן גלייך אונ זאגט דם איז רעכט: (ד) זורו דיא רשעים
זיינן פרעמד צו גאט פון מוטערס בויך זיי זיינען פאר אירט די וואס ריידין ליגנס:
(ה) חמת גיפט איז ביי זיי וויא גיפט פון אשלאנג וויא אבייזער שלאנג אטויבער פאר
שטאפט דם אויער: (ו) אשר וועלכער טוט ניט הערין קיין פר שפרעכער אויך ניט
דעם קליגסטין שלאנגן פר שפרעכער: (ז) אלהים גאט צו ברעך זייערע ציין אין זייער
מויל די קין באקין פון די לעמפערטן צו שטויס גאט: (ח) ימאסו זיי זאלן צו גאסן ווערן
וויא וואסר זאלן אוועק פליסן. השי״ת זאל טרעטין זיין בויגן דם זייא זאלן פר שניטן
ווערין

יתהלכו למו ידרך חציו כמו יתמללו: ט כמו
שבלול תמס יהלך נפל אשת בל חזו שמש:
י בטרם יבינו סירתיכם אטד כמו חי כמו חרון
ישערנו: יא ישמח צדיק כי חזה נקם פעמיו ירחץ
בדם הרשע: יב ויאמר אדם אך פרי לצדיק אך
יש אלהים שפטים בארץ:

דער מזמור גייט אויף דעם נס וואס דוד איז ניצול געווארן בעת שאול האט געשיקט אים טייטן:

נט א למנצח אל תשחת לדוד מכתם בשלח
שאול וישמרו את הבית להמיתו: ב הצילני
מאיבי אלהי ממתקוממי תשגבני: ג הצילני
מפעלי און ומאנשי דמים הושיעני: ד כי הנה
ארבו לנפשי יגורו עלי עזים לא פשעי ולא חטאתי
יי: ה בלי עון ירצון ויכוננו עורה לקראתי וראה:
ו ואתה יי אלהים צבאות אלהי ישראל הקיצה
לפקד כל הגוים אל תחן כל בגדי און סלה:
ז ישובו לערב יהמו ככלב ויסובבו עיר: ח הנה

---

ווערן: (ט) כמו ווי אשנעק וואס הייסט שבלול עס ווערט צורונען אונ צו גאנגען וויא אמפיל קינד וואס זיי זעהן ניט דיא זון: (י) בטרם איידר אייערע ווייכע דערנער וועלין ווערן הארטע דערנער איידר די קליינע רשעים ווערן גרויס אזו וויא אלעבעדיגער רייסט אוים אבוים רייסט ער אוים מיט דעם ווארציל אזו וועט זיי גאט אוים רייסין: (יא) ישמח דר צדיק וועט זיך פרייען אז ער זעהט אנקמה זיינע טריט דם הייסט זיינע פים טוט ער וואשן מיט דעם רשעם בלוט: (יב) ויאמר וועט איטליכער מענש זאגין עס איז פאר דינסט צום צדיק פאר זיינע גוטע מעשים עס איז פאר האנדין אגיוועלטיקייט וואס ריכטין אויף דער וועלט:

נט (א) למנצח. אז שאול המלך האט געשיקט אז מען זאל היטין די הויז מען זאל דוד טייטן: (ב) הצילני באשירעם מיך פון מיינע פיינט מיין גאט פון די וואס שטייען אויף מיר אויף זאלסטו מיך שטארקן: (ג) הצילני זאיי מיך מציל פון דיא וואס ווערקין אומרעכט אונ פון די בלוטשולדיגע מענטשין העלף מיר: (ד) כי זייא האבין גילוגט אויף מיין לייב זיי טוען זיך איין זאמלן אויף מיר שטארקע מענשן איך האב צו זיי ניט גיזינדיגט וויא דו ווייסט גאט: (ה) בלי איך האב ניט גיזינדיגט אונ זיי טוען לויפן אונ זיינען בגרייט צו טייטן מיך. דר וועק דיך גאט וועגן מיר אונ זעה וואס זייא ווילן מיר טאן: (ו) ואתה אונ דו גאט צבאות דר גאט פון ישראל דר וועק דיך צו בפעלין

אלע

יַבִּיעוּן בְּפִיהֶם חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם כִּי מִי שֹׁמֵעַ׃
ט וְאַתָּה יְיָ תִּשְׂחַק לָמוֹ תִּלְעַג לְכָל גּוֹיִם׃ י עֻזּוֹ אֵלֶיךָ
אֶשְׁמֹרָה כִּי אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי׃ יא אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי
אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי׃ יב אַל תַּהַרְגֵם פֶּן יִשְׁכְּחוּ
עַמִּי הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי׃
יג חַטַּאת פִּימוֹ דְּבַר שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם
וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ׃ יד כַּלֵּה בְחֵמָה כַּלֵּה
וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב לְאַפְסֵי
הָאָרֶץ סֶלָה׃ טו וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב וִיסוֹבְבוּ
עִיר׃ טז הֵמָּה יְנִיעוּן לֶאֱכֹל אִם לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ׃
יז וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ כִּי הָיִיתָ
מִשְׂגָּב לִי וּמָנוֹס בְּיוֹם צַר לִי׃ יח עֻזִּי אֵלֶיךָ אֲזַמֵּרָה
כִּי אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי׃

---

אַלֶע פֶעלְקֶר. זָאלְסְט ניט דֶר בַּארימֶן די וָואס טוּעֶן אוּמְרֶעכְט: (ז) ישובו זיי קֶערֶן זיך אים אויף דֶר נַאכְט צוּ הויז בְּרוּמֶן וויא די הינְט נָאכְן גַאנְצְן טָאג וָואס זיי זַיינֶען גְלָאפֶן אין שְׁטָאט צוּ רֵיידְן לָשׁוֹן הָרָע: (ח) הנה זיי טוּעֶן רֵיידְן לָשׁוֹן הָרָע מיט זֵייעֶר מוֹיל גְלַייך וויא שְׁוֶוערְדְן זַיינֶען זֵייעֶרֶע לֶעפְצְן וָוארוּם זֵייא טְרַאכְטְן וֶוער הֶערְט וָואס מיר זָאגִין: (ט) ואתה אָבֶּר דוּ גָאט טוּסְט שְׁפֶּעטְן אויף זיי טוּסְט שְׁפֶּעטִין אוים אַלֶע פֶעלְקֶער וָואס טְרַאכְטְן בֵּייז: (י) עזו מֵחֲמַת דֶם שְׁטַארְקַייט פוּן שָׁאוּל וַוארְט איך נָאר אויף דַיין הילְף ווייל גָאט איז מַיין שְׁטַארְקֶר: (יא) אלהי דֶר גָאט וָואס טוּט מיר חֶסֶד זָאל עֶר פֶעדֶערְן מַיין הילְף. גָאט זָאל מיך מַאכְן זֶעהְן אַנְקָמָה אין מַיינֶע לוֹגֶערְם: (יב) אל דוּ זָאלְסְט זֵיי ניט טֵייטְן. מַיין פָאלְק זָאל ניט פַר גֶעסְן וָוארוּם אַטְוִיטֶר וֶוערְט פַר גֶעסְן פַר וָואגִיל זַיי מיט דַיין גְרוֹיס כֹּחַ אוּנ שְׁטִירְץ זֵיי דוּ גָאט אוּנְזֶר בַּשִׁיצֶר: (יג) חטאת פוּן וֶועגִין די עֲבֵרוֹת וָואס זֵיי טוּעֶן מיט זֵייעֶר מוֹיל וָואס זֵייא רֵיידְן מיט זֵייעֶרֶע לֶעפְצִין זֵיי זָאלִין וֶוערִין בַּצְווּאוּנְגֶן פוּן זֵייעֶר גַאוָה אוּנ פוּן וֶועגְן די קְלָלוֹת אוּנ וֶועגְן דָאס אָבְּצֶערוּנְג וָואס אויף זֵיי וֶועט קוּמֶן וֶועלְן זֵיי דֶר צֵיילְן אֵיינֶר דֶעם אַנְדֶערִין: (יד) כלה פַאר לֶענְד דיא רְשָׁעִים מיט צָארִין פַר לֶענְד זֵיי זֵייא זָאלְן שׁוֹין מֶער ניט זַיין אוּנ זָאלְן וויסְן זַיין אַז גָאט איז אַיין גִיוֶועלְטִיגֶער פוּן יַעֲקֹב בִּיז אין עֶק וֶועלְט וֶועט מֶען עֶס וויסְן אֵייבִּיג: (טו) וישובו זֵיי וֶועלִין זיך אוּמְקֶערְן בַּיי דֶר נַאכְט צוּ הויז וֶועלְן בְּרוּמֶען וויא דיא הינְט נָאך דֶעם אַז זֵיי וֶועלְן אַרוּם רִינְגְלֶען דיא שְׁטָאט צוּ בֶּעטִין בְּרוֹיט: (טז) המה זֵיי וֶועלְן זַיין פַאר וָואגִילְט צוּ גִיפִינֶן עֶסִין אַז זֵיי וֶועלְן אָבֶּער ניט זַאט זַיין וֶועלְן זֵיי מוּרְמֶעלְן: (יז) ואני אַז אִיךְ וֶועל גִיהָאלְפִין וֶוערְן וֶועל אִיךְ זִינְגֶען פוּן דַיין מַאכְט אוּנ איך וֶועל לוֹיבִּין אין דֶער פְרִיא דַיין גְנָאד דֶען דוּא בִּיסְט גִיוֶוען אַשְׁטַארְקֶער צוּ מיר אוּנ

אֵיין

דעם מזמור האט דוד געזאגט בעת ער איז געגאנגען מלחמה האלטען מיט ארם נהרים:

יום יא ס א לַמְנַצֵּחַ עַל שׁוּשַׁן עֵדוּת מִכְתָּם לְדָוִד
לְלַמֵּד: ב בְּהַצּוֹתוֹ אֶת אֲרַם נַהֲרַיִם וְאֶת
אֲרַם צוֹבָה וַיָּשָׁב יוֹאָב וַיַּךְ אֶת אֱדוֹם בְּגֵיא מֶלַח
שְׁנֵים עָשָׂר אָלֶף: ג אֱלֹהִים זְנַחְתָּנוּ פְרַצְתָּנוּ אָנַפְתָּ
תְּשׁוֹבֵב לָנוּ: ד הִרְעַשְׁתָּה אֶרֶץ פְּצַמְתָּהּ רְפָה
שְׁבָרֶיהָ כִי מָטָה: ה הִרְאִיתָ עַמְּךָ קָשָׁה הִשְׁקִיתָנוּ
יַיִן תַּרְעֵלָה: ו נָתַתָּה לִּירֵאֶיךָ נֵּס לְהִתְנוֹסֵס מִפְּנֵי
קֹשֶׁט סֶלָה: ז לְמַעַן יֵחָלְצוּן יְדִידֶיךָ הוֹשִׁיעָה יְמִינְךָ
וַעֲנֵנִי: ח אֱלֹהִים דִּבֶּר בְּקָדְשׁוֹ אֶעְלֹזָה אֲחַלְּקָה
שְׁכֶם וְעֵמֶק סֻכּוֹת אֲמַדֵּד: ט לִי גִלְעָד וְלִי מְנַשֶּׁה
וְאֶפְרַיִם מָעוֹז רֹאשִׁי יְהוּדָה מְחֹקְקִי: י מוֹאָב
סִיר רַחְצִי עַל אֱדוֹם אַשְׁלִיךְ נַעֲלִי עָלַי פְּלֶשֶׁת
הִתְרוֹעָעִי: יא מִי יֹבִלֵנִי עִיר מָצוֹר מִי נָחַנִי עַד

---

אין אנטרינגער אין דעם טאג אז עס איז מיר אייגג געווען: (יח) עזי דוא ביסט מיין שטארקר הרום טוא איך זינגען צו דיר ווארום גאט איז מיין שטארקער דער גאט וואס טוט מיר שטענדיג חסד:

ס (א) למנצח. אויף דעם כלי זמר וויא אנגעשטאלט פון ארויז צו לערנען שכל די לייט:
(ב) בהצותו אין זיין טאן מלחמה האלטען מיט ארם נהרים אונ מיט ארם צובה האט זיך יואב אומגיקערט אונ האט גישלאגן אדום אין ארט גיא מלח צוועלף טויזענט מענטשן: (ג) אלהים דו גאט האסט אונז פאר לאזין דוא האסט אונז אויף גיבראכן האסט גיצערינט אויף אונז בעט איך דיך זאלסט אונז געבין ארוואונג: (ד) הרעשתה האסט גימאכט שטורמען אונזער לאנד האסט זיא צו שפאלטין הייל איר בראך ווארום זיא האט גיוואנקט: (ה) הראית האסט גיוויזן דיין פאלק הארטע זאכין האסט גיגעבן אונז טרינקען גיפטיגע וויין. אבער היינט. (ו) נתתה האסטו גיגעבין צו דיינע פארכטיגע איין ערהייבונג אויף דער וועלט עס זאל וואר ווערן דיין הבטחה אויף אייביג: (ז) למען פון וועגן דיינע גיליבטע זאלין גירעטעט ווערן זאלסט מיר העלפין מיט דיין רעכטע האנד אונ זאלסט מיר ענטפערן: (ח) אלהים גאט האט גירעט מיט זיין הייליקייט דורך זיינע נביאים איך וועל מיך פרייען מיט מיין מלוכה איך וועל צו טיילין איך וועל זיי מעסטן עמק סכות: (ט) לי צו מיר איז גלעד אונ צו מיר איז מנשה איך האב צו שאפן איבר זיי אונ אפרים איז אשטארקייט צו מיין קאפ אונ יהודה זיינן מיינע הערן. אונטערטעניג אונטער מיר: (י) מואב מואב איז צו מיר ווי א וואש טאפ אויף אדום ווארף איך מיין שלאס צו פר שליסן זייא. פון מיינט וועגין האבן

אֱדוֹם׃ יב הֲלֹא אַתָּה אֱלֹהִים זְנַחְתָּנוּ וְלֹא תֵצֵא
אֱלֹהִים בְּצִבְאוֹתֵינוּ׃ יג הָבָה לָּנוּ עֶזְרָת מִצָּר
וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם׃ יד בֵּאלֹהִים נַעֲשֶׂה חָיִל
וְהוּא יָבוּס צָרֵינוּ׃

דִיא תְּפִלָּה הָאט דָוִד גִיזָאגְט אַז עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן גִיוָוארְן פוּן שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ׃

סא א לַמְנַצֵּחַ עַל נְגִינַת לְדָוִד׃ ב שִׁמְעָה אֱלֹהִים
רִנָּתִי הַקְשִׁיבָה תְּפִלָּתִי׃ ג מִקְצֵה הָאָרֶץ אֵלֶיךָ
אֶקְרָא בַּעֲטֹף לִבִּי בְּצוּר יָרוּם מִמֶּנִּי תַנְחֵנִי׃ ד כִּי
הָיִיתָ מַחְסֶה לִי מִגְדַּל עוֹז מִפְּנֵי אוֹיֵב׃ ה אָגוּרָה
בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים אֶחֱסֶה בְסֵתֶר כְּנָפֶיךָ סֶּלָה׃ ו כִּי
אַתָּה אֱלֹהִים שָׁמַעְתָּ לִנְדָרָי נָתַתָּ יְרֻשַּׁת יִרְאֵי
שְׁמֶךָ׃ ז יָמִים עַל יְמֵי מֶלֶךְ תּוֹסִיף שְׁנוֹתָיו כְּמוֹ דֹר
וָדוֹר׃ ח יֵשֵׁב עוֹלָם לִפְנֵי אֱלֹהִים חֶסֶד וֶאֱמֶת מַן
יִנְצְרֻהוּ׃ ט כֵּן אֲזַמְּרָה שִׁמְךָ לָעַד לְשַׁלְּמִי נְדָרַי
יוֹם יוֹם׃

---

דיא פלשתים גיטאן שאלין׃ (יא) מי ווער האט מיך גיבראכט צו די פעסטע שטעט
איך זאל זייא איין נעמען ווער האט מיך דען גיפירט צו אדום׃ (יב) הלא פר וואר דו
גאט וואס האסטו אונז פאר לאזין אונ ביסט ניט גיגאנגען אין אונזער חיל׃ (יג) הבה
גיב צו אונז הילף קעגין שונא אבער די הילף פון אמענשין איז פאלש׃ (יד) באלהים
מיט גאטס הילף וועלין מיר טאן גבורות אונ ער וועט טרעטן אונזערע בלײדיגער׃
סא (א) למנצח וגו׳׃ (ב) שמעה הער צו גאט מיין גזאנג פר נעם מיין תפלה׃ (ג) מקצה פון
עק וועלט ווייט פון ארץ ישראל טו איך רופן צו דיר אז מיין הארץ איז גיוועזן
גיוויקילט אין צרות צווישן שטארקע אונ העכערע פון מיר האסטו מיך גיטאן פירין
איך זאל זייא איין נעמען׃ (ד) כי ביסט גיוועזן איין שיצונג צו מיר איין שטארקער
טורעם פאר מיין פיינד׃ (ה) אגורה איך זאל וואוינען אין דיין גיצעלט אייביג איך
זאל זיין באשיצט אין פר בארגינעש פון דיינע פליגיל אייביג׃ (ו) כי ווארום דו גאט
פלעגסט צו הערן צו מיינע נדרים האסט גיגעבן זייערע לענדער אירושה צו דיא
וואס פארכטן זיך פר דיין נאמען׃ (ז) ימים טעג אויף די טעג פון מלך זאלסטו מערין
זיינע יארן זאלין זיין אזו ווייא פר צייטיגע דורות פלעגן לעבן׃ (ח) ישב ער זאל אייביג
זיצן פאר גאט דאס מיינט מען אין בהמ״ק. חסד פון גאט אונ זיין ווארהייט זאל זיין
אן גיבּרייט צו היטן אים׃ (ט) כן אזו וועל איך זינגען אונ לויבין דיין נאמען אייביג
דאס איך זאל באצאלין מיינע נדרים אלע טאג׃

דיא תפלה האט דוד המלך געזאגט קעגין זיינע שונאים:

סב א למנצח על ידותון מזמור לדוד: ב אך אל
אלהים דומיה נפשי ממנו ישועתי: ג אך הוא
צורי וישועתי משגבי לא אמוט רבה: ד עד אנה
תהותתו על איש תרצחו כלכם כקיר נטוי גדר
הדחויה: ה אך משאתו יעצו להדיח ירצו כזב
בפיו יברכו ובקרבם יקללו סלה: ו אך לאלהים
דומי נפשי כי ממנו תקותי: ז אך הוא צורי
וישועתי משגבי לא אמוט: ח על אלהים ישעי
וכבודי צור עזי מחסי באלהים: ט בטחו בו בכל
עת עם שפכו לפניו לבבכם אלהים מחסה לנו
סלה: י אך הבל בני אדם כזב בני איש במאזנים
לעלות המה מהבל יחד: יא אל תבטחו בעשק
ובגזל אל תהבלו חיל כי ינוב אל תשיתו לב:
יב אחת דבר אלהים שתים זו שמעתי כי עז

---

סב (א) למנצח וגו': (ב) אך נאר צו גאט טוט האפן מיין לייב פון אים איז שטענדיג
מיין הילף: (ג) אך נאר ער איז מיין פעלזן אונ מיין הילף ער איז מיין שטארקר
איך וועל ניט פיל אויס געגליטשט ווערן: (ד) עד ביז וויא לאנג וועט איר טראכטין
ברעכעניש אויף איטליכן מענטשין איר זייט אלע מערדער אזו וויא א וואנט איין
איין געבויגענע אונ וויא א צוים וואס פאלט אונ טייט מענטשן: (ה) אך נאר ווייל זייא
פארכטן פאר זיין גרויסקייט האבן זייא איין עצה געהאלטן צו פר שטויסן אים זייא
ווילן זאגן אליגן איטליכער באזונדער מיט זיין מויל טוען זייא בענטשין אבער אין
הארצן טוען זייא מיך שילטן שטענדיג: (ו) אך נאר צו גאט טוט האפן מיין לייב
ווארום שטענדיג קומט מיין האפנונג פון אים: (ז) אך נאר ער איז מיין באשעפר אונ
מיין העלפר, ווייל ער איז מיין שטארקר דרום וועל איך ניט ווערן אויס געגליטשט:
(ח) על אויף גאט איז מיין הילף אונ מיין כבוד ווייל ער שטארקט מיך שטענדיג
דרום טוא איך מיך בשיצן אין גאט: (ט) בטחו האט א בטחון אין אים אלע צייטן איר
פאלק ישראל פר גיסט פר גאט איערע הערצר מיט איין גיבעט ווארום גאט איז צו
אונז תמיד א באשיצער: (י) אך געווערט עס איז ניט דער בטחון אויף מענטשן
פאלש דער בטחון אויף גרויסע לייט ווען מען זאל זיי וועגין אין שאלין זיינען זייא
אלע נישט: (יא) אל איר זאלט קיין בטחון האבין אויף רויבונג אונ אויף גזל זייט ניט
פאר נארט, עשירות פון גזל ווען איר זעהט עס טוט שפראצין זאלט איר ניט טאן

איי׳ע

לאלהים: יג ולך אדני חסד כי אתה תשלם
לאיש כמעשהו:

אין דעם מזמור איז דיא תפלה וואס דוד האט געטאן בשעת ער איז אנטלאפען פאר שאול המלך:

סג א מזמור לדוד בהיותו במדבר יהודה:
ב אלהים אלי אתה אשחרך צמאה לך נפשי
כמה לך בשרי בארץ ציה ועיף בלי מים: ג כן
בקדש חזיתך לראות עזך וכבודך: ד כי טוב
חסדך מחיים שפתי ישבחונך: ה כן אברכך
בחיי בשמך אשא כפי: ו כמו חלב ודשן תשבע
נפשי ושפתי רננות יהלל פי: ז אם זכרתיך על
יצועי באשמרות אהגה בך: ח כי היית עזרתה
לי ובצל כנפיך ארנן: ט דבקה נפשי אחריך בי
תמכה ימינך: י והמה לשואה יבקשו נפשי יבאו
בתחתיות הארץ: יא יגירהו על ידי חרב מנת

---

אייער הארץ דרויף: (יב) אחת איין זאך האט גאט גירעט צוויא זאכן האב איך מיך אפ גילערינט. איינס איז אז דאס שטארקייט איז צו גאט ער גיוועלטיגט אויף אלע. אונ דאס אנדערע. (יג) ולך אז דו טוסט חסד מיט מענטשין. פון וואנען האב איך דאס גילערינט ווארום דוא האסט גירעט אז דוא באצאלסט איטליכען מענטשין נאך זיינע מעשים נאך:

סג (א) מזמור. ווען דוד וואר אין מדבר פון יהודה באהאלטן: (ב) אלהים דו ביסט מיין גאט דרום טוא איך דיך אן בעטין עס איז דארשטיג אונ גילוסטיג צו דיר מיין נשמה עס טוט גילוסטן צו דיר מיין לייב וויא איינער וואס גייט אין איין וויסט לאנד אונ איז מיד אונ האט ניט קיין וואסער: (ג) כן אזו גילוסט איך אז איך זאל דיך זעהן אויף דעם הייליג ארט אן צו זעהן דיין שטארקייט דעם ארון אונ דיין כבוד וואס רועט אויף אים: (ד) כי ווארום דיין חסד וואס דו האסט מיר גגעבן לעבן איז נאר אז מיינע לעפצן זאלן דיך לויבין: (ה) כן וועל איך אזו טאן איך וועל דיך לויבן כל זמן איך לעב אז איך וועל דר מאנן דיין נאמן וועל איך אויף הייבן מיינע הענט: (ו) כמו וויא אמענש ווערט זאט פון גוטע אונ פעטע זאכין אזו ווערט מיין לייב זאט אונ מיט גיזאנג טוט מיין מויל לויבן גאט: (ז) אם פר וואר איך טוא דיך גידיינקן אז איך ליג אויף מיין בעט אין די טיילן פון נאכט טוא איך טראכטן אין דיר: (ח) כי וייל דו ביסט גיוועזן אהעלפער צו מיר אונ וייל איך באשיין מיך אין שאטין פון דיינע פליגיל טוא איך זינגען צו דיר: (ט) דבקה וייל מיין לייב איז בהעפט צו גיין נאך דיר דרום איז אין מיר אן גילעהנט דיין רעכטע האנט: (י) והמה אונ זיי. צו פר ווישן אונ צו טייטן טוען

יא:

שְׁעָלִים יִהְיוּ׃ יב וְהַמֶּלֶךְ יִשְׂמַח בֵּאלֹהִים יִתְהַלֵּל
כָּל הַנִּשְׁבָּע בּוֹ כִּי יִסָּכֵר פִּי דוֹבְרֵי שָׁקֶר׃

דִיא חֲכָמִים דַרְשְׁנֶען דֶעם מִזְמוֹר אוֹיף דָנִיאֵל וָואס עֶר אִיז גִיוָוארְפֶען גִיוָוארִין אִין לֵייבִין גְרוּבּ׃

סד א לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ ב שְׁמַע אֱלֹהִים קוֹלִי
בְשִׂיחִי מִפַּחַד אוֹיֵב תִּצֹּר חַיָּי׃ ג תַּסְתִּירֵנִי מִסּוֹד
מְרֵעִים מֵרִגְשַׁת פֹּעֲלֵי אָוֶן׃ ד אֲשֶׁר שָׁנְנוּ כַחֶרֶב
לְשׁוֹנָם דָּרְכוּ חִצָּם דָּבָר מָר׃ ה לִירוֹת בַּמִּסְתָּרִים
תָּם פִּתְאֹם יֹרֻהוּ וְלֹא יִירָאוּ׃ ו יְחַזְּקוּ לָמוֹ דָּבָר רָע
יְסַפְּרוּ לִטְמוֹן מוֹקְשִׁים אָמְרוּ מִי יִרְאֶה לָּמוֹ׃
ז יַחְפְּשׂוּ עוֹלֹת תַּמְנוּ חֵפֶשׂ מְחֻפָּשׂ וְקֶרֶב אִישׁ וְלֵב
עָמֹק׃ ח וַיֹּרֵם אֱלֹהִים חֵץ פִּתְאוֹם הָיוּ מַכּוֹתָם׃
ט וַיַּכְשִׁילֻהוּ עָלֵימוֹ לְשׁוֹנָם יִתְנֹדְדוּ כָּל רֹאֵה בָם׃
י וַיִּירְאוּ כָּל אָדָם וַיַּגִּידוּ פֹּעַל אֱלֹהִים וּמַעֲשֵׂהוּ

---

זייא בגערן מיין לייב דרום זאלן זיי קומן אין דער אונטערשטע ערד׃ (יא) יגירהו מען
זאל פר גיסן זייער בלוט דורך אשווערד אגאב צו פוקסן אונ חיות רעות זאלן זייא
זיין׃ (יב) והמלך אונ איך דוד המלך וועל זיך פרייען מיט גאט ער וועט זיך רימען
איטליכער וואס שווערט בייא גאט אונ גלויבט אין אים דען עס וועט פאר שטאפט
ווערין דאס מויל פון דיא וואס ריידין ליגענס׃

סד (א) למנצח. דעם מזמור האט דוד המלך גיזאגט ווענן דניאל וואס מען האט אים
גיווארפן אין לייבן גרוב׃ (ב) שמע הער צו גאט מיין קול אין מיין טאן דר ציילין
מיינע צרות. פון פארכט פון מיין פיינט זאלסטו היטן מיין לעבין׃ (ג) תסתירני זאלסט
מיך פארבארגין פון ראט פון רשעים. פון דעם צוזאמן קומן פון די וואס טוען אום
רעכט׃ (ד) אשר וואס זייא האבן גישארפט וויא אשווערד זייער צונג צו ריידן אויף
מיר פאר דרייש המלך זייא האבן גיטראכטין דעם בויגן פון זייער פייל מיט ביטערע
ווערטער׃ (ה) לירות צו שיסין אין פארבארגענים דעם פרומען. פלוצלונג האבין זייא
גיווארפן זייער פייל אונ האבן קיין מורא ניט פר גאט׃ (ו) יחזקו זייא האבין צווישין
זיך גישטארקט די שלעכטע עצה זייא האבין איינער דעם אנדערן דער ציילט אז
מען זאל פר בארגן שטרויכלונג זיי האבן גזאגט ווער זעהט זייער מחשבה׃ (ז) יחפשו
זיי האבן גיזוכט בלבולים אויף דניאל אונ אז עס האט זיך אויס גילאזט דאס זוכן
אונ האבן גיפונען איין עצה האט איטליכער דם גיהאלטן אין זיך טיף אין הארצן אבר
דר כוח איז גיוועזן. (ח) ויורם גאט האט אויף זיי גיווארפן אפייל פלוצלונג איז גיקומן
זייער שלאק׃ (ט) ויכשילהו זייער צונג האט אויף זייא גיבראכט אשטרויכלונג. דער
וואס האט גיזעהן זייער מפלה האט גיטאן שאקלען מיט דעם קאפ׃ (י) וייראו פון דר
מעשה אן האט איטליכער מורא צו טאן אזו אונ טוען דער ציילין די ווערק פון גאט
אונ

הַשְׂכִּילוּ: יא יִשְׂמַח צַדִּיק בַּיְיָ וְחָסָה בוֹ וְיִתְהַלְלוּ
כָּל יִשְׁרֵי לֵב:

דיא מִזְמוֹרִים ס״ה ס״ו ס״ז זַייְנֶען גִיזָאגְט גִיוָוארִין אוֹיף דֶער צַייט פוּן דֶער גְאוּלָה:

סה א לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד שִׁיר: ב לְךָ דֻמִיָּה תְהִלָּה
אֱלֹהִים בְּצִיּוֹן וּלְךָ יְשֻׁלַּם נֶדֶר: ג שֹׁמֵעַ תְּפִלָּה
עָדֶיךָ כָּל בָּשָׂר יָבֹאוּ: ד דִּבְרֵי עֲוֹנֹת גָּבְרוּ מֶנִּי
פְּשָׁעֵינוּ אַתָּה תְכַפְּרֵם: ה אַשְׁרֵי תִּבְחַר וּתְקָרֵב
יִשְׁכֹּן חֲצֵרֶיךָ נִשְׂבְּעָה בְּטוּב בֵּיתֶךָ קְדֹשׁ הֵיכָלֶךָ:
ו נוֹרָאוֹת בְּצֶדֶק תַּעֲנֵנוּ אֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ מִבְטָח כָּל
קַצְוֵי אֶרֶץ וְיָם רְחֹקִים: ז מֵכִין הָרִים בְּכֹחוֹ נֶאְזָר
בִּגְבוּרָה: ח מַשְׁבִּיחַ שְׁאוֹן יַמִּים שְׁאוֹן גַּלֵּיהֶם וַהֲמוֹן
לְאֻמִּים: ט וַיִּירְאוּ יֹשְׁבֵי קְצָוֹת מֵאוֹתֹתֶיךָ מוֹצָאֵי
בֹקֶר וָעֶרֶב תַּרְנִין: י פָּקַדְתָּ הָאָרֶץ וַתְּשֹׁקְקֶהָ רַבַּת
תַּעְשְׁרֶנָּה פֶּלֶג אֱלֹהִים מָלֵא מָיִם תָּכִין דְּגָנָם כִּי

---

אונ וועלן פאר שטיין דיא מעשים פון גאט: (יא) ישמח דער צדיק פרייט זיך מיט דער הילף פון גאט דרום באשיצט ער זיך שטענדיג אין אים אונ זייא טוען זיך בארימען אלע רעכטפארטיגע הערצער:

סה (א) למנצח וגו׳: (ב) לך צו דיר איז שווייגן אלויב דוא גאט וואס רועסט אין ציון אונ צו דיר ווערט בצאלט אלע נדרים ווארום דו העלפסט זיי: (ג) שומע ווייל דו הערסט צו גיבעט דרום קומט איטליכר צו דיר בעטן: (ד) דברי ווען אויך מיינע עבירות האבן זיך גישטארקט בעט איך פארט אז דו זאלסט מוחל זיין די עבירות וועגין דיין חסד: (ה) אשרי וואול דעם פאלק וואס דוא האסט אויס דער וויילט אונ האסט אים גמאכט גינענטהען אז ער זאל רוען אין דיין הויז מיר וועלן זיין גיזעט מיט דס גוטס פון בהמ״ק אין דיין היילגין היכל: (ו) נוראות וואונדער מיט גירעכטיקייט זאלסטו אונז ענטפערן גאט אונזר העלפר. ביסט איין פר זיכערער צו אלע וואס זיצן אין עק וועלט אונ ווייטע ימים: (ז) מכין ער בריט אן רעגן אויף די בערג מיט זיין כח ער איז גיגורט מיט גבורה: (ח) משביח ער מאכט נידעריג אונ שטיל דס ברומונג פון די ימים דאס ברומונג פון זייערע אינדין אונ מאכט אויך שטיל דס ברומונג פון פעלקר: (ט) וייראו אונ זיי פארכטן זיך פר דיר די וואס זיצן אין עק וועלט פון דיינע צייכין דיא דינערן אונ בליצן די אויס גאנג פון דר זון אונ לבנה פריא אונ אבינט דס טוט דער וועקן די לייט זיי זאלן זינגן צו דיר: (י) פקדת אז דוא ביסט משגיח אויף דער ערד צו מאכן זיא אן טרינקן מאכסטו זיא רייך מיט רעגין דער טייך פון גאט איז פול מיט וואסער מיט דעם בריטסטו אן דאס קארן ווארום אזו איז דיין פירונג אז דוא בריטסט אן

כֵּן תְּכִינֶהָ: יא תְּלָמֶיהָ רַוֵּה נַחֵת גְּדוּדֶיהָ בִּרְבִיבִים
תְּמֹגְגֶנָּה צִמְחָהּ תְּבָרֵךְ: יב עִטַּרְתָּ שְׁנַת טוֹבָתֶךָ
וּמַעְגָּלֶיךָ יִרְעֲפוּן דָּשֶׁן: יג יִרְעֲפוּ נְאוֹת מִדְבָּר וְגִיל
גְּבָעוֹת תַּחְגֹּרְנָה: יד לָבְשׁוּ כָרִים הַצֹּאן וַעֲמָקִים
יַעַטְפוּ בָר יִתְרוֹעֲעוּ אַף יָשִׁירוּ:
יום יב סו א לַמְנַצֵּחַ שִׁיר מִזְמוֹר הָרִיעוּ לֵאלֹהִים כָּל
הָאָרֶץ: ב זַמְּרוּ כְבוֹד שְׁמוֹ שִׂימוּ כָבוֹד
תְּהִלָּתוֹ: ג אִמְרוּ לֵאלֹהִים מַה נּוֹרָא מַעֲשֶׂיךָ בְּרֹב
עֻזְּךָ יְכַחֲשׁוּ לְךָ אֹיְבֶיךָ: ד כָּל הָאָרֶץ יִשְׁתַּחֲווּ לְךָ
וִיזַמְּרוּ לָךְ יְזַמְּרוּ שִׁמְךָ סֶלָה: ה לְכוּ וּרְאוּ מִפְעֲלוֹת
אֱלֹהִים נוֹרָא עֲלִילָה עַל בְּנֵי אָדָם: ו הָפַךְ יָם
לְיַבָּשָׁה בַּנָּהָר יַעַבְרוּ בְרָגֶל שָׁם נִשְׂמְחָה בּוֹ:
ז מֹשֵׁל בִּגְבוּרָתוֹ עוֹלָם עֵינָיו בַּגּוֹיִם תִּצְפֶּינָה
הַסּוֹרְרִים אַל יָרוּמוּ לָמוֹ סֶלָה: ח בָּרְכוּ עַמִּים

---

די תבואה דורך פיל רעגן: (יא) תלמיה אירע בייטן מאך זאט מיט וואסער בארוהיג די לייטן. מיט דיא טראפן פון רעגן מאכסטו פייכט דיא ערד טוסט בענטשן אירע שפראצונג: (יב) עטרת האסט גימאכט פאקריינען מיט תבואה אונ פרות דאס יאר וואס דוא האסט משפיע גיוועזן דיין גוטסקייט אונ דיינע וואלקין טוען טריפען פעטקייט דאס איז רעגן: (יג) ירעפו זייא וועלין טריפן זיסקייט אפילו דיא דארע ערטער אונ בערג וועלין זיין אן גיגורט מיט פרייד: (יד) לבשו דיא שאף וועלין זיין גיקליידט מיט פלייש אונ שמאלין דיא טאלין וועלין זיין באקליידעט מיט תבואה
אלע לייט וועלין שאלין מיט שמחה אונ וועלין זינגען:
סו (א) למנצח. שאלט צו גאט אלע וואס אויף דער וועלט: (ב) זמרו לויבט גאט מיט
אכבוד וואס איז ראוי צו זיין נאמען טוט לויבן גאט מיט אכבוד וואס איז ראוי
צו אים: (ג) אמרו זאגט צו גאט וויא זייער איז פארכטיג דיינע ווערק פון וועגן דיין פיל
שטארקייט וועלין דיינע פיינט זיך פאר דיר לייקענן: (ד) כל אלע זיצר פון דר וועלט
וועלין זיך בוקן צו דיר אונ וועלין לויבן צו דיר זיי וועלין לויבן דיין נאמען אייביג:
(ה) לכו גייט אונ זעהט די ווערק פון גאט זיינע ווערק זיינן פארכטיג אויף אלע מענשן:
(ו) הפך אז דיא יודין זיינן ארויס פון מצרים האט ער פאר קערט דעם ים ער זאל זיין
טרוקן. אין יהושעס צייטן זיינן זיי גיגאנגן מיט די פיס אין דעם ירדן דארטן האבין
מיר זיך גיטאן פרייען מיט זיין הילף: (ז) משל גאט טוט גוועלטיגן מיט זיין גבורה
אויף דר וועלט זיינע אויגן טוען לוגין אין דיא פעלקר. די וואס האבן אפ געקערט פון
דעם

אֱלֹהֵינוּ וְהַשְׁמִיעוּ קוֹל תְּהִלָּתוֹ: ט הַשָּׂם נַפְשֵׁנוּ
בַּחַיִּים וְלֹא נָתַן לַמּוֹט רַגְלֵנוּ: י כִּי בְחַנְתָּנוּ
אֱלֹהִים צְרַפְתָּנוּ כִּצְרָף כָּסֶף: יא הֲבֵאתָנוּ בַמְּצוּדָה
שַׂמְתָּ מוּעָקָה בְמָתְנֵינוּ: יב הִרְכַּבְתָּ אֱנוֹשׁ לְרֹאשֵׁנוּ
בָּאנוּ בָאֵשׁ וּבַמַּיִם וַתּוֹצִיאֵנוּ לָרְוָיָה: יג אָבוֹא
בֵיתְךָ בְעוֹלוֹת אֲשַׁלֵּם לְךָ נְדָרָי: יד אֲשֶׁר פָּצוּ
שְׂפָתָי וְדִבֶּר פִּי בַּצַּר לִי: טו עֹלוֹת מֵחִים אַעֲלֶה לָּךְ
עִם קְטֹרֶת אֵילִים אֶעֱשֶׂה בָקָר עִם עַתּוּדִים סֶלָה:
טז לְכוּ שִׁמְעוּ וַאֲסַפְּרָה כָּל יִרְאֵי אֱלֹהִים אֲשֶׁר עָשָׂה
לְנַפְשִׁי: יז אֵלָיו פִּי קָרָאתִי וְרוֹמַם תַּחַת לְשׁוֹנִי:
יח אָוֶן אִם רָאִיתִי בְלִבִּי לֹא יִשְׁמַע אֲדֹנָי: יט אָכֵן
שָׁמַע אֱלֹהִים הִקְשִׁיב בְּקוֹל תְּפִלָּתִי: כ בָּרוּךְ
אֱלֹהִים אֲשֶׁר לֹא הֵסִיר תְּפִלָּתִי וְחַסְדּוֹ מֵאִתִּי:
סז א לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת מִזְמוֹר שִׁיר: ב אֱלֹהִים יְחָנֵּנוּ

---

דעם וועג וועט צו זיי מער ניט זיין קיין דר הויבונג אויף אייביג: (ח) ברכו איר פעלקער
לויבט אונזר גאט און מאכט הערין מיט אקול זיין לויב: (ט) השם וואס ער האט אונז
גילאזן לעבן און האט ניט גילאזן אונזערע פיס זאלן אויס גיגליטשט ווערן: (י) כי די
צרות וואס זיינן גיקומן איז גיוועזן צו פרובן אונז דו האסט אונז גילייטערט וויא מען
לייטערט זילבער פון פסולת: (יא) הבאתנו דו האסט אונז גיבראכט אין גיפענקעניש.
האסט נאך גיטאן אפארשליסונג אויף אונזערע לענדן: (יב) הרכבת האסט גימאכט
רייטן אמענשן אויף אונזערע קעפ מיר זיינן גיקומן אין פייער און אין וואסער און
האסט אונז אויס גיצויגן צו עטליכע: (יג) אבוא דרום וועל איך קומען אין דיין הויז
מיט קרבן עולות און וועל דיר באצאלן מיינע נדרים: (יד) אשר וואס מיין מויל האט
גירעט מנדר צו זיין אז עס איז מיר איינג גיוועזן: (טו) עולות פעטע עולות וועל איך דיר
ברייגגן מיט דעמפונג די אמורים פון די ווידר איך וועל מקריב זיין רינדער מיט שאף
אייביג: (טז) לכו קומט און הערט מיך צו און איך וועל אייך אלע גאטס פארכטיגע
דר ציילן וואס גאט האט מיר גיטאן נסים: (יז) אליו צו אים האב איך גיטאן רופן און
מיט מיין צונג האב איך גיטאן דר ציילן זיין הויכקייט: (יח) און אויב איך האב אפילו
גיטראכט איין עבירה צו טאן האט גאט זיך גימאכט וויא ער הערט גאר ניט: (יט) אכן
גאט האט רעכט גיהערט און פר נומען דס קול פון מיין תפלה: (כ) ברוך גילויבט איז
גאט וואס ער האט ניט אפ גיטאן מיין גיבעט און זיין חסד פון מיר:
סז (א) למנצח וגו': (ב) אלהים גאט זאל אונז לייטזעליגן און בענטשין ער זאל דער
לייכטן

וִיבָרְכֵנוּ יָאֵר פָּנָיו אִתָּנוּ סֶלָה: ג לָדַעַת בָּאָרֶץ
דַּרְכֶּךָ בְּכָל גּוֹיִם יְשׁוּעָתֶךָ: ד יוֹדוּךָ עַמִּים אֱלֹהִים
יוֹדוּךָ עַמִּים כֻּלָּם: ה יִשְׂמְחוּ וִירַנְּנוּ לְאֻמִּים כִּי
תִשְׁפֹּט עַמִּים מִישׁוֹר וּלְאֻמִּים בָּאָרֶץ תַּנְחֵם סֶלָה:
יוֹדוּךָ עַמִּים אֱלֹהִים יוֹדוּךָ עַמִּים כֻּלָּם: ז אֶרֶץ
נָתְנָה יְבוּלָהּ יְבָרְכֵנוּ אֱלֹהִים אֱלֹהֵינוּ: ח יְבָרְכֵנוּ
אֱלֹהִים וְיִירְאוּ אוֹתוֹ כָּל אַפְסֵי אָרֶץ:

דער מזמור איז געזאגט אויף סנחריב וואס האט בעלאגערט ירושלים אין דער צייט פון חזקיה:

סח א לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד מִזְמוֹר שִׁיר: ב יָקוּם אֱלֹהִים
יָפוּצוּ אוֹיְבָיו וְיָנוּסוּ מְשַׂנְאָיו מִפָּנָיו: ג כְּהִנְדֹּף
עָשָׁן תִּנְדֹּף כְּהִמֵּס דּוֹנַג מִפְּנֵי אֵשׁ יֹאבְדוּ רְשָׁעִים
מִפְּנֵי אֱלֹהִים: ד וְצַדִּיקִים יִשְׂמְחוּ יַעַלְצוּ לִפְנֵי אֱלֹהִים
וְיָשִׂישׂוּ בְשִׂמְחָה: ה שִׁירוּ לֵאלֹהִים זַמְּרוּ שְׁמוֹ סֹלּוּ
לָרֹכֵב בָּעֲרָבוֹת בְּיָהּ שְׁמוֹ וְעִלְזוּ לְפָנָיו: ו אֲבִי
יְתוֹמִים וְדַיַּן אַלְמָנוֹת אֱלֹהִים בִּמְעוֹן קָדְשׁוֹ:
ז אֱלֹהִים מוֹשִׁיב יְחִידִים בַּיְתָה מוֹצִיא אֲסִירִים

---

לייכטין זיין פריילך פנים צוא אונז אייביג: (ג) לדעת דאס עס זאל באוואוסט ווערין
אויף דער וועלט דיין פירונג. צווישין אלע פעלקר ווערט באוואוסט ווערן דיין הילף:
(ד) יודוך זייא וועלן דיך גאט לויבן אלע פעלקר בנאנדר: (ה) ישמחו דיא פעלקר וועלן זיך
פרייען אז זייא וועלן זעהן אז דוא טוסט משפטן דיא פעלקער מיט דעם רעכט אונ
אלע פעלקר פון דער וועלט טוסטו פירן אייביג: (ו) יודוך זיי וועלן דיך גאט לויבן אלע
פעלקער. אלע פעלקר באנאנדר וועלין דיך לויבן: (ז) ארץ דענסטמאל וועט די ערד
געבין איר פרוכט וייל גאט וועט אונז בענטשין: (ח) יברכנו גאט וועט אונז בענטשין
אונ עס וועלן זיך פירכטין פאר אים אלע דיא וואס זיצען אין דער גאנצר וועלט:
סח (א) למנצח וגו': (ב) יקום גאט זאל אויף שטיין משפט צו טאן. זיינע פיינט זאלין
פאר שפרייט ווערן. זאלן אנטלויפן זיינע פיינט פון פר אים: (ג) כהנדף וויא ארויך
ווערט אוועק גישטויסן זאלסטו פר שטויסן די פיינט וויא עס צוגייט וואקס פון פייער
זאלין פאר לארין ווערן די רשעים פון פאר גאט: (ד) וצדיקים אבער דיא צדיקים וועלן
זיך פרייען פר גאט אונ וועלן זיך פרייען מיט פרייד: (ה) שירו זינגט אויף גאטס הילף
אונ לויבט זיין נאמן דר הייבט גאט וואס רועט אויף דעם הימיל ערבות זיין נאמען
איז יה פרייט זיך פר אים: (ו) אבי גאט איז א פאטער פון יתומים אונ א ריכטער פון
אלמנות גאט אויס זיין היילינ וואוינונג. איז ער משגיח אויף דר וועלט: (ז) אלהים די

בַּכּוֹשָׁרוֹת אַךְ סוֹרְרִים שָׁכְנוּ צְחִיחָה: ח אֱלֹהִים
בְּצֵאתְךָ לִפְנֵי עַמֶּךָ בְּצַעְדְּךָ בִישִׁימוֹן סֶלָה: ט אֶרֶץ
רָעָשָׁה אַף שָׁמַיִם נָטְפוּ מִפְּנֵי אֱלֹהִים זֶה סִינַי מִפְּנֵי
אֱלֹהִים אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל: י גֶּשֶׁם נְדָבוֹת תָּנִיף אֱלֹהִים
נַחֲלָתְךָ וְנִלְאָה אַתָּה כוֹנַנְתָּהּ: יא חַיָּתְךָ יָשְׁבוּ בָהּ
תָּכִין בְּטוֹבָתְךָ לֶעָנִי אֱלֹהִים: יב אֲדֹנָי יִתֶּן אֹמֶר
הַמְבַשְּׂרוֹת צָבָא רָב: יג מַלְכֵי צְבָאוֹת יִדֹּדוּן
יִדֹּדוּן וּנְוַת בַּיִת תְּחַלֵּק שָׁלָל: יד אִם תִּשְׁכְּבוּן בֵּין
שְׁפַתָּיִם כַּנְפֵי יוֹנָה נֶחְפָּה בַכֶּסֶף וְאֶבְרוֹתֶיהָ
בִּירַקְרַק חָרוּץ: טו בְּפָרֵשׂ שַׁדַּי מְלָכִים בָּהּ תַּשְׁלֵג
בְּצַלְמוֹן: טז הַר אֱלֹהִים הַר בָּשָׁן הַר גַּבְנֻנִּים הַר
בָּשָׁן: יז לָמָּה תְּרַצְּדוּן הָרִים גַּבְנֻנִּים הָהָר חָמַד
אֱלֹהִים לְשִׁבְתּוֹ אַף יְיָ יִשְׁכֹּן לָנֶצַח: יח רֶכֶב אֱלֹהִים

---

יודין וָואס זיינֶען גיוֶועזען אין מִצְרַיִם פַר שְׁפְּרייט איינְצִיג ווייס אַז די גְאוּלָה איז גיקוּמֶען האט ער זיי גימאכט זיצֶן אין אַשְׁטִיב אין איין זאמלונג ער האט אויס גיצויגען דיא גיפאנגֶענֶע יִשְׂרָאֵל אין אַגוּטֶע צייט אום פֶּסַח וָואס איז ניט קאלט אונ ניט הייס נָאר די מִצְרַיִם זיינֶען גיבְּלִיבֶּן ווי אין דֶר ווִיסְטֶע: (ח) אלהים גָאט אין דיין טָאן ארויס גֵיין פַר דיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל ווייזֶן דֶעם ווֶעג אין דיין טְרֶעטֶן אין דֶר מִדְבָּר: (ט) ארץ האט די עֶרְד גישְׁטוּרֶעמְט אויך די הִימְלֶען האבֶּן גיטְרִיפְט שְׁווייס פַאר גָאט וָואס איז אַנְטְפְּלֶעקְט גיוָוארן אויף דֶעם בַּארג סִינַי פַר דֶעם גָאט פון יִשְׂרָאֵל: (י) גשם אַז זייא זיינֶען גיקוּמֶען קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל האסְטוּ זיי גיגֶעבֶּן רֶעגֶן דיין אַרְבּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז זיא איז גיוֶועזען דָארְשְׁטִיג צו רֶעגֶן האסְטוּ זיא אָן גיבְּרֵייט מִיט פִיל רֶעגֶן: (יא) חיתך דיינֶע איין גזאמֶעלְטֶע יודין זיינֶען גיזֶעסֶן אין דֶעם לַאנְד דו האסט אָנְגיבְּרֵייט מַחֲמַת דיין גוּטְקֵייט דער אָרֶעמֶער זָאל זיין זאט, דו גָאט: (יב) אדני גָאט ווֶעט הֵיינְט אויך בַּשְׁטֶעטִיגֶן זיין ווָארְט וָואס די נְבִיאִים האבֶּן גיזָאגְט אויף יִשְׂרָאֵל: (יג) מלכי אַז דָם חַיִל פון גוֹג וֶועלֶן פַר וָואגִילְט ווֶערֶן פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אונ דיא וָואס פון איבִּיג האבֶּן דָארְט גיוואוינְט וֶועלֶן צְווִישֶׁן זיךְ טֵיילֶן רוֹיבּ: (יד) אם ווֶען אויךְ איר זייט בִּיז יֶעצְט גילֶעגֶן ווי אוּנְטֶערְן אויבֶן איר ווֶעט אָבֶּער לֶעָתִיד לָבוֹא שֵׁיין זיין ווִיא דיא פְלִיגִיל פון אַטוֹיבּ וָואס זיינֶען בַּאדֶעקְט מִיט זילְבֶּער אונ אִירֶע פְלִיגִיל מִיט גְרִין גָאלְד: (טו) בפרש אַז גָאט ווֶעט אָפְּ שֵׁיידֶן די כַּשְׂדִים פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אין דֶעם לַאנְד וֶועלֶן ווייס ווֶערֶן ווִיא שְׁנֵייא דִיא וָואס זיינֶען גיזֶעסֶן אין דֶער פִינְסְטֶער: (טז) הר דֶער בַּארג פון גָאט וָואס דָם בַּהַמ״ק איז גישְׁטַאנֶען אויף אים שְׁפַּייזְט מִיט זיין זְכוּת ווי דֶער בַּארג בָּשָׁן מִיט זיין גְרָאז. דֶער קְלֵיינֶער בַּארג איז גְרֶעסֶר פון בַּארג בָּשָׁן: (יז) למה וָואס טוּט איר שְׁפְּרִינְגֶען איר שָׂרִים

פון

רִבֹּתַיִם אַלְפֵי שִׁנְאָן אֲדֹנָי בָם סִינַי בַּקֹּדֶשׁ׃ יט עָלִיתָ
לַמָּרוֹם שָׁבִיתָ שֶּׁבִי לָקַחְתָּ מַתָּנוֹת בָּאָדָם וְאַף
סוֹרְרִים לִשְׁכֹּן יָהּ אֱלֹהִים׃ כ בָּרוּךְ אֲדֹנָי יוֹם יוֹם יַעֲמָס
לָנוּ הָאֵל יְשׁוּעָתֵנוּ סֶלָה׃ כא הָאֵל לָנוּ אֵל לְמוֹשָׁעוֹת
וְלֵיהֹוִה אֲדֹנָי לַמָּוֶת תּוֹצָאוֹת׃ כב אַךְ אֱלֹהִים יִמְחַץ
רֹאשׁ אֹיְבָיו קׇדְקֹד שֵׂעָר מִתְהַלֵּךְ בַּאֲשָׁמָיו׃
כג אָמַר אֲדֹנָי מִבָּשָׁן אָשִׁיב אָשִׁיב מִמְּצֻלוֹת יָם׃
כד לְמַעַן תִּמְחַץ רַגְלְךָ בְּדָם לְשׁוֹן כְּלָבֶיךָ מֵאֹיְבִים
מִנֵּהוּ׃ כה רָאוּ הֲלִיכוֹתֶיךָ אֱלֹהִים הֲלִיכוֹת אֵלִי
מַלְכִּי בַקֹּדֶשׁ׃ כו קִדְּמוּ שָׁרִים אַחַר נֹגְנִים בְּתוֹךְ
עֲלָמוֹת תּוֹפֵפוֹת׃ כז בְּמַקְהֵלוֹת בָּרְכוּ אֱלֹהִים
אֲדֹנָי מִמְּקוֹר יִשְׂרָאֵל׃ כח שָׁם בִּנְיָמִן צָעִיר רֹדֵם
שָׂרֵי יְהוּדָה רִגְמָתָם שָׂרֵי זְבֻלוּן שָׂרֵי נַפְתָּלִי׃ כט צִוָּה

---

פון די כַּשְׂדִּים דֶר בַּארג איז דאך וואס גאט האט גילוסט צו זיצן אויף אים און גאט
וועט אויף אים אייביג רוען: (יח) רכב די מַלְאָכִים וואס זַיינֶען בַּיי גאט מֶרְכָּבָה זַיינֶען
צְוויי מָאל צֶעהן טויזֶנט מַלְאָכִים גאט מיט דיא מַלְאָכִים האט אַראפּ גיגִידֶערט
אויף דֶעם הֵיילִיגֶן בַּארג סִינַי: (יט) עלית פון דֶעסְט וועגן האסטו דיך משֶׁה גישְׁטַארְקְט
מְקַבֵּל צו זַיין די תּוֹרָה און האסט זיא גיפַאנְגֶן פון די מַלְאָכִים און האסט זיא גינוּמֶן
אַמַתָּנָה פַר מֶענְשֶׁן. וֶוען אויך זַייא האבִּין אפּ גיקֶערט פון גאטֶס וועג האט עֶר זַייא
גיהַייסֶן בּויעֶן דֶעם מִשְׁכָּן גאט זאל דארטֶן רוּעֶן: (כ) ברוך גילויבְּט איז גאט וואס אַלֶע
טאג לָאדֶעט עֶר אונז אָן מיט גוּטֶס עֶר איז דֶער גאט וואס הֶעלְפְט אוּנְז תָּמִיד:
(כא) האל גאט איז צו אוּנְז אַנָאט צו הֶעלְפֶן אוּנְז. צו גאט איז פַר הַאנְדִין פִיל רֶעטוּנְג
פון טויט: (כב) אך גאט טוּט אָבֶּער וואוּנְדִין דֶעם קאפּ פון זַיינֶע פַיינְט דֶעם בַּוַואקְסֶענֶם
קאפּ דֶער וואס גֵייט מיט זַיינֶע עֲבֵרוֹת און טוּט נִיט תְּשׁוּבָה: (כג) אמר גאט האט צו
גיזָאגְט אַז עֶר וֶועט אוּנְז אוּמְקֶערֶן צו זִיך און וֶועט אוּנְז אוּמְקֶערֶן פון דֶעם טִיפֶן יַם:
(כד) למען דַיינֶע פִיס וֶועלֶן זַיין אַיין גִישְׁמִירְט אִין דֶעם בְּלוּט פון די כַּשְׂדִּים. דֶער צוּנְג
פון דַיינֶע הִינְט. פון דיא פַיינְט דאס וועט זַיין זַיין שְׁפַּייז: (כה) ראו אַז זַיי האבִּן גיזֶעהֶן
דַיין גַאנְג אִין יַם גאט די גַאנְגֶן פון גאט מַיין קֶענִיג מיט זַיין הַיילִיקַייט: (כו) קדמו האבִּן
גִיפֶעדֶערְט די זִינְגֶער נאך דֶעם האבִּן זַיי גִישְׁפִּילְט אויף די כְּלֵי זֶמֶר צְווִישֶׁען די יוּנְג
פְרויעֶן מִרְיָם און אִירֶע חֲבֵרוֹת וואס זַיינֶען אַרוֹיס מיט פוּיקֶן: (כז) במקהלות אין פַאר
זַאמְלוּנְג האבִּן זַיי גילויבְּט גאט. גאט האבִּן גילויבְּט אַלֶע וואס זַיינֶען אַרוֹיס גיקוּמֶן
פון יוּדִין: (כח) שם דארטֶן בִּנְיָמִין דֶר יוּנְגְסְטֶער פון די שְׁבָטִים האט זוֹכֶה גִיוֶועזֶן עֶס זאל
אַרוֹיס קוּמֶן פון אִים שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ. די הֶערִין פון יְהוּדָה האבִּן אִיבֶּר אַייְלְט די אַנְדֶרֶע

אֱלֹהֶיךָ עֻזֶּךָ עוּזָּה אֱלֹהִים זוּ פָּעַלְתָּ לָּנוּ׃ ל מֵהֵיכָלֶךָ
עַל יְרוּשָׁלָםִ לְךָ יוֹבִילוּ מְלָכִים שָׁי׃ לא גְּעַר חַיַּת
קָנֶה עֲדַת אַבִּירִים בְּעֶגְלֵי עַמִּים מִתְרַפֵּס בְּרַצֵּי
כָסֶף בִּזַּר עַמִּים קְרָבוֹת יֶחְפָּצוּ׃ לב יֶאֱתָיוּ חַשְׁמַנִּים
מִנִּי מִצְרָיִם כּוּשׁ תָּרִיץ יָדָיו לֵאלֹהִים׃ לג מַמְלְכוֹת
הָאָרֶץ שִׁירוּ לֵאלֹהִים זַמְּרוּ אֲדֹנָי סֶלָה׃ לד לָרֹכֵב
בִּשְׁמֵי שְׁמֵי קֶדֶם הֵן יִתֵּן בְּקוֹלוֹ קוֹל עֹז׃ לה תְּנוּ
עֹז לֵאלֹהִים עַל יִשְׂרָאֵל גַּאֲוָתוֹ וְעֻזּוֹ בַּשְּׁחָקִים׃
לו נוֹרָא אֱלֹהִים מִמִּקְדָּשֶׁיךָ אֵל יִשְׂרָאֵל הוּא נֹתֵן עֹז
וְתַעֲצֻמוֹת לָעָם בָּרוּךְ אֱלֹהִים׃

דער מזמור איז געזאגט אויף די צייט פון קבוץ גליות׃

יום יג סט א לַמְנַצֵּחַ עַל שׁוֹשַׁנִּים לְדָוִד׃ ב הוֹשִׁיעֵנִי
אֱלֹהִים כִּי בָאוּ מַיִם עַד נָפֶשׁ׃ ג טָבַעְתִּי
בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד בָּאתִי בְמַעֲמַקֵּי מַיִם
וְשִׁבֹּלֶת שְׁטָפָתְנִי׃ ד יָגַעְתִּי בְקָרְאִי נִחַר גְּרוֹנִי כָּלוּ
עֵינַי מְיַחֵל לֵאלֹהָי׃ ה רַבּוּ מִשַּׂעֲרוֹת רֹאשִׁי שֹׂנְאַי

---

שבטים׃ (כט) צוה גאט האט געשאפט דיין שטארקייט דיזע שטארקייט גאט האסטו אונז געווערקט׃ (ל) מהיכלך פון דיין היכל מיט דיין כבוד שיינען אויף ירושלים צו דיר וועלין מלכים ברייננגען מתנות׃ (לא) גער אז גאט וועט אן שרייען אויף גוג דאס בייזע טהיר מיט זיין שטארק פאר זאמלונג וואס באפאלט רוהיגע פעלקער ער לאזט זיך נאר בווילינן מיט פיל געלט אונ פר שפרייט פעלקר אונ באגערט נאר מלחמה האלטן׃ (לב) יאתיו דאמאלס וועלן קומען גרויסע הערן פון מצרים מיט אמתנה צו גאט מחמת שמחה. כוש וועט מאכן לויפן די הענט מיט אמתנה צו גאט׃ (לג) ממלכות איר מלכים פון דר וועלט זינגט צו גאט. לויבט גאט שטענדיג׃ (לד) לרוכב צו גאט וואס רועט אין די הימלן וואס ער האט פון לאנג בשאפן ער גיט אשטארק קול צו דער שרעקן דיא וועלט׃ (לה) תנו גיט איר דם שטארקייט צו גאט פון וועגין ישראל האט ער גימאכט אן זעהן זיין גרויסקייט אונ זיין מאכט איז אין הימעל׃ (לו) נורא גאט פארכט קומט אויף דיא מענטשין פון כבוד וואס רועט אין בהמ״ק ער איז דם שטארקייט פון דיא יודין ער גיט שטענדיג שטארקייט צו זיין פאלק גילויבט איז גאט׃

סט (א) למנצח וגו׳׃ (ב) הושיעני העלף מיר גאט ווארום די וואסער זיינן גיקומן ביז אין האלז׃ (ג) טבעתי איך בין ווארן דר טרונקן אין דעם טיפן ליים עס איז ניטא קיין ארט איך זאל בלייבן שטיין איך בין גיקומן אין דיא טיפע וואסער אונ דר שטראם

הִנָּם עַצְמוּ מַצְמִיתַי אֹיְבַי שֶׁקֶר אֲשֶׁר לֹא גָזַלְתִּי
אָז אָשִׁיב: ו אֱלֹהִים אַתָּה יָדַעְתָּ לְאִוַּלְתִּי וְאַשְׁמוֹתַי
מִמְּךָ לֹא נִכְחָדוּ: ז אַל יֵבֹשׁוּ בִי קֹוֶיךָ אֲדֹנָי יֱהֹוִה
צְבָאוֹת אַל יִכָּלְמוּ בִי מְבַקְשֶׁיךָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל:
ח כִּי עָלֶיךָ נָשָׂאתִי חֶרְפָּה כִּסְּתָה כְלִמָּה פָנָי: ט מוּזָר
הָיִיתִי לְאֶחָי וְנָכְרִי לִבְנֵי אִמִּי: י כִּי קִנְאַת בֵּיתְךָ
אֲכָלָתְנִי וְחֶרְפּוֹת חוֹרְפֶיךָ נָפְלוּ עָלָי: יא וָאֶבְכֶּה
בַצּוֹם נַפְשִׁי וַתְּהִי לַחֲרָפוֹת לִי: יב וָאֶתְּנָה לְבוּשִׁי
שָׂק וָאֱהִי לָהֶם לְמָשָׁל: יג יָשִׂיחוּ בִי יֹשְׁבֵי שָׁעַר
וּנְגִינוֹת שׁוֹתֵי שֵׁכָר: יד וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ יְיָ עֵת רָצוֹן
אֱלֹהִים בְּרָב חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ: טו הַצִּילֵנִי
מִטִּיט וְאַל אֶטְבָּעָה אִנָּצְלָה מִשֹּׂנְאַי וּמִמַּעֲמַקֵּי
מָיִם: טז אַל תִּשְׁטְפֵנִי שִׁבֹּלֶת מַיִם וְאַל תִּבְלָעֵנִי
מְצוּלָה וְאַל תֶּאְטַר עָלַי בְּאֵר פִּיהָ: יז עֲנֵנִי יְיָ כִּי טוֹב

---

האט מיך פאר פלייצט: (ד) יגעתי איך בין ווארן מיד וואס איך רוף דיך שטענדיג עס
איז ווארן טרוקן מיין קעהלע מיינע אויגן זיינען פאר לענד האפענדיג צו גאט: (ה) רבו מער
פון די האר פון מיין קאפ זיינען מיינע אומזיסטע פיינד. מיינע פאר שניידער האבן
זיך גישטארקט מיינע פאלשע פיינד. וואס איך האב ניט גיגזלת זאל איך דאס אום
קערן: (ו) אלהים גאט דו ווייסט דאך וואויל מיינע נארישקייט אונ מיינע עברות זיינען
פון דיר ניט פר מיטן: (ז) אל זאלן ניט פאר שעמט ווערן דורך מיר די וואס האפן צו
דיר גאט איבר אלע הערשאפט. זאלן ניט פאר שעמט ווערן דורך מיר דיא וואס
בגערין דיך גאט פון ישראל: (ח) כי דען פון דיינט וועגין האב איך גיליטין שאנד.
עס האט בדעקט שאנד מיין פנים: (ט) מוזר פרעמד בין איך גיווארן צו מיינע ברידר
אונ פרעמד צו מיינע מוטערס קינדר: (י) כי דען דס פערדרוס פון דיין בהמ״ק האט
מיך פערצערט אונ דס שאנד פון דיינע לעכטערער פאלט אלין אויף מיר: (יא) ואבכה
אז איך וויין אין דעם טאג אז איך פאסט איז דס צו מיר אשאנד גיווארן: (יב) ואתנה
אונ אז איך טוא אן איין זאק אויף מיר וועגן תשובה בין איך צו זייא גיווארן איין
שפריכווארט: (יג) ישיחו די וואס זיצין אין דיא גיריכטין ריידין פון מיר אונ דיא וואס
טרינקן וויין זינגן אונ שפעטן אוים מיר: (יד) ואני אבער איך טוא דיך גאט בעטין עס
זאל זיין אבוויליגטע צייט גאט מיט דיין פיל גינאד זאלסטו מיר ענטפערן מיט אווארע
הילף: (טו) הצילני רעטע מיך פון צרות וואס איז גלייך צו ליים איך זאל ניט פערזינקן.
איך זאל נצול ווערן פון מיינע פיינט אונ פון טיפע וואסר: (טז) אל עס זאל מיך ניט פר
פלייצין

חַסְדֶּךָ כְּרֹב רַחֲמֶיךָ פְּנֵה אֵלָי׃ יח וְאַל תַּסְתֵּר פָּנֶיךָ
מֵעַבְדֶּךָ כִּי צַר לִי מַהֵר עֲנֵנִי׃ יט קָרְבָה אֶל נַפְשִׁי
גְאָלָהּ לְמַעַן אֹיְבַי פְּדֵנִי׃ כ אַתָּה יָדַעְתָּ חֶרְפָּתִי
וּבָשְׁתִּי וּכְלִמָּתִי נֶגְדְּךָ כָּל צוֹרְרָי׃ כא חֶרְפָּה שָׁבְרָה
לִבִּי וָאָנוּשָׁה וָאֲקַוֶּה לָנוּד וָאַיִן וְלַמְנַחֲמִים וְלֹא
מָצָאתִי׃ כב וַיִּתְּנוּ בְּבָרוּתִי רֹאשׁ וְלִצְמָאִי יַשְׁקוּנִי
חֹמֶץ׃ כג יְהִי שֻׁלְחָנָם לִפְנֵיהֶם לְפָח וְלִשְׁלוֹמִים
לְמוֹקֵשׁ׃ כד תֶּחְשַׁכְנָה עֵינֵיהֶם מֵרְאוֹת וּמָתְנֵיהֶם
תָּמִיד הַמְעַד׃ כה שְׁפָךְ עֲלֵיהֶם זַעְמֶךָ וַחֲרוֹן אַפְּךָ
יַשִּׂיגֵם׃ כו תְּהִי טִירָתָם נְשַׁמָּה בְּאָהֳלֵיהֶם אַל יְהִי
יֹשֵׁב׃ כז כִּי אַתָּה אֲשֶׁר הִכִּיתָ רָדָפוּ וְאֶל מַכְאוֹב
חֲלָלֶיךָ יְסַפֵּרוּ׃ כח תְּנָה עָוֺן עַל עֲוֺנָם וְאַל יָבֹאוּ
בְּצִדְקָתֶךָ׃ כט יִמָּחוּ מִסֵּפֶר חַיִּים וְעִם צַדִּיקִים אַל
יִכָּתֵבוּ׃ ל וַאֲנִי עָנִי וְכוֹאֵב יְשׁוּעָתְךָ אֱלֹהִים תְּשַׂגְּבֵנִי׃

---

פליצן דר שטראם וואסער אונ ניט איין שלינגן די טיפע וואסער אונ לאז ניט דיא גרוב פר שליסן אויף מיר איר מויל : (יז) ענני ענטפר מיר גאט ווארום דיין חסד איז גוט ווי דיין גרויס רחמנות קער דיך צו מיר : (יח) ואל זאלסט ניט פר בארגן דיין פנים פון דיין קנעכט עס איז מיר אייננ בעט איך דיך זאלסט מיר גיך ענטפערן : (יט) קרבה גינעהן צו מיין לייב אונ לייז זיא אויס. פון וועגן מיינע פיינט לייז מיך אויס : (כ) אתה דו ווייסט מיין לעסטערונג אונ שאנד דו זעהסט אלע מיינע בליידיגער : (כא) חרפה די שאנד האט צו בראכין מיין הארץ אונ בין מחמת דעם גיפערליך גיווארן איך האב גיהאפט עס זאל קומן טרייסטער האב איך זיי ניט גיפונען : (כב) ויתנו זיי האבן גטאן אין מיין עסין גיפט אונ אז איך בין גיוועזן דארשטיג האבן זייא מיך גימאכט טרינקן עסיג : (כג) יהי זייער טיש פר זיי זאל זיין צו איין נעץ אונ וואס זייא האפין אויף שלום זאל זיין אשטרויכלונג : (כד) תחשכנה זייערע אויגן זאלן פאר פינצטערט ווערן זאלן ניט קענן זעהן אונ זייערע לענדן זאלן שטענדיג אויס גיגליטשט ווערין : (כה) שפך גיס אויף זיי דיין צארן אונ דיין גרים צארן זאל זייא גרייכין : (כו) תהי זייערע פאלאצין זאלן זיין וויסט אין זייערע גיצעלטן זאל קיינער ניט זיצן : (כז) כי דעם וואס דוא גאט האסט גישלאגן האבן זיי אויך נאך גיאגט אונ צום ווייטאג פון דיינע דער שלאגינע טוען זייא דער ציילן : (כח) תנה בעט איך דיך גאט דו זאלסט זיי שטראפין אויף זייערע זינד אונ זאלן ניט קומן דר צו אז דו זאלסט מיט זיי טאן צדקה : (כט) ימחו אויב זיי זיינן פר שריבן גיווארן אין ספר פון לעבן זאלן זיי אויס גימעקט ווערן אונ

לא אֲהַלְלָה שֵׁם אֱלֹהִים בְּשִׁיר וַאֲגַדְּלֶנּוּ בְתוֹדָה׃
לב וְתִיטַב לַיְיָ מִשּׁוֹר פָּר מַקְרִן מַפְרִיס׃ לג רָאוּ עֲנָוִים
יִשְׂמָחוּ דֹּרְשֵׁי אֱלֹהִים וִיחִי לְבַבְכֶם׃ לד כִּי שֹׁמֵעַ
אֶל אֶבְיוֹנִים יְיָ וְאֶת אֲסִירָיו לֹא בָזָה׃ לה יְהַלְלוּהוּ
שָׁמַיִם וָאָרֶץ יַמִּים וְכָל רֹמֵשׂ בָּם׃ לו כִּי אֱלֹהִים
יוֹשִׁיעַ צִיּוֹן וְיִבְנֶה עָרֵי יְהוּדָה וְיָשְׁבוּ שָׁם וִירֵשׁוּהָ׃
לז וְזֶרַע עֲבָדָיו יִנְחָלוּהָ וְאֹהֲבֵי שְׁמוֹ יִשְׁכְּנוּ בָהּ׃

דֶעם מִזְמוֹר אוּנ דֶעם צְוֵייטְן מִזְמוֹר הָאט דָוִד גִיזָאגְט בְּשַׁעַת עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן זַיין זוּן אַבְשָׁלוֹם׃

ע א לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד לְהַזְכִּיר׃ ב אֱלֹהִים לְהַצִּילֵנִי יְיָ
לְעֶזְרָתִי חוּשָׁה׃ ג יֵבֹשׁוּ וְיַחְפְּרוּ מְבַקְשֵׁי נַפְשִׁי
יִסֹּגוּ אָחוֹר וְיִכָּלְמוּ חֲפֵצֵי רָעָתִי׃ ד יָשׁוּבוּ עַל עֵקֶב
בָּשְׁתָּם הָאֹמְרִים הֶאָח הֶאָח׃ ה יָשִׂישׂוּ וְיִשְׂמְחוּ בְּךָ
כָּל מְבַקְשֶׁיךָ וְיֹאמְרוּ תָמִיד יִגְדַּל אֱלֹהִים אֹהֲבֵי
יְשׁוּעָתֶךָ׃ ו וַאֲנִי עָנִי וְאֶבְיוֹן אֱלֹהִים חוּשָׁה לִּי עֶזְרִי
וּמְפַלְטִי אַתָּה יְיָ אַל תְּאַחַר׃

---

וֶוען נִיט זָאלְן זֵיי נִיט פַאר שְׁרַייבְּן וֶוערְן׃ (ל) ואני אִיךְ בִּין אָרֶעם אוּנ גִיוֵוייטָאגְט בֶּעט
אִיךְ גָאט דַיין הִילְף זָאל מִיךְ שְׁטַארְקְן׃ (לא) אהללה אִיךְ לוֹיבּ גָאטְס נָאמֶן מִיט גִיזַאנְג
אִיךְ גְרֵייס אִים מִיט לוֹיבּוּנְג׃ (לב) ותיטב אוּנ מַיין לוֹיבּ וֶועט בַּגִיטִיגְט זַיין צוּ גָאט מֶער
אֵיידֶר אַקָרְבָּן פוּן אַיין אָקְס וָואס עֶר הָאט גְרוֹיסֶע הֶערְנֶער אוּנ קְלָאעֶן׃ (לג) ראו אַז
דִי דֶעמוּטִיגֶע וֶועלְן זֶעהְן וֶועלְן זֵיי זִיךְ פְרַייעֶן אוּנ אִיר גָאטְס פָארְשְׁטֶער זֶעהְט וִויא
גָאט הָאט מִיר גִיהָאלְפְן וֶועט אַייעֶר הַארְץ לֶעבֶּעדִיג וֶוערְן׃ (לד) כי וָוארוּם גָאט טוּט
הֶערְן צוּ דִי תְּפִלָּה פוּן אֶבְיוֹנִים אוּנ זַיינֶע גִבּוּנְדֶענֶע הָאט עֶר נִיט פַר שֶׁעמְט׃ (לה) יהללוהו
עֶס וֶועלְן אִים לוֹיבְּן הִימִיל אוּנ עֶרְד דִיא אַלֶע יַמִּים אוּנ אַלֶע וִוידְמוּנְג וָואס אִין זֵיי אִיז׃
(לו) כי אַז גָאט וֶועט הֶעלְפְן דִי שְׁטָאט צִיּוֹן אוּנ וֶועט בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעט פוּן יְהוּדָה וֶועלְן זֵיי
דָארְט זִיצְן אוּנ וֶועלְן יַרְשֶׁנְן׃ (לז) וזרע אוּנ דִי קִינְדֶער פוּן זַיינֶע קְנֶעכְט דִיא אָבוֹת וֶועלְן
דָאס אַרְבִּין אוּנ דִיא וָואס הָאבִּין לִיבּ זַיין נָאמֶען וֶועלִין רוּעֶן אִין אִיר׃

ע (א) למנצח לדוד להזכיר׃ (ב) אלהים גָאט צוּ רֶעטִין מִיךְ, גָאט צוּ מַיין הִילְף בֶּעט אִיךְ
דִיךְ זָאלְסְטוּ אַיילְן׃ (ג) יבשו זָאלְן פַר שֶׁעמְט וֶוערְן דִי וָואס בַּגֶערְן מַיין לֶעבִּין אוּנ
זָאלְן זִיךְ פַר קֶערְן אַהִינְטֶער אוּנ זָאלְן פַר שֶׁעמְט וֶוערְן דִי וָואס בַּגֶערְן מַיין שְׁלֶעכְטְס׃
(ד) ישובו זֵיי זָאלְן זִיךְ אוּמְקֶערְן מִיט בּוּשָׁה וַוייל זֵייא הָאבִּין מִיךְ מְבַיֵּשׁ גִיוֶועזְן וָואס
זֵייא פְלֶעגְן זָאגְן אַפְרַייד אִיז צוּ אוּנְז׃ (ה) ישישו זֵיי וֶועלִין זִיךְ פְרַייעֶן מִיט דַיין הִילְף
אַלֶע וָואס בַּגֶערִין דִיךְ זֵיי וֶועלִין זָאגְן שְׁטֶענְדִיג גָאט זָאל גִיאַכְפֶּערְט וֶוערְן דִי וָואס
הָאבְּן לִיבּ דַיין הִילְף׃ (ו) ואני אוּנ אִיךְ בִּין אוּנְטֶער טֶענִיג וִויא אַיין עָנִי וְאֶבְיוֹן, גָאט

עא א בְּךָ יְיָ חָסִיתִי אַל אֵבוֹשָׁה לְעוֹלָם: ב בְּצִדְקָתְךָ
תַּצִּילֵנִי וּתְפַלְּטֵנִי הַטֵּה אֵלַי אָזְנְךָ וְהוֹשִׁיעֵנִי:
ג הֱיֵה לִי לְצוּר מָעוֹן לָבוֹא תָּמִיד צִוִּיתָ לְהוֹשִׁיעֵנִי
כִּי סַלְעִי וּמְצוּדָתִי אָתָּה: ד אֱלֹהַי פַּלְּטֵנִי מִיַּד רָשָׁע
מִכַּף מְעַוֵּל וְחוֹמֵץ: ה כִּי אַתָּה תִקְוָתִי אֲדֹנָי יֱהֹוִה
מִבְטַחִי מִנְּעוּרָי: ו עָלֶיךָ נִסְמַכְתִּי מִבֶּטֶן מִמְּעֵי אִמִּי
אַתָּה גוֹזִי בְּךָ תְהִלָּתִי תָמִיד: ז כְּמוֹפֵת הָיִיתִי
לְרַבִּים וְאַתָּה מַחֲסִי עֹז: ח יִמָּלֵא פִי תְּהִלָּתֶךָ כָּל
הַיּוֹם תִּפְאַרְתֶּךָ: ט אַל תַּשְׁלִיכֵנִי לְעֵת זִקְנָה
כִּכְלוֹת כֹּחִי אַל תַּעַזְבֵנִי: י כִּי אָמְרוּ אוֹיְבַי לִי וְשֹׁמְרֵי
נַפְשִׁי נוֹעֲצוּ יַחְדָּו: יא לֵאמֹר אֱלֹהִים עֲזָבוֹ רִדְפוּ
וְתִפְשׂוּהוּ כִּי אֵין מַצִּיל: יב אֱלֹהִים אַל תִּרְחַק מִמֶּנִּי
אֱלֹהַי לְעֶזְרָתִי חוּשָׁה: יג יֵבֹשׁוּ יִכְלוּ שֹׂטְנֵי נַפְשִׁי
יַעֲטוּ חֶרְפָּה וּכְלִמָּה מְבַקְשֵׁי רָעָתִי: יד וַאֲנִי תָּמִיד

---

זאלסט איילן צו העלפן מיר דוא ביסט מיין רעטער גאט בעט איך דיך הייגט אויך זאלסט ניט זאמען צו העלפין מיר :

עא (א) בך אין דיר גאט באשיץ איך מיך איך זאל ניט פאר שעמט ווערן אייביג : (ב) בצדקתך מיט דיין גירעכטיקייט זאלסטו מיך רעטען נייג דיין אויער צוא הערי מיין תפלה אונ העלף מיר : (ג) היה זאלסט מיר זיין איין פעלזין וואס מען קאן זיך דארטן בהאלטן שטענדיג דו האסט פיל מאל גישאפט מיר צו העלפן ווארום דוא ביסט שטענדיג מיין פעסטונג : (ד) אלהי מיין גאט מאך מיך אנטרינן פון דעם רשע פון האנד פון דעם גזלן : (ה) כי ווארום צו דיר האף איך דוא גאט ביסט מיין פאר זיכערער פון מיין יוגינט אן : (ו) עליך אויף דיר בין איך פר זיכערט פון מיין מוטערס בויך פון מיין מוטערס נידערים האסטו מיך אויס גיצויגין דרום איז שטענדיג מיין לויב צו דיר : (ז) כמופת ווען אויך מיינע צרות זיינען גיוועזן אזוואונדר צו לייטן ביכטו פארט גיוועזן מיין שטארקער בשיצר : (ח) ימלא מיין מויל איז פול מיט דיין לויב. אגאנצן טאג מיט דיין שיינקייט : (ט) אל דוא זאלסט מיך ניט אוועקווארפן צו דער צייט פון מיין עלטער. אז מיין כח איז פר לענט זאלסטו מיך ניט פאר לאזן : (י) כי ווארום מיינע פיינד זאגן אויף מיר אונ די וואס היטן מיין לייב האבן זיך באנאנדר בארא׳טן. (יא) לאמר זיי זאגן גאט האט אים פר לאזן. יאגט אים נאך אונ גרייפט אים קיינער וועט אים ניט רעטן : (יב) אלהים גאט זאלסט דיך ניט דר ווייטערן פון מיר. מיין גאט צו מיין הילף זאלסטו איילן : (יג) יבשו זיי ווערן דר שעמט אונ פאר לענט ווערן

אֲיַחֵל וְהוֹסַפְתִּי עַל כָּל תְּהִלָּתֶךָ: טו פִּי יְסַפֵּר
צִדְקָתֶךָ כָּל הַיּוֹם תְּשׁוּעָתֶךָ כִּי לֹא יָדַעְתִּי סְפֹרוֹת:
טז אָבוֹא בִּגְבֻרוֹת אֲדֹנָי יֱהֹוִה אַזְכִּיר צִדְקָתְךָ
לְבַדֶּךָ: יז אֱלֹהִים לִמַּדְתַּנִי מִנְּעוּרָי וְעַד הֵנָּה אַגִּיד
נִפְלְאוֹתֶיךָ: יח וְגַם עַד זִקְנָה וְשֵׂיבָה אֱלֹהִים אַל
תַּעַזְבֵנִי עַד אַגִּיד זְרוֹעֲךָ לְדוֹר לְכָל יָבוֹא גְּבוּרָתֶךָ:
יט וְצִדְקָתְךָ אֱלֹהִים עַד מָרוֹם אֲשֶׁר עָשִׂיתָ גְדֹלוֹת
אֱלֹהִים מִי כָמוֹךָ: כ אֲשֶׁר הִרְאִיתַנִי צָרוֹת רַבּוֹת
וְרָעוֹת תָּשׁוּב תְּחַיֵּינִי וּמִתְּהוֹמוֹת הָאָרֶץ תָּשׁוּב
תַּעֲלֵנִי: כא תֶּרֶב גְּדֻלָּתִי וְתִסֹּב תְּנַחֲמֵנִי: כב גַּם אֲנִי
אוֹדְךָ בִכְלִי נֶבֶל אֲמִתְּךָ אֱלֹהָי אֲזַמְּרָה לְךָ בְכִנּוֹר
קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל: כג תְּרַנֵּנָּה שְׂפָתַי כִּי אֲזַמְּרָה לָּךְ
וְנַפְשִׁי אֲשֶׁר פָּדִיתָ: כד גַּם לְשׁוֹנִי כָּל הַיּוֹם תֶּהְגֶּה
צִדְקָתֶךָ כִּי בֹשׁוּ כִי חָפְרוּ מְבַקְשֵׁי רָעָתִי:

---

די וואס האבן אשנאה אויף מיר . זיי וועלן באדעקט ווערן מיט שאנד די וואס בגערן
מיין בייז : (יד) ואני און איך טוא שטענדיג האפן צו גאט און טוא מערן לויב אויף
אלע לויבונג : (טו) פי מיין מויל טוט דער ציילן דיין גירעכטיקייט אגאנצן טאג דיין
הילף ווארום איך וויים ניט קיין צאל וויפיל מאל דו האסט מיר געהאלפין : (טז) אבוא
איך קום נאר מיט דער הילף פון גאטס גבורה דרום טוא איך דער ציילין נאר דיין
גירעכטיקייט : (יז) אלהים גאט דו האסט מיר גיגעבן פר שטאנד פון יוגינט און ביז יעצט
טוא איך דער ציילן דיינע וואונדר : (יח) וגם און ביז מיין עלטער זאלסטו מיך ניט פר
לאזן איך זאל קאנען דר ציילן דיין גבורה צו דעם דור, צו אלע דורות וואס וועלן קומן
דיינע גבורות : (יט) וצדקתך און דיין גירעכטיקייט גאט איז גרויס ביז אין דעם הימיל
וואס דו האסט גיטאן גרויסע זאכן . גאט ווער איז נאך אזו וויא דוא ביסט : (כ) אשר
דוא האסט דאך מיר גיוויזן פיל צרות און דוא וועסט מיך ווידער לעבעדיג מאכין
און פון טיפעניש דר ערד וועסטו מיר ווידער אויף ברייינגן : (כא) תרב דו זאלסט מערן
מיין גדולה און זאלסט מיך ווידער טרייסטין : (כב) גם אויך איך וועל מערן צו לויבין
דיך מיט אפידיל דיין ווארהייט מיין גאט איך וועל צו דיר שפילן מיט אפידל הייליגר
פון ישראל : (כג) תרננה מיינע לעפצן וועלן זינגן איך וועל זינגען צו דיר און מיין נשמה
וואס דוא האסט אויס גילייזט וועט אויך זינגען : (כד) גם און מיין צונג וועט אגאנצין
טאג ריידין דיין גירעכטיקייט . זייא וועלן פאר שעמט ווערין דיא וואס האבין
באגערט בייז צו זעהן אין מיר :

דעם מזמור האט דוד געזאגט אויף זיין זון שלמה אין דעם טאג וואס מען האט געמאכט שלמה פאר א מלך:

יום יד עב א לִשְׁלֹמֹה אֱלֹהִים מִשְׁפָּטֶיךָ לְמֶלֶךְ תֵּן
וְצִדְקָתְךָ לְבֶן מֶלֶךְ: ב יָדִין עַמְּךָ בְצֶדֶק
וַעֲנִיֶּיךָ בְמִשְׁפָּט: ג יִשְׂאוּ הָרִים שָׁלוֹם לָעָם
וּגְבָעוֹת בִּצְדָקָה: ד יִשְׁפֹּט עֲנִיֵּי עָם יוֹשִׁיעַ לִבְנֵי
אֶבְיוֹן וִידַכֵּא עוֹשֵׁק: ה יִירָאוּךָ עִם שָׁמֶשׁ וְלִפְנֵי
יָרֵחַ דּוֹר דּוֹרִים: ו יֵרֵד כְּמָטָר עַל גֵּז כִּרְבִיבִים
זַרְזִיף אָרֶץ: ז יִפְרַח בְּיָמָיו צַדִּיק וְרֹב שָׁלוֹם עַד
בְּלִי יָרֵחַ: ח וְיֵרְדְּ מִיָּם עַד יָם וּמִנָּהָר עַד אַפְסֵי
אָרֶץ: ט לְפָנָיו יִכְרְעוּ צִיִּים וְאֹיְבָיו עָפָר יְלַחֵכוּ:
י מַלְכֵי תַרְשִׁישׁ וְאִיִּים מִנְחָה יָשִׁיבוּ מַלְכֵי שְׁבָא
וּסְבָא אֶשְׁכָּר יַקְרִיבוּ: יא וְיִשְׁתַּחֲווּ לוֹ כָל מְלָכִים
כָּל גּוֹיִם יַעַבְדוּהוּ: יב כִּי יַצִּיל אֶבְיוֹן מְשַׁוֵּעַ וְעָנִי
וְאֵין עֹזֵר לוֹ: יג יָחֹס עַל דַּל וְאֶבְיוֹן וְנַפְשׁוֹת אֶבְיוֹנִים
יוֹשִׁיעַ: יד מִתּוֹךְ וּמֵחָמָס יִגְאַל נַפְשָׁם וְיֵיקַר דָּמָם

---

עב (א) לשלמה. גאט די חכמה פון דיינע משפטים זאלסטו געבין צום מלך שלמה
און דיין גירעכטיקייט זאלסטו געבין שלמה בן דוד: (ב) ידין ער זאל משפטן דיין
פאלק מיט גירעכטיקייט און דיינע ארימע מיט ארעכטין משפט: (ג) ישאו דיא בערג
וועלן טראגין פרייד צום פאלק און דיא קליינע בערג וועלן טראגן גירעכטיקייט:
(ד) ישפוט ער זאל זיך אן נעמן פאר דיא ארימע לייט ער זאל העלפן דיא קינדער פון
אביון און זאל דריקן דעם וואס וויל זייא רויבן: (ה) ייראוך אלע וועלן פר דיר מורא
האבן אז דיא זון שיינט און אז דיא לבנה שיינט אויף אייביג: (ו) ירד דיינע שטראף
ווייד וועלן זיין ווי רעגין אויף אפגישארענע גראז. וויא רעגין טריפן אויף גיאקערטע
ערד: (ז) יפרח אין זיינע צייטן וועלן די צדיקים בליען און פיל שלום ביזן וויא דיא
לבנה וועט זיין אויף דר וועלט: (ח) וירד און זאל גיוועלטיגן פון דעם ים פון דרום זייט
ביז דעם ים פון צפון זייט פון דעם טייך וואס איז אין מזרח ביז די עקן פון דר וועלט:
(ט) לפניו פר אים זאלן קניען די וואס קומען אויף שיפן און זיינע פיינד וועלן לעקן די
ערד פר אים: (י) מלכי די מלכים פון תרשיש און אלע אינזלן וועלן אלע מאל שיקן
מתנות. מלכים פון שבא און סבא וועלן ברייננגן מתנות צום מלך שלמה: (יא) וישתחוו
אלע מלכים וועלן זיך צו אים בוקן. אלע פעלקר וועלן אים דינען: (יב) כי ער וועט
רעטן דעם אביון וואס טוט שרייען און דעם ארימאן וואס האט קיין העלפר: (יג) יחוס
ער וועט זיך מרחם זיין אויף דעם ארימאן און די אביונים וועט ער העלפן: (יד) מתוך
פון

בעיניו: טו ויחי ויתן לו מזהב שבא ויתפלל בעדו
תמיד כל היום יברכנהו: טז יהי פסת בר בארץ
בראש הרים ירעש כלבנון פריו ויציצו מעיר
כעשב הארץ: יז יהי שמו לעולם לפני שמש ינון
שמו ויתברכו בו כל גוים יאשרוהו: יח ברוך יי
אלהים אלהי ישראל עשה נפלאות לבדו:
יט וברוך שם כבודו לעולם וימלא כבודו את כל
הארץ אמן ואמן: כ כלו תפלות דוד בן ישי:

## ספר שלישי ליום רביעי

דער מזמור רעדט וועגן דעם וואס דעם צדיק גייט שלעכט בעולם הזה און דעם רשע גייט גוט:

עג א מזמור לאסף אך טוב לישראל אלהים לברי
לבב: ב ואני כמעט נטיו רגלי כאין שפכו
אשרי: ג כי קנאתי בהוללים שלום רשעים
אראה: ד כי אין חרצבות למותם ובריא אולם:
ה בעמל אנוש אינמו ועם אדם לא ינגעו: ו לכן

---

פון ברעכעניש און פון גזלה וועט ער אויס לייזן זייער לעבן און זייער בלוט וועט
טייער זיין אין זיינע אויגן: (טו) ויחי און ער וועט לעבן און ער וועט אים געבן גאלד
פון שבא און ער וועט פאר אים מתפלל זיין שטענדיג. אגאנצין טאג וועט ער אים
בענטשן: (טז) יהי עס וועט זיין פיל תבואה אויף דר וועלט אויף אלע בערג דס פרוכט
זאל רוישן וויא בוימער אין וואלד און מענטשין וועלין זיך מערין אין די שטעט וויא
גראז פון דעם פעלד: (יז) יהי זיין נאמען זאל זיין אויף אייביג. כל זמן אז דיא זון
וועט זיין אויף דער וועלט וועט גיוועלטיגן זיין נאמען און מען זאל זיך בענטשן מיט
אים. אלע פעלקר זאלן אים לויבן: (יח) ברוך גילויבט איז דר גאט פון די ישראל וואס
ער טוט וואונדער אליין: (יט) וברוך און גילויבט איז זיין הערליכער נאמן אויף אייביג
און זיין כבוד זאל דער פילט ווערן די גאנצע וועלט דאס איז וואר: (כ) כלו זיי האבן
זיך אויס גילאזין דיא תפלות פון דוד בן ישי:

עג (א) מזמור. גאט איז גוט צו ישראל. גאט איז גוט צו די וואס האבן קלארע הערצר:
(ב) ואני און איך איידער איך האב דאס דר קלערט זיינען שיר מיינע פים אוועק
גינייגט גיווארן פון גאטס וועג. מיינע טריט זיינען שיר פאר גאסן גיווארן פון גאטס
דינסט: (ג) כי ווייל איך האב מיך מקנא גיוועזן אין דר הצלחה פון די נארן און איך
האב גיזעהן דעם שלום וואס די רשעים האבן: (ד) כי פר זייער שטארבין האבן זיי
קיין יסורים ניט און זיינען שטארק וויא אמויער: (ה) בעמל אין אונגליק פון מענטשין
זיינען

עֲנָקַתְמוֹ גַאֲוָה יַעֲטָף שִׁית חָמָס לָמוֹ: ז יָצָא מֵחֵלֶב
עֵינֵמוֹ עָבְרוּ מַשְׂכִּיּוֹת לֵבָב: ח יָמִיקוּ וִידַבְּרוּ בְרָע
עֹשֶׁק מִמָּרוֹם יְדַבֵּרוּ: ט שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם
וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ: י לָכֵן יָשׁוּב עַמּוֹ הֲלֹם וּמֵי
מָלֵא יִמָּצוּ לָמוֹ: יא וְאָמְרוּ אֵיכָה יָדַע אֵל וְיֵשׁ דֵּעָה
בְעֶלְיוֹן: יב הִנֵּה אֵלֶּה רְשָׁעִים וְשַׁלְוֵי עוֹלָם הִשְׂגּוּ
חָיִל: יג אַךְ רִיק זִכִּיתִי לְבָבִי וָאֶרְחַץ בְּנִקָּיוֹן כַּפָּי:
יד וָאֱהִי נָגוּעַ כָּל הַיּוֹם וְתוֹכַחְתִּי לַבְּקָרִים: טו אִם
אָמַרְתִּי אֲסַפְּרָה כְמוֹ הִנֵּה דוֹר בָּנֶיךָ בָגָדְתִּי:
טז וָאֲחַשְּׁבָה לָדַעַת זֹאת עָמָל הוּא בְעֵינָי: יז עַד
אָבוֹא אֶל מִקְדְּשֵׁי אֵל אָבִינָה לְאַחֲרִיתָם: יח אַךְ
בַּחֲלָקוֹת תָּשִׁית לָמוֹ הִפַּלְתָּם לְמַשּׁוּאוֹת: יט אֵיךְ
הָיוּ לְשַׁמָּה כְרָגַע סָפוּ תַמּוּ מִן בַּלָּהוֹת: כ כַּחֲלוֹם
מֵהָקִיץ אֲדֹנָי בָּעִיר צַלְמָם תִּבְזֶה: כא כִּי יִתְחַמֵּץ

---

זייַנְן זיי נִיט אוּנ ווערן נִיט גֶיפְּלָאגְט מִיט מֶענְטְשְׁן: (ו) לכן דְרוּם אִיז גִיצִירְט זייעֶר הַאלְז מִיט גְרוֹיסְקֵייט עֶס טוּט זיי קְלֵיידְן קְלֵיידֶר פוּן רוֹיבּ: (ז) יצא ווֶעגְן פֶעטְקֵייט גֵייעֶן דִיא אוֹיגְן זַייא אַרוֹיס פוּן פָּנִים עֶס גֵייט זיי אִיבֶּר אַלֶע זייעֶרֶע ווינְטְשׁוּנְגֶען: (ח) ימיקו זַייא צוּ רַייבִּין מֶענְטְשְׁן אוּנ רֵיידְן נוּר פוּן שְׁלֶעכְטְס פוּן רוֹיבּ אוּנ רֵיידִין אַנְטְקֶעגְן גָאט: (ט) שתו זַייעֶר גְרוֹיס מוֹיל גְרֵייכְט בִּיז צוּם הִימִיל. זַייעֶר צוּנְג בַּארְעט דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט: (י) לכן דְרוּם קֶערִין זיך גָאטְס פָאלְק צוּ זייעֶרֶע מַעֲשִׂים. דָס פִּיל וַואסֶער דָס הֵייסְט פִיל גְלִיק זָאלְן זַייא אוֹיךְ אוֹיס זַייגְן: (יא) ואמרו אוּנ זָאגְן ווִיא דֶען גָאט דִיא ווֶערְק פוּן מֶענְטְשְׁן: (יב) הנה דִי דָאזִיגֶע זַיינְן דָאךְ רְשָׁעִים אוּנ פוּן דֶעסְט ווֶעגְן זַיינְן זיי שְׁטֶענְדִיג בְּשַׁלְוָה אוּנ אִין עֲשִׁירוּת: (יג) אך אוּמְזִיסְט הָאבּ אִיךְ גִילַייטֶרְט מַיין הַארְץ פוּן עֲבֵרוֹת אוּנ אִיךְ הָאבּ גִיוַואשְׁן מַיינֶע הֶענְט רֵיין פוּן גָזֵל: (יד) ואהי אוּנ אִיךְ ווער גִיפְּלָאגְט אַלֶע טָאג אוּנ עֶס קוּמְט אוֹיף מִיר אַלֶע פְרִיא מָארְגִין יְסוּרִים: (טו) אם אוֹיבּ אִיךְ ווָאלְט דָס דֶר צֵיילְט אַזוֹ ווִיא מֶען קָאן טְרַאכְטְן אוֹיף גָאטְס ווֶערְק ווָאלְט דָס גִימַאכְט אַז דֶער פְרוּמֶער דוֹר דַיינֶע קִינְדֶר זָאלְן פֶעלְשְׁין: (טז) ואחשבה אוּנ אִיךְ הָאבּ גִיטְרַאכְט צוּ פַאר שְׁטֵיין דִיא מִדָּה פוּן גָאט ווַייל דִיא זַאךְ אִיז גִיווֶען אִין מַיינֶע אוֹיגְן אוּנְרֶעכְט: (יז) עד אִיךְ הָאבּ דִי זַאךְ נִיט פַר שְׁטַאנְן בִּיז אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען אִין גָאטְס בהמ״ק צוּ דִי כֹּהֲנִים הָאבּ אִיךְ פַר שְׁטַאנְן דֶעם סוֹף פוּן דִיא רְשָׁעִים: (יח) אך נָאר זייעֶר גוּטְס אִיז פַאר זייעֶר בִּיסִיל גוּטֶע מַעֲשִׂים דֶר נָאךְ מוּזְן זַייא אוֹיס גִיגְלִיטְשְׁט ווערְן אוּנ פַאלְן אִין דֶר פִינְסְטֶערְנִישׁ: (יט) איך ווִיא זיי ווֶערִין אִין אֵיין רֶגַע פַר ווִיסְט אוּנ ווֶערְן צוּ גֶענְצְט פוּן

צרות

לְבָבִי וְכִלְיוֹתַי אֶשְׁתּוֹנָן׃ כב וַאֲנִי בַעַר וְלֹא אֵדָע
בְּהֵמוֹת הָיִיתִי עִמָּךְ׃ כג וַאֲנִי תָּמִיד עִמָּךְ אָחַזְתָּ
בְּיַד יְמִינִי׃ כד בַּעֲצָתְךָ תַנְחֵנִי וְאַחַר כָּבוֹד תִּקָּחֵנִי׃
כה מִי לִי בַשָּׁמָיִם וְעִמְּךָ לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ׃ כו כָּלָה
שְׁאֵרִי וּלְבָבִי צוּר לְבָבִי וְחֶלְקִי אֱלֹהִים לְעוֹלָם׃
כז כִּי הִנֵּה רְחֵקֶיךָ יֹאבֵדוּ הִצְמַתָּה כָּל זוֹנֶה מִמֶּךָּ׃
כח וַאֲנִי קִרֲבַת אֱלֹהִים לִי טוֹב שַׁתִּי בַּאדֹנָי
יֱהֹוִה מַחְסִי לְסַפֵּר כָּל מַלְאֲכוֹתֶיךָ׃

אין דעם מזמור קלאגט דוד אויף דעם חורבן משכן שילה און אויף דעם חורבן פון ערשטן בית המקדש׃

עד א מַשְׂכִּיל לְאָסָף לָמָה אֱלֹהִים זָנַחְתָּ לָנֶצַח
יֶעְשַׁן אַפְּךָ בְּצֹאן מַרְעִיתֶךָ׃ ב זְכֹר עֲדָתְךָ קָּנִיתָ
קֶּדֶם גָּאַלְתָּ שֵׁבֶט נַחֲלָתֶךָ הַר צִיּוֹן זֶה שָׁכַנְתָּ בּוֹ׃
ג הָרִימָה פְעָמֶיךָ לְמַשֻּׁאוֹת נֶצַח כָּל הֵרַע אוֹיֵב
בַּקֹּדֶשׁ׃ ד שָׁאֲגוּ צוֹרְרֶיךָ בְּקֶרֶב מוֹעֲדֶךָ שָׂמוּ

---

צרות און שרעקן׃ (כ) כחלום וויא אחלום אז מען וואכט זיך אויף. גאט, אין שטאט פאר לייטן וועסטו זייער געשטאלט מבזה זיין׃ (כא) כי אז מיין הארץ איז נאך געווען אין כעס אויף דר זאך און מיינע נירן האב איך געשארפט צו טראכטן׃ (כב) ואני און איך בין געווען לער און האב ניט געוואוסט דיין פירן דיא וועלט האב איך ניט פאר שטאנען וויא א בהמה׃ (כג) ואני און פון דעסט וועגן בין איך תמיד מיט דיר. גלייך וויא דוא האלטסט אין מיין רעכטע האנד׃ (כד) בעצתך דוא פירסט מיך מיט דיין עצה און נאך אלעם וועסטו מיך נעמען צו גרויס כבוד׃ (כה) מי וועמען האב איך אין הימיל הוץ דיר און אויף דער וועלט וויל איך קיינעם ניט פר א גאט׃ (כו) כלה מיין לייב און מיין הארץ טוט גילוסטן צו גאט ער איז דאס פעסטיקייט פון מיין הארץ און גאט איז מיין טייל אויף אייביג׃ (כז) כי דיא אלע וואס זיינען ווייט פון דיר זייגען פאר לארין. האסט פאר שניטן דיא וואס האבין אפ גיקערט פון דיר׃ (כח) ואני און איך דאס גינענהונג פון גאט איז פאר מיר גוט איך האב גיטאן אין גאט מיין באשיצונג צו דער ציילין אלע דיינע ווערק׃

עד (א) משכיל. ווארום האסטו גאט פאר לאזין דיא יודין אזו לאנג. עס ברענט דיין צארן אין די שאף וואס דוא ווידעסט זייא׃ (ב) זכור גידיינק דיין גימיינדע וואס דו האסט גיקויפט פון לאנג ווען דוא האסט אויס גילייזט דיינע שבטים פון מצרים און האסט זייא גיבראכט צום בארג ציון וואס דוא האסט דארט גירועט׃ (ג) הרימה הייב אויף דיינע טריט צו מאכן פינסטער אויף אייביג אלע פיינט וואס האבין בייז גיטאן אין דיין בהמ״ק׃ (ד) שאגו דיינע בליידיגער האבן גישריען אין דיין בהמ״ק זייא האבן

אוֹתֹתָם אֹתוֹת׃ ה יִוָּדַע כְּמֵבִיא לְמָעְלָה בִּסְבָךְ
עֵץ קַרְדֻּמּוֹת׃ ו וְעַתָּה פִּתּוּחֶיהָ יָּחַד בְּכַשִּׁיל
וְכֵילַפּוֹת יַהֲלֹמוּן׃ ז שִׁלְחוּ בָאֵשׁ מִקְדָּשֶׁךָ לָאָרֶץ
חִלְּלוּ מִשְׁכַּן שְׁמֶךָ׃ ח אָמְרוּ בְלִבָּם נִינָם יָחַד שָׂרְפוּ
כָל מוֹעֲדֵי אֵל בָּאָרֶץ׃ ט אוֹתֹתֵינוּ לֹא רָאִינוּ אֵין עוֹד
נָבִיא וְלֹא אִתָּנוּ יֹדֵעַ עַד מָה׃ י עַד מָתַי אֱלֹהִים
יְחָרֶף צָר יְנָאֵץ אוֹיֵב שִׁמְךָ לָנֶצַח׃ יא לָמָּה תָשִׁיב
יָדְךָ וִימִינֶךָ מִקֶּרֶב חֵיקְךָ כַלֵּה׃ יב וֵאלֹהִים מַלְכִּי
מִקֶּדֶם פֹּעֵל יְשׁוּעוֹת בְּקֶרֶב הָאָרֶץ׃ יג אַתָּה פוֹרַרְתָּ
בְעָזְּךָ יָם שִׁבַּרְתָּ רָאשֵׁי תַנִּינִים עַל הַמָּיִם׃ יד אַתָּה
רִצַּצְתָּ רָאשֵׁי לִוְיָתָן תִּתְּנֶנּוּ מַאֲכָל לְעָם לְצִיִּים׃
טו אַתָּה בָקַעְתָּ מַעְיָן וָנָחַל אַתָּה הוֹבַשְׁתָּ נַהֲרוֹת
אֵיתָן׃ טז לְךָ יוֹם אַף לְךָ לָיְלָה אַתָּה הֲכִינוֹתָ מָאוֹר
וָשָׁמֶשׁ׃ יז אַתָּה הִצַּבְתָּ כָּל גְּבוּלוֹת אָרֶץ קַיִץ וָחֹרֶף

---

גיזאגט אז זייערע צייכן זיינען אמתע צייכן: (ה) יודע איטליכער וואס האט גיהאקט
האלץ צו ברייגגן צום בהמ״ק איז גלייך גיוועזן וויא ער האט גיבראכט פר דעם כסא
הכבוד: (ו) ועתה און איצונד בשעת חורבן דיא צורות וואס עס איז גיוועזן אויף דיא
ווענט האבן די בליידיגער מיט העק צו בראכן: (ז) שלחו פייער האבן זיי גישיקט אין
דיין בהמ״ק. דאס ארט וואו דיין נאמן האט גירועט האבן זיי פאר שוועכט: (ח) אמרו
אלע הערן בנאנדר האבן גיטראכט אין זייער הארצן צו פאר ברענען דיא ערטער
וואס זיינען בשטעטיגט צו גאט אויף דער וועלט: (ט) אותותינו צייכניש אויף דר גאולה
האבן מיר נאך ניט גיזעהן און קיין נביא איז אויך ניטא מגלה צו זיין דיא צייט און
קיינער פון אונז וויים ניט וויא לאנג וועט דס נאך דויערן: (י) עד ביז וויא לאנג גאט
וועט דר בליידיגר לעסטערן. וועט דען דר פיינט דר צערנען דיין נאמן אויף אייביג:
(יא) למה פאר וואס זאלסטו ווידר קערן דיין רעכטע האנט. נעם ארויס דיין רעכטע
האנט פון דיין בוזים: (יב) ואלהים און גאט איז דאך מיין קעניג פון לאנג. ער ווערקט
הילף אויף דער וועלט: (יג) אתה דו האסט צו ברעקילט דעם ים אויף צוועלף שטיק
מיט שטארקייט. דו האסט צובראכין די מצרים בייא דעם ים: (יד) אתה דו האסט צו
בראכן דיא הארן פון פרעה דוא האסט גיגעבן זייער עשירות פאר עסין ווארג צום
פאלק וואס זיינען גיגאנגן אין דר וויסטעניש: (טו) אתה דו האסט גישפאלטן דעם שטיין
און האסט פון אים גיצויגן אקוואל און אטייך. דו האסט גמאכט טרוקן די שטארקע
טייכן: (טז) לך דו האסט בשאפין טאג און נאכט דוא האסט אנגיבריים דיא לבנה

אַתָּה יְצַרְתָּם׃ יח זְכָר זֹאת אוֹיֵב חֵרֵף יְיָ וְעַם נָבָל
נִאֲצוּ שְׁמֶךָ׃ יט אַל תִּתֵּן לְחַיַּת נֶפֶשׁ תּוֹרֶךָ חַיַּת
עֲנִיֶּיךָ אַל תִּשְׁכַּח לָנֶצַח׃ כ הַבֵּט לַבְּרִית כִּי מָלְאוּ
מַחֲשַׁכֵּי אֶרֶץ נְאוֹת חָמָס׃ כא אַל יָשֹׁב דַּךְ נִכְלָם
עָנִי וְאֶבְיוֹן יְהַלְלוּ שְׁמֶךָ׃ כב קוּמָה אֱלֹהִים רִיבָה
רִיבֶךָ זְכֹר חֶרְפָּתְךָ מִנִּי נָבָל כָּל הַיּוֹם׃ כג אַל
תִּשְׁכַּח קוֹל צֹרְרֶיךָ שְׁאוֹן קָמֶיךָ עֹלֶה תָמִיד׃

דער מִזְמוֹר גֵייט אויף דער צייט פון קִבּוּץ גָּלֻיּוֹת׃

עה א לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת מִזְמוֹר לְאָסָף שִׁיר׃
ב הוֹדִינוּ לְּךָ אֱלֹהִים הוֹדִינוּ וְקָרוֹב שְׁמֶךָ סִפְּרוּ
נִפְלְאוֹתֶיךָ׃ ג כִּי אֶקַּח מוֹעֵד אֲנִי מֵישָׁרִים אֶשְׁפֹּט׃
ד נְמֹגִים אֶרֶץ וְכָל יֹשְׁבֶיהָ אָנֹכִי תִכַּנְתִּי עַמּוּדֶיהָ
סֶּלָה׃ ה אָמַרְתִּי לַהוֹלְלִים אַל תָּהֹלּוּ וְלָרְשָׁעִים אַל
תָּרִימוּ קָרֶן׃ ו אַל תָּרִימוּ לַמָּרוֹם קַרְנְכֶם תְּדַבְּרוּ

---

מִיט דֶער זַון׃ (יז) אתה דוּ הָאסְט גֶישְׁטֶעלְט אַלֶע גְרֶענִיצִין פוּן דֶער וֶועלְט זוּמֶער אוּנ וִוינְטֶער הָאסְטוּ בַּשַׁאפְן׃ (יח) זכר גֶידֵיינְק וִויא דֶער פַיינְט הָאט גֶילֶעסְטֶערְט גָאט אוּנ אַשַׁאלֶקְהַאפְטִיגֶע פָאלְק הָאבְּן דֶר צֶערִינְט דַיין נָאמֶן׃ (יט) אל זָאלְסְט נִיט אִיבֶּר עֶנְטְפֶערְן צוּ דֶעם אַיין זַאמְלוּנְג פוּן דִי כַּשְׂדִים דָם נֶפֶשׁ פוּן דִי וָואס זַיינֶן גֶיגְלִיכְן צוּ אַטוֹיבּ . דָם אַיין זַאמְלוּנְג פוּן דַיין אָרִימֶע פָאלְק זָאלְסְטוּ נִיט פַר גֶעסְן אוֹיף אֵייבִּיג׃ (כ) הבט קוּק צוּ דֶעם בְּרִית וָואס דוּ הָאסְט גְמַאכְט מִיט דִי אָבוֹת דֶען עֶס אִיז פוּל דִי פִינְסְטֶערֶע וֶועלְט וואוינוּנְג פוּן רוֹיבּ׃ (כא) אל דֶער אָרִימֶער וָואס וֶועט מִתְפַּלֵל זַיין צוּ דִיר זָאל עֶר זִיךְ נִיט אוּמְקֶערְן פַר שֶׁעמֶעדִיג נֵייד וֶועלְן דִי אָרִימֶע לוֹיבְּן דַיין נָאמֶען׃ (כב) קומה שְׁטֵייא אוֹיף גָאט קְרִיג דַיין קְרִיג גֶידֵיינְק דַיין לֶעסְטֶערוּנְג פוּן דֶעם שַׁאלֶקְהַאפְטִיגֶן אַגַאנְצְן טָאג׃ (כג) אל זָאלְסְט נִיט פַר גֶעסְן דָאס קוֹל פוּן דַיינֶע בַּלֵיידִיגֶר . דָם בְּרוּמוּנְג פוּן דִיא וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף קֶעגְן דִיר וָואס גֵייט אוֹיף תָּמִיד צוּ לֶעסְטֶערְן דִיךְ׃

עה, (א) למנצח וגו׳׃ (ב) הודינו אַלֶע צַייטְן לוֹיבְּן מִיר דִיךְ גָאט מִיר לוֹיבְּן דִיךְ אוּנ דַיין נָאמֶען אִיז נָאהֶענְט אוּנְז צוּ הֶעלְפְן וִויא אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן הָאבִּין דֶר צֵיילְט דַיינֶע ווּאוּנְדֶר׃ (ג) כי אַז אִיךְ נֶעם מִיר אַצַייט מְיַשֵּׁב צוּ זַיין וִויא אַזוֹי אִיךְ זָאל רֶעכְט מִשְׁפְּטִן׃ (ד) נמוגים אַז דִי הַיידְן הָאבְּן נִיט גֶיוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דִיא תּוֹרָה זַיינֶען שִׁיר צוּ גַאנְגֶען דִיא וֶועלְט מִיט אַלֶע אִירֶע זִיצֶער אוּנ אִיךְ הָאבּ אָן גִיבְּרֵייט אִירֶע זַיילִין אוֹיף אֵייבִּיג׃ (ה) אמרתי אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט צוּ דִיא אוֹיס גִילַאסִינֶע זַייט נִיט אוֹיס גִילַאסִין אוּנ צוּ דִיא רְשָׁעִים הָאבּ אִיךְ גִיזָאגְט אִיר זָאלְט נִיט זַיין שְׁטָאלְץ׃ (ו) אל אִיר זָאלְט זִיךְ נִיט הַאלְטְן גְרוֹיס בִּיז דֶעם הִימֶל מִיט אַייעֶר שְׁטָאלְצְקֵייט אוּנ אִיר זָאלְט נִיט רֵיידְן מִיט

בְּצַוָּאר עָתָק׃ ז כִּי לֹא מִמּוֹצָא וּמִמַּעֲרָב וְלֹא
מִמִּדְבַּר הָרִים׃ ח כִּי אֱלֹהִים שֹׁפֵט זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה
יָרִים׃ ט כִּי כוֹס בְּיַד יְיָ וְיַיִן חָמַר מָלֵא מֶסֶךְ וַיַּגֵּר מִזֶּה
אַךְ שְׁמָרֶיהָ יִמְצוּ יִשְׁתּוּ כֹּל רִשְׁעֵי אָרֶץ׃ י וַאֲנִי
אַגִּיד לְעֹלָם אֲזַמְּרָה לֵאלֹהֵי יַעֲקֹב׃ יא וְכָל קַרְנֵי
רְשָׁעִים אֲגַדֵּעַ תְּרוֹמַמְנָה קַרְנוֹת צַדִּיק׃

דער מִזְמוֹר גייט אויף דיא מִלְחָמוֹת פון גוג ומָגוג׃

עו א לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת מִזְמוֹר לְאָסָף שִׁיר׃ ב נוֹדָע
בִּיהוּדָה אֱלֹהִים בְּיִשְׂרָאֵל גָּדוֹל שְׁמוֹ׃ ג וַיְהִי
בְשָׁלֵם סֻכּוֹ וּמְעוֹנָתוֹ בְצִיּוֹן׃ ד שָׁמָּה שִׁבַּר רִשְׁפֵי
קָשֶׁת מָגֵן וְחֶרֶב וּמִלְחָמָה סֶלָה׃ ה נָאוֹר אַתָּה
אַדִּיר מֵהַרְרֵי טָרֶף׃ ו אֶשְׁתּוֹלְלוּ אַבִּירֵי לֵב נָמוּ
שְׁנָתָם וְלֹא מָצְאוּ כָל אַנְשֵׁי חַיִל יְדֵיהֶם׃ ז מִגַּעֲרָתְךָ
אֱלֹהֵי יַעֲקֹב נִרְדָּם וְרֶכֶב וָסוּס׃ ח אַתָּה נוֹרָא אַתָּה
וּמִי יַעֲמֹד לְפָנֶיךָ מֵאָז אַפֶּךָ׃ ט מִשָּׁמַיִם הִשְׁמַעְתָּ

---

אשטארקע גאוה׃ (ז) כי ווארום ניט פון דעם אויס גאנג פון דער זון אונ פון איר
פאר גיין אונ ניט פון דער מדבר איז גיקומען אייער דער הייבינקייט׃ (ח) כי גאט
איז דאך אריכטער דעם איז ער משפיל אונ דעם דער הייבט ער׃ (ט) כי ווארום איין
כוס איז דא אין גאטס האנד אונ איז פול מיט שטארקן אונ גימישטן וויין אונ ער
גיסט דר פון, אבער נאר די רשעים וועלן טרינקן דיא הייבן פון דעם וויין׃ (י) ואני אונ
איך וועל אייביג זאגין זיין גירעכטיקייט איך וועל זינגען צו גאט פון יעקב׃ (יא) וכל
אונ גאר דאס הויכקייט פון דיא רשעים וועל איך פאר שניידין אונ עס וועט דער
הויבין ווערין דאס גרויסקייט פון דעם צדיק׃

עו (א) למנצח וגו׳׃ (ב) נודע אז סנחריב האט אמפלה גיהאט איז גיוואוסט גיווארין
גאט אין יהודה אונ צווישן די יודין איז זיין נאמען גיאכפערט גיווארן׃ (ג) ויהי אונ
אלע האבין גיוואוסט אז זיין בהמ״ק איז אין ירושלים אונ זיין וואוינונג אין ציון׃
(ד) שמה דארט ארום ירושלים האט גאט צובראכן די פליענדיגע פיילין פון בויגין.
די שילדין אונ דיא שווערדן אונ דיא מלחמה האט ער מבטל גיוועזן אויף אייביג׃
(ה) נאור דוא ביסט אדערלייכטער דוא ביסט שטארקער פון רייסענדע חיות וואס
זייען אויף די בערג׃ (ו) אשתוללו די וואס האבן גיהאט שטארקע הערצר זיינן גיווארן
נארן זיינען אנשלאפן גיווארן אונ דס גאנצע חיל האט ניט גיפונען זייערע הענד מלחמה
צו האלטן זיי זיינן אלע גיפאלן ביא ירושלים׃ (ז) מגערתך פון דיין גישרייא גאט פון
יעקב איז אנשלאפן גיווארן דר רייטר מיט דעם פערד׃ (ח) אתה דו ביסט אפארכטיגר
ווער

דִּין אֶרֶץ יָרְאָה וְשָׁקָטָה׃ י בְּקוּם לַמִּשְׁפָּט אֱלֹהִים
לְהוֹשִׁיעַ כָּל עַנְוֵי אֶרֶץ סֶלָה׃ יא כִּי חֲמַת אָדָם
תּוֹדֶךָּ שְׁאֵרִית חֵמֹת תַּחְגֹּר׃ יב נִדְרוּ וְשַׁלְּמוּ לַיי
אֱלֹהֵיכֶם כָּל סְבִיבָיו יוֹבִילוּ שַׁי לַמּוֹרָא׃ יג יִבְצֹר
רוּחַ נְגִידִים נוֹרָא לְמַלְכֵי אָרֶץ׃

דאס איז א תפלה אויף דיא צרות וואס דיא ישראל ליידין אין גלות:

יום טו עז א לַמְנַצֵּחַ עַל יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר׃ ב קוֹלִי אֶל
אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה קוֹלִי אֶל אֱלֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי׃
ג בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי יָדִי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא
תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי׃ ד אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה
אָשִׂיחָה וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה׃ ה אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת
עֵינָי נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר׃ ו חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם
שְׁנוֹת עוֹלָמִים׃ ז אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה עִם לְבָבִי
אָשִׂיחָה וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי׃ ח הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲדֹנָי וְלֹא

---

ווער קאן בשטיין פר דיר פון דענסטמאל אז דוא ביסט צארניג: (ט) משמים דו האסט גימאכט הערן פון דעם הימל דעם משפט האט דיא גאנצע וועלט מורא גיהאט אונ זיינען גיבליבן שטיל זיצן: (י) בקום אז גאט שטייט אויף צו משפטן דיא רשעים איז דאס אהילף צו צדיקים אויף אייביג: (יא) כי דאס וואס סנחריב איז גיוועזן צארניג אויף דיא יודין דורך דעם קומט ארויס לויבונג צו דיר אונ דיא איבעריגע רשעים האבן גטאן איין האלטן זייער כעס: (יב) נדרו זייט מנדר אונ בצאלט צו גאט אייערע נדרים. אלע אומות וואס זיינען ארום ירושלים וועלין ברייגגען מתנות צו גאט מחמת מורא: (יג) יבצור ער האט גיטאן פאר מיידין דעם כעס פון די גרויסע הערין
ער איז פארכטיג צו דיא מלכים פון דער וועלט:

עז (א) למנצח וגו': (ב) קולי מיין קול טוא איך אויף הייבן צו גאט אונ איך טוא שרייען. אז איך הייב אויף מיין קול צו גאט נייגט ער זיין אויער צו מיר: (ג) ביום אין דעם טאג פון מיין צרה האב איך גיפארשט גאט, מיין מכה רינט אגאנצע נאכט אונ הערט ניט אויף. מיין לייב וויל זיך ניט לאזין טרייסטין: (ד) אזכרה אז איך טוא דער מאנען גאט טוט מיין הארץ ברומען איך טוא דער ציילין אונ מיין גימוט איז איין גיבויגין אייביג: (ה) אחזת גלייך וויא דוא האסט צו גיהאלטן דיא ברעמען פון מיינע אויגן איך זאל ניט קענן שלאפן. איך בין ווארן צו שלאגן אונ איך האב ניט גקענט ריידין: (ו) חשבתי איך בעטראכט דיא טעג וואס איך האב גיהאט פריער אין דיא פריערדיגע יארן: (ז) אזכרה ביי נאכט טוא איך גידיינקען וויאס איך האב גיזונגן אין בהמ"ק איך טוא ריידן מיט מיין הארץ איך האב גיטאן פארשטן וואס וועט דר סוף
זיין

יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: ט הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ גָּמַר אֹמֶר
לְדֹר וָדֹר: י הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל אִם קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו
סֶלָה: יא וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן:
יב אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי יָהּ כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ:
יג וְהָגִיתִי בְכָל פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה:
יד אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ מִי אֵל גָּדוֹל כֵּאלֹהִים:
טו אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ:
טז גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה:
יז רָאוּךָ מַּיִם אֱלֹהִים רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ
תְהֹמוֹת: יח זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים אַף
חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: יט קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל הֵאִירוּ
בְרָקִים תֵּבֵל רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: כ בַּיָּם דַּרְכֶּךָ
וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ:
כא נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

---

זיין: (ח) הלעולמים וועט דען אויף אייביג גאט מיך פאר לאזין וועט דען גאט מער גיט
מרוצה זיין צו מיר: (ט) האפס איז דען אויס גיגאנגן אויף אייביג זיין גינאד. האט זיך
דען אויס גילאזין די זאג פון נחמות אויף אייביג: (י) השכח האט דען גאט פר געסין צו
דר באריכן האט דען גאט פר שלאסן מיט צארן זיין רחמנות אויף אייביג: (יא) ואומר
האב איך מיר אליין גיענטפערט ווייל ער האט גיוואלט ברייננגן אויף מיר אציטערניש
דרום איז פר ענדערט גיווארן דיא רעכטע האנד פון אויבערשטן גאט פון צו העלפין
מיר: (יב) אזכור אונ איך טוא תמיד גידיינקען די ווערק פון גאט איך טוא גידיינקן פון
לאנג דיינע וואונדער: (יג) והגיתי אונ איך טוא ריידין אין אלע דיינע ווערק אונ אין
דיינע ווערק רייד איך: (יד) אלהים גאט דיינע וועגין זיינען אין היילקייט. ווער איז אזו
אגאט וויא דו ביסט: (טו) אתה דוא ביסט דר גאט וואס טוט וואונדר. האסט גימאכט
וויסן צווישן דיא פעלקר דיין שטארקייט: (טז) גאלת מיט דיין שטארקייט האסטו אויס
גילייזט דיין פאלק דיא קינדער פון יעקב אונ פון יוסף אויף אייביג: (יז) ראוך אז דער ים
האט דיך דר זעהן זיינען דיא וואסר דר שראקן גיווארן. די אפ גרונדן זיינען אויך דער
שראקן גיווארן: (יח) זרמו די וואלקן האבן גיטריפט וואסר אויף די מצרים. אקול האבן
גיגעבן די הימלן אויך דיינע פיילן די בליצן האבן גינידערט אויף די מצרים: (יט) קול
דם קול פון דיינע דונערן איז גוועזן אין די רעדר פון די מצרים. בליצן האבן דר לייכט
די וועלט. די וועלט איז דר ציטערט גיווארן: (כ) בים דו האסט גמאכט דיין וועג אין ים
אונ דיין שטעג אין די גרויסע וואסר אונ דיינע טריט איז ניט געווארן דר קאנט: (כא) נחית
דוא האסט דיין פאלק גיפירט וויא מען פירט שאף דורך משה אונ אהרן:

משכיל

אין דעם מִזְמוֹר וֶוערְט בַּאשְׁרִיבְּן אַלֶע נִסִים וָואס הַשֵּׁ"ת הָאט גִיטָאן צוּ יִשְׂרָאֵל פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם בִּיז דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם:

עח א מַשְׂכִּיל לְאָסָף הַאֲזִינָה עַמִּי תּוֹרָתִי הַטּוּ
אָזְנְכֶם לְאִמְרֵי פִי: ב אֶפְתְּחָה בְמָשָׁל פִּי
אַבִּיעָה חִידוֹת מִנִּי קֶדֶם: ג אֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ וַנֵּדָעֵם
וַאֲבוֹתֵינוּ סִפְּרוּ לָנוּ: ד לֹא נְכַחֵד מִבְּנֵיהֶם לְדוֹר
אַחֲרוֹן מְסַפְּרִים תְּהִלּוֹת יְיָ וֶעֱזוּזוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר
עָשָׂה: ה וַיָּקֶם עֵדוּת בְּיַעֲקֹב וְתוֹרָה שָׂם בְּיִשְׂרָאֵל
אֲשֶׁר צִוָּה אֶת אֲבוֹתֵינוּ לְהוֹדִיעָם לִבְנֵיהֶם:
ו לְמַעַן יֵדְעוּ דּוֹר אַחֲרוֹן בָּנִים יִוָּלֵדוּ יָקֻמוּ וִיסַפְּרוּ
לִבְנֵיהֶם: ז וְיָשִׂימוּ בֵאלֹהִים כִּסְלָם וְלֹא יִשְׁכְּחוּ
מַעַלְלֵי אֵל וּמִצְוֹתָיו יִנְצֹרוּ: ח וְלֹא יִהְיוּ כַּאֲבוֹתָם
דּוֹר סוֹרֵר וּמֹרֶה דּוֹר לֹא הֵכִין לִבּוֹ וְלֹא נֶאֶמְנָה
אֶת אֵל רוּחוֹ: ט בְּנֵי אֶפְרַיִם נוֹשְׁקֵי רוֹמֵי קֶשֶׁת
הָפְכוּ בְּיוֹם קְרָב: י לֹא שָׁמְרוּ בְּרִית אֱלֹהִים
וּבְתוֹרָתוֹ מֵאֲנוּ לָלֶכֶת: יא וַיִּשְׁכְּחוּ עֲלִילוֹתָיו

---

עח (א) משכיל לאסף. פַר נֶעם מַיין פָאלְק מַיין תּוֹרָה. נֵייגְט אֵייעֶר אוֹיעֶר צוּ דִי זָאג
פוּן מַיין מוֹיל: (ב) אפתחה אִיךְ וָועל עֶפְעֶנֶן מַיין מוֹיל צוּ רֵיידֶן מִיט אַמָשָׁל אִיךְ וָועל
רֵיידִין פַארְבָּארְגִינֶע זַאכֶן וָואס אִיז גִיטָאן גִיוָוארְן פוּן לַאנְג: (ג) אשר וָואס מִיר הָאבִּין
גִיהֶערְט אוּנ מִיר ווייסֶן זֵייא אוּנ אוּנְזֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבִּן אוּנְז דֶר צֵיילְט: (ד) לא מִיר
וָועלֶן נִיט פַאר מַייכֶן צוּ דֶר צֵיילֶן צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶר כְּדֵי אַז זֵיי זָאלֶן דֶר צֵיילֶן גָאטְס
לוֹיבּ צוּם הִינְטֶערְשְׁטִין דוֹר אוּנ זַיינֶע שְׁטַארְקֵייט אוּנ זַיינֶע וואוּנְדֶער וָואס עֶר הָאט
גִיטָאן: (ה) ויקם גָאט הָאט גִישְׁטֶעלְט אֵיין עֵדוּת צוּ יַעֲקֹב אוּנ דִיא תּוֹרָה הָאט עֶר
גִיגֶעבְּן צוּ דִיא יִשְׂרָאֵל וָואס עֶר הָאט גִיבָּאטֶן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלֶן מַאכֶן ווִיסֶן
צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶר: (ו) למען כְּדֵי אַז דֶער הִינְטֶערְשְׁטֶר דוֹר זָאל ווִיסֶן, דִי קִינְדֶר וָואס וָועלֶן
גִיבָּארְן וֶוערִין וָועלֶן אוֹיףְ שְׁטֵיין אוּנ וָועלֶן דֶער צֵיילֶן צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער: (ז) וישימו אוּנ
וָועלֶן טָאן אִין גָאט זֵייעֶר בִּטָחוֹן אוּנ וָועלֶן נִיט פַר גֶעסֶן דִי וֶוערְק פוּן גָאט אוּנ זַיינֶע
מִצְוֹת וָועלֶן זֵייא הִיטִין: (ח) ולא אוּנ זֵייא וָועלֶן נִיט זַיין אַזוֹ וויא זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אַדוֹר
וָואס הָאט אָפּ גִיקֶערְט אוּנ ווידֶר גִישְׁפֶּענִיגְט גֶעגִין גָאטְס וֶועג. אַדוֹר וָואס זַיין הַארְץ
אִיז נִיט אָן גִבְּרֵייט צוּ גָאט אוּנ עֶס אִיז נִיט גִיוֶוען בַּגְלֵייבְּט מִיט גָאט זַיין גְמִיט: (ט) בני
דִי קִינְדֶר פוּן אֶפְרַיִם וָואס זַיינֶען גִיוֶוען בְּעוַואפִינְט אוּנ בוֹיגִין שִׁיסֶר הָאבִּן אוּם גִיקֶערְט
זֵייעֶר אַקִין צוּ אַנְטְלוֹיפֶן אִין שְׁטְרֵייט פוּן דִי אַנְשֵׁי גַת: (י) לא דָאס דוֹר הַמִּדְבָּר הָאבִּן
נִיט גִיהִיט גָאטְס בְּרִית אוּנ אִין זַיין תּוֹרָה הָאבִּן זֵייא נִיט גִיוָואלְט גֵיין: (יא) וישכחו אוּנ
זייא

וְנִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר הֶרְאָם׃ יב נֶגֶד אֲבוֹתָם עָשָׂה
פֶלֶא בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׂדֵה צֹעַן׃ יג בָּקַע יָם וַיַּעֲבִירֵם
וַיַּצֶּב מַיִם כְּמוֹ נֵד׃ יד וַיַּנְחֵם בֶּעָנָן יוֹמָם וְכָל הַלַּיְלָה
בְּאוֹר אֵשׁ׃ טו יְבַקַּע צֻרִים בַּמִּדְבָּר וַיַּשְׁקְ כִּתְהֹמוֹת
רַבָּה׃ טז וַיּוֹצִא נוֹזְלִים מִסָּלַע וַיּוֹרֶד כַּנְּהָרוֹת מָיִם׃
יז וַיּוֹסִיפוּ עוֹד לַחֲטֹא לוֹ לַמְרוֹת עֶלְיוֹן בַּצִּיָּה׃
יח וַיְנַסּוּ אֵל בִּלְבָבָם לִשְׁאָל אֹכֶל לְנַפְשָׁם׃ יט וַיְדַבְּרוּ
בֵּאלֹהִים אָמְרוּ הֲיוּכַל אֵל לַעֲרֹךְ שֻׁלְחָן בַּמִּדְבָּר׃
כ הֵן הִכָּה צוּר וַיָּזוּבוּ מַיִם וּנְחָלִים יִשְׁטֹפוּ הֲגַם
לֶחֶם יוּכַל תֵּת אִם יָכִין שְׁאֵר לְעַמּוֹ׃ כא לָכֵן שָׁמַע יְיָ
וַיִּתְעַבָּר וְאֵשׁ נִשְּׂקָה בְיַעֲקֹב וְגַם אַף עָלָה
בְיִשְׂרָאֵל׃ כב כִּי לֹא הֶאֱמִינוּ בֵּאלֹהִים וְלֹא בָטְחוּ
בִּישׁוּעָתוֹ׃ כג וַיְצַו שְׁחָקִים מִמָּעַל וְדַלְתֵי שָׁמַיִם
פָּתָח׃ כד וַיַּמְטֵר עֲלֵיהֶם מָן לֶאֱכֹל וּדְגַן שָׁמַיִם נָתַן

---

זיי האבן פר געסן זיינע ווערק און זיינע וואונדר וואס ער האט זיא געוויזן׃ (יב) נגד
אנטקעגן זייערע עלטרן האט ער גיטאן וואונדער אין לאנד מצרים וואס הייסט
שדה צוען׃ (יג) בקע גאט האט גישפאלטן דעם ים און האט זיי גמאכט איבר פארן און
האט דס וואסר גישטעלט וויא א מויער׃ (יד) וינחם און האט זיי געפירט ביי טאג מיט
א וואלקן און א גאנצע נאכט מיט אפייערדיגן וואלקן׃ (טו) יבקע ער האט גישפאלטן
שטיינער אין דער מדבר און האט זיי גימאכט טרינקן גלייך וויא פון פיל קוואלן׃
(טז) ויוצא און ער האט אוים גיצויגן רינעדיגע וואסר פון א שטיין און ער האט גמאכט
נידערן וואסער וויא טייכן׃ (יז) ויוסיפו נאך אלע נסים האבן זייא גימערט צו זינדיגן
צו אים. צו ווידר שפעניגן דעם אייבערשטן אין דר מדבר׃ (יח) וינסו און האבן גיפרובט
גאט אין זייער הארץ צו פר לאנגן פלייש צו עסין׃ (יט) וידברו און האבן גירעט אויף
גאט זיי האבן גיזאגט קען דען גאט אן ריכטן איין טיש מיט פלייש אין דער מדבר׃
(כ) הן אמת ער האט גישלאגן דעם שטיין און עס האט גירונן וואסר אז טייכן האבן
גיפלייצט ווילן מיר וויסן אויב ער וועט קאנען געבן ברויט. אויב ער וועט קאנען
אן ברייטן פלייש פאר זיין פאלק׃ (כא) לכן דרום אז גאט האט דאס גיהערט איז ער
צארניג גיווארן און אפייער האט גיברענט אין יעקב און אויך א צארן איז אויף
גיגאנגן אין די ישראל׃ (כב) כי ווייל זייא האבן ניט גיגלייבט אין גאט און האבן קיין
בטחון גהאט אויף זיין הילף׃ (כג) ויצו און ער האט גיבאטן די הימלען פון אויבן און
דיא טירן פון הימעל האט ער גיעפנט׃ (כד) וימטר און האט גימאכט רעגנען אויף זיי
מן

לָמוֹ: כה לֶחֶם אַבִּירִים אָכַל אִישׁ צֵידָה שָׁלַח לָהֶם
לָשֹׂבַע: כו יַסַּע קָדִים בַּשָּׁמָיִם וַיְנַהֵג בְּעֻזּוֹ תֵימָן:
כז וַיַּמְטֵר עֲלֵיהֶם כֶּעָפָר שְׁאֵר וּכְחוֹל יַמִּים עוֹף
כָּנָף: כח וַיַּפֵּל בְּקֶרֶב מַחֲנֵהוּ סָבִיב לְמִשְׁכְּנֹתָיו:
כט וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׂבְּעוּ מְאֹד וְתַאֲוָתָם יָבִא לָהֶם: ל לֹא
זָרוּ מִתַּאֲוָתָם עוֹד אָכְלָם בְּפִיהֶם: לא וְאַף אֱלֹהִים
עָלָה בָהֶם וַיַּהֲרֹג בְּמִשְׁמַנֵּיהֶם וּבַחוּרֵי יִשְׂרָאֵל
הִכְרִיעַ: לב בְּכָל זֹאת חָטְאוּ עוֹד וְלֹא הֶאֱמִינוּ
בְּנִפְלְאוֹתָיו: לג וַיְכַל בַּהֶבֶל יְמֵיהֶם וּשְׁנוֹתָם
בַּבֶּהָלָה: לד אִם הֲרָגָם וּדְרָשׁוּהוּ וְשָׁבוּ וְשִׁחֲרוּ אֵל:
לה וַיִּזְכְּרוּ כִּי אֱלֹהִים צוּרָם וְאֵל עֶלְיוֹן גֹּאֲלָם: חצי הספר
לו וַיְפַתּוּהוּ בְּפִיהֶם וּבִלְשׁוֹנָם יְכַזְּבוּ לוֹ: לז וְלִבָּם לֹא
נָכוֹן עִמּוֹ וְלֹא נֶאֶמְנוּ בִּבְרִיתוֹ: לח וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר

---

מן צו עסין אונ ברויט פון הימל האט ער זייא גיגעבן: (כה) לחם ברויט פון הימל האט
יעדר פון זיי גיגעסן. שפייז האט ער זיי גישיקט צו זאט מאכן: (כו) יסע ער האט גלאזט
ציהען אמזרח ווינט אונטערן הימל אונ האט גיפירט מיט זיין שטארקייט דעם דרום
ווינט: (כז) וימטר אונ האט גימאכט אויף זיי רעגענן פלייש פיל וויא שטויב פון דער
ערד אונ אזו פיל וויא זאמד ביי דעם ים האט ער זייא גיגעבן עופות: (כח) ויפל אונ
האט גימאכט פאלן זייא צווישן זייער מחנה אונ ארום זייער רואונג: (כט) ויאכלו אונ
האבן גיגעסן אונ זיינן זייער זאט גיוועזן אונ זייער גילוסטיקייט האט ער גיבראכט
צו זיי: (ל) לא זייא זיינן נאך ניט פרעמד גיוועזן פון זייער תאוה. זייער עסין איז נאך
גיוועזן אין זייער מויל: (לא) ואף אונ דר צארן פון גאט איז אויף גיגאנגן אין זייא אונ
האט גיהרגת אין זייערע בעסטע לייט אונ דיא אויס ערוויילטע פון די יודין האט ער
גימאכט קניען: (לב) בכל נאך דעם אלעם האבין זיי ווידער גיזינדיגט אונ האבין ניט
גיגלייבט אין זיינע וואונדער: (לג) ויכל אונ דורך דעם האט ער פאר לענט אין ניכטס
זייערע טעג אונ זייערע יארן אין דר שרעקעניש: (לד) אם אז גאט האט גיזאגט זייא
וועלן שטארבן אין דער מדבר האבן זיי צו אים גיבעטן אונ זיך גיקערט צו גאט אונ
האבן אים גיפארשט: (לה) ויזכרו אונ האבן זיך דר מאנט אז גאט איז זייער שטארקר
אונ דר אויבערשטר גאט איז זייער אויס לייזער: (לו) ויפתוהו אבר דאס איז נאר גיוועזן
איבר צו ריידן אים מיט זייער מויל אונ מיט זייער צונג האבן זייא פאלש גירעט צו
אים: (לז) ולבם אונ זייער הארץ איז ניט גיוועזן פעסט מיט אים אונ זייא זיינן ניט גוועזן
ווארהאפטיג אין זיין ברית: (לח) והוא פון דעסט וועגן איז גאט דר בארעמיג אונ פר
גיבט די עבירות אונ ער פר דארבט ניט דעם מענטשן אונ מערט אום צו קערן זיין
צארן

עָוֹן וְלֹא יַשְׁחִית וְהִרְבָּה לְהָשִׁיב אַפּוֹ וְלֹא יָעִיר כָּל
חֲמָתוֹ: לט וַיִּזְכֹּר כִּי בָשָׂר הֵמָּה רוּחַ הוֹלֵךְ וְלֹא
יָשׁוּב: מ כַּמָּה יַמְרוּהוּ בַמִּדְבָּר יַעֲצִיבוּהוּ בִּישִׁימוֹן:
מא וַיָּשׁוּבוּ וַיְנַסּוּ אֵל וּקְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל הִתְווּ: מב לֹא
זָכְרוּ אֶת יָדוֹ יוֹם אֲשֶׁר פָּדָם מִנִּי צָר: מג אֲשֶׁר שָׂם
בְּמִצְרַיִם אֹתוֹתָיו וּמוֹפְתָיו בִּשְׂדֵה צֹעַן: מד וַיַּהֲפֹךְ
לְדָם יְאֹרֵיהֶם וְנֹזְלֵיהֶם בַּל יִשְׁתָּיוּן: מה יְשַׁלַּח בָּהֶם
עָרֹב וַיֹּאכְלֵם וּצְפַרְדֵּעַ וַתַּשְׁחִיתֵם: מו וַיִּתֵּן לֶחָסִיל
יְבוּלָם וִיגִיעָם לָאַרְבֶּה: מז יַהֲרֹג בַּבָּרָד גַּפְנָם
וְשִׁקְמוֹתָם בַּחֲנָמַל: מח וַיַּסְגֵּר לַבָּרָד בְּעִירָם
וּמִקְנֵיהֶם לָרְשָׁפִים: מט יְשַׁלַּח בָּם חֲרוֹן אַפּוֹ עֶבְרָה
וָזַעַם וְצָרָה מִשְׁלַחַת מַלְאֲכֵי רָעִים: נ יְפַלֵּס נָתִיב
לְאַפּוֹ לֹא חָשַׂךְ מִמָּוֶת נַפְשָׁם וְחַיָּתָם לַדֶּבֶר הִסְגִּיר:
נא וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּמִצְרָיִם רֵאשִׁית אוֹנִים בְּאָהֳלֵי

---

צארן און ער דער וועקט ניט זיין צארין אין גאנצין: (לט) ויזכור וייל ער גידיינקט אז מענטשן זיינן נור פלייש. ער איז נור וויא א ווינט וואס גייט און קערט זיך ניט אום: (מ) כמה פיל מאל האבן זיי גענגן אים ווידער גישפעניגט אין דר מדבר און האבן אים גימאכט טרויעריג אין דער וויסטעניש: (מא) וישובו און האבין ווידער גיקערט און האבן גאט גיפרובט מיט דער מי מריבה און דעם היילגין פון ישראל האבין זייא גיבעטין ביי אים אצייכן: (מב) לא און האבין ניט גידיינקט זיין מאכט אין דעם טאג אז ער האט זייא אוים גילייזט פון מצרים: (מג) אשר וואס ער האט גיטאן אין מצרים זיינע צייכן און זיינע וואונדר אין פעלד פון צוען: (מד) ויהפך וואס ער האט אומגיקערט צו בלוט זייערע טייכן און זייערע פליסענדע וואסר האבן זיי ניט גיקענט טרינקען: (מה) ישלח ער האט אן גישיקט אויף זייא פיל חיות רעות און האט זיי פאר צערט און פראס און האט זיי פר דארבן: (מו) ויתן און האט גיגעבן צום היישעריק זייער פרוכט און זייער מיהע צו היישעריקן: (מז) יהרג ער האט דער שלאגן מיט דעם האגיל זייער וויין שטאק און זייערע פייגן בוימער מיט האגיל שטיינער: (מח) ויסגר און ער האט איבר גיענטפערט צום האגיל זייערע בהמות און זייערע שאף צו פייערדיגע קוילן: (מט) ישלח ער האט גישיקט אין זייא אלערלייא גרים צארין וואס זייא זיינען וואריין גישיקט דורך בייזע שלוחים: (נ) יפלס ער האט גיגלייכט איין שטעג צו זיין צארן עס זאל גיין אויף זיי. ער האט ניט פאר מיטן פון טויט זייער לייב און זייערע בהמות האט ער צום מארד איבר גיענטפערט: (נא) ויך און האט גישלאגן אלע בכורים אין

הם: נב ויסע כצאן עמו וינהגם כעדר במדבר:
נג וינחם לבטח ולא פחדו ואת אויביהם כסה הים:
נד ויביאם אל גבול קדשו הר זה קנתה ימינו:
נה ויגרש מפניהם גוים ויפילם בחבל נחלה וישכן
באהליהם שבטי ישראל: נו וינסו וימרו את אלהים
עליון ועדותיו לא שמרו: נז ויסגו ויבגדו כאבותם
נהפכו כקשת רמיה: נח ויכעיסוהו בבמותם
ובפסיליהם יקניאוהו: נט שמע אלהים ויתעבר
וימאס מאד בישראל: ס ויטש משכן שלו אהל
שכן באדם: סא ויתן לשבי עזו ותפארתו ביד צר:
סב ויסגר לחרב עמו ובנחלתו התעבר: סג בחוריו
אכלה אש ובתולתיו לא הוללו: סד כהניו בחרב
נפלו ואלמנתיו לא תבכינה: סה ויקץ כישן אדני

---

מצרים, די ערשטע גיבארענע אין דיא היזער פון די קינדער חם: (נב) ויסע אונ האט
גימאכט ציהען זיין פאלק אז די שאף אונ ער האט זיי גיפירט וויא הערדין אין דער
מדבר: (נג) וינחם ער האט זיי גיפירט זיכערליך אונ זייא האבן זיך ניט גיפארכטן אונ
זייערע פיינט האט דר ים צו גידעקט: (נד) ויביאם אונ ער האט זייא גיבראכט צו זיין
הייליגן גרענעץ צו דעם בארג וואס זיין רעכטע האנד האט בשאפן צו רוען דארט:
(נה) ויגרש אונ האט פר טריבן פאר זיי די פעלקר אונ האט זייא גיטיילט מיט גורל מיט
אמאס שנור פר איין ארב אונ ער האט גימאכט רוען אין די גיצעלטן פון די כנענים
די שבטים פון ישראל: (נו) וינסו אונ זיי האבן גיפרובט אונ ווידער גישפעניגט דעם
אייבערשטן גאט אונ זיינע צייגענים דיא תורה האבן זיי ניט גיהיט: (נז) ויסגו זייא
האבן צוריק גיטראטין פון גאט אונ זיי האבן גיפעלשט וויא זייערע עלטערן. זייא
זיינן פר קערט גיווארן ווי א פאלשער בויגן: (נח) ויכעיסוהו אונ זיי האבן אים דר צערינט
מיט זייערע במות אונ מיט זייערע בילדער האבן זיי אים דער צערינט: (נט) וימאס גאט
האט דס גיהערט אונ איז צארניג גיווארן אונ האט זייער ממאס גוועז אין ישראל:
(ס) ויטש אונ האט פר לאזן דאס משכן פון שילו דאס גיצעלט וואס ער האט גימאכט
רוען צווישן מענטשין: (סא) ויתן אונ האט איבער גיענטפערט אין גיפיינקעניש זיין
שטארקייט דאס מיינט מען דעם ארון. אונ זיין שיינקייט אין דער האנד פון דעם
בליידיגר: (סב) ויסגר אונ ער האט איבער גיענטפערט צו דער שווערד זיין פאלק אונ
אין זיין ארב האט ער גיצערינט: (סג) בחוריו זיינע יונגע פון ישראל האט דאס פייער
פר ברענט אונ זיינע בתולות זיינען ניט גיקומען אונטער דר חופה: (סד) כהניו זיינע
כהנים זיינען דורך דר שווערד גיפאלן אונ זיינע אלמנות האבן ניט גיקענט ויינען:

ויקץ

כְּגִבּוֹר מִתְרוֹנֵן מִיָּיִן: סו וַיַּךְ צָרָיו אָחוֹר חֶרְפַּת
עוֹלָם נָתַן לָמוֹ: סז וַיִּמְאַס בְּאֹהֶל יוֹסֵף וּבְשֵׁבֶט
אֶפְרַיִם לֹא בָחָר: סח וַיִּבְחַר אֶת שֵׁבֶט יְהוּדָה אֶת
הַר צִיּוֹן אֲשֶׁר אָהֵב: סט וַיִּבֶן כְּמוֹ רָמִים מִקְדָּשׁוֹ
כְּאֶרֶץ יְסָדָהּ לְעוֹלָם: ע וַיִּבְחַר בְּדָוִד עַבְדּוֹ וַיִּקָּחֵהוּ
מִמִּכְלְאֹת צֹאן: עא מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ לִרְעוֹת
בְּיַעֲקֹב עַמּוֹ וּבְיִשְׂרָאֵל נַחֲלָתוֹ: עב וַיִּרְעֵם כְּתֹם
לְבָבוֹ וּבִתְבוּנוֹת כַּפָּיו יַנְחֵם:

דער מזמור גייט איף הורבן בית המקדש:

יום טו עט א מִזְמוֹר לְאָסָף אֱלֹהִים בָּאוּ גוֹיִם בְּנַחֲלָתֶךָ
טִמְּאוּ אֶת הֵיכַל קָדְשֶׁךָ שָׂמוּ אֶת
יְרוּשָׁלִַם לְעִיִּים: ב נָתְנוּ אֶת נִבְלַת עֲבָדֶיךָ מַאֲכָל
לְעוֹף הַשָּׁמָיִם בְּשַׂר חֲסִידֶיךָ לְחַיְתוֹ אָרֶץ: ג שָׁפְכוּ
דָמָם כַּמַּיִם סְבִיבוֹת יְרוּשָׁלִָם וְאֵין קוֹבֵר: ד הָיִינוּ

(סה) ויקץ גאט האט זיך אויף געוואכט וויא פון שלאף צו בשטראפן די ישראל וויא אגבור וואכט זיך אויף פון דעם וויין דורך געזאנג: (סו) ויך אונ האט געשלאגן זיינע בלייגער פון הינטן. איין אייביגע חרפה האט ער געגעבן צו זיי: (סז) וימאס אונ האט ממאס געוועזן אין געצעלט פון שילה וואס איז אין חלק פון יוסף אונ אין דעם שבט פון אפרים האט ער ניט אויס ערוויילט: (סח) ויבחר אונ האט אויס ערוויילט דעם שבט יהודה אין דעם בארג ציון דאס מיינט מען דאס בהמ"ק וואס ער האט אים ליב: (סט) ויבן אונ ער האט געבויעט דעם בהמ"ק איין אייביגע זאך וויא דער הימיל. וויא די ערד איז אייביג האט ער געגרונדפעסטיגט דעם בהמ"ק אויף אייביג: (ע) ויבחר אונ האט אויס ערוויילט אין זיין קנעכט דוד אונ האט אים ארויס גענומען פון די שטאלן פון שאף: (עא) מאחר פון דעם ארט וואו ער פלעגט נאך גיין די זייגענדיגע שאף צו פאשן זיי האט ער אים געבראכט ער זאל ווידן יעקב זיין פאלק אונ זאל זיין אמלכות אויף ישראל זיין ארב: (עב) וירעם אונ ער האט זיי געווידעט מיט די גאנצקייט פון הארץ אונ מיט דעם פאר שטאנדיקייט פון זיינע הענט האט ער זייא געטאן פירן:

עט (א) מזמור לאסף. גאט, פעלקר זיינן געקומען אין דיין ארב אין בהמ"ק אונ האבין ממא געוועזן דיין הייליגן היכל. זיי האבן געמאכט ירושלים צו הויפען: (ב) נתנו זיי האבן געגעבן די טויטע קערפער פון דיינע קנעכט ישראל אשפייז צו דיא פייגיל פון דעם הימל. דאס פלייש פון דיינע חסידים צו די חיות פון דר ערד: (ג) שפכו זייא האבן פר גאסן זייער בלוט וויא וואסער ארום ירושלים, קיינר האט זיי ניט געקאנט בגראבן פר פארכט: (ד) היינו מיר זיינען געווארן א לעסטערונג צו אונזערע שכנים.

אשאנד

חֶרְפָּה לִשְׁכֵנֵינוּ לַעַג וָקֶלֶס לִסְבִיבוֹתֵינוּ: ה עַד מָה
יְיָ תֶּאֱנַף לָנֶצַח תִּבְעַר כְּמוֹ אֵשׁ קִנְאָתֶךָ: ו שְׁפֹךְ
חֲמָתְךָ אֶל הַגּוֹיִם אֲשֶׁר לֹא יְדָעוּךָ וְעַל מַמְלָכוֹת
אֲשֶׁר בְּשִׁמְךָ לֹא קָרָאוּ: ז כִּי אָכַל אֶת יַעֲקֹב וְאֶת
נָוֵהוּ הֵשַׁמּוּ: ח אַל תִּזְכָּר לָנוּ עֲוֹנוֹת רִאשֹׁנִים מַהֵר
יְקַדְּמוּנוּ רַחֲמֶיךָ כִּי דַלּוֹנוּ מְאֹד: ט עָזְרֵנוּ אֱלֹהֵי
יִשְׁעֵנוּ עַל דְּבַר כְּבוֹד שְׁמֶךָ וְהַצִּילֵנוּ וְכַפֵּר עַל
חַטֹּאתֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ: י לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם אַיֵּה
אֱלֹהֵיהֶם יִוָּדַע בַּגּוֹיִם לְעֵינֵינוּ נִקְמַת דַּם עֲבָדֶיךָ
הַשָּׁפוּךְ: יא תָּבוֹא לְפָנֶיךָ אֶנְקַת אָסִיר כְּגֹדֶל זְרוֹעֲךָ
הוֹתֵר בְּנֵי תְמוּתָה: יב וְהָשֵׁב לִשְׁכֵנֵינוּ שִׁבְעָתַיִם
אֶל חֵיקָם חֶרְפָּתָם אֲשֶׁר חֵרְפוּךָ אֲדֹנָי: יג וַאֲנַחְנוּ
עַמְּךָ וְצֹאן מַרְעִיתֶךָ נוֹדֶה לְּךָ לְעוֹלָם לְדֹר וָדֹר
נְסַפֵּר תְּהִלָּתֶךָ:

דער מזמור זייט אויף דעם גלות און אויף דער גאולה:

פ א לַמְנַצֵּחַ אֶל שֹׁשַׁנִּים עֵדוּת לְאָסָף מִזְמוֹר:

---

אשאנד און אשפאט צו דיא וואס זיינן גיוועזן ארום אונז: (ה) עד ביז וויא לאנג גאט
וועסטו צערנן אויף אלאנגע צייט. עס טוט ברענען וויא אפייער דיין צארן: (ו) שפוך
פאר גיס דיין צארן אויף די פעלקר וואס האבן דיך ניט גיוואלט קענען און אויף די
קיניגרייך וואס האבן אין דיין נאמען ניט גירופן: (ז) כי ווארום יעדער פון זיי האבן
פר לענט די קינדר פון יעקב און נאטס וואוינונג האבן זיי פאר וויסט: (ח) אל זאלסט
אונז ניט גידיינקן דיא ערשטע עבירות וואס מיר האבין גיטאן. גישווינד זאל אונז
פארקומען דיין רחמנות ווארום מיר זיינען זייער ארעם: (ט) עזרנו העלף אונז גאט
אונזר העלפער פון וועגין דעם כבוד פון דיין נאמען און רעטע אונז און פר גיב אייף
אונזרע עבירות פון וועגין דיין נאמן: (י) למה נאך וואס זאלן זאגן די היידין וואו איז
זייער גאט. דרום זאל גיוואוסט ווערן צווישן די היידין פר אונזרע אויגן דיא נקמה
פון דעם בלוט וואס איז פאר גאסן גיווארן פון דיינע קנעכט: (יא) תבוא עס זאל קומען
פאר דיר דאס גישרייא פון דעם וואס איז גיבונדין. מיט דיא גרויסקייט פון דיין
שטארקייט זאלסטו אויף בינדן דיא וואס זיינן גיבונדין צום טויט: (יב) והשב און אזוי
זאלסטו בצאלן צו די נאכבארין פון ארץ ישראל זיבין מאל טאפיל אין זייער שויס
זייער שאנדע ווייל זייא האבן דיך גילעסטערט גאט: (יג) ואנחנו און מיר וואס זיינען
דיין פאלק און דיא שאף וואס דוא ווייד(ע)סט זייא וועלין מיר דיך אימער לויבין.
אימער און אייביג וועלין מיר דער ציילין דיין לויב:

דות

ב רֹעֵה יִשְׂרָאֵל הַאֲזִינָה נֹהֵג כַּצֹּאן יוֹסֵף יֹשֵׁב
הַכְּרוּבִים הוֹפִיעָה: ג לִפְנֵי אֶפְרַיִם וּבִנְיָמִן וּמְנַשֶּׁה
עוֹרְרָה אֶת גְּבוּרָתֶךָ וּלְכָה לִישֻׁעָתָה לָּנוּ: ד אֱלֹהִים
הֲשִׁיבֵנוּ וְהָאֵר פָּנֶיךָ וְנִוָּשֵׁעָה: ה יְיָ אֱלֹהִים צְבָאוֹת
עַד מָתַי עָשַׁנְתָּ בִּתְפִלַּת עַמֶּךָ: ו הֶאֱכַלְתָּם לֶחֶם
דִּמְעָה וַתַּשְׁקֵמוֹ בִּדְמָעוֹת שָׁלִישׁ: ז תְּשִׂימֵנוּ מָדוֹן
לִשְׁכֵנֵינוּ וְאֹיְבֵינוּ יִלְעֲגוּ לָמוֹ: ח אֱלֹהִים צְבָאוֹת
הֲשִׁיבֵנוּ וְהָאֵר פָּנֶיךָ וְנִוָּשֵׁעָה: ט גֶּפֶן מִמִּצְרַיִם
תַּסִּיעַ תְּגָרֵשׁ גּוֹיִם וַתִּטָּעֶהָ: י פִּנִּיתָ לְפָנֶיהָ וַתַּשְׁרֵשׁ
שָׁרָשֶׁיהָ וַתְּמַלֵּא אָרֶץ: יא כָּסּוּ הָרִים צִלָּהּ וַעֲנָפֶיהָ
אַרְזֵי אֵל: יב תְּשַׁלַּח קְצִירֶהָ עַד יָם וְאֶל נָהָר
יוֹנְקוֹתֶיהָ: יג לָמָּה פָּרַצְתָּ גְדֵרֶיהָ וְאָרוּהָ כָּל עֹבְרֵי
דָרֶךְ: יד יְכַרְסְמֶנָּה חֲזִיר מִיָּעַר וְזִיז שָׂדַי יִרְעֶנָּה:

---

פ (א) למנצח וגו׳: (ב) רועה דו שפייזער פון ישראל פר נעם אונזר תפלה. דר גאט וואס
פירט אזו וויא די שאף די ישראל וואס ווערן אן גירופן אויף דעם נאמן פון יוסף
גאט וואס רועסט אויף די כרובים מאך שיינן צו אונז דיין הילף: (ג) לפני בשעת אז
דיא דרייא שבטים דארפן אויס גילייזט ווערן דר וועק דיין גבורה אונ גייא אונז צו
הילף: (ד) אלהים גאט קער אונז אום קיין ארץ ישראל אונ מאך לייכטן דיין פנים צו
אונז אונ לאמיר ווערן גיהאלפן: (ה) יי גאט דר גאט איבר אלע הערשארן ביז ווי
לאנג וועסטו זיין צארניג אין דיא תפלה פון דיין פאלק: (ו) האכלתם דוא האסט זייא
גימאכט עסין טרערין אן שטאט ברויט אונ האסט זיי גימאכט טרינקען טרערין מיט
אגרויסע מאס וואס הייסט שליש: (ז) תשימנו האסט אונז גימאכט קריגן מיט אונזרע
שכנים אונ אונזרע פיינט שפעטן פון אונז: (ח) אלהים גאט דער הערשארן קער אונז
ווידער מאך אונז לייכטן דיין פנים אונ לאמיר ווערן גיהאלפן. זאגט אסף. (ט) גפן
די ישראל וואס זיינן גיגליכן צו איין שטאק האסטו דאך אויס גיצויגן פון מצרים.
האסט פאר טריבן דיא פעלקר אונ האכט גיפלאנצט דיא ישראל אויף זייער ארט:
(י) פנית דוא האסט אויס גיראמט דיא פעלקער אונ זיא האט איין גיווארצילט אירע
ווארצלען אונ האט דערפילט דס לאנד: (יא) כסו דיא בערג זיינען ווארין צו גידעקט
מיט דעם שאטן פון דעם ווין שטאק אונ אירע צווייגין זיינן גיוועזן שטארק וויא די
טענען בוימער: (יב) תשלח די לייג פון די צווייגן איז גיוועזן פאר שפרייט ביז אין ים
פלשתים אונ דיא ברייט פון דיא יונגע צווייגן ביז דעם טייך פרת: (יג) למה ווארום
האסטו צו בראכין איר צאם אונ אלע וואס פארין אין וועג האבין גיקליבין אירע
פרות: (יד) יכרסמנה ווארום האבן פר שניטן אונ פאר לענט זייא די היידן וואס זיינן

טו אֱלֹהִים צְבָאוֹת שׁוּב נָא הַבֵּט מִשָּׁמַיִם וּרְאֵה
וּפְקֹד גֶּפֶן זֹאת׃ טז וְכַנָּה אֲשֶׁר נָטְעָה יְמִינֶךָ וְעַל בֵּן
אִמַּצְתָּה לָּךְ׃ יז שְׂרֻפָה בָאֵשׁ כְּסוּחָה מִגַּעֲרַת
פָּנֶיךָ יֹאבֵדוּ׃ יח תְּהִי יָדְךָ עַל אִישׁ יְמִינֶךָ עַל בֶּן
אָדָם אִמַּצְתָּ לָּךְ׃ יט וְלֹא נָסוֹג מִמֶּךָּ תְּחַיֵּנוּ
וּבְשִׁמְךָ נִקְרָא׃ כ יְיָ אֱלֹהִים צְבָאוֹת הֲשִׁיבֵנוּ
הָאֵר פָּנֶיךָ וְנִוָּשֵׁעָה׃

דער מזמור לערנט ווא דיא איידין זאלין זיך פידין אין גלות׃

פא א לַמְנַצֵּחַ עַל הַגִּתִּית לְאָסָף׃ ב הַרְנִינוּ לֵאלֹהִים
עוּזֵּנוּ הָרִיעוּ לֵאלֹהֵי יַעֲקֹב׃ ג שְׂאוּ זִמְרָה וּתְנוּ
תֹף כִּנּוֹר נָעִים עִם נָבֶל׃ ד תִּקְעוּ בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר
בַּכֵּסֶה לְיוֹם חַגֵּנוּ׃ ה כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא מִשְׁפָּט
לֵאלֹהֵי יַעֲקֹב׃ ו עֵדוּת בִּיהוֹסֵף שָׂמוֹ בְּצֵאתוֹ עַל
אֶרֶץ מִצְרָיִם שְׂפַת לֹא יָדַעְתִּי אֶשְׁמָע׃ ז הֲסִירוֹתִי

גיגליכן גיוועזן צו אחזיר פון דעם וואלד אונ דיא חיות פון פעלד האבן גיגעסן דיא פירות דר פון: (טו) אלהים גאט איבר אלע הערשארן קער ווידער לוג פון הימיל אונ זעה. זאיי משגיח אויף די ישראל וואס זיינן גיגליכן צו אוויין שטאק: (טז) וכנה אונ דיא שטעלע וואס דיין רעכטע האנד האט גיפלאנצט אונ אויף דעם זון וואס דוא האסט גישטארקט צו דיר דס מיינט מען דיא ישראל: (יז) שרופה דר וויין שטאק איז פר ברענט אין פייער אונ איז פר שניטן. פון גישרייא פון דיין גרים צארין ווערן זייא פר לארן: (יח) תהי איך בעט דיך זאל דיין האנד מגין זיין אויף דעם מענשן וואס דוא פלעגסט אים העלפן מיט דיין רעכטע האנד אונ אויף דעם מענש וואס דוא האסט גישטארקט צו דיר: (יט) ולא אונ מיר וועלין ניט צוריק קערן פון דיר. זאלסט אונז בעלעבין וועלין מיר אן רופין דיין נאמען: (כ) יי גאט דער הערשארן קער אונז אום
מאך אונז לייכטן דיין פנים אונ לאמיר ווערין גיהאלפין:

פא (א) למנצח וגו': (ב) הרנינו טוט זינגען אונ לויבין גאט וואס מאכט אונז שטארק. שאלט מיט אשופר צום גאט פון יעקב: (ג) שאו הייבט אויף אהויך קול פון גיזאנג אונ גיט אקול אויף אפויק אונ אויף אפייפיל וואס איז זיס מיט אפידיל: (ד) תקעו טוט בלאזן מיט אשופר אין דעם אן הייב פון חודש אין די גיזעצטע צייט צו אונזער יום טוב דאס איז ראש השנה: (ה) כי ווארום דאס בלאזין פון ראש השנה האט גאט גיבאטן צו ישראל. דער טאג איז אמשפט צו גאט פון יעקב: (ו) עדות דעם טאג האט מען אן גיטאן אצירונג אויף יוסף ווען ער איז ארויס פון דער תפיסה אום ראש השנה ער איז גיווארן אגיוועלטיגר אין מצרים. דאן האט זיך יוסף בארימט דאס

מִסֵּבֶל שִׁכְמוֹ כַּפָּיו מִדּוּד תַּעֲבֹרְנָה׃ ח בַּצָּרָה
קָרָאתָ וָאֲחַלְּצֶךָּ אֶעֶנְךָ בְּסֵתֶר רַעַם אֶבְחָנְךָ עַל
מֵי מְרִיבָה סֶלָה׃ ט שְׁמַע עַמִּי וְאָעִידָה בָּךְ יִשְׂרָאֵל
אִם תִּשְׁמַע לִי׃ י לֹא יִהְיֶה בְךָ אֵל זָר וְלֹא תִשְׁתַּחֲוֶה
לְאֵל נֵכָר׃ יא אָנֹכִי יְיָ אֱלֹהֶיךָ הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם
הַרְחֶב פִּיךָ וַאֲמַלְאֵהוּ׃ יב וְלֹא שָׁמַע עַמִּי לְקוֹלִי
וְיִשְׂרָאֵל לֹא אָבָה לִי׃ יג וָאֲשַׁלְּחֵהוּ בִּשְׁרִירוּת לִבָּם
יֵלְכוּ בְּמוֹעֲצוֹתֵיהֶם׃ יד לוּ עַמִּי שֹׁמֵעַ לִי יִשְׂרָאֵל
בִּדְרָכַי יְהַלֵּכוּ׃ טו כִּמְעַט אוֹיְבֵיהֶם אַכְנִיעַ וְעַל
צָרֵיהֶם אָשִׁיב יָדִי׃ טז מְשַׂנְאֵי יְיָ יְכַחֲשׁוּ לוֹ וִיהִי
עִתָּם לְעוֹלָם׃ יז וַיַּאֲכִילֵהוּ מֵחֵלֶב חִטָּה וּמִצּוּר
דְּבַשׁ אַשְׂבִּיעֶךָ׃

דער מִזְמוֹר זָאגט מען דיא דַיָּנִים זייא זאלין ניט מַטֶּה דִין זיין און ניט נֶעמֶען קיין שׁוֹחַד׃

פב א מִזְמוֹר לְאָסָף אֱלֹהִים נִצָּב בַּעֲדַת אֵל בְּקֶרֶב

---

לָשׁוֹן וָואס איך האב קיין מָאל ניט גיוואוסט טוּא איך הַיינט פַאר שְׁטֵיין׃ (ז) הסירותי איך האב אָפּ גיטָאן פון שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט זַיין אַקְסֶעל פון יִשְׂרָאֵל דֶען אוּם ראשׁ הַשָּׁנָה הָאבּן דיא מִצְרַיִם אויף גיהֶערְט צוּ אַרְבֶּעטִן מיט יִשְׂרָאֵל. זַייְנֶע הֶענְד זַייְנֶען אַוֶועק פון דֶעם קֶעסִיל עֶר איז מֶער קיין קְנֶעכְט גיוֶועזִין׃ (ח) בצרה וֶוען עֶס איז דיר גיוֶוען אֵיינְג הָאסְטוּ מיך אָן גירוּפִן הָאבּ איך דיך אוּים גיצוֹיגִן פון דֶער צָרָה. איך האב דיר גיעֶנְטְפֶערְט אוּנ פַר בָּארְגִן פון דיר דָס שְׁטוּרְמֶען פון דֶעם יַם. וֶוען אויך איך הָאבּ דיר גיפְּרוּבְט אוּנ גיוואוּסְט דָאס דוּא וֶועסְט זִינְדִיגְן בַּייא מֵי מְרִיבָה הָאבּ איך דיר פָארְט גיהָאלְפִן׃ (ט) שמע הֶער מיך צוּ מַיין פָאלְק איך וֶועל בַּאצַייגְן אין דיר. איר יִשְׂרָאֵל מֶעכְט איר מיך צוּ הֶערְן׃ (י) לא עֶס זָאל ניט זַיין צוּ דיר אַפְרֶעמְדֶר גָאט אוּנ זָאלְסְט דיך ניט בּוּקְן צוּ קיין פְרֶעמְדְן גָאט׃ (יא) אנכי איך בִּין דַיין גָאט וָואס הָאט דיך אויף גיבְּרַאכְט פון מִצְרַיִם. עֶפִן דַיין מוּנְד פִיל צוּ בֶּעטְן וֶועל איך עֶרְפִילְן דַיין גִיבֶּעט׃ (יב) ולא אָבֶּר מַיין פָאלְק הָאט ניט גיהֶערְט צוּ מַיין שְׁטִים אוּנ די יִשְׂרָאֵל הָאבְּן מיך ניט גיוָואלְט צוּ הֶערְן׃ (יג) ואשלחהו הָאבּ איך זַייא פַר טְרִיבְּן אין גָלוּת וַוייל זַיי זַייְנֶען גִיגַאנְגֶן אין די לוּגוּנְג פוּן זֵייעֶר הַארְץ. זַיי זַייְנֶען גִיגַאנְגֶן נָאך זַייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע עֵצוֹת׃ (יד) לו וֶוען מַיין פָאלְק זָאל מיך אָבֶּר צוּ הֶערְן. די יִשְׂרָאֵל זָאלְן גֵיין אין מַיין וֶועג׃ (טו) כמעט אין אַקְלֵיינֶע צַייט וָואלְט איך זַייעֶרֶע פַייְנְט אוּנְטֶער טֶענִיג גִימַאכְט אוּנ אויף זַייעֶרֶע בַּאלַיידִיגֶר וָואלְט איך אוּמְגִיקֶערְט מַיין הַאנְט׃ (טז) משנאי די שׂוֹנְאִים פון גָאט וָואלְטְן זיך לַייקֶענֶן צוּ אִים מַחֲמַת מוֹרָא אוּנ די צַייט פון גָאטְס טוֹבָה וָואלְט גִיוֶוען אויף אֵייבִּיג׃ (יז) ויאכילהו גָאט וָואלְט גִימַאכְט עֶסִין די יִשְׂרָאֵל פון דֶעם בֶּעסְטְן ווייץ אוּנ וָואלְט זַיי גִימַאכְט זַאט מיט הָאנִיק וָואס רִינְט פון אַפֶּעלְזִין׃

אלהים ישפט: ב עד מתי תשפטו עול ופני רשעים
תשאו סלה: ג שפטו דל ויתום עני ורש הצדיקו:
ד פלטו דל ואביון מיד רשעים הצילו: ה לא ידעו
ולא יבינו בחשכה יתהלכו ימוטו כל מוסדי ארץ:
ו אני אמרתי אלהים אתם ובני עליון כלכם: ז אכן
כאדם תמותון וכאחד השרים תפלו: ח קומה
אלהים שפטה הארץ כי אתה תנחל בכל הגוים:

דער מזמור איז איין תפלה אויף דיא מלחמות וואס ישראל וועלין האבין אין דיא צייט פון גוג ומגוג:

יום יז פג א שיר מזמור לאסף: ב אלהים אל דמי לך:
אל תחרש ואל תשקט אל: ג כי הנה אויביך
יהמיון ומשנאיך נשאו ראש: ד על עמך יערימו
סוד ויתיעצו על צפוניך: ה אמרו לכו ונכחידם
מגוי ולא יזכר שם ישראל עוד: ו כי נועצו לב
יחדו עליך ברית יכרתו: ז אהלי אדום וישמעאלים

פב (א) מזמור לאסף. גאט שטייט צווישן דיא גימיינדע פון די דיינים. צווישן די דיינים
טוט גאט משפטן: (ב) עד ביז וויא לאנג וועט איר דיינים משפטן אומרעכט אונ
דעם פנים פון רשעים טוט איר פאר טראגן אונ הנפען אימער: (ג) שפטו איר זאלט
משפטן דעם ארימאן אונ דעם יתום מיט גערעכטן משפט. דעם ארימאן מאכט
גירעכט אויב דער משפט איז מיט אים: (ד) פלטו מאכט אנטרינען דעם ארימאן מיט
דעם אביון. זייט זיי מציל פון די רשעים: (ה) לא אבער די דיינים ווייסן ניט אונ ווילן
ניט פר שטיין די זינד וואס מען פסקנת שלעכט. זיי גייען ארום וויא אין דער פינסטער.
וועגין דעם וואנקען דיא גרונד פעסטין פון דער ערד: (ו) אני איך האב גיטראכט
מחמת דיא מצוה וועט איר זיין צו מלאכים גלייך: (ז) אכן פאר וואר ווייל איר זייט
ניט נזהר אין דר מצוה וועט איר שטארבן וויא אדם הראשון אונ וויא איינר פון די
שרים וואס האבן גיגזלת די אביונים וועט איר פאלן: (ח) קומה שטייא אויף גאט אונ
משפט אליין די וועלט ווארום צווישן אלע אומות האסטו גימאכט דיר איין ארב:
פג (א) שיר מזמור לאסף: (ב) אלהים גאט, עס זאל ניט זיין שווייגונג צו דיר. זאלסט ניט
שווייגן אונ זאלסט ניט רוען, גאט: (ג) כי דען דיינע פיינט האבן גיטאן ברומען
אויף דיא ישראל אונ דיינע פיינט האבן אויך גיהויבן זייער קאפ: (ד) על אויף דיין
פאלק האבן זייא גיטאן קליגן איין עצה. זייער עצה איז צו טראכטן ביין אויף דיא
וואס זיינן פר בארגן אין דיין שאטן: (ה) אמרו זיי האבן גיזאגט לאמיר גיין פר שניידן
זיי פון אפאלק אונ עס זאל מער ניט דר מאנט ווערן דר נאמען פון ישראל: (ו) כי
דען ביי אנאנדער האבן זיי זיך בראטין אין הארצן. זיי האבן צווישן זיך אויף דיר
כורת

מוֹאָב וְהַגְרִים׃ ח גְּבָל וְעַמּוֹן וַעֲמָלֵק פְּלֶשֶׁת עִם
יֹשְׁבֵי צוֹר׃ ט גַּם אַשּׁוּר נִלְוָה עִמָּם הָיוּ זְרוֹעַ לִבְנֵי
לוֹט סֶלָה׃ י עֲשֵׂה לָהֶם כְּמִדְיָן כְּסִיסְרָא כְיָבִין
בְּנַחַל קִישׁוֹן׃ יא נִשְׁמְדוּ בְעֵין דֹּאר הָיוּ דֹּמֶן
לָאֲדָמָה׃ יב שִׁיתֵמוֹ נְדִיבֵמוֹ כְּעֹרֵב וְכִזְאֵב וּכְזֶבַח
וּכְצַלְמֻנָּע כָּל נְסִיכֵמוֹ׃ יג אֲשֶׁר אָמְרוּ נִירְשָׁה לָּנוּ
אֵת נְאוֹת אֱלֹהִים׃ יד אֱלֹהַי שִׁיתֵמוֹ כַגַּלְגַּל כְּקַשׁ
לִפְנֵי רוּחַ׃ טו כְּאֵשׁ תִּבְעַר יָעַר וּכְלֶהָבָה תְּלַהֵט
הָרִים׃ טז כֵּן תִּרְדְּפֵם בְּסַעֲרֶךָ וּבְסוּפָתְךָ תְבַהֲלֵם׃
יז מַלֵּא פְנֵיהֶם קָלוֹן וִיבַקְשׁוּ שִׁמְךָ יי׃ יח יֵבֹשׁוּ
וְיִבָּהֲלוּ עֲדֵי עַד וְיַחְפְּרוּ וְיֹאבֵדוּ׃ יט וְיֵדְעוּ כִּי אַתָּה
שִׁמְךָ יי לְבַדֶּךָ עֶלְיוֹן עַל כָּל הָאָרֶץ׃

דער מזמור איז איין תפלה אויף דער גאולה און אויף בנין בית המקדש׃

פד א לַמְנַצֵּחַ עַל הַגִּתִּית לִבְנֵי קֹרַח מִזְמוֹר׃ ב מַה
יְּדִידוֹת מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ יי צְבָאוֹת׃ ג נִכְסְפָה וְגַם

---

כורת ברית גיוועזן׃ (ז) אהלי וגו'׃ (ח) גבל דיא אלע אומות מיט די זיצר פון צור האבן
איין עצה גיהאלטן׃ (ט) גם אויך אשור האבן זיך מחבר גוועזן מיט זיי. זיי זיינען גיוועזן
אהילף צו די קינדער פון לוט דס זיינען עמון ומואב׃ (י) עשה זאלסט זיי אזו טאן וויא
מדין האט גיהאט. וויא סיסרא מיט יבין האבן גהאט אמפלה ביי דעם טייך קישון׃
(יא) נשמדו מדין איז פר טיליגט גיווארן אין דעם ארט עין דאר. זיינען גוואָרין וויא
מיסט אויף דר ערד׃ (יב) שיתמו זאלסט טאן זייערע הערן וויא עורב מיט זאב האבן
אמפלה גיהאט. אלע זייערע הערין זאלן אמפלה האבין וויא זבח מיט צלמנע׃
(יג) אשר ווייל זיי האבן גיזאגט מיר וועלן ירשנן צו אונז גאטס וואוינונג דס בהמ"ק׃
(יד) אלהי מיין גאט מאך זיי זאלן זיין וויא אהירבעל. וויא שטרויא וואס פליהט אוועק
פאר אווינט׃ (טו) כאש וויא אפייער וואס ברענט אין וואלד און וויא אפלאם וואס
ברענט אויף די בערג׃ (טז) כן אזו זאלסטו זיי נאך יאגן מיט דיין שטורעם ווינט און
מיט דיין שטארקן ווינט זאלסטו זיי דר שרעקן׃ (יז) מלא טוא דר פילן זייער פנים מיט
שאנד וועלן זיי בעטן דיין נאמן גאט׃ (יח) יבשו זאלן זיי פר שעמט און דר שראקן און
פר לארן ווערן אויף אייביג׃ (יט) וידעו וועלן זייא וויסן אז דיין נאמען אליין ווערט אן
גירופין גאט. דוא ביסט איין אייבערשטר אויף דער גאנצער וועלט׃
פד (א) למנצח וגו'׃ (ב) מה וויא זייער איז גיליבט אויף מיר דיינע רואונג וואו דוא
האסט גירועט גאט דר הערשארן׃ (ג) נכספה מיין לייב טוט גיל סטן צו קומן אין

כָּלְתָה נַפְשִׁי לְחַצְרוֹת יי לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ אֶל אֵל
חָי: ד גַּם צִפּוֹר מָצְאָה בַיִת וּדְרוֹר קֵן לָהּ אֲשֶׁר
שָׁתָה אֶפְרֹחֶיהָ אֶת מִזְבְּחוֹתֶיךָ יי צְבָאוֹת מַלְכִּי
וֵאלֹהָי: ה אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ עוֹד יְהַלְלוּךָ סֶּלָה:
ו אַשְׁרֵי אָדָם עוֹז לוֹ בָךְ מְסִלּוֹת בִּלְבָבָם: ז עֹבְרֵי
בְּעֵמֶק הַבָּכָא מַעְיָן יְשִׁיתוּהוּ גַּם בְּרָכוֹת יַעְטֶה
מוֹרֶה: ח יֵלְכוּ מֵחַיִל אֶל חָיִל יֵרָאֶה אֶל אֱלֹהִים בְּצִיּוֹן:
ט יי אֱלֹהִים צְבָאוֹת שִׁמְעָה תְפִלָּתִי הַאֲזִינָה אֱלֹהֵי
יַעֲקֹב סֶלָה: י מָגִנֵּנוּ רְאֵה אֱלֹהִים וְהַבֵּט פְּנֵי
מְשִׁיחֶךָ: יא כִּי טוֹב יוֹם בַּחֲצֵרֶיךָ מֵאָלֶף בָּחַרְתִּי
הִסְתּוֹפֵף בְּבֵית אֱלֹהַי מִדּוּר בְּאָהֳלֵי רֶשַׁע: יב כִּי
שֶׁמֶשׁ וּמָגֵן יי אֱלֹהִים חֵן וְכָבוֹד יִתֵּן יי לֹא יִמְנַע טוֹב
לַהֹלְכִים בְּתָמִים: יג יי צְבָאוֹת אַשְׁרֵי אָדָם בֹּטֵחַ בָּךְ:

---

נאטס הייפן. מיין הארץ און מיין לייב טוט גילוסטן צו זינגען צום לעבעדיגען גאט:
(ד) גם אין די חורבות פון בהמ"ק האט אויך דער פויגיל זיך דארט גיפונען אשטוב.
די שוואלב אנעסט פיר זיך וואס זיא האט גיהאלטין אירע יונגע פייגעליך אויף
דיינע מזבחות. גאט דער הערשארן וואס דוא ביסט מיין מלך און מיין גאט: (ה) אשרי
וואול די דאזיגע וואס וועלין לעבן אז דער בהמ"ק וועט גיבויט ווערן און וועלן זיצין
אין דיין הויז און וועלין דיך דארט שטענדיג לויבן: (ו) אשרי וואול דעם מענשן וואס
טוט זיין שטארקייט און זיין בטחון אויף דיר און טראכט אין הארצן די שטעגן וואס
גייען צו גאטס הויז: (ז) עוברי זיי גייען קיין ירושלים אין טאל וואס וואקסין קליינע
בוימליך. אויף דעם וועג וועט גאט מאכן קוואלין. מיט פיל ברכות וועט זיין אן
גיקליידעט דר וועג ווייזער: (ח) ילכו זיי וועלן זיך בגעגענן פיל קאמפאניעס די וואס
וועלן גיין אז זיי זאלן גיוויזן ווערין פר גאט אין ציון: (ט) יי גאט דר האר איבר אלע
חילות הער צו מיין גיבעט מקרב צו זיין די גאולה. פר נעם דו גאט פון יעקב אייביג:
(י) מגננו דם בהמ"ק וואס איז צו אונז אבשיצונג זאלסטו גאט אים זעהן און גידיינקן
און לוג אויף דעם פנים פון דיין גיזאלבטן דם מיינט מען דוד המלך: (יא) כי ווארום
עם איז בעסר צו זיצן איין טאג אין דיין הויף פון טויזינט יאר. איך קלייב מיר אויס
בעסר צו זיצן אויף דער שוועל פון גאטס הויז פון צו וואוינען אין די גצעלטן פון דיא
רשעים: (יב) כי דען גאט האט פון אייביג גימאן אונז לייכטן וויא דיא זון און שיצן
בין איך בטוח אז גאט וועט אונז היינט אויך געבן חן און כבוד און וועט ניט פאר
מיידן גוטס צו געבן צו די וואס גייען אין גאנצן וועג: (יג) יי גאט איבר אלע הערשארן
וואול דעם מענטשין וואס פאר זיכערט זיך אין דיר:

דער מִזְמוֹר אִיז אַיין תְּפִלָּה אוֹיף דֶעם לַאנְגֶען גָלוּת אוּנ אוֹיף דֶער גְאוּלָה:

פה א לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי קֹרַח מִזְמוֹר: ב רָצִיתָ יְיָ אַרְצֶךָ
שַׁבְתָּ שְׁבִית יַעֲקֹב: ג נָשָׂאתָ עֲוֹן עַמֶּךָ כִּסִּיתָ
כָל חַטָּאתָם סֶלָה: ד אָסַפְתָּ כָל עֶבְרָתֶךָ הֱשִׁיבוֹתָ
מֵחֲרוֹן אַפֶּךָ: ה שׁוּבֵנוּ אֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ וְהָפֵר כַּעַסְךָ
עִמָּנוּ: ו הַלְעוֹלָם תֶּאֱנַף בָּנוּ תִּמְשֹׁךְ אַפְּךָ לְדֹר
וָדֹר: ז הֲלֹא אַתָּה תָּשׁוּב תְּחַיֵּנוּ וְעַמְּךָ יִשְׂמְחוּ בָךְ:
ח הַרְאֵנוּ יְיָ חַסְדֶּךָ וְיֶשְׁעֲךָ תִּתֶּן לָנוּ: ט אֶשְׁמְעָה מַה
יְדַבֵּר הָאֵל יְיָ כִּי יְדַבֵּר שָׁלוֹם אֶל עַמּוֹ וְאֶל חֲסִידָיו
וְאַל יָשׁוּבוּ לְכִסְלָה: י אַךְ קָרוֹב לִירֵאָיו יִשְׁעוֹ לִשְׁכֹּן
כָּבוֹד בְּאַרְצֵנוּ: יא חֶסֶד וֶאֱמֶת נִפְגָּשׁוּ צֶדֶק וְשָׁלוֹם
נָשָׁקוּ: יב אֱמֶת מֵאֶרֶץ תִּצְמָח וְצֶדֶק מִשָּׁמַיִם
נִשְׁקָף: יג גַּם יְיָ יִתֵּן הַטּוֹב וְאַרְצֵנוּ תִּתֵּן יְבוּלָהּ:
יד צֶדֶק לְפָנָיו יְהַלֵּךְ וְיָשֵׂם לְדֶרֶךְ פְּעָמָיו:

דִיא תְּפִלָּה הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ מִתְפַּלֵּל גִיוֶועזְן אַז עֶר אִיז אַנְטְלָאפִין פוּן שָׁאוּל אוּנ פוּן דוֹאֵג וַאֲחִיתוֹפֶל:

פו א תְּפִלָּה לְדָוִד הַטֵּה יְיָ אָזְנְךָ עֲנֵנִי כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן

---

פה (א) למנצח וגו׳: (ב) רצית אַזוֹ וִויא דוּא הָאסְט בַּאוִוילִיגְט דַיין לַאנְד אוּנ הָאסְט זַייא אוֹיס גִילֵייזְט פוּן גָלוּת בָּבֶל: (ג) נשאת הָאסְט פַר גֶעבְּן דִי עֲבֵרוֹת פוּן דַיין פָאלְק. הָאסְט צוּ גִידֶעקְט זַייעֶרֶע עֲבֵרוֹת אוֹיף אֵייבִּיג: (ד) אספת דוּ הָאסְט אַיין גִיהַאלְטְן דַיין גַאנְצְן צָארְן. הָאסְט וִוידֶר גִיקֶערְט פוּן דַיין גְרִים צָארְן: (ה) שובנו בֶּעטְן מִיר דִיךְ זָאלְסְט אוּנְז צוּרִיק קֶערְן אוּנ זָאלְסְט פַאר שְׁטֶערִין דֶעם כַּעַס וָואס דוּא הָאסְט אוֹיף אוּנְז: (ו) הלעולם וֶועסְטוּ דֶען אֵייבִּיג צֶערְנְן אוֹיף אוּנְז. וֶועט זִיךְ דֶען צִיהֶען דַיין צָארְן אוֹיף אֵייבִּיג: (ז) הלא פַר וָואר דֶר סוֹף וֶועט דָאךְ זַיין אַז דוּא וֶועסְט אוּנְז וִוידֶער לֶעבֶּעדִיג מַאכְן אוּנ דַיין פָאלְק וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דַיין הִילְף: (ח) הראנו דְרוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ זָאלְסְט אוּנְז ווייזִין דַיין גְנָאד תֵּיכֶף אוּנ דַיין הִילְף זָאלְסְטוּ אוּנְז גֶעבְּן: (ט) אשמעה אִיךְ הֶער וָואס גָאט טוּט רֵיידִין. עֶר טוּט רֵיידִין שָׁלוֹם צוּ זַיין פָאלְק אוּנ צוּ זַיינֶע חֲסִידִים אוּנ זֵיי וֶועלְן שׁוֹין מֶער נִיט זִינְדִיגְן: (י) אך דִיא זַאךְ אִיז נָאהֶענְט בַּייא גָאט צוּ בְּרֵיינְגֶען הִילְף צוּ זַיינֶע פָארְכְטִיגֶע. צוּ מַאכְן רוּעֶן כָּבוֹד אִין אוּנְזֶר לַאנְד: (יא) חסד אַז מִיר וֶועלְן רֵיידְן אֱמֶת וֶועט קוּמֶען תֵּיכֶף דֶר חֶסֶד פוּן גָאט. אַז מִיר וֶועלְן טָאן גִירֶעכְטִיגְקַייט וֶועט קוּמֶען דֶער שָׁלוֹם תֵּיכֶף: (יב) אמת אַז עֶס וֶועט זַיין פִיל אֱמֶת אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועט זַיין פִיל גִירֶעכְטִיגְקַייט פוּן הִימֶל: (יג) גם גָאט וֶועט אוֹיךְ גֶעבְּן גוּטְס אוּנ אוּנְזֶר עֶרְד וֶועט גֶעבְּן אִיר פְּרוּכְט: (יד) צדק דָאס גִירֶעכְטִיגְקַייט זָאל גֵיין פַאר אִים אוּנ זָאל טָאן זַיינֶע טְרִיט צוּ גֵיין אִין דֶעם רֶעכְטִין וֶועג:

אָנִי: ב שָׁמְרָה נַפְשִׁי כִּי חָסִיד אָנִי הוֹשַׁע עַבְדְּךָ
אַתָּה אֱלֹהַי הַבּוֹטֵחַ אֵלֶיךָ: ג חָנֵּנִי אֲדֹנָי כִּי אֵלֶיךָ
אֶקְרָא כָּל הַיּוֹם: ד שַׂמֵּחַ נֶפֶשׁ עַבְדֶּךָ כִּי אֵלֶיךָ
אֲדֹנָי נַפְשִׁי אֶשָּׂא: ה כִּי אַתָּה אֲדֹנָי טוֹב וְסַלָּח וְרַב
חֶסֶד לְכָל קֹרְאֶיךָ: ו הַאֲזִינָה יְיָ תְּפִלָּתִי וְהַקְשִׁיבָה
בְּקוֹל תַּחֲנוּנוֹתָי: ז בְּיוֹם צָרָתִי אֶקְרָאֶךָּ כִּי תַעֲנֵנִי:
ח אֵין כָּמוֹךָ בָאֱלֹהִים אֲדֹנָי וְאֵין כְּמַעֲשֶׂיךָ: ט כָּל
גּוֹיִם אֲשֶׁר עָשִׂיתָ יָבוֹאוּ וְיִשְׁתַּחֲווּ לְפָנֶיךָ אֲדֹנָי
וִיכַבְּדוּ לִשְׁמֶךָ: י כִּי גָדוֹל אַתָּה וְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת
אַתָּה אֱלֹהִים לְבַדֶּךָ: יא הוֹרֵנִי יְיָ דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ
בַּאֲמִתֶּךָ יַחֵד לְבָבִי לְיִרְאָה שְׁמֶךָ: יב אוֹדְךָ אֲדֹנָי
אֱלֹהַי בְּכָל לְבָבִי וַאֲכַבְּדָה שִׁמְךָ לְעוֹלָם: יג כִּי
חַסְדְּךָ גָּדוֹל עָלָי וְהִצַּלְתָּ נַפְשִׁי מִשְּׁאוֹל תַּחְתִּיָּה:
יד אֱלֹהִים זֵדִים קָמוּ עָלַי וַעֲדַת עָרִיצִים בִּקְשׁוּ

---

פו (א) תפלה לדוד. נייג גאט דיין אויער צו מיין תפלה ענטפער מיר ווארום איך בין
אונטער טעניג וויא איין עני: (ב) שמרה היט מיין לייב וויל איך בין איין חסיד.
העלף דיין קנעכט, דו מיין גאט, וואס פר זיכערט זיך אין דיר: (ג) חנני לייטזעליג מיך
גאט וויל איך טוא דיך רופן אגאנצין טאג: (ד) שמח דער פרייא דאס לייב פון דיין
קנעכט וויל איך טוא טראגין צו דיר מיין לייב: (ה) כי ווארום דו גאט ביסט גוט אונ
ביסט מוחל אויף די עבירות אונ טוסט פיל גינאד צו אלע וואס רופן דיך: (ו) האזינה
פאר נעם גאט מיין תפלה אונ פאר נעם דעם קול פון מיינע גיבעט: (ז) ביום אין דעם
טאג אז עס איז מיר איינג טוא איך דיך רופן וויל איך בין בטוח אז דו וועסט מיר
ענטפערן: (ח) אין עס איז ניטא איינר צווישן די שרים פון הימל אזו וויא דוא ביסט
גאט. אונ עס איז ניטא אזעלכע וואונדערליכע ווערק וויא דיינע: (ט) כל אלע פעלקר
וואס דוא האסט בשאפן וועלן קימען זיך בוקין פר דיר גאט אונ וועלן כבוד אן טאן
צו דיין נאמן: (י) כי דען דוא ביסט גרויס אונ דוא גאט טוסט אליין וואונדר: (יא) הורני
וייז מיר גאט דיין רעכטן וועג איך זאל קאנן גיין מיט אמת. איינג מיין הארץ איך
זאל מורא האבן פאר דיין נאמען: (יב) אודך איך וועל דיך מיין גאט לויבין מיט מיין
גאנצי הארצן אונ איך וועל כבוד אן טאן צו דיין נאמען אייביג: (יג) כי דוא האסט
מיר גיטאן גרויס גינאד אונ האסט מציל גיוועין מיין לייב פון גיהנם: (יד) אלהים גאט
מוטווילינע זיינען אויף מיר אויף גישטאנן אונ אגימיינדע פון שטארקע לייט האבן
בגערט מיין לייב אונ דיין פארכט האבן זייא ניט גיטאן אנטקעגין זייערע אויגן:

ואתה

נַפְשִׁי וְלֹא שָׂמוּךָ לְנֶגְדָּם: טו וְאַתָּה אֲדֹנָי אֵל רַחוּם
וְחַנּוּן אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חֶסֶד וֶאֱמֶת: טז פְּנֵה אֵלַי וְחָנֵּנִי
תְּנָה עֻזְּךָ לְעַבְדֶּךָ וְהוֹשִׁיעָה לְבֶן אֲמָתֶךָ: יז עֲשֵׂה
עִמִּי אוֹת לְטוֹבָה וְיִרְאוּ שֹׂנְאַי וְיֵבֹשׁוּ כִּי אַתָּה יְיָ
עֲזַרְתַּנִי וְנִחַמְתָּנִי:

דעם מזמור דאס האט דער מלך מיסד געווען אים צוא זאגן אין בית המקדש:

פז א לִבְנֵי קֹרַח מִזְמוֹר שִׁיר יְסוּדָתוֹ בְּהַרְרֵי קֹדֶשׁ:
ב אֹהֵב יְיָ שַׁעֲרֵי צִיּוֹן מִכֹּל מִשְׁכְּנוֹת יַעֲקֹב:
ג נִכְבָּדוֹת מְדֻבָּר בָּךְ עִיר הָאֱלֹהִים סֶלָה: ד אַזְכִּיר
רַהַב וּבָבֶל לְיֹדְעָי הִנֵּה פְלֶשֶׁת וְצוֹר עִם כּוּשׁ זֶה
יֻלַּד שָׁם: ה וּלְצִיּוֹן יֵאָמַר אִישׁ וְאִישׁ יֻלַּד בָּהּ וְהוּא
יְכוֹנְנֶהָ עֶלְיוֹן: ו יְיָ יִסְפֹּר בִּכְתוֹב עַמִּים זֶה יֻלַּד
שָׁם סֶלָה: ז וְשָׁרִים כְּחֹלְלִים כָּל מַעְיָנַי בָּךְ:

אין דעם מזמור ווערט געקלאגט אויף דיא גרויסע צרות וואס ישראל האבן געליטן אין גלות:

יום יח פח א שִׁיר מִזְמוֹר לִבְנֵי קֹרַח לַמְנַצֵּחַ עַל מָחֲלַת
לְעַנּוֹת מַשְׂכִּיל לְהֵימָן הָאֶזְרָחִי: ב יְיָ אֱלֹהֵי

---

(טו) ואתה אונ דו גאט ביסט איין דר בארמיגער גאט אונ דר לאנגערסט דיין צארן אונ
טוסט פיל חסד אונ אמת: (טז) פנה קער דיך צו מיר אונ דער בארעם מיך. גיב דיין
שטארקייט צו דיין קנעכט אונ העלף צו דעם זון פון דיין דינסט: (יז) עשה טוא מיט
מיר א צייכן עס זאל מיר גוט זיין וועלן זעהן מיינע פיינט אונ וועלן פר שעמט ווערן
ווארום דוא גאט האסט מיר פון אייביג אן גיהאלפן אונ מיך געטרייסט:
פז (א) לבני קרח. דר יסוד פון מזמור איז וועגן דיא לויב פון די הייליגע בערג ציון
אונ ירושלים: (ב) אהב גאט האט ליבר דיא טויערן פון ציון פון אלע רואונג פון
יעקב: (ג) נכבדות ווייל עס ווערט גירעט אין דיר ציון הערליכע רייד דרום ווערסט דו
אן גירופן גאטס שטאט אויף אייביג: (ד) אזכיר איך טוא דר מאנן די אומות זייא זאלן
די יודן ברייננן קיין ציון אונ גאט ווערט זאגן דר דאזיגר איז גיבארן גיווארן אין ציון:
(ה) ולציון אונ צו ציון ווערט גיזאגט ווערן א בשורה פון יעדער מענטש וואס איז דארטן
גבארן גיווארן אונ גאט ווערט אן ברייטן ציון הויך: (ו) יי גאט ווערט ציילן ווען ער ווערט
שרייבן דיא פעלקער אונ ווערט זאגן דר איז גיבארן גיווארן אין ציון. פון אייביג
גיהערן זייא צו מיר: (ז) ושרים אונ דע מאל וועלן די ישראל זינגען אזו וויא מען
שפילט מיט פייפליך אונ וועלן זאגן אלע מיינע מחשבות איז נאר אין דיר גאט:
פח (א) שיר. אויף דעם כלי זמר מחלת מיט אהויך קול: (ב) יי גאט וואס איז מיין
העלפר בעט איך אגאנצן טאג אונ בייא דר נאכט טוא איך מתפלל זיין פר דיר:

יְשׁוּעָתִי יוֹם צָעַקְתִּי בַלַּיְלָה נֶגְדֶּךָ: ג תָּבוֹא לְפָנֶיךָ
תְּפִלָּתִי הַטֵּה אָזְנְךָ לְרִנָּתִי: ד כִּי שָׂבְעָה בְרָעוֹת
נַפְשִׁי וְחַיַּי לִשְׁאוֹל הִגִּיעוּ: ה נֶחְשַׁבְתִּי עִם יוֹרְדֵי
בוֹר הָיִיתִי כְּגֶבֶר אֵין אֱיָל: ו בַּמֵּתִים חָפְשִׁי כְּמוֹ
חֲלָלִים שֹׁכְבֵי קֶבֶר אֲשֶׁר לֹא זְכַרְתָּם עוֹד וְהֵמָּה
מִיָּדְךָ נִגְזָרוּ: ז שַׁתַּנִי בְּבוֹר תַּחְתִּיּוֹת בְּמַחֲשַׁכִּים
בִּמְצֹלוֹת: ח עָלַי סָמְכָה חֲמָתֶךָ וְכָל מִשְׁבָּרֶיךָ
עִנִּיתָ סֶּלָה: ט הִרְחַקְתָּ מְיֻדָּעַי מִמֶּנִּי שַׁתַּנִי תוֹעֵבוֹת
לָמוֹ כָּלֻא וְלֹא אֵצֵא: י עֵינִי דָאֲבָה מִנִּי עֹנִי קְרָאתִיךָ
יי בְּכָל יוֹם שִׁטַּחְתִּי אֵלֶיךָ כַּפָּי: יא הֲלַמֵּתִים תַּעֲשֶׂה
פֶּלֶא אִם רְפָאִים יָקוּמוּ יוֹדוּךָ סֶּלָה: יב הַיְסֻפַּר
בַּקֶּבֶר חַסְדֶּךָ אֱמוּנָתְךָ בָּאֲבַדּוֹן: יג הֲיִוָּדַע בַּחֹשֶׁךְ
פִּלְאֶךָ וְצִדְקָתְךָ בְּאֶרֶץ נְשִׁיָּה: יד וַאֲנִי אֵלֶיךָ יי
שִׁוַּעְתִּי וּבַבֹּקֶר תְּפִלָּתִי תְקַדְּמֶךָּ: טו לָמָה יי תִּזְנַח
נַפְשִׁי תַּסְתִּיר פָּנֶיךָ מִמֶּנִּי: טז עָנִי אֲנִי וְגֹוֵעַ מִנֹּעַר

(ג) תבא עס זאל קומען פאר דיר מיין תפלה. נייג דיין אויער צו מיין געזאנג: (ד) כי מיין לייב איז זאט געווארן מיט שלעכטס אונ די טעג פון מיין לעבן האבן גינעהנט צו גיין אין גרוב: (ה) נחשבתי איך בין גירעכינט געווארן מיט די מענטשן וואס זיינען געשטארבן איך בין געווארן וויא א מענטש וואס האט קיין כח ניט: (ו) במתים איך בין געציילט צווישן די מתים וואס זיינען פרייא. וויא די דר שלאגענע וואס ליגן אין גרוב וואס דו גידיינקסט זיי ניט צום לעבן אונ זיינען דורך דיין מאכט פר שניטן פון דר וועלט: (ז) שתני דו האסט מיך גטאן אין אונטערשטן גרוב. אין דער פינסטערניש אין דער טיפעניש: (ח) עלי אויף מיר איז אן גילעהנט דיין צארין אונ מיט אלע דיינע אינדין האסטו מיך גיפייניגט שטענדיג: (ט) הרחקת דוא האסט גימאכט דער ווייטערן מיינע פריינד פון מיר. האסט מיך גימאכט מיאוס אין זייערע אויגן. איך בין פאר שלאסן אונ קאן ניט ארויס גיין: (י) עיני מיין אויג טוט טרויערן פון ארימקייט. איך טוא דיך גאט רופן אלע טאג. איך טוא פר שפרייטן צו דיר מיינע הענד צו בעטן: (יא) הלמתים וועסטו דען טאן צו טויטע לייט דיינע וואונדר. וועלן דען די גישטארבנע אויף שטיין דיך לויבן: (יב) היספר וועט דען דר ציילט ווערן אין קבר דיין חסד. דיין ווארהאפטיקייט נאך דעם טויט: (יג) היודע וועט דען גיוואוסט ווערן דיינע וואונדר אין פינסטערן גרוב אונ דיין גירעכטיקייט אין דעם וויסטן קבר: (יד) ואני אונ איך טו דאך צו דיר גאט שרייען

נָשָׂאתִי אֵמֶיךָ אָפוּנָה: יז עָלַי עָבְרוּ חֲרוֹנֶיךָ
בִּעוּתֶיךָ צִמְּתֻתוּנִי: יח סַבּוּנִי כַמַּיִם כָּל הַיּוֹם הִקִּיפוּ
עָלַי יָחַד: יט הִרְחַקְתָּ מִמֶּנִּי אֹהֵב וָרֵעַ מְיֻדָּעַי מַחְשָׁךְ:

אין דעם מזמור איז איין תפלה אויף מלכות בית דוד לעתיד לבוא:

פט א מַשְׂכִּיל לְאֵיתָן הָאֶזְרָחִי: ב חַסְדֵי יי עוֹלָם
אָשִׁירָה לְדֹר וָדֹר אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי: ג כִּי
אָמַרְתִּי עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה שָׁמַיִם תָּכִן אֱמוּנָתְךָ
בָהֶם: ד כָּרַתִּי בְרִית לִבְחִירִי נִשְׁבַּעְתִּי לְדָוִד
עַבְדִּי: ה עַד עוֹלָם אָכִין זַרְעֶךָ וּבָנִיתִי לְדֹר וָדוֹר
כִּסְאֲךָ סֶלָה: ו וְיוֹדוּ שָׁמַיִם פִּלְאֲךָ יי אַף אֱמוּנָתְךָ
בִּקְהַל קְדֹשִׁים: ז כִּי מִי בַשַּׁחַק יַעֲרֹךְ לַיי יִדְמֶה
לַיי בִּבְנֵי אֵלִים: ח אֵל נַעֲרָץ בְּסוֹד קְדֹשִׁים רַבָּה
וְנוֹרָא עַל כָּל סְבִיבָיו: ט יי אֱלֹהֵי צְבָאוֹת מִי כָמוֹךָ
חֲסִין יָהּ וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ: י אַתָּה מוֹשֵׁל

---

אונ אלע פריא מארגן טוט מיין תפלה דיר פארקומן: (טו) למה פאר וואס טוסטו גאט פר לאזן מיין לייב. טוסט פר בארגן דיין פנים פון מיר: (טז) עני איך בין איין ארומאן אונ בין פר גאנגן פון יוגינט אן. איך טראג דיין פארכט אונ בין אין שרעקן: (יז) עלי אויף מיר זיינן איבר גיפארן דיינע גרים צארנען. דיינע דר שרעקעניש האבין מיך פר שניטן: (יח) סבוני זיי האבן מיך ארום גירינגילט וויא וואסער אגאנצין טאג. זיי האבן מיך אלע ארום גירינגעלט: (יט) הרחקת דו האסט גימאכט דר ווייטערן פון מיר אפריינד אונ אגיזעלן. מיינע פריינד זיינן גלייך ווי זייא שטייען אין דר פינסטערניש: פט (א) משכיל וגו׳: (ב) חסדי אויף דעם חסד וואס גאט האט גיטאן וועל איך אייביג זינגן. צו איטליכן גיבירד וועל איך מיט מיין מויל מודיע זיין דיין ווארהייט: (ג) כי איך זאג גאטס גינאד וועט גיבויט ווערן אויף אייביג. וויא לאנג דר הימל וועט שטיין וועסטו אן בריישן דיין ווארהאפטיקייט אין זייא: (ד) כרתי איך האב כורת ברית גיווען מיט מיין אויסערוויילטן מלכות. איך האב גישווארין צו מיין קנעכט דוד: (ה) עד ביז אייביג וועל איך אנברייטין דיינע קינדר צו דר מלוכה אונ דיין שטול פון מלוכה האב איך גיבויט אויף אייביג אז משיח וועט קומן: (ו) ויודו די מלאכים פון הימל לויבן דיינע וואונדר אויך דיין ווארהייט אין דעם היילגן איין זאמלונג: (ז) כי ווער איז דען דא אין הימל אז ער זאל זיך גלייכן צו דיר גאט. ער זאל גלייך זיין צו גאט צווישן אלע מלאכים: (ח) אל גאט איז שטארק אין דער פאר זאמלונג פון פיל מלאכים אונ פארכטיג אויף אלע מלאכים וואס ארום אים: (ט) יי גאט איבער אלע הערשארן ווער איז וויא דוא אשטארקער גאט אונ דיין ווארהייט איז ארום דיר:

בְּגֵאוּת הַיָּם בְּשׂוֹא גַלָּיו אַתָּה תְשַׁבְּחֵם׃ יא אַתָּה
דִכִּאתָ כֶחָלָל רָהַב בִּזְרוֹעַ עֻזְּךָ פִּזַּרְתָּ אוֹיְבֶיךָ׃
יב לְךָ שָׁמַיִם אַף לְךָ אָרֶץ תֵּבֵל וּמְלֹאָהּ אַתָּה
יְסַדְתָּם׃ יג צָפוֹן וְיָמִין אַתָּה בְרָאתָם תָּבוֹר וְחֶרְמוֹן
בְּשִׁמְךָ יְרַנֵּנוּ׃ יד לְךָ זְרוֹעַ עִם גְּבוּרָה תָּעֹז יָדְךָ
תָּרוּם יְמִינֶךָ׃ טו צֶדֶק וּמִשְׁפָּט מְכוֹן כִּסְאֶךָ חֶסֶד
וֶאֱמֶת יְקַדְּמוּ פָנֶיךָ׃ טז אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה
יְיָ בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן׃ יז בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל הַיּוֹם
וּבְצִדְקָתְךָ יָרוּמוּ׃ יח כִּי תִפְאֶרֶת עֻזָּמוֹ אָתָּה
וּבִרְצוֹנְךָ תָּרוּם קַרְנֵנוּ׃ יט כִּי לַיְיָ מָגִנֵּנוּ וְלִקְדוֹשׁ
יִשְׂרָאֵל מַלְכֵּנוּ׃ כ אָז דִּבַּרְתָּ בְחָזוֹן לַחֲסִידֶיךָ וַתֹּאמֶר
שִׁוִּיתִי עֵזֶר עַל גִּבּוֹר הֲרִימוֹתִי בָחוּר מֵעָם׃
כא מָצָאתִי דָּוִד עַבְדִּי בְּשֶׁמֶן קָדְשִׁי מְשַׁחְתִּיו׃
כב אֲשֶׁר יָדִי תִּכּוֹן עִמּוֹ אַף זְרוֹעִי תְאַמְּצֶנּוּ׃ כג לֹא

---

(י) אתה דוא געוועלטיגסט אין דעם גרויסקייט פון דעם ים. אז זיינע אינדין ערהייבין זיך מאכסטו זיא נידעריג: (יא) אתה דוא האסט צו שטויסן וויא אדערשלאגענם דיא מצרים. מיט דיין שטארקן ארעם האסטו צו שפרייט דיינע פיינט: (יב) לך דער הימל איז דיין אונ דיא ערד איז אויך דיין. די וועלט אונ איר ערפילונג האסטו זיי געגרונד פעסטיגט: (יג) צפון צפון מיט דרום זייט האסטו בשאפן. וועגן די הויך פון די צווייי בערג טוען די לייט זינגן אויף דיא וואונדר צו דיין נאמן: (יד) לך צו דיר איז דר ארעם מיט שטארקייט. דו שטארקסט דיין לינקע האנד אונ הייבסט אויף דיין רעכטע האנד: (טו) צדק דיין שטול שטייט אויף גירעכטיקייט אונ משפט. דר חסד מיט אמת פעדערן זיך צו קומן פר דיר: (טז) אשרי וואול דעם פאלק וואס זיי ווייסן צו בהעפטן זיך צו גאט. גאט זיי זאלן גיין מיט דר ליכט פון הילף וואס קומט פון דיר: (יז) בשמך מיט דר הילף פון דיין נאמן זאלן זיי זיך פרייען אגאנצן טאג אונ מיט דיין גירעכטיקייט זאלן זייא אויף גיהויבן ווערן: (יח) כי דאס שיינקייט פון זייער שטארקייט ביסטו אונ מיט דיין בווילינונג ווערט אויף גיהויבן אונזר גיוועלטיקייט: (יט) כי דען צו גאט איז אונזער בשיצונג אונ צום היילינן פון ישראל אונזר קעניג: (כ) אז דענסטמאל אז דוא האסט דוד גיזאלבט פר אמלך האסטו צו שמואל הנביא גיזאגט איך האב גיגעבן צו דוד המלך כח אונ גיוועלטיקייט. איך האב אים אויף גיהויבן איין אויס דר ווייליטין פון דעם פאלק: (כא) מצאתי איך האב גיפונן מיין קנעכט דוד וואס איך האב אים גזאלבט מיט מיין היילינן אייל: (כב) אשר וואס מיין האנד וועט זיין אן גיברייט מיט אים צוא

העלפין

יַשִּׁא אוֹיֵב בּוֹ וּבֶן עַוְלָה לֹא יְעַנֶּנּוּ: כד וְכַתּוֹתִי
מִפָּנָיו צָרָיו וּמְשַׂנְאָיו אֶגּוֹף: כה וֶאֱמוּנָתִי וְחַסְדִּי
עִמּוֹ וּבִשְׁמִי תָּרוּם קַרְנוֹ: כו וְשַׂמְתִּי בַיָּם יָדוֹ
וּבַנְּהָרוֹת יְמִינוֹ: כז הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי אָתָּה אֵלִי
וְצוּר יְשׁוּעָתִי: כח אַף אָנִי בְּכוֹר אֶתְּנֵהוּ עֶלְיוֹן
לְמַלְכֵי אָרֶץ: כט לְעוֹלָם אֶשְׁמָר לוֹ חַסְדִּי וּבְרִיתִי
נֶאֱמֶנֶת לוֹ: ל וְשַׂמְתִּי לָעַד זַרְעוֹ וְכִסְאוֹ כִּימֵי שָׁמָיִם:
לא אִם יַעַזְבוּ בָנָיו תּוֹרָתִי וּבְמִשְׁפָּטַי לֹא יֵלֵכוּן:
לב אִם חֻקֹּתַי יְחַלֵּלוּ וּמִצְוֹתַי לֹא יִשְׁמֹרוּ: לג וּפָקַדְתִּי
בְשֵׁבֶט פִּשְׁעָם וּבִנְגָעִים עֲוֹנָם: לד וְחַסְדִּי לֹא אָפִיר
מֵעִמּוֹ וְלֹא אֲשַׁקֵּר בֶּאֱמוּנָתִי: לה לֹא אֲחַלֵּל בְּרִיתִי
וּמוֹצָא שְׂפָתַי לֹא אֲשַׁנֶּה: לו אַחַת נִשְׁבַּעְתִּי בְקָדְשִׁי
אִם לְדָוִד אֲכַזֵּב: לז זַרְעוֹ לְעוֹלָם יִהְיֶה וְכִסְאוֹ
כַשֶּׁמֶשׁ נֶגְדִּי: לח כְּיָרֵחַ יִכּוֹן עוֹלָם וְעֵד בַּשַּׁחַק

---

העלפן אים אויך מיין אָרעם וועט אים שטארקן: (כג) לא דער פיינד וועט אים ניט
מאנען קיין געלד אונ דער רשע וועט אים ניט פייניגן: (כד) וכתותי אונ איך וועל צוא
שטויסן פאר אים זיינע בליידיגער אונ זיינע פיינד וועל איך מארדן: (כה) ואמונתי מיין
ווארהייט אונ מיין חסד וועט זיין מיט אים אונ דורך מיין נאָמן וועט דר הויבן ווערן
זיין געוועלטיקייט: (כו) ושמתי אונ איך וועל טאן זיין געוועלטיקייט אויף די וואס גייען
אויף די ימים אונ אויף די טייכן זיין רעכטע האנט: (כז) הוא ער וועט מיך גאָט רופן
דו ביסט מיין פאטר. מיין גאָט אונ די שטארקייט פון מיין הילף ביסטו: (כח) אף אונ
אויך איך וועל מאכן אים פאר איין עלצטן. איין אייבערשטן צו אלע מלכים פון דער
וועלט: (כט) לעולם אייביג וועל איך אים היטן מיין גינאד אונ מיין ברית וועט אקיום
האבן צו אים: (ל) ושמתי אונ איך וועל אויף אייביג זיינע קינדער דער האלטן אונ זיין
שטול וועט זיין אזו לאנג וויפיל די וועלט וועט שטיין: (לא) אם אָבער אז זיינע קינדער
וועלן פר לאזן מיין תורה אונ אין מיינע משפטים וועלן זייא ניט גיין: (לב) אם אויב
מיינע חוקים וועלן זיי פר שוועכן אונ מיינע מצות וועלן זיי ניט היטן: (לג) ופקדתי וועל
איך פון זיי מינערן די גדולה אונ איך וועל זיי שטראפן מיט ארוט אונ מיט נגעים
פר זייערע עבירות: (לד) וחסדי אָבער פון דעסט וועגן וועל איך מיין חסד ניט פאר
שטערן פון אים אונ וועל ניט פעלשן וואס איך האב אים מבטיח גיוועזן מיט מיין
ווארהייט: (לה) לא אונ מיין ברית וועל איך ניט פר שוועכן אונ וואס איך האב ארויס
גרעט מיט מיינע לעפצן וועל איך ניט משנה זיין: (לו) אחת איין מאל האב איך גשווארן

אין

נֶאֱמָן סֶלָה: לט וְאַתָּה זָנַחְתָּ וַתִּמְאָס הִתְעַבַּרְתָּ
עִם מְשִׁיחֶךָ: מ נֵאַרְתָּה בְּרִית עַבְדֶּךָ חִלַּלְתָּ
לָאָרֶץ נִזְרוֹ: מא פָּרַצְתָּ כָל גְּדֵרֹתָיו שַׂמְתָּ מִבְצָרָיו
מְחִתָּה: מב שַׁסֻּהוּ כָּל עֹבְרֵי דָרֶךְ הָיָה חֶרְפָּה
לִשְׁכֵנָיו: מג הֲרִימוֹתָ יְמִין צָרָיו הִשְׂמַחְתָּ כָּל אוֹיְבָיו:
מד אַף תָּשִׁיב צוּר חַרְבּוֹ וְלֹא הֲקֵמֹתוֹ בַּמִּלְחָמָה:
מה הִשְׁבַּתָּ מִטְּהָרוֹ וְכִסְאוֹ לָאָרֶץ מִגַּרְתָּה:
מו הִקְצַרְתָּ יְמֵי עֲלוּמָיו הֶעֱטִיתָ עָלָיו בּוּשָׁה סֶלָה:
מז עַד מָה יי תִּסָּתֵר לָנֶצַח תִּבְעַר כְּמוֹ אֵשׁ חֲמָתֶךָ:
מח זְכָר אֲנִי מֶה חָלֶד עַל מַה שָּׁוְא בָּרָאתָ כָל בְּנֵי
אָדָם: מט מִי גֶבֶר יִחְיֶה וְלֹא יִרְאֶה מָּוֶת יְמַלֵּט נַפְשׁוֹ
מִיַּד שְׁאוֹל סֶלָה: נ אַיֵּה חֲסָדֶיךָ הָרִאשֹׁנִים אֲדֹנָי
נִשְׁבַּעְתָּ לְדָוִד בֶּאֱמוּנָתֶךָ: נא זְכֹר אֲדֹנָי חֶרְפַּת

---

אין מיין הייליקייט אויב איך וועל צו דוד המלך פעלשן: (לז) זרעו זיינע קינדר וועלן
זיין אייביג אונ זיין שטול וועט זיין אויף אייביג וויא די זון אנטקעגן מיר: (לח) כירח
וויא די לבנה איז אויף אייביג אזו וועלן זיינע קינדר זיין אן גברייט אויף אייביג אונ
די זון מיט דר לבנה איז בגלייבטע עדות אויף אייביג: (לט) ואתה אונ דוא נאט אז די
קינדר פון דוד האבן גיזינדיגט האסטו אים פר לאזן אונ האסט אים פאר מיאוסת.
דוא ביסט פול גיוואהן מיט צארן קעגן דיין גיזאלבטן: (מ) נארתה דו האסט פר שטערט
דעם ברית פון דיין קנעכט דוד המלך. דו האסט פר שוועכט זיין קרוין צו דר ערד:
(מא) פרצת דו האסט צו בראכן אלע זיינע צאמען. דו האסט צו בראכן זיינע פעסטונגן:
(מב) שסהו זיי האבן אים גיטראטן אלע די וואס זיינן גיפארין בייא דעם וועג. ער איז
גיווארן אלעסטערונג צו זיינע שכנים: (מג) הרימות דו האסט אויף גיהויבן די רעכטע
האנד פון זיינע בליידיגער. דו האסט דר פרייט אלע זיינע פיינד: (מד) אף ווען אויך
זיין שווערד איז גיוועזן שארף האסטו אים פארט אום גיקערט אהינטער אונ האסט
אים ניט גימאכט שטיין אין דר מלחמה: (מה) השבת דוא האסט אים פאר שטערט פון
זיין הצלחה אונ זיין שטול האסטו גימאכט פאלן צו דער ערד: (מו) הקצרת דוא האסט
גיקירצט זיינע יונגע טעג אונ האסט אים ארום גיוויקילט מיט בושה: (מז) עד ביז
וויא לאנג וועסטו גאט פאר בארגין דיין פנים פון אונז אויף אייביג. דיין צארין
טוט ברענען וויא אפייער: (מח) זכר איך גידיינק אונ טוא טראכטן וואס איז דען גאר
די וועלט. אויף וואס האסטו זיסט בשאפן אלע מענטשן: (מט) מי וועד איז אזו
אמענטש ער זאל בלייבן לעבין אונ ער זאל ניט זעהן דעם טויט. ער זאל מאכין
אנטרינן זיין לייב אויף אייביג פון דעם גרוב: (נ) איה וואו זיינן גאט דיינע ערשטע

עֲבָדֶיךָ שְׂאֵתִי בְחֵיקִי כָּל רַבִּים עַמִּים׃ נב אֲשֶׁר
חֵרְפוּ אוֹיְבֶיךָ יְיָ אֲשֶׁר חֵרְפוּ עִקְּבוֹת מְשִׁיחֶךָ׃
נג בָּרוּךְ יְיָ לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן׃

## ספר ליום חמישי רביעי

דער מזמור טוט ריידן גרויס מוסר אז דער מענטש זאל זיך ניט האלטן בגאוה אויף דעם עולם:

יום יט צ א תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן
אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר׃ ב בְּטֶרֶם הָרִים
יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל וּמֵעוֹלָם עַד עוֹלָם אַתָּה
אֵל׃ ג תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד דַּכָּא וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי
אָדָם׃ ד כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי
יַעֲבֹר וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה׃ ה זְרַמְתָּם שֵׁנָה יִהְיוּ
בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף׃ ו בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף לָעֶרֶב
יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ׃ ז כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ׃
ח שַׁתָּה עֲוֺנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ׃

---

חסדים וואס דוא האסט גישווארן צו דוד המלך מיט דיין ווארהייט: (נא) זכור גידיינק גאט דם לעסטערונג פון דיינע קנעכט ישראל. דאס וואס איך טראג אין מיין שויס שאנד פון פיל פעלקער: (נב) אשר וואס דיינע פיינד האבן דיך גאט גילעסטערט דאס זייא האבן גישפעט פון דעם וואס ווערט פאר זאמט אונ משיח קומט ניט: (נג) ברוך גילויבט איז גאט אייביג דאס איז וואר:

צ (א) תפלה למשה די מזמורים האט משה רבינו דער געטליכער מאן מתפלל גיוועזן. גאט, אוואוינונג אונ אבשיצונג ביסטו גיוועזן צו אונז אין אלע דורות: (ב) בטרם איי דיא בערג אונ דיא ערד מיט דער וועלט איז נאך ניט גיגרונד פעסטיגט אונ בשאפן גיווארן אונ פון אייביג ביז אייביג ביסטו אשטארקער גאט: (ג) תשב דוא קערסט אום דעם מענטשין מחמת יסורים וואס דוא ברייננסט אויף אים ביז ער ווערט פר שטויסן אונ דוא זאגסט טוט תשובה אויף אייערע עברות: (ד) כי אז ער זאל אפילו לעבן טויזנט יאר זיינן זיי ביי דעם מענטשין גלייך וויא אנעכטיגער טאג וואס איז אוועק גיגאנגן אונ וויא אטייל פון דער נאכט: (ה) זרמתם דאס לויפונג פון זייער לעבן איז אזו ווי אחלום פון שלאף. אין דר פריא באנייט ער זיך וויא אגראז: (ו) בבקר אין דר פרי שפראצט ער אונ באנייט זיך אבר אויף דר נאכט דם הייסט אויף דר עלטר ווערט ער פר דארט: (ז) כי מיר זיינן ווארן פר לענט מחמת דיין צארן אונ מחמת דיין גרים צארן דער שראקן: (ח) שתה אונזרע עברות וואס מיר האבן גיטאן במזיד אפילו אונזרע פר הויליגע עברות וואס מיר האבן גיטאן בשוגג טוסטו זייא
אייך

ט כִּי כָל יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ הֶגֶה:
י יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרֹת
שְׁמוֹנִים שָׁנָה וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה:
יא מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ: יב לִמְנוֹת
יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: יג שׁוּבָה יְיָ עַד
מָתָי וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ: יד שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ
וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל יָמֵינוּ: טו שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת
עִנִּיתָנוּ שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: טז יֵרָאֶה אֶל עֲבָדֶיךָ
פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם: יז וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי
אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה
יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

דער מזמור זאגט דאס דיא וואס זיך אין גאט האלטן ווערן באשיצט פון אלי שלעכטעס :

צא א ישֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן בְּצֵל שַׁדַּי יִתְלוֹנָן: ב אֹמַר
לַייָ מַחְסִי וּמְצוּדָתִי אֱלֹהַי אֶבְטַח בּוֹ: ג כִּי הוּא

---

אויך טאן פר דעם ליכט פון דיין פנים צו בצאלן אונז פר זיי : (ט) כי אלע אונזרע טעג
זיינען אוועק גיגאנגן נאר מיט דיין צארן . אונזרע עברות האבן גורם גיוועזן אז אונזרע
יארן זאלן גאר גיווערן אזו וויא מען רעט ארויס א ווארט : (י) ימי דיא טעג פון אונזרע
יארן זיינען זיבעציג יאר אונ אז דר מענטש איז שטארק בטבע לעבט ער אכציג יאר
אונ זייער הערשאפט איז גאר מידיקייט אונ אומרעכט ווארום זיי ווערן גיך פאר
שניטן אונ פליען אוועק פון דר וועלט : (יא) מי ווער קאן וויסן אויף וואס דוא ביזט
שטארק ברוגז אז מיר זאלן זיך היטן דר פון מיר זאלן מורא האבן פר דיר . וויא דיין
פארכט איז פר הוילן אזו איז פאר הוילן פון אונז דיין צארן : (יב) למנות נאך דם צאל
פון אונזרע טעג זאלסטו אונז בעלערנען דאס מיר זאלן ברייגן אין אונזער הארצן
חכמה : (יג) שובה קער אפ פון דיין צארן ביז וויא לאנג וועסטו צארנען . אונ טראכט
אגוטע מחשבה אויף דיינע קנעכט : (יד) שבענו אלע אין דר פריא זאלסטו אונז מאכין
זאט מיט דיין גינאד וועלן מיר זינגען אונ זיך פרייען אין אלע אונזרע טעג : (טו) שמחנו
דו זאלסט אונז אזו פיל דר פרייען וויפיל טעג דו האסט אונז גיפייניגט אונ וויפיל יאר
מיר האבן גיזעהן בייז : (טז) יראה דיינע ווערק זאלן גיזעהן ווערן צו דיינע קנעכט אונ
אויף זייערע קינדר זאל גיזעהן ווערן דיין שיינקייט : (יז) ויהי עס זאל זיין אויף אונז דם
זיסקייט פון אונזר גאט אונ די ווערק פון אונזרע הענט זאלסטו אן ברייטן אויף אונז
אונ די ווערק פון אונזרע הענט זאלסטו אנברייטן עס זאל נים טרעפין קיין שאדין :
צא (א) יושב . דו וואס זיצט אין פערבארגעניש פון אייבערשטן גאט אונ לערינסט
תורה אונ אין שאטן פון אלמעכטיגן נעכטיגסטו : (ב) אומר זאג איך דיר אז גאט

יַצִּילְךָ מִפַּח יָקוּשׁ מִדֶּבֶר הַוּוֹת: ד בְּאֶבְרָתוֹ יָסֶךְ
לָךְ וְתַחַת כְּנָפָיו תֶּחְסֶה צִנָּה וְסֹחֵרָה אֲמִתּוֹ: ה לֹא
תִירָא מִפַּחַד לָיְלָה מֵחֵץ יָעוּף יוֹמָם: ו מִדֶּבֶר
בָּאֹפֶל יַהֲלֹךְ מִקֶּטֶב יָשׁוּד צָהֳרָיִם: ז יִפֹּל מִצִּדְּךָ
אֶלֶף וּרְבָבָה מִימִינֶךָ אֵלֶיךָ לֹא יִגָּשׁ: ח רַק בְּעֵינֶיךָ
תַבִּיט וְשִׁלֻּמַת רְשָׁעִים תִּרְאֶה: ט כִּי אַתָּה יְיָ
מַחְסִי עֶלְיוֹן שַׂמְתָּ מְעוֹנֶךָ: י לֹא תְאֻנֶּה אֵלֶיךָ רָעָה
וְנֶגַע לֹא יִקְרַב בְּאָהֳלֶךָ: יא כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ
לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ: יב עַל כַּפַּיִם יִשָּׂאוּנְךָ פֶּן
תִּגֹּף בָּאֶבֶן רַגְלֶךָ: יג עַל שַׁחַל וָפֶתֶן תִּדְרֹךְ תִּרְמֹס
כְּפִיר וְתַנִּין: יד כִּי בִי חָשַׁק וַאֲפַלְּטֵהוּ אֲשַׂגְּבֵהוּ
כִּי יָדַע שְׁמִי: טו יִקְרָאֵנִי וְאֶעֱנֵהוּ עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה
אֲחַלְּצֵהוּ וַאֲכַבְּדֵהוּ: טז אֹרֶךְ יָמִים אַשְׂבִּיעֵהוּ
וְאַרְאֵהוּ בִּישׁוּעָתִי:

---

איז מיין באשיצער אונ מיין פעסטונג. מיין גאט וואס איך פאר זיכער זיך אין אים:
(ג) כי ער וועט דיך מציל זיין פון אשטרויכלענדיגן נעץ אונ פון מארד וואס צו ברעכט:
(ד) באברתו מיט זיין פליגל וועט ער דיך באדעקן. אונ אונטער זיינע פליגלען וועסטו זיך
באשיצן. אשילד אונ אפאנצער וועט דיר זיין זיין ווארהייט: (ה) לא דוא וועסט קיין
מורא האבן פון פארכט ביי נאכט. פון אפייל וואס פליהט ביים טאג: (ו) מדבר פאר
פעסט וואס גייט אין דר פינסטער וואס הרגת אין מיטן טאג: (ז) יפול חאטשע לעבן
דיין לינקע האנד וועלן פאלין טויזנט אונ צעהן טויזנט פון דיין רעכטע האנד אבער
צו דיר וועט ניט גינעהן: (ח) רק נור מיט דיינע אויגן וועסטו זעהן וויא דיא רשעים
ווערן בצאלט: (ט) כי דוא וועסט זאגן גאט איז מיין בשיצונג: דעם אייבערשטין גאט
וועסטו מאכן דיין וואוינונג: (י) לא וועט זיך צו דיר ניט טרעפן קיין בייז אונ אפלאג
וועט ניט גינעהנען אין דיין גיצעלט: (יא) כי ווארום ער וועט זיינע מלאכים בפעלין
דיך צו היטן אין אלע דיינע וועגן: (יב) על אויף זייערע הענט וועלן זייא דיך טראגין
עס זאל זיך ניט אפ שלאגן דיינע פיס אן אשטיין: (יג) על אויף אלייב אונ אשלאנג
אונ אויף איונגען לייב וועסטו טרעטן: (יד) כי זאגט גאט ווייל ער האט גיגלויבט אין
מיר וועל איך אים רעטן. איך וועל אים שטארקן ווייל ער האט ערקאנט מיין נאמן:
(טו) יקראני אז ער וועט מיר רופן וועל איך אים ענטפערין. אין אצרה וועל איך מיט
אים זיין מציל צו זיין אים. איך וועל אים אויס ציהען פון דר צרה אונ אים עהרין:
(טז) ארך מיט לאנגע טעג וועל איך אים מאכין זאט אונ וועל אים ווייזן מיין הילף

דער מִזְמוֹר רֶעדט פוּן עוֹלָם הַבָּא אוּנ פוּן דֶעם שְׂכַר פוּן צַדִּיקִים לֶעָתִיד לָבֹא׃

צב א מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת׃ ב טוֹב לְהֹדוֹת לַיְיָ
וּלְזַמֵּר לְשִׁמְךָ עֶלְיוֹן׃ ג לְהַגִּיד בַּבֹּקֶר חַסְדֶּךָ
וֶאֱמוּנָתְךָ בַּלֵּילוֹת׃ ד עֲלֵי עָשׂוֹר וַעֲלֵי נָבֶל עֲלֵי
הִגָּיוֹן בְּכִנּוֹר׃ ה כִּי שִׂמַּחְתַּנִי יְיָ בְּפָעֳלֶךָ בְּמַעֲשֵׂי
יָדֶיךָ אֲרַנֵּן׃ ו מַה גָּדְלוּ מַעֲשֶׂיךָ יְיָ מְאֹד עָמְקוּ
מַחְשְׁבֹתֶיךָ׃ ז אִישׁ בַּעַר לֹא יֵדָע וּכְסִיל לֹא יָבִין
אֶת זֹאת׃ ח בִּפְרֹחַ רְשָׁעִים כְּמוֹ עֵשֶׂב וַיָּצִיצוּ כָּל
פֹּעֲלֵי אָוֶן לְהִשָּׁמְדָם עֲדֵי עַד׃ ט וְאַתָּה מָרוֹם לְעֹלָם
יְיָ׃ י כִּי הִנֵּה אֹיְבֶיךָ יְיָ כִּי הִנֵּה אֹיְבֶיךָ יֹאבֵדוּ
יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן׃ יא וַתָּרֶם כִּרְאֵים קַרְנִי
בַּלֹּתִי בְּשֶׁמֶן רַעֲנָן׃ יב וַתַּבֵּט עֵינִי בְּשׁוּרָי בַּקָּמִים
עָלַי מְרֵעִים תִּשְׁמַעְנָה אָזְנָי׃ יג צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח
כְּאֶרֶז בַּלְּבָנוֹן יִשְׂגֶּה׃ יד שְׁתוּלִים בְּבֵית יְיָ בְּחַצְרוֹת

---

צב (א) מזמור. דער מִזְמוֹר איז גימאכט גיווארן אז דיא לְוִים זאלן אים זינגן אום
שַׁבָּת: (ב) טוב עס איז גוט צו לויבן צו גאט אונ צו זינגן צו דיין נאמן אייבערשטער
גאט: (ג) להגיד צו דר ציילן אלע פריא דיין חֶסֶד אונ דיין ווארהייט אלע נאכט: (ד) עלי
אויף אַכְלֵי זֶמֶר פון צעהן שטרונעס אונ אויף אַפִּידְל. מיר וועלין זינגען מיט דעם
מויל אונ שפילן מיט אַהַארְף: (ה) כי ווייל דו גאט האסט מיך דרפרייט מיט די ווערק
פון דיינע נִסִּים. פון וועגן דיא ווערק פון דיינע הענד וועל איך זינגן צו דיר: (ו) מה
וויא זייער גרויס זיינן די ווערק פון דיר גאט. דיינע מַחְשָׁבוֹת זיינן זייער טיף: (ז) איש
אלערער מענש ווייס עס ניט אונ אנאר פר שטייט דאס ניט: (ח) בפרוח דס וואס דיא
רְשָׁעִים בליען וויא גראז אונ עס טוען שפראצין אלע וואס ווערקין אומרעכט אונ
האבן הַצְלָחָה איז נאר צו בצאלן זיי אויף זייער ביסיל גוטע מַעֲשִׂים אויף דר וועלט
אונ זייא זאלן פר טיליגט ווערן אויף אייביג זייא זאלן ניט האבן קיין עוֹלָם הַבָּא:
(ט) ואתה אונ דו גאט ביסט הויך אויף אייביג: (י) כי דיינע פיינט וואס האבן דיך גאט
פיינט וועלן פר לארן ווערן. אלע די וואס ווערקן אומרעכט וועלן צו שפרייט ווערן:
(יא) ותרם אָבֶר מיין הערשאפט וועט דר הויכט ווערן וויא די הערנער פון אַחְיָה רְאֵם.
מיין קאפ וועט גישמירט ווערין מיט פעטין אייל: (יב) ותבט אונ מיין אויג וועט זעהן
שלעכטס אן די וואס ווילן אן מיר זעהן שלעכטס. אן די רְשָׁעִים וואס שטייען אויף
מיר אויף וועלן מיינע אויערן הערן זייער מַפָּלָה: (יג) צדיק דר צַדִּיק וועט בליען וויא
אטייטל בוים. וויא אטענן בוים אין וואלד וועט ער גרויס וואקסן: (יד) שתולים דיא
לומדים וועלן זיין גיפלאנצט אין גאטס הויז. אין די הויפן פון אונזר גאט וועלן זייא

בליה:ן

אֱלֹהֵינוּ יַפְרִיחוּ: טו עוֹד יְנוּבוּן בְּשֵׂיבָה דְּשֵׁנִים
וְרַעֲנַנִּים יִהְיוּ: טז לְהַגִּיד כִּי יָשָׁר יי צוּרִי וְלֹא
עַוְלָתָה בּוֹ:

*דער מזמור אונ דיא מזמורים ביז מזמור ק׳ גייען אויף ימות המשיח אונ אויף תחיית המתים. נ״ג ומנוג:*

צג א יי מָלָךְ גֵּאוּת לָבֵשׁ לָבֵשׁ יי עֹז הִתְאַזָּר אַף
תִּכּוֹן תֵּבֵל בַּל תִּמּוֹט: ב נָכוֹן כִּסְאֲךָ מֵאָז
מֵעוֹלָם אָתָּה: ג נָשְׂאוּ נְהָרוֹת יי נָשְׂאוּ נְהָרוֹת
קוֹלָם יִשְׂאוּ נְהָרוֹת דָּכְיָם: ד מִקֹּלוֹת מַיִם רַבִּים
אַדִּירִים מִשְׁבְּרֵי יָם אַדִּיר בַּמָּרוֹם יי: ה עֵדֹתֶיךָ
נֶאֶמְנוּ מְאֹד לְבֵיתְךָ נַאֲוָה קֹדֶשׁ יי לְאֹרֶךְ יָמִים:
צד א אֵל נְקָמוֹת יי אֵל נְקָמוֹת הוֹפִיעַ: ב הִנָּשֵׂא
שֹׁפֵט הָאָרֶץ הָשֵׁב גְּמוּל עַל גֵּאִים: ג עַד מָתַי
רְשָׁעִים יי עַד מָתַי רְשָׁעִים יַעֲלֹזוּ: ד יַבִּיעוּ יְדַבְּרוּ
עָתָק יִתְאַמְּרוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן: ה עַמְּךָ יי יְדַכְּאוּ
וְנַחֲלָתְךָ יְעַנּוּ: ו אַלְמָנָה וְגֵר יַהֲרֹגוּ וִיתוֹמִים יְרַצֵּחוּ:

---

בליהען: (טו) עוד זיי וועלן נאך פרוכט טראגן אויף דר עלטר. פעט אונ צווייגהאפטיג וועלן זיי זיין: (טז) להגיד עס וועט גיזאגט ווערן צו איטליכן אז אונזער גאט איז רעכט פארטיג. ער איז מיין שטארקער אונ עס איז ניט דא אין אים קיין עולה:

צג (א) יי גאט האט גיקיניגט אונ האט זיך אן גיקליידט גרויסקייט. גאט האט זיך אן גיקליידט מיט שטארקייט אונ ארום גיגארטילט מיט כח אונ האט דיא וועלט אן גיבריט אז זיא זאל זיך ניט אויס גליטשן: (ב) נכון עס איז אן גיבריט דיין שטול פון צייט די וועלט איז בשאפן גיווארן. איידער דו האסט בשאפן דיא וועלט ביסטו אויך גיוועזין: (ג) נשאו דיא טייכן האבן זיך אויף גיהויבין, גאט. דיא טייכן האבן אויף גיהויבן זייער קול. די טייכן האבן אויף גיהויבן זייערע אינדין: (ד) מקולות אבר מער פון דעם קול פון די שטארקע וואסר אונ פון די אינדן פון דעם ים איז שטארק דם קול פון גאט וואס זיצט אין הימל: (ה) עדותיך דיינע בצייגנעש אויף דר גאולה זיינן זייער בגלייבט. צו דיין הויז וועט זיין שיין דאס הייליקייט. גאט, דר בהמ״ק וועט גיבויט ווערין אויף לאנגע טעג אונ וועט ניט חרוב ווערין:

צד (א) אל. זאגט דוד המלך. גאט וואס דוא ביסט אבעל נקמה גאט דוא זאלסט אנטפלעקן דיינע נקמות: (ב) הנשא דו שופט פון דר וועלט יוער דר הויבין. קער אום אבצאלונג צו די וואס האלטן זיך בעל גאוה אנטקעגן דיר: (ג) עד גאט. ביז ווי לאנג וועלן דיא רשעים גיווערן. ביז וויא לאנג וועלן זיך דיא רשעים פרייען:

ז וַיֹּאמְרוּ לֹא יִרְאֶה יָּהּ וְלֹא יָבִין אֱלֹהֵי יַעֲקֹב: ח בִּינוּ
בֹּעֲרִים בָּעָם וּכְסִילִים מָתַי תַּשְׂכִּילוּ: ט הֲנֹטַע אֹזֶן
הֲלֹא יִשְׁמָע אִם יֹצֵר עַיִן הֲלֹא יַבִּיט: י הֲיֹסֵר גּוֹיִם
הֲלֹא יוֹכִיחַ הַמְלַמֵּד אָדָם דָּעַת: יא יי יֹדֵעַ מַחְשְׁבוֹת
אָדָם כִּי הֵמָּה הָבֶל: יב אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר תְּיַסְּרֶנּוּ
יָּהּ וּמִתּוֹרָתְךָ תְלַמְּדֶנּוּ: יג לְהַשְׁקִיט לוֹ מִימֵי רָע
עַד יִכָּרֶה לָרָשָׁע שָׁחַת: יד כִּי לֹא יִטֹּשׁ יי עַמּוֹ
וְנַחֲלָתוֹ לֹא יַעֲזֹב: טו כִּי עַד צֶדֶק יָשׁוּב מִשְׁפָּט
וְאַחֲרָיו כָּל יִשְׁרֵי לֵב: טז מִי יָקוּם לִי עִם מְרֵעִים מִי
יִתְיַצֵּב לִי עִם פֹּעֲלֵי אָוֶן: יז לוּלֵי יי עֶזְרָתָה לִּי כִּמְעַט
שָׁכְנָה דוּמָה נַפְשִׁי: יח אִם אָמַרְתִּי מָטָה רַגְלִי
חַסְדְּךָ יי יִסְעָדֵנִי: יט בְּרֹב שַׂרְעַפַּי בְּקִרְבִּי תַּנְחוּמֶיךָ
יְשַׁעַשְׁעוּ נַפְשִׁי: כ הַיְחָבְרְךָ כִּסֵּא הַוּוֹת יֹצֵר עָמָל

---

(ד) יביעו אונ ווען רעדען גרויסע זאכן. וועלן זיך רימען אלע די וואס טוען אומרעכט: (ה) עמך זייא טוען דיין פאלק צו שטויסן אונ דיין ארב טוען זיי פייניגן: (ו) אלמנה איין אלמנה מיט אגר טוען זיי הרגענען אונ יתומים טוען זיי מארדין: (ז) ויאמרו אונ זיי זאגין גאט זעהט דס ניט אונ דר גאט פון יעקב פר שטייט דאס ניט: (ח) בינו איר נארין פון פאלק פאר שטייט אונ איר נארין ווען וועט איר קלוג ווערן: (ט) הנוטע דער גאט וואס פלאנצט אלע אויערן פאר וואר הערט ער דאך גיוויס. אז גאט באשאפט דיא אויגין פון לייטן זעהט ער דאך גיוויס: (י) היוסר דר וואס האט גישטראפט דיא היידן וועט ער בודאי דיא רשעים אויך שטראפן. ער לערינט דאך דעם מענטשן שכל: (יא) יי גאט ווייס די מחשבות פון מענטשן אז זייא זיינען נארישקייט: (יב) אשרי וואויל דעם מענטשן וואס דו גאט שטראפסט אים דורך דעם מאכסטו אים לערנן פון דיין תורה אז ער זאל תשובה טאן: (יג) להשקיט צו מאכן אים שטיל פון דעם גיהנם ער זאל זעהן די גראבונג פון גרוב וויא דר רשע וועט אריין פאלן אין אים: (יד) כי גאט וועט ניט פר לאזן זיין פאלק אונ זיין ארב וועט ער ניט פאר לאזן: (טו) כי ער טוט ברייגנען יסורים אויף די יודן ביז זיי וועלן צדיקים ווערן אונ נאך דעם וועלן אלע האבן רעכט פארטיגע הערצר: (טז) מי ווער שטייט מיר צו הילף קעגן די רשעים אונ ווער שטייט מיר צו הילף קעגן די וואס ווערקן אומרעכט: (יז) לולי אז גאט וואלט ניט גיוועןמיר צו הילף וואלט שוין אין אקלייגר צייט גירועט מיין לייב שטיל אין קבר: (יח) אם ווען איך האב שוין גימיינט אז מיין פוס איז נאהענט צום פאלין; האט מיך דיין חסד אונטער גילעהנט: (יט) ברוב אז איך האב פיל מחשבות פון צער טוען דיינע נחמות פון די נביאים דר פרייען מיין לייב: (כ) היתחברך קאן זיך דען צו דיר בהעפטן די וואס

עֲלֵי חֹק: כא יָגוֹדּוּ עַל נֶפֶשׁ צַדִּיק וְדָם נָקִי יַרְשִׁיעוּ:
כב וַיְהִי יי לִי לְמִשְׂגָּב וֵאלֹהַי לְצוּר מַחְסִי: כג וַיָּשֶׁב
עֲלֵיהֶם אֶת אוֹנָם וּבְרָעָתָם יַצְמִיתֵם יַצְמִיתֵם
יי אֱלֹהֵינוּ:
צה א לְכוּ נְרַנְּנָה לַיי נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: ב נְקַדְּמָה
פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִרוֹת נָרִיעַ לוֹ: ג כִּי אֵל גָּדוֹל יי
וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים: ד אֲשֶׁר בְּיָדוֹ מֶחְקְרֵי
אָרֶץ וְתוֹעֲפוֹת הָרִים לוֹ: ה אֲשֶׁר לוֹ הַיָּם וְהוּא
עָשָׂהוּ וְיַבֶּשֶׁת יָדָיו יָצָרוּ: ו בֹּאוּ נִשְׁתַּחֲוֶה וְנִכְרָעָה
נִבְרְכָה לִפְנֵי יי עֹשֵׂנוּ: ז כִּי הוּא אֱלֹהֵינוּ וַאֲנַחְנוּ עַם
מַרְעִיתוֹ וְצֹאן יָדוֹ הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ: ח אַל
תַּקְשׁוּ לְבַבְכֶם כִּמְרִיבָה כְּיוֹם מַסָּה בַּמִּדְבָּר:
ט אֲשֶׁר נִסּוּנִי אֲבוֹתֵיכֶם בְּחָנוּנִי גַּם רָאוּ פָעֳלִי:
י אַרְבָּעִים שָׁנָה אָקוּט בְּדוֹר וָאֹמַר עַם תֹּעֵי לֵבָב

---

צו בְּרֶעכְן דִי אָרִימֶע לַייט. וָואס טוּעֶן אוּמְרֶעכְט אָן שְׁטָאט דָם גִיזֶעץ: (כא) יגודו זַייא
זַאמְלֶן זִיךְ אַיין אוֹיף דֶעם לַייבּ פוּן דֶעם צַדִיק צוּ הַרְגֶענֶן אִים אוּנ רַיין בְּלוּט מַאכְן זַייא
שׁוּלְדִיג: (כב) ויהי אָבֶּר גָאט אִיז גִיוֶועֶן צוּ מִיר צוּ אַשְׁטַארְקַייט אוּנ מַיין גָאט אִיז מִיר
גִוֶועֶן אַבְּשִׁיצוּנְג: (כג) וישב אוּנ גָאט וֶועט אוּמְקֶערְן דֶעם אוּמְרֶעכְט וָואס זֵיי הָאבְּן מִיר
גִיוָואלְט טָאן אוֹיף זֵיי אוּנ מִיט זַייעֶר בֵּייז זָאל זַייא אוּנְזֶער גָאט פַאר שְׁנַיידִין:
צה (א) לכו. קוּמְט מִיר וֶועלְן זִינְגֶן צוּ גָאט. מִיר וֶועלְן שַׁאלְן צוּ אוּנְזֶער שְׁטַארְקְן
הֶעלְפֶּר: (ב) נקדמה מִיר וֶועלְן פָאר קוּמֶען פַר אִים מִיט אַלוֹיבּ. מִיט גִיזַאנְג וֶועלְן
מִיר שַׁאלְן צוּ אִים: (ג) כי וָוארוּם גָאט אִיז אַגְרוֹיסֶר גָאט אוּנ אַגְרוֹיסֶער מֶלֶךְ אִיבֶּער
אַלֶע מַלְאָכִים: (ד) אשר אִין זַיין הַאנְד אִיז דִי פָארְשׁוּנְג פוּן דֶר עֶרְד אוּנ דִיא הוֹיכֶע
בֶּערְג זַיינֶן צוּ אִים: (ה) אשר צוּ אִים אִיז דֶער יַם אוּנ עֶר הָאט אִים גִימַאכְט אוּנ דִיא
טְרִיקֶענְשׁ הָאבְּן זַיינֶע הֶענְט בַּשַׁאפְן: (ו) באו קוּמְט לָאמִיר זִיךְ בּוּקְן אוּנ נֵייגִין פַאר
גָאט. לָאמִיר זִיךְ קְנִיעֶן פַר גָאט וָואס הָאט אוּנְז בַּשַׁאפְן: (ז) כי וָוארוּם עֶר אִיז אוּנְזֶער
גָאט אוּנ מִיר זַיינֶען זַיין פָאלְק וָואס עֶר וַויידֶעט אוּנְז אוּנ מִיר זַיינֶען זַיינֶע שָׁאף וָואס
עֶר פִירְט אוּנְז, אוֹיךְ דֶעם הַיינְטִיגֶן טָאג קֶען עֶס זַיין אַז אִיר וֶועט צוּ הֶערְן זַיין קוֹל
צוּ טָאן זַיינֶע מִצְוֹת: (ח) אל אִיר זָאלְט נִיט הַארְט מַאכְן אַייעֶרֶע הֶערְצֶר אַזוֹ ווִי בַּייא
מֵי מְרִיבָה. אַזוֹ ווִי בַּיי דֶעם אָרְט מַסָה אִין דֶר מִדְבָּר: (ט) אשר וָואס אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן
הָאבְּן מִיךְ דָארְטְן גִיפְּרוּבְט. זַייא הָאבְּן מִיךְ גִפְּרוּבְט וָוען אוֹיךְ זַייא הָאבְּן גִיזֶעהְן
מַיינֶע וֶוערְק אִין מִצְרַיִם: (י) ארבעים פֶערְצִיג יָאר הָאבּ אִיךְ מִיךְ גִיקְרִיגְט מִיט דֶעם
דוֹר אוּנ אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט אַז זַייא זַיינֶען אַפָאלְק וָואס זַייעֶר הַארְץ אִיז אָפּ גִיקֶערְט

הֵם וְהֵם לֹא יָדְעוּ דְרָכָי: יא אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי בְאַפִּי
אִם יְבֹאוּן אֶל מְנוּחָתִי:
צו א שִׁירוּ לַיי שִׁיר חָדָשׁ שִׁירוּ לַיי כָּל הָאָרֶץ: ב שִׁירוּ
לַיי בָּרְכוּ שְׁמוֹ בַּשְּׂרוּ מִיּוֹם לְיוֹם יְשׁוּעָתוֹ: ג סַפְּרוּ
בַגּוֹיִם כְּבוֹדוֹ בְּכָל הָעַמִּים נִפְלְאוֹתָיו: ד כִּי גָדוֹל יי
וּמְהֻלָּל מְאֹד נוֹרָא הוּא עַל כָּל אֱלֹהִים: ה כִּי כָּל
אֱלֹהֵי הָעַמִּים אֱלִילִים וַיי שָׁמַיִם עָשָׂה: ו הוֹד וְהָדָר
לְפָנָיו עֹז וְתִפְאֶרֶת בְּמִקְדָּשׁוֹ: ז הָבוּ לַיי מִשְׁפְּחוֹת
עַמִּים הָבוּ לַיי כָּבוֹד וָעֹז: ח הָבוּ לַיי כְּבוֹד שְׁמוֹ
שְׂאוּ מִנְחָה וּבֹאוּ לְחַצְרוֹתָיו: ט הִשְׁתַּחֲווּ לַיי
בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ חִילוּ מִפָּנָיו כָּל הָאָרֶץ: י אִמְרוּ
בַגּוֹיִם יי מָלָךְ אַף תִּכּוֹן תֵּבֵל בַּל תִּמּוֹט יָדִין עַמִּים
בְּמֵישָׁרִים: יא יִשְׂמְחוּ הַשָּׁמַיִם וְתָגֵל הָאָרֶץ יִרְעַם
הַיָּם וּמְלֹאוֹ: יב יַעֲלֹז שָׂדַי וְכָל אֲשֶׁר בּוֹ אָז יְרַנְּנוּ

---

פון דעם רעכטין וועג אונ זייא האבין פארט ניט גיוואלט וויסן מיינע גוטע וועגן:
(יא) אשר אונ וועגין דעם האב איך גישוואורין אין מיין צארין אויב זייא וועלין קומן
אין מיין רואונג ארץ ישראל:

צו (א) שירו זינגט צו גאט אנייע גיזאנג אויף דער ישועה. זינגט צו גאט איר אלע
וואס זיינן אויף דר וועלט: (ב) שירו זינגט צו גאט אונ לויבט זיין נאמן. אלע טאג
זייט מבשר זיין נייע הילף: (ג) ספרו דר ציילט צווישן דיא פעלקר זיין כבוד. צווישן
אלע פעלקר דער ציילט זיינע וואונדער: (ד) כי וואר‏ום גאט איז גרויס אונ זייער
גילויבט. ער איז פארכטיג אויף אלע מלאכים: (ה) כי וואר‏ום אלע געטר פון דיא
היידין זיינן גאר נישט. אבר גאט האט בשאפין דעם הימיל: (ו) הוד שיינקייט איז
פר אים. שטארקייט אונ שיינקייט איז אין זיין בהמ״ק: (ז) הבו איר משפחות פון
דיא פעלקער גיט צו גאט, גיט צו גאט כבוד אונ שטארקייט: (ח) הבו גיט צו גאט
הערליכקייט וויא עס איז ראוי צו זיין נאמען. בראנגט אמנחה אונ קומט מיט איר
אין זיינע הייפן: (ט) השתחוו בוקט אייך צו גאט אין בהמ״ק אונ ציטערט פר אים איר
זיצער פון דר ערד: (י) אמרו זאגט צווישן די פעלקר אז גאט איז אמלך ער האט די
וועלט פעסט גיזעצט זיא זאל ניט וואנקן אונ ער משפט די פעלקר מיט אין רעכט
פארטיגן משפט: (יא) ישמחו די הימל מיט דר ערד וועלן זיך פרייען. דר ים מיט דיא
וואס זיינען אין ים וועלין שטורמען: (יב) יעלוז דאס פעלד אונ אלין וואס דרינען איז
וועלין זיך פרייען. דענסט מאל אז משיח וועט קומען וועלין די בוימער פון וואלד
איך

כָּל עֲצֵי יָעַר: יג לִפְנֵי יְיָ כִּי בָא כִּי בָא לִשְׁפֹּט הָאָרֶץ
יִשְׁפֹּט תֵּבֵל בְּצֶדֶק וְעַמִּים בֶּאֱמוּנָתוֹ:
יום כ צז א יְיָ מָלָךְ תָּגֵל הָאָרֶץ יִשְׂמְחוּ אִיִּים רַבִּים: ב עָנָן
וַעֲרָפֶל סְבִיבָיו צֶדֶק וּמִשְׁפָּט מְכוֹן כִּסְאוֹ: ג אֵשׁ
לְפָנָיו תֵּלֵךְ וּתְלַהֵט סָבִיב צָרָיו: ד הֵאִירוּ בְרָקָיו
תֵּבֵל רָאֲתָה וַתָּחֵל הָאָרֶץ: ה הָרִים כַּדּוֹנַג נָמַסּוּ
מִלִּפְנֵי יְיָ מִלִּפְנֵי אֲדוֹן כָּל הָאָרֶץ: ו הִגִּידוּ הַשָּׁמַיִם
צִדְקוֹ וְרָאוּ כָל הָעַמִּים כְּבוֹדוֹ: ז יֵבֹשׁוּ כָּל עֹבְדֵי
פֶסֶל הַמִּתְהַלְלִים בָּאֱלִילִים הִשְׁתַּחֲווּ לוֹ כָּל אֱלֹהִים:
ח שָׁמְעָה וַתִּשְׂמַח צִיּוֹן וַתָּגֵלְנָה בְּנוֹת יְהוּדָה לְמַעַן
מִשְׁפָּטֶיךָ יְיָ: ט כִּי אַתָּה יְיָ עֶלְיוֹן עַל כָּל הָאָרֶץ
מְאֹד נַעֲלֵיתָ עַל כָּל אֱלֹהִים: י אֹהֲבֵי יְיָ שִׂנְאוּ רָע
שֹׁמֵר נַפְשׁוֹת חֲסִידָיו מִיַּד רְשָׁעִים יַצִּילֵם: יא אוֹר
זָרֻעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה: יב שִׂמְחוּ
צַדִּיקִים בַּייָ וְהוֹדוּ לְזֵכֶר קָדְשׁוֹ:

---

אויף זינגען: (יג) לפני פאר גאט ווייל ער איז גיקומען משפטין דיא זיצער פון דער ערד. ער וועט משפטן דיא וועלט מיט גירעכטיקייט אונ פעלקער וועט ער משפטן מיט זיין ווארהאפטיקייט:

צז (א) יי מלך אז עס וועט אנטפלעקט ווערין גאטס מלוכה וועט זיך פרייען די ערד. עס וועלן זיך פרייען די וואס זיצן אויף די אינזלן פון דעם ים: (ב) ענן וואלקין אונ נעביל וועט זיין ארום אים. זיין שטול וועט זיין אנגיבריט מיט גירעכטיקייט אונ משפט: (ג) אש פייער וועט גיין פר אים אונ עס וועט פלאקערן ארום זיינע בליידיגר: (ד) האירו זיינע בליצן וועלן לייכטן אויף דר גאנצר וועלט. אז די ערד וועט זעהן דיא בליצן וועט זיא דר ציטערט ווערן: (ה) הרים די בערג וועלן צו גיין אזו וויא וואקס פר גאט פר דם הערר פון דר גאנצר וועלט: (ו) הגידו די מלאכים פון דעם הימיל וועלין דר ציילן זיין גירעכטיקייט אונ אלע וועלין זעהן זיין כבוד: (ז) יבשו אלע וואס דינען היידישע בילדר אונ בארימען זיך מיט זייערע נישטיגע געטער וועלין פאר שעמט ווערן. אלע געטער וועלין זיך בוקין צו אים: (ח) שמעה אז ציון וועט הערין וועט זיא זיך פרייען. די דערפר פון יהודה וועלן זיך אויך פרייען וועגין דיין משפט וואס דוא האסט גיטאן: (ט) כי ווארום דו גאט ביסט איין אויבערשטער אויף דר גאנצר וועלט. דוא ביסט זייער ערהייכט אויף אלע מלאכים: (י) אוהבי איר ליב האבער פון גאט האט פיינט די וואס טוען בייז ווארום גאט היט די לייבער פון זיינע חסידים. פון דר

צח א מִזְמוֹר שִׁירוּ לַיי שִׁיר חָדָשׁ כִּי נִפְלָאוֹת עָשָׂה
הוֹשִׁיעָה לּוֹ יְמִינוֹ וּזְרוֹעַ קָדְשׁוֹ: ב הוֹדִיעַ יי
יְשׁוּעָתוֹ לְעֵינֵי הַגּוֹיִם גִּלָּה צִדְקָתוֹ: ג זָכַר חַסְדּוֹ
וֶאֱמוּנָתוֹ לְבֵית יִשְׂרָאֵל רָאוּ כָל אַפְסֵי אָרֶץ אֵת
יְשׁוּעַת אֱלֹהֵינוּ: ד הָרִיעוּ לַיי כָּל הָאָרֶץ פִּצְחוּ וְרַנְּנוּ
וְזַמֵּרוּ: ה זַמְּרוּ לַיי בְּכִנּוֹר בְּכִנּוֹר וְקוֹל זִמְרָה:
ו בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ יי:
ז יִרְעַם הַיָּם וּמְלֹאוֹ תֵּבֵל וְיֹשְׁבֵי בָהּ: ח נְהָרוֹת יִמְחֲאוּ
כָף יַחַד הָרִים יְרַנֵּנוּ: ט לִפְנֵי יי כִּי בָא לִשְׁפֹּט
הָאָרֶץ יִשְׁפֹּט תֵּבֵל בְּצֶדֶק וְעַמִּים בְּמֵישָׁרִים:
צט א יי מָלָךְ יִרְגְּזוּ עַמִּים יֹשֵׁב כְּרוּבִים תָּנוּט
הָאָרֶץ: ב יי בְּצִיּוֹן גָּדוֹל וְרָם הוּא עַל כָּל
הָעַמִּים: ג יוֹדוּ שִׁמְךָ גָּדוֹל וְנוֹרָא קָדוֹשׁ הוּא:

---

האגט פון די רשעים טוט ער זייא רעטן: (יא) אור איין ליכט איז גיזייט צו דעם צדיק
אונ צו דיא רעכטפארטיגע הערצער איז אן גיבריים פרייד: (יב) שמחו פרייט אייך
איר צדיקים מיט דעם וואס איר פאר זיכערט אייך אין גאט אונ לויבט אז איר
דער מאנט זיין היילינגען נאמען:

צח (א) מזמור. זינגט צו גאט אנייע גיזאנג, ווארום ער האט גיטאן וואונדער, זיין
רעכטע האנד העלפט אים אונ זיין היילינגער ארעם: (ב) הודיע פריער האט גאט
גילאזט וויסן דורך די נביאים די ישועה. היינט האט ער אנטפלעקט פר אלע פעלקר
זיין גירעכטיקייט: (ג) זכר גאט האט גידיינקט זיין חסד אונ ווארהייט צו דעם הויז
גיזינד פון די ישראל. אלע וואס זיינען אין עק וועלט האבן גיזעהן די הילף פון אונזר
גאט: (ד) הריעו טוט שאלין צו גאט איר אלע פון דער וועלט. עפינט אייער מויל אונ
זינגט צו גאט: (ה) זמרו זינגט צו גאט מיט אפידיל. מיט אפידיל אונ אקול פון גיזאנג:
(ו) בחצוצרות מיט טרומייטן אונ מיט אקול פון שופר זאלט איר שאלן פר גאט וואס ער
איז אמלך: (ז) ירעם דער ים מיט דעם וואס אין אים איז פאר האנדין וועט שטורמען.
די וועלט אונ די וואס אין איר זיצין וועלין אויך שטורמען: (ח) נהרות די טייכין וועלן
פאצין מיט דיא הענד דאס הייסט מיט דיא אינדין וועגין פרייד. אלע בערג בנאנדר
וועלין זינגען: (ט) לפני דיא שמחה וועט זיין פאר גאט ווייל ער איז גיקומען משפטין
דיא וועלט. ער וועט משפטין דיא וועלט מיט גירעכטיקייט אונ פעלקער מיט
ארעכטפארטיגען משפט:

צט (א) יי מלך גאט קיניגט וועלן דיא פעלקר ציטערן. פאר גאט וואס זיצט אויף דיא
כרובים וועט זיך די וועלט בייגן: (ב) יי גאט וואס זיין וואוינונג איז ציון ער איז

ד וְעֹז מֶלֶךְ מִשְׁפָּט אָהֵב אַתָּה כּוֹנַנְתָּ מֵישָׁרִים
מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב אַתָּה עָשִׂיתָ: ה רוֹמְמוּ יְיָ
אֱלֹהֵינוּ וְהִשְׁתַּחֲווּ לַהֲדֹם רַגְלָיו קָדוֹשׁ הוּא: ו מֹשֶׁה
וְאַהֲרֹן בְּכֹהֲנָיו וּשְׁמוּאֵל בְּקֹרְאֵי שְׁמוֹ קֹרְאִים אֶל
יְיָ וְהוּא יַעֲנֵם: ז בְּעַמּוּד עָנָן יְדַבֵּר אֲלֵיהֶם שָׁמְרוּ
עֵדֹתָיו וְחֹק נָתַן לָמוֹ: ח יְיָ אֱלֹהֵינוּ אַתָּה עֲנִיתָם אֵל
נֹשֵׂא הָיִיתָ לָהֶם וְנֹקֵם עַל עֲלִילוֹתָם: ט רוֹמְמוּ יְיָ
אֱלֹהֵינוּ וְהִשְׁתַּחֲווּ לְהַר קָדְשׁוֹ כִּי קָדוֹשׁ יְיָ אֱלֹהֵינוּ:

דער מזמור טוט דער וועקן דיא מענטשן צוא דינען השי"ת מיט שמחה:

ק א מִזְמוֹר לְתוֹדָה הָרִיעוּ לַיְיָ כָּל הָאָרֶץ: ב עִבְדוּ
אֶת יְיָ בְּשִׂמְחָה בֹּאוּ לְפָנָיו בִּרְנָנָה: ג דְּעוּ כִּי יְיָ
הוּא אֱלֹהִים הוּא עָשָׂנוּ וְלוֹ אֲנַחְנוּ עַמּוֹ וְצֹאן מַרְעִיתוֹ:
ד בֹּאוּ שְׁעָרָיו בְּתוֹדָה חֲצֵרֹתָיו בִּתְהִלָּה הוֹדוּ
לוֹ בָּרְכוּ שְׁמוֹ: ה כִּי טוֹב יְיָ לְעוֹלָם חַסְדּוֹ וְעַד דֹּר
וָדֹר אֱמוּנָתוֹ:

---

גרוים אונ איז דער הויבן אויף אלע פעלקר: (ג) יודו אלע וועלן לויבן צו דיין נאמען ווייל דר היילגר גאט איז אגרויס פארכטיגר: (ד) ועוז אונ דס שטארקייט איז צו דעם מלך וואס האט ליב צו טאן ארעכטן משפט. דו האסט אן גיברייט די תורה וואס זיא איז רעכט פארטיג. אירע משפטים אונ אירע גירעכטע רייד וואס זיינען גיגעבן צו יעקב האסטו דס גטאן: (ה) רוממו דר הייבט אונזר גאט אונ בוקט אייך צום שעמעל פון זיינע פים ווייל ער איז היילג: (ו) משה משה אונ אהרן זיינען דאך גיוועזן זיינע גרעסטע דינער אונ שמואל צווישן די וואס רופין זיין נאמן. זיי פלעגן רופן צו גאט אונ ער פלעגט זיי ענטפערן: (ז) בעמוד ער פלעגט קומען מיט אוואלקענדיגן זייל צו ריידן מיט זייא ווייל זיי האבן גיהיט זיין תורה אונ דאס גיזעץ וואס ער האט גיגעבן צו זיי: (ח) יי ווען אויך דו אונזר גאט פלעגסט זיי שטענדיג ענטפערן אונ דו גאט פלעגסט מוחל זיין די יודין זייערע עבירות מחמת זייער תפלה אונ פון דעסט וועגן האט ער זיך נוקם גיוועזן אויף זייערע ווערק בייא מי מריבה אונ שמואל ווייל ער האט זיינע קינדער ניט מדריך גיוועזן: (ט) רוממו דער הייבט אונזער גאט אונ בוקט אייך צו זיין היילגן בארג ווארום אונזער גאט איז היילג:

ק (א) מזמור. דעם מזמור האט מען גיזאגט ביי אקרבן תודה. איר גאנצע וועלט שאלט צו גאט: (ב) עבדו דינט גאט מיט פרייד. קומט פאר אים מיט גיזאנג: (ג) דעו ווייסט אז גאט איז אהער אויף דר גאנצר וועלט. ער האט אונז בשאפן אונ צו גאט זיינן מיר זיין פאלק אונ זיינע שאף וואס ער ווידעט: (ד) באו קומט אין זיינע טויערן

דער זמר דער ציילט ויא מדות מביה ווילן דוד המלך האט זיך גיפירט :

קא א לְדָוִד מִזְמוֹר חֶסֶד וּמִשְׁפָּט אָשִׁירָה לְךָ יי
אֲזַמֵּרָה: ב אַשְׂכִּילָה בְּדֶרֶךְ תָּמִים מָתַי תָּבוֹא
אֵלָי אֶתְהַלֵּךְ בְּתָם לְבָבִי בְּקֶרֶב בֵּיתִי: ג לֹא
אָשִׁית לְנֶגֶד עֵינַי דְּבַר בְּלִיָּעַל עֲשֹׂה סֵטִים שָׂנֵאתִי
לֹא יִדְבַּק בִּי: ד לֵבָב עִקֵּשׁ יָסוּר מִמֶּנִּי רָע לֹא
אֵדָע: ה מְלָשְׁנִי בַסֵּתֶר רֵעֵהוּ אוֹתוֹ אַצְמִית גְּבַהּ
עֵינַיִם וּרְחַב לֵבָב אֹתוֹ לֹא אוּכָל: ו עֵינַי בְּנֶאֶמְנֵי
אֶרֶץ לָשֶׁבֶת עִמָּדִי הֹלֵךְ בְּדֶרֶךְ תָּמִים הוּא
יְשָׁרְתֵנִי: ז לֹא יֵשֵׁב בְּקֶרֶב בֵּיתִי עֹשֵׂה רְמִיָּה דֹּבֵר
שְׁקָרִים לֹא יִכּוֹן לְנֶגֶד עֵינָי: ח לַבְּקָרִים אַצְמִית כָּל
רִשְׁעֵי אָרֶץ לְהַכְרִית מֵעִיר יי כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן:

דער זמר איז איין פארבעטנע תפלה פאר דיא ישראל אין גלות :

קב א תְּפִלָּה לְעָנִי כִי יַעֲטֹף וְלִפְנֵי יי יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ:
ב יי שִׁמְעָה תְפִלָּתִי וְשַׁוְעָתִי אֵלֶיךָ תָבוֹא: ג אַל

---

מיט אקרבן תודה. אין זיינע הויפין מיט לויב. לויבט צו אים בענטשט זיין נאמען :
(ה) כי ווארום גאט איז גוט זיין חסד האט אקיום אויף אייביג אונ ביז סוף כל הדורות
האט אקיום זיין ווארהאפטיקייט :

קא (א) לדוד. אזו וויא איך זינג אז דוא טוסט מיט מיר חסד אזו זינג איך אז דוא
טוסט מיט מיר משפט אונ שטראפסט מיך : (ב) אשכילה איך טוא קליגן צו גיין
אין גאנצין וועג ווען וועט דיא גוטע מדה קומען צו מיר. איך טוא גיין מיט דעם
גאנצקייט פון מיין הארצן אפילו איך בין אין מיין שטוב : (ג) לא שאלקהאפטיגע
רייד טוא איך ניט אנטקעגן מיינע אויגן. אפגיקערטע זאכן האב איך פיינט עס טוט
זיך אין מיר גאר ניט בהעפטן : (ד) לבב דר וואס האט אפארקרימט הארץ איז ער פון
מיר אפ ניטאן. דר וואס איז אשלעכטר קען איך אים ניט פר אפריינד : (ה) מלשני דר
וואס זאגט לשון הרע אויף זיין חבר אין פר בארגינעש טוא איך אים פאר שניידין.
אבעל גאוה אונ דר וואס האט אשטאלין הארץ קאן איך אים ניט סובל זיין : (ו) עיני
מיינע אויגן קוקן צו די צדיקים זיי זאלן זיצן מיט מיר. דער וואס גייט אין גאנצן וועג
דר טוט מיך בדינען : (ז) לא איך לאז ניט זיצן אין מיין שטוב דר וואס טוט זיינע זאכין
מיט רמאות. דר וואס רעט ליגנס האט ניט קיין בשטאנד פר מיינע אויגן : (ח) לבקרים
אלע אין דר פריא זאגט דוד המלך עליו השלום וועל איך פר שניידן אלע רשעים פון
דר וועלט אונ וועל פר שניידן פון גאטש שטאט אלע די וואס ווערקן אומרעכט :
קב (א) תפלה. די תפלה איז צו איין ארום מאן אז ער איז גיוויקילט מיט צרות אונ
פאר

תַּסְתֵּר פָּנֶיךָ מִמֶּנִּי בְּיוֹם צַר לִי הַטֵּה אֵלַי אָזְנֶךָ
בְּיוֹם אֶקְרָא מַהֵר עֲנֵנִי: ד כִּי כָלוּ בְעָשָׁן יָמָי וְעַצְמוֹתַי
כְּמוֹקֵד נִחָרוּ: ה הוּכָּה כָעֵשֶׂב וַיִּבַשׁ לִבִּי כִּי
שָׁכַחְתִּי מֵאֲכֹל לַחְמִי: ו מִקּוֹל אַנְחָתִי דָּבְקָה עַצְמִי
לִבְשָׂרִי: ז דָּמִיתִי לִקְאַת מִדְבָּר הָיִיתִי כְּכוֹס
חֳרָבוֹת: ח שָׁקַדְתִּי וָאֶהְיֶה כְּצִפּוֹר בּוֹדֵד עַל גָּג:
ט כָּל הַיּוֹם חֵרְפוּנִי אוֹיְבָי מְהוֹלָלַי בִּי נִשְׁבָּעוּ: י כִּי
אֵפֶר כַּלֶּחֶם אָכָלְתִּי וְשִׁקֻּוַי בִּבְכִי מָסָכְתִּי: יא מִפְּנֵי
זַעַמְךָ וְקִצְפֶּךָ כִּי נְשָׂאתַנִי וַתַּשְׁלִיכֵנִי: יב יָמַי כְּצֵל
נָטוּי וַאֲנִי כָּעֵשֶׂב אִיבָשׁ: יג וְאַתָּה יְיָ לְעוֹלָם תֵּשֵׁב
וְזִכְרְךָ לְדֹר וָדֹר: יד אַתָּה תָקוּם תְּרַחֵם צִיּוֹן כִּי עֵת
לְחֶנְנָהּ כִּי בָא מוֹעֵד: טו כִּי רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת אֲבָנֶיהָ
וְאֶת עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ: טז וְיִירְאוּ גוֹיִם אֶת שֵׁם יְיָ וְכָל

---

פאר גאט טוט ער פאר גיסין זיינע רייד: (ב) יי גאט הער צו מיין תפלה אונ מיין
גישריי זאל צו דיר קומן: (ג) אל דו זאלסט דיין פנים ניט פר בארגן פון מיר. ווען עס
איז מיר איינג זאלסטו נייגן דיין אויער צו מיין תפלה. אין דעם טאג אז איך רוף דיך
זאלסטו מיר גיך ענטפערן: (ד) כי מיינע גוטע טעג זיינען גיך אוועק גיגאנגן מיט דעם
רויך אונ מיינע ביינער זיינען פר דארט גיווארן וויא אבראנד: (ה) הוכה מיין הארץ
איז פר דארט אונ צו שלאגן גיווארן וויא אגראז. ווענן זארג האב איך פאר געסין
צו עסין מיין ברויט: (ו) מקול פון וועגן דעם שטים פון מיין זיפצין איז בהעפט גיווארן
מיין ביין צו מיין פלייש פון מאגערקייט: (ז) דמיתי איך בין גיווארן גיגליכן מיט מיין
ביטער גישרייא צו דעם פויגיל קאת וואס איז אין דר מדבר. איך בין גיווארן גלייך
צו דעם פויגיל כוס וואס זיצט אין דר וויסטעניש: (ח) שקדתי איך האב גיאיילט צו
אנטלויפין אונ איך בין גלייך צו אפויגיל וואס זיצט אליין אויף דעם דאך: (ט) כל
א גאנצן טאג טוען מיך לעסטערן מיינע פיינד. מיינע שפעטער טוען זיך מיט מיר
שווערין: (י) כי דען אש האב איך גיגעסין אזו וויא ברויט אונ מיין גיטראנק מיט
טרערן פון מיין גיוויין האב איך גימישט: (יא) מפני פון וועגן דיין צארן ווארום פריער
האסטו מיך אויף גיהויבן אונ נאך דעם האסטו מיך אראפ גיווארפן: (יב) ימי מיינע
גוטע טעג זיינן אוועק וויא אשאטן נייגט אוועק אונ איך בין פר דארט גיווארן וויא
אגראז: (יג) ואתה אבער דוא גאט זיצט אייביג אונ דיין אנדיינקן איז אויף אייביג:
(יד) אתה בעט איך דיך דו זאלסט אויף שטיין אונ זיך דר בארימען איבר דער שטאט
ציון. עס איז צייט צו דר בארימן זיא ווארום עס איז גיקומן די צייט: (טו) כי ווארום
דיינע קנעכט ישראל ווילין אונ האבן ליב די שטיינער פון ירושלים אונ איר ערד
האט

מלכי הארץ את כבודך: יז כי בנה יי ציון נראה
בכבודו: יח פנה אל תפלת הערער ולא בזה את
תפלתם: יט תכתב זאת לדור אחרון ועם נברא
יהלל יה: כ כי השקיף ממרום קדשו יי משמים
אל ארץ הביט: כא לשמע אנקת אסיר לפתח בני
תמותה: כב לספר בציון שם יי ותהלתו בירושלם:
כג בהקבץ עמים יחדו וממלכות לעבד את יי:
כד ענה בדרך כחי קצר ימי: כה אמר אלי אל
תעלני בחצי ימי בדור דורים שנותיך: כו לפנים
הארץ יסדת ומעשה ידיך שמים: כז המה יאבדו
ואתה תעמד וכלם כבגד יבלו כלבוש תחליפם
ויחלפו: כח ואתה הוא ושנותיך לא יתמו: כט בני
עבדיך ישכונו וזרעם לפניך יכון:

---

האט חן בײ יי: (טו) וייראו און פעלקר וועלן מורא האבן פר גאטס נאמען און אלע מלכים פון דר ערד וועלן פירכטין פר דײן כבוד: (יז) כי אז גאט וועט האבן גיבויט דיא שטאט ציון און וועט זיך דארט באווײזן מיט זײן כבוד: (יח) פנה ער האט זיך גיקערט צום גיבעט פון עלינדן און האט ניט פר שעמט זייער תפלה: (יט) תכתב דס זאל פר שריבן ווערן פר אזכרון צום הינטערשטן דור כדי אז דס פאלק וואס וועט גיבארן ווערן זאל לויבן גאט: (כ) כי ווארום גאט לוגט פון זײן הײליגן היכל. גאט לוגט פון הימל אויף דר ערד: (כא) לשמוע צו הערן דאס גישרײא פון דיא וואס זײנן גיבונדן. צו עפענן די וואס זײנן גיבונדן צום טויט: (כב) לספר כדי עס זאל דער ציילט ווערן אין ציון גאטס נאמן און זײן לויב אין ירושלים: (כג) בהקבץ אין דער צייט אז פעלקר וועלן זיך בנאנדר איין זאמלען און קיניגרייכן צו דינן גאט: (כד) ענה ער האט גיפייניגט אין וועג מײן כח מיט דעם האט ער מיר מקצר גיוועזן מײנע טעג: (כה) אומר און איך האב גיזאגט אין מײן תפלה דו ביסט דאך מײן גאט בעט איך דיך אז דוא זאלסט מיך ניט אפ טאן פון דער וועלט אין מײנע האלבע טעג און אויף כל הדורות בעט איך דיך זייא זאלן אוים לעבין זייערע יארין: (כו) לפנים דוא האסט צום ערשטין גיגרונד פעסטיגט די ערד און דיינע ווערק זייגן דיא הימלן: (כז) המה די הימלן מיט דר ערד וועלן פר לארן ווערן אבר דוא וועסט בלײבן שטײן. און זיי וועלן אלע וויא אקלייד פר פוילט ווערן. וויא אקלייד וועסטו זיי פר ביטן און וועלן זיין פר ביטן: (כח) ואתה אבר דו גאט ביסט דער וואס האט אקיום אויף אייביג און דײנע יארן וועלן זיך ניט אוים לאזן: (כט) בני די קינדר פון דײנע קנעכט אברהם יצחק ויעקב וועלן רוען אין ארץ ישראל און זייערע קינדער וועלן פאר דיר זיין אן גיברייט:

לדוד

דער מזמור איז בכלל שבחים צוא השי"ת אויף דיא גרויסע חסדים וואס השי"ת טוט מיט איטליכן:

קג א לְדָוִד בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת יי וְכָל קְרָבַי אֶת שֵׁם
קָדְשׁוֹ: ב בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת יי וְאַל תִּשְׁכְּחִי כָּל
גְּמוּלָיו: ג הַסֹּלֵחַ לְכָל עֲוֹנֵכִי הָרֹפֵא לְכָל תַּחֲלוּאָיְכִי:
ד הַגּוֹאֵל מִשַּׁחַת חַיָּיְכִי הַמְעַטְּרֵכִי חֶסֶד וְרַחֲמִים:
ה הַמַּשְׂבִּיעַ בַּטּוֹב עֶדְיֵךְ תִּתְחַדֵּשׁ כַּנֶּשֶׁר נְעוּרָיְכִי:
ו עֹשֵׂה צְדָקוֹת יי וּמִשְׁפָּטִים לְכָל עֲשׁוּקִים: ז יוֹדִיעַ
דְּרָכָיו לְמֹשֶׁה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲלִילוֹתָיו: ח רַחוּם
וְחַנּוּן יי אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חָסֶד: ט לֹא לָנֶצַח יָרִיב
וְלֹא לְעוֹלָם יִטּוֹר: י לֹא כַחֲטָאֵינוּ עָשָׂה לָנוּ וְלֹא
כַעֲוֹנֹתֵינוּ גָּמַל עָלֵינוּ: יא כִּי כִגְבֹהַּ שָׁמַיִם עַל הָאָרֶץ
גָּבַר חַסְדּוֹ עַל יְרֵאָיו: יב כִּרְחֹק מִזְרָח מִמַּעֲרָב
הִרְחִיק מִמֶּנּוּ אֶת פְּשָׁעֵינוּ: יג כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים
רִחַם יי עַל יְרֵאָיו: יד כִּי הוּא יָדַע יִצְרֵנוּ זָכוּר כִּי
עָפָר אֲנָחְנוּ: טו אֱנוֹשׁ כֶּחָצִיר יָמָיו כְּצִיץ הַשָּׂדֶה כֵּן

---

קג (א) לדוד. דוד המלך האט גיזאגט מיין לייב טוא לויבן גאט אונ אלע מיינע
גידערים טוט לויבן זיין הייליגן נאמען: (ב) ברכי מיין לייב טוא לויבן גאט אונ
זאלסט ניט פר געסן אלע זיינע פארגעלטונגן: (ג) הסולח וואס ער האט פר געבן אלע
דיינע עבירות אונ האט גיהיילט צו אלע דיינע קריינק: (ד) הגואל וואס ער האט אויס
גילייזט פון גיהנם דיין לעבן אונ האט דיך גימאכט אן קריינן מיט חסדים אונ מיט
רחמנות: (ה) המשביע ער האט גימאכט דיין מויל אן זעטין מיט גוטס. דוא וועסט
באנייען דיין יוגינד וויא איין אדלער באנייעט זיך אלע צעהן יאר מיט נייע פעדערן:
(ו) עשה גאט טוט גירעכטיקייט, אונ משפטים טוט ער צו אלע באראובטע: (ז) יודיע
זיינע גוטע וועגן האט ער גילאזט וויסן צו משה רבינו. צו די קינדר פון ישראל האט
ער גילאזט וויסן זיינע ווערק: (ח) רחום גאט איז ארחום וחנון. ער דער לייגערט דעם
צארן אונ טוט פיל גינאד: (ט) לא ניט אויף אייביג טוט זיך גאט קריגן מיט די רשעים
אונ ניט אויף אייביג טוט גאט היטן דיא שנאה אויף זייא: (י) לא ניט לויט אונזערע
עבירות וועט גאט אונז טאן שטראפין אונ ניט לויט אונזערע זינד וועט ער אונז
בצאלן: (יא) כי ווארום ווי די הימל איז הויך פון דר ערד אזו פיל האט זיך גשטארקט
זיינע חסדים אויף זיינע פארכטיגע: (יב) כרחוק וויא עס איז ווייט מזרח פון מערב אזו
ווייט האט ער דר ווייטערט פון אונז אונזרע עברות: (יג) כרחם וויא אפאטער איז זיך
מרחם אויף זיינע קינדר אזו האט זיך גאט מרחם גיוועזן אויף זיינע פארכטיגע: (יד) כי
ווארום ער ווייס אונזר בשאפונג. ער גידיינקט אז מיר זיינן ערד: (טו) אנוש וועז אויף

דיא

יָצִיץ׃ טז כִּי רוּחַ עָבְרָה בּוֹ וְאֵינֶנּוּ וְלֹא יַכִּירֶנּוּ עוֹד
מְקוֹמוֹ׃ יז וְחֶסֶד יְיָ מֵעוֹלָם וְעַד עוֹלָם עַל יְרֵאָיו
וְצִדְקָתוֹ לִבְנֵי בָנִים׃ יח לְשֹׁמְרֵי בְרִיתוֹ וּלְזֹכְרֵי
פִקֻּדָיו לַעֲשׂוֹתָם׃ יט יְיָ בַּשָּׁמַיִם הֵכִין כִּסְאוֹ
וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה׃ כ בָּרְכוּ יְיָ מַלְאָכָיו גִּבֹּרֵי
כֹחַ עֹשֵׂי דְבָרוֹ לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ׃ כא בָּרְכוּ יְיָ
כָּל צְבָאָיו מְשָׁרְתָיו עֹשֵׂי רְצוֹנוֹ׃ כב בָּרְכוּ יְיָ כָּל
מַעֲשָׂיו בְּכָל מְקֹמוֹת מֶמְשַׁלְתּוֹ בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת יְיָ׃

דער מוסר דער צײלט דעם שבח פון מעשה בראשית אונ דיא השגחה פרטית פון השי"ת אויף איטליכן׃

יום כא קד א בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת יְיָ יְיָ אֱלֹהַי גָּדַלְתָּ מְּאֹד
הוֹד וְהָדָר לָבָשְׁתָּ׃ ב עֹטֶה אוֹר כַּשַּׂלְמָה
נוֹטֶה שָׁמַיִם כַּיְרִיעָה׃ ג הַמְקָרֶה בַמַּיִם עֲלִיּוֹתָיו
הַשָּׂם עָבִים רְכוּבוֹ הַמְהַלֵּךְ עַל כַּנְפֵי רוּחַ׃ ד עֹשֶׂה
מַלְאָכָיו רוּחוֹת מְשָׁרְתָיו אֵשׁ לֹהֵט׃ ה יָסַד אֶרֶץ

---

די טעג פון דעם מענטשן גייען גיך אוועק וויא אגראז. וויא דס בליאונג פון דעם
פעלד גייט גיך אוועק אזו גייט גיך אוועק דאס בליאונג פון מענטשן׃ (טז) כי אז עס
פארט נאר איבר אוינט פון גאטס צארן אויף אים איז ער שוין ניט דא אונ אז ער
וואלט זיך אום גיקערט וואלטן אים שוין ניט דר קענט די לייט פון זיין ארט׃ (יז) וחסד
אבר גאטס חסד איז אויף זיינע פארכטיגע פון דעם עולם ביז יענעם עולם אונ גאטס
גירעכטיקייט קאן בצאלט ווערן צו זייערע קינדס קינדער׃ (יח) לשומרי וואס זייא היטן
גאטס ברית אונ גידייגקן זיינע מצות צו טאן זייא׃ (יט) יי גאט האט אן גיברייט זיין
שטול אין הימל אונ עס גיוועלטיגט זיין מלוכה אויף אלע׃ (כ) ברכו איר אלע זיינע
מלאכים לויבט גאט וואס זייא האבן שטארקן כח אונ טוען זיינע רייד נור אים צו
גיהארכן׃ (כא) ברכו אלע זיינע חילות לויבט גאט. איר אלע זיינע בדינער וואס טוען
גאטס רצון׃ (כב) ברכו איר אלע גאטס ווערק וואס איר זייט אין אלע ערטער פון זיין
גיוועלטיקייט לויבט גאט אונ דוא מיין לייב טוא אויך גאט לויבן׃

קד (א) ברכי. מיין זעלע לויב גאט, גאט מיין גאט דו ביסט זייער גיאכפערט. דוא
האסט זיך אן גיקליידעט מיט שיינקייט׃ (ב) עוטה גאט קליידעט אן די וועלט מיט
ליכטיקייט אזו וויא מען קליידעט זיך אן אקלייד. ער האט אויס גישפרייט די הימל
אזו וויא אפירהאנג׃ (ג) המקרה זיינע באלקינס האט ער גימאכט פון וואסער. דיא
וואלקן האט ער גימאכט זיין רייט וואגן ער פירט די וואלקינס גיך מיט דעם ווינט
וויא מען פליהט מיט פליגלן׃ (ד) עושה די ווינטן האט גאט גימאכט פר זיינע שלוחים.
זיינע באדינר זיינן וויא פלאם פייער׃ (ה) יסד ער האט גיגרונדפעסטיגט די ערד אויף
אירע

עַל מְכוֹנֶיהָ בַּל תִּמּוֹט עוֹלָם וָעֶד: ו תְּהוֹם כַּלְּבוּשׁ
כִּסִּיתוֹ עַל הָרִים יַעַמְדוּ מָיִם: ז מִן גַּעֲרָתְךָ יְנוּסוּן
מִן קוֹל רַעַמְךָ יֵחָפֵזוּן: ח יַעֲלוּ הָרִים יֵרְדוּ בְקָעוֹת
אֶל מְקוֹם זֶה יָסַדְתָּ לָהֶם: ט גְּבוּל שַׂמְתָּ בַּל יַעֲבֹרוּן
בַּל יְשׁוּבוּן לְכַסּוֹת הָאָרֶץ: י הַמְשַׁלֵּחַ מַעְיָנִים
בַּנְּחָלִים בֵּין הָרִים יְהַלֵּכוּן: יא יַשְׁקוּ כָּל חַיְתוֹ שָׂדָי
יִשְׁבְּרוּ פְרָאִים צְמָאָם: יב עֲלֵיהֶם עוֹף הַשָּׁמַיִם
יִשְׁכּוֹן מִבֵּין עֳפָאיִם יִתְּנוּ קוֹל: יג מַשְׁקֶה הָרִים
מֵעֲלִיּוֹתָיו מִפְּרִי מַעֲשֶׂיךָ תִּשְׂבַּע הָאָרֶץ: יד מַצְמִיחַ
חָצִיר לַבְּהֵמָה וְעֵשֶׂב לַעֲבֹדַת הָאָדָם לְהוֹצִיא
לֶחֶם מִן הָאָרֶץ: טו וְיַיִן יְשַׂמַּח לְבַב אֱנוֹשׁ לְהַצְהִיל
פָּנִים מִשָּׁמֶן וְלֶחֶם לְבַב אֱנוֹשׁ יִסְעָד: טז יִשְׂבְּעוּ
עֲצֵי יי אַרְזֵי לְבָנוֹן אֲשֶׁר נָטָע: יז אֲשֶׁר שָׁם צִפֳּרִים

---

אירע גרונדפעסטן זיא זאל ניט אויס גיגליטשט ווערן אויף אייביג: (ו) תהום דעם תהום
האסט גאט צו גידעקט וויא מיט אקלייד אז ער זאל ניט פר פלייצן דיא וועלט. אויף
דיא בערג שטייען דיא וואסער פון דעם ים אונ גיסין זיך ניט אראפ: (ז) מן פון דיין
גישרייא זיינן זייא אנטלאפן גיווארן. פון דעם גישרייא פון דיין דונערין האבין דיא
וואסער גיאיילט צו קומן אויף דעם ארט: (ח) יעלו זיי זיינן אויף גיגאנגן אויף די בערג
אונ האבן גינידערט אין טאלין. זייא זייען גיגאנגן צו דעם ארט וואס דוא האסט
בשטימט צו זיי: (ט) גבול דאס זאמד וואס איז בייא דעם ים האסטו גימאכט פר איין
גרענעץ די וואסער פון דעם ים זאלן ניט איבר טרעטן. זאלן זיך ניט אומקערין צו
בדעקן די ערד: (י) המשלח ער שיקט קוואלין עס זאל רינען וואסער אין דיא טייכין.
דיא קוואלן גייען צווישן דיא בערג: (יא) ישקו דיא טייכן מאכן אן טרינקן אלע חיות
פון דעם פעלד אונ די ווילדע חיות ברעכין זייער דארשט מיט דעם וואסר: (יב) עליהם
בייא דיא וואסערן רוען דיא עופות פון דעם הימל. פון צווישן דיא צווייגן גיבין
דיא עופות זייער קול מיט גיזאנג: (יג) משקה ער מאכט אן טרינקן די בערג פון דיא
וואלקן וואס זיינן פון אויבן. פון די פרוכט פון דיינע ווערק דאס איז דר רעגן ווערט
דיא ערד גיזעטיגט: (יד) מצמיח דו מאכסט שפראצן גראז פון בהמות וועגן אונ גרינס
מאכסטו שפראצן פר מענטשן ארויס צו ברייננן ברויט פון דער ערד: (טו) ויין אויך
וויין וואס ער מאכט פרייליך דאס הארץ פון דעם מענטשן אויך אייל ער זאל דער
לייכטן דאס פנים פון מענטשן אונ ברויט עס זאל אונטער לעהנען דאס הארץ פון
מענטשן: (טז) ישבעו פון דעם רעגן ווערן זאט גאטס בוימער. דיא בוימר וואס זיינן
גיפלאנצט אין וואלד לבנון: (יז) אשר וואס אויף דיא בוימער מאכין זיך די פויגלע

נעסטין

יְקַנֵּנוּ הַסִּידָה בְּרוֹשִׁים בֵּיתָהּ: יח הָרִים הַגְּבֹהִים
לַיְּעֵלִים סְלָעִים מַחְסֶה לַשְׁפַנִּים: יט עָשָׂה יָרֵחַ
לְמוֹעֲדִים שֶׁמֶשׁ יָדַע מְבוֹאוֹ: כ תָּשֶׁת חֹשֶׁךְ וִיהִי
לָיְלָה בּוֹ תִרְמֹשׂ כָּל חַיְתוֹ יָעַר: כא הַכְּפִירִים
שֹׁאֲגִים לַטָּרֶף וּלְבַקֵּשׁ מֵאֵל אָכְלָם: כב תִּזְרַח
הַשֶּׁמֶשׁ יֵאָסֵפוּן וְאֶל מְעוֹנֹתָם יִרְבָּצוּן: כג יֵצֵא אָדָם
לְפָעֳלוֹ וְלַעֲבֹדָתוֹ עֲדֵי עָרֶב: כד מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ יְיָ
כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ מָלְאָה הָאָרֶץ קִנְיָנֶךָ: כה זֶה
הַיָּם גָּדוֹל וּרְחַב יָדָיִם שָׁם רֶמֶשׂ וְאֵין מִסְפָּר חַיּוֹת
קְטַנּוֹת עִם גְּדֹלוֹת: כו שָׁם אֳנִיּוֹת יְהַלֵּכוּן לִוְיָתָן
זֶה יָצַרְתָּ לְשַׂחֶק בּוֹ: כז כֻּלָּם אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּן לָתֵת
אָכְלָם בְּעִתּוֹ: כח תִּתֵּן לָהֶם יִלְקֹטוּן תִּפְתַּח יָדְךָ
יִשְׂבְּעוּן טוֹב: כט תַּסְתִּיר פָּנֶיךָ יִבָּהֵלוּן תֹּסֵף רוּחָם
יִגְוָעוּן וְאֶל עֲפָרָם יְשׁוּבוּן: ל תְּשַׁלַּח רוּחֲךָ יִבָּרֵאוּן
וּתְחַדֵּשׁ פְּנֵי אֲדָמָה: לא יְהִי כְבוֹד יְיָ לְעוֹלָם יִשְׂמַח

נעסטן. די פויגל וואס הייסט חסידה איז איר שטוב אויף די בוקסן בוימער: (יח) הרים
די הויכע בערג זיינן אוואוינונג צו די שטיינבעק. די פעלזן זיינן אבאשיצונג צו דיא
קאנינכען: (יט) עשה די לבנה האט ער בשאפן מען זאל ציילין נאך איר ווען יום טוב
גיפאלט. די זון וייס עם איר אונטער גאנג: (כ) תשת דוא האסט גימאכט פינסטערניס
זאל זיין ביי נאכט דאמאלס באוועגין זיך אלע חיות פון וואלד: (כא) הכפירים די יונגע
לייבן שרייען וועגן פאר צוקונג אונ צו בעטין פון גאט זייער עסין וארג: (כב) תזרח אז
די זון הייבט אן שיינען זאמלן זיי זיך איין אונ גייען אין זייערע וואוינונגען אפ צו
רוען: (כג) יצא דענסטמאל גייט ארוים דר מענטש אין פעלד אריין צו זיין ארבייט ביז
נאכט: (כד) מה וויא גרוים זיינן דיינע ווערק גאט. אלעם האסטו מיט חכמה גמאכט.
די וועלט איז פול דיינע ערשאפונגען: (כה) זה דר ים איז גרוים אונ ברייט. דארטן איז
פר האנדן ווידמונג אונ עס איז גיט דא קיין צאל צו זיי קליינע חיות מיט גרויסע:
(כו) שם דארטן גייען שיפן. דארטן גייט דער לויתן וואס דוא האסט בשאפן צו שפילן
זיך אין ים: (כז) כלם אלע בשעפעניש טוען האפין צו דיר דו זאלסט געבן זייער עסין
אין דר צייט: (כח) תתן אז דו טוסט זיי געבן זייער שפייז טוען זייא אויף קלייבן. אז
דו עפינסט דיין האנד ווערן זיי זאט מיט אלעם גוטן: (כט) תסתיר אבער אז דוא פאר
בארגסט דיין פנים ווערן זיי דער שראקן. אז זייער אטום ווערט פר לענט פר גייען
זייא אונ גייען צוריק צו ווערן שטויב: (ל) תשלח אז דוא וועסט שיקן דיין לעבעדיגען

יְיָ בְּמַעֲשָׂיו׃ לב הַמַּבִּיט לָאָרֶץ וַתִּרְעָד יִגַּע בֶּהָרִים
וְיֶעֱשָׁנוּ׃ לג אָשִׁירָה לַייָ בְּחַיָּי אֲזַמְּרָה לֵאלֹהַי בְּעוֹדִי׃
לד יֶעֱרַב עָלָיו שִׂיחִי אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּייָ׃ לה יִתַּמּוּ
חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם בָּרְכִי
נַפְשִׁי אֶת יְיָ הַלְלוּיָהּ׃

דֶּער מִזְמוֹר זָאגְט מֶען זָאל מְפַרְסֵם זַיין דִּיא גְרוֹיסְקַייט פוּן הַשֵּׁ״ית אוּנ זַיינֶע חֲסָדִים׃

קה א הוֹדוּ לַייָ קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים
עֲלִילוֹתָיו׃ ב שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל
נִפְלְאוֹתָיו׃ ג הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב
מְבַקְשֵׁי יְיָ׃ ד דִּרְשׁוּ יְיָ וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד׃
ה זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי פִיו׃
ו זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו׃ ז הוּא יְיָ
אֱלֹהֵינוּ בְּכָל הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו׃ ח זָכַר לְעוֹלָם
בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר׃ ט אֲשֶׁר כָּרַת אֶת
אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק׃ י וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק

---

אָטוּם צוּ דִיא מֵתִים בִּשְׁעַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים וֶועלְן זֵיי בַּשַׁאפְן וֶוערְן אוּנ וֶועסְט בַּאנַייעְן
מִיט זֵייא דִי עֶרְד׃ (לא) יהי גָאטְס כָּבוֹד וֶועט זַיין אוֹיף אֵייבִּיג אוּנ גָאט וֶועט זִיךְ פְרֵייעְן
מִיט זַיינֶע וֶוערְק אַז עֶס וֶועט זַיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים׃ (לב) המביט אַז עֶר טוּט נָאר אַקוּק צוּ
דֶר עֶרְד צִיטֶערְט זִיא. עֶר רִירְט נָאר אָן דִי בֶּערְג וֶוערְן זֵיי פוּל מִיט רוֹיךְ׃ (לג) אשירה אִיךְ
וֶועל זִינְגְן צוּ גָאט וִוי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ. אִיךְ וֶועל לוֹיבְּן גָאט וִוי לַאנְג אִיךְ בִּין נָאךְ דָא׃
(לד) יערב עֶס זָאל גִיזִיסְט זַיין אוֹיף גָאט מַיין תְּפִלָּה וֶועל אִיךְ מִיךְ פְרֵייעְן מִיט דֶר הִילְף
פוּן גָאט׃ (לה) יתמו דִיא זִינְדִיגֶע וֶועלְן וֶוערְן פַאר לֶענְט וֶוערְן פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ עֶס וֶועט
שׁוֹין נִיט זַיין קֵיין רְשָׁעִים. דְרוּם טוּא מַיין לֵייבּ לוֹיבְּן גָאט אוּנ אִיר אַלֶע לוֹיבְּט גָאט׃
קה (א) הודו לוֹיבְּט צוּ גָאט. רוּפְט אִים אָן מִיט זַיין נָאמֶן. מַאכְט וִויסְן צְוִוישְׁן דִיא
פֶעלְקֶער זַיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶוערְק׃ (ב) שירו זִינְגְט צוּ אִים שְׁפִּילְט צוּ אִים אוֹיף
כְּלֵי זֶמֶר. רֶעט שְׁטֶענְדִיג אִין אַלֶע זַיינֶע וואוּנְדֶער׃ (ג) התהללו בַּארִימְט אַייךְ מִיט זַיין
הֵיילִיגְן נָאמֶן. עֶס וֶועט דֶר פְרֵייט וֶוערְן דָם הַארְץ פוּן דִיא וָואס בַּגֶערְן גָאט׃ (ד) דרשו
פָארְשְׁט גָאט אַז עֶר זָאל אַייךְ וַוייזְן זַיין שְׁטַארְקֵייט. בַּאגֶערְט צוּ זֶעהְן זַיין פָּנִים
שְׁטֶענְדִיג׃ (ה) זכרו גִידֵיינְקְט זַיינֶע וואוּנְדֶער וָואס עֶר הָאט גִיטָאן. זַיינֶע וואוּנְדֶר צֵייכְן
אוּנ דָם גִירִיכְט פוּן זַיין מוֹיל׃ (ו) זרע אִיר קִינְדֶר פוּן אַבְרָהָם זַיין קְנֶעכְט. אִיר קִינְדֶר
פוּן יַעֲקֹב זַיינֶע אוֹיס דֶר וַוויילְטֶע׃ (ז) הוא זָאלְט אִיר וִויסְן אַז דֶר דָאזִיגֶער אִיז אוּנְזֶר גָאט
וָואס אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט זַיינֶען זַיינֶע מִשְׁפָּטִים׃ (ח) זכר דֶעם בְּרִית גִידֵיינְקְט עֶר
אוֹיף אֵייבִּיג. דִי זַאךְ וָואס עֶר הָאט גִיבָּאטְן אוֹיף טוֹיזְנְד דוֹרוֹת׃ (ט) אשר דֶעם בְּרִית
הָאט

לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם: יא לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ
כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם: יב בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר
כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ: יג וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל גּוֹי
מִמַּמְלָכָה אֶל עַם אַחֵר: יד לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם
וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים: טו אַל תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי
וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ: טז וַיִּקְרָא רָעָב עַל הָאָרֶץ כָּל
מַטֵּה לֶחֶם שָׁבָר: יז שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד
נִמְכַּר יוֹסֵף: יח עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ:
יט עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ אִמְרַת יְיָ צְרָפָתְהוּ: כ שָׁלַח
מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ: כא שָׂמוֹ אָדוֹן
לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל קִנְיָנוֹ: כב לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ
וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם: כג וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר
בְּאֶרֶץ חָם: כד וַיֶּפֶר אֶת עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו:

---

האָט ער פאַר שניטן מיט אברהם און געשוואָרין צו יצחק: (י) ויעמידה און האָט עס געמאַכט שטעלן צו יעקב אבינו פאַר אַחוק און צו די ישראל פאַר איין אייביגן ברית: (יא) לאמר גאָט האָט אַזוי געזאָגט, צו דיר וועל איך געבן דאָס לאַנד פון כנען וואָס עס איז האַיינט דר טייל פון אייער אַרב: (יב) בהיותם אַז די ישראל זיינען נאָך געווען געציילטע מענטשן וויא אַקליינע צאָל און זיינען געווען אַזוי וויא גרים אין לאַנד: (יג) ויתהלכו און זייא זיינען געגאַנגען פון איין פאָלק צום אַנדערן פאָלק פון איין קעניגרייך צום אַנדערן פאָלק: (יד) לא האָט גאָט ניט געלאָזן אַז אַמענטש זאָל זייא רויבין און פון וועגן זייא האָט גאָט געשטראָפט פרעה און אבימלך: (טו) אל גאָט האָט זייא געזאָגט איר זאָלט ניט אָן רירן אין מיינע געזאַלבטע און צו מיינע נביאים זאָלט איר ניט טאָן קיין בייז: (טז) ויקרא און אַז גאָט האָט גערופן אַהונגער אויף דר וועלט אַלע אונטער לעהנונג פון ברויט האָט ער צו בראָכין: (יז) שלח האָט ער פאַר זייא געשיקט אַמענטשן יוסף הצדיק קיין מצרים. וועגן דעם איז יוסף פאַר קויפט געוואָרן פאַר אַקנעכט: (יח) ענו זייא האָבן געפּייניגט אין קייטן זיינע פיס. אין אייזערנע קייטין איז געקומען זיין לייב: (יט) עד ביז עס איז אָנגעקומען זיינע רייד פון דעם חלום צו פרעה. גאָט האָט געלייטערט די רייד פון יוסף צו בשיידין דעם חלום: (כ) שלח האָט גאָט דעם פרעה געשיקט און האָט אים געמאַכט אויף בינדין פון די קייטן. גאָט האָט געשיקט אַגעוועלטיגער איבר פעלקער און האָט אים געעפינט פון דר תפיסה: (כא) שמו פרעה האָט געמאַכט יוסף הצדיק פאַר אַהאַר אויף זיין שטוב און אַגעוועלטיגער אויף אַלע זיינע פאַר מעגין: (כב) לאסור מיט זיין ווילין האָט ער יכולת געהאַט צו בינדין דיא הערן פון פרעה און מיט זיינע זקנים אַלע האָט ער געלערינט חכמות: (כג) ויבא און דורך דעם זיינען געקומען די ישראל קיין

כה הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו:
כו שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ: כז שָׂמוּ
בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם: כח שָׁלַח
חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ: כט הָפַךְ אֶת
מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם: ל שָׁרַץ אַרְצָם
צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם: לא אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב
כִּנִּים בְּכָל גְּבוּלָם: לב נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד אֵשׁ
לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם: לג וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם וַיְשַׁבֵּר
עֵץ גְּבוּלָם: לד אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר:
לה וַיֹּאכַל כָּל עֵשֶׂב בְּאַרְצָם וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם:
לו וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם רֵאשִׁית לְכָל אוֹנָם:
לז וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל:
לח שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם כִּי נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם:

---

מִצְרַיִם אונ יַעֲקֹב הָאט גיוואוינט אין דעם לאַנד פון חָם: (כד) ויפר אונ גאָט הָאט זיין
פָאלק דיא יִשְׂרָאֵל זייער גימערט אונ הָאט אים גישטאַרקט מער פון דיא מִצְרַיִם:
(כה) הפך גאָט הָאט פאַר קערט דם האַרץ פון מִצְרַיִם אַז זיי זאָלן פיינט האָבן זיין פָאלק.
זייא זאָלן טראַכטן בייזע מַחֲשָׁבוֹת אין זיינע קנעכט דיא יִשְׂרָאֵל: (כו) שלח גאָט הָאט
גישיקט משֶׁה זיין קנעכט. אַהֲרֹן וואס ער הָאט אויס ערוויילט אין אים: (כז) שמו זיי
הָאבן גיטאָן גאָטס צייכן אין מִצְרַיִם אונ וואונדר אין דעם לאַנד פון חָם: (כח) שלח ער
הָאט גישיקט דעם חֹשֶׁךְ אונ הָאט זיי גימאַכט פינסטער אונ די מַכּוֹת הָאבן ניט ווידר
גישפעניגט גאָטס רייד: (כט) הפך ער הָאט זייערע וואסער פאַר קערט צו בלוט אונ
הָאט גיטייט אירע פיש: (ל) שרץ ער הָאט גימאַכט ווידמען דיא וואסערין פון מִצְרַיִם
מיט פרעש אונ זיינען גיקומן אין די חֲדָרִים פון פַּרְעֹה: (לא) אמר גאָט הָאט גיזאָגט איז
גיקומן דיא מַכָּה עָרוֹב מיט כִּנִּים אין אַלע זייערע גימאַרקין: (לב) נתן גאָט הָאט זייא
גיגעבן האָגיל פאַר רעגן. פלאַם פייער איז גיגאַנגן מיט דעם האָגיל אין זייער לאַנד:
(לג) ויך דר האָגיל הָאט אויס גישלאָגן זייער ווייַן שטאָק אונ אירע פייגן אונ הָאט צו
בראָכן די בוימער פון אירע גימאַרקן: (לד) אמר גאָט הָאט גיזאָגט איז גיקומען מינים
פון היישעריק אַרְבֶּה אונ יֶלֶק אונ קיין צאָל איז ניט גיוועזן צו זייא מַחֲמַת פילקייט:
(לה) ויאכל אונ הָאט אויף גיגעסן גאָר דאָס קרויט אין איר לאַנד אונ הָאט אויך אויף
גיגעסן די פֵּרוֹת פון זייער ערד: (לו) ויך אונ גאָט הָאט גישלאָגן אַלע בְּכוֹרִים אין זייער
לאַנד וואס זיי זיינען דיא ערשטע פון זייערע קרעפטן: (לז) ויוציאם אונ גאָט הָאט זייא
אויס גיצויגן פון מִצְרַיִם מיט זילבער אונ גאָלד אונ עס איז ניט גיוועזן צווישן זיינע
שְׁבָטִים אַ גישטרויכלטער פון אָרומקייט: (לח) שמח דיא מִצְרַיִם הָאבין זיך גיפרייט
אז

לט פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה: מ שָׁאַל
וַיָּבֵא שְׂלָו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם: מא פָּתַח צוּר
וַיָּזוּבוּ מָיִם הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר: מב כִּי זָכַר אֶת דְּבַר
קָדְשׁוֹ אֶת אַבְרָהָם עַבְדּוֹ: מג וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן
בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו: מד וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם
וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ: מה בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו
וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ הַלְלוּיָהּ:

דֶער מִזְמוֹר דֶער צֵיילְט וִויא דִיא יִשְׂרָאֵל הָאבְּן גִיזִינְדִיגְט אוּנ וִויא זַייא זֵיינֶען גִישְׁטְרָאפְט גִיוָוארִין:

יום כב קו א הַלְלוּיָהּ הוֹדוּ לַיְיָ כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
ב מִי יְמַלֵּל גְּבוּרוֹת יְיָ יַשְׁמִיעַ כָּל תְּהִלָּתוֹ:
ג אַשְׁרֵי שֹׁמְרֵי מִשְׁפָּט עֹשֵׂה צְדָקָה בְכָל עֵת:
ד זָכְרֵנִי יְיָ בִּרְצוֹן עַמֶּךָ פָּקְדֵנִי בִּישׁוּעָתֶךָ: ה לִרְאוֹת
בְּטוֹבַת בְּחִירֶיךָ לִשְׂמֹחַ בְּשִׂמְחַת גּוֹיֶךָ לְהִתְהַלֵּל
עִם נַחֲלָתֶךָ: ו חָטָאנוּ עִם אֲבוֹתֵינוּ הֶעֱוִינוּ הִרְשָׁעְנוּ:
ז אֲבוֹתֵינוּ בְמִצְרַיִם לֹא הִשְׂכִּילוּ נִפְלְאוֹתֶיךָ לֹא

---

אַז דִי יוּדִין זַיינֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען וַוייל דֶער פַּחַד פוּן דִיא יוּדִין אִיז גִיפַאלְן אוֹיף זַייא: (לט) פרש גָאט הָאט פַאר שְׁפְּרֵייט אַוָואלְקְן עֶר זָאל זַייא בַּדֶעקְן אוּנ דִיא פַייעֶרְדִיגֶע זַיילְ הָאט עֶר פַאר שְׁפְּרֵייט צוּ לַייכְטְן בַּייא דֶער נַאכְט: (מ) שאל דִי יוּדִין הָאבִּין גִיבֶּעטְן פְלֵייש הָאט גָאט צוּ זֵיי גִיבְּרַאכְט אַמִין עוֹף וָואס הֵייסְט שְׂלָיו אוּנ מִיט בְּרוֹיט פוּן דֶעם הִימֶל דָאס אִיז דֶער מַן הָאט עֶר זֵיי זַאט גִימַאכְט: (מא) פתח גָאט הָאט גִיעֶפִינְט דֶעם שְׁטֵיין הָאט גִירוּנֶען וַואסֶר. אִין דֶער מִדְבָּר אִיז גִיגַאנְגֶען וַואסֶר וִויא אַטַייךְ: (מב) כי וָוארוּם גָאט הָאט גִידֵיינְקְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע דִבּוּרִים וָואס עֶר הָאט מַבְטִיחַ גִיוֶועזְן צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ זַיין קְנֶעכְט: (מג) ויוצא אוּנ הָאט אוֹיס גִיצוֹיגְן זַיין פָאלְק מִיט פְרַייד. מִיט גִיזַאנְג זַיינֶע אוֹיסְדֶערְוֵוילְטֶע: (מד) ויתן אוּנ עֶר הָאט זֵיי גִיגֶעבְּן דִי לֶענְדֶער פוּן כְּנַעַן אוּנ דָס עֲשִׁירוּת פוּן דִי פֶעלְקֶר פוּן כְּנַעַן הָאבְּן זֵיי גִירְשֶׁת: (מה) בעבור נָאר דָס גוּטְקַייט הָאט זַייא גָאט גִיגֶעבְּן כְּדֵי אַז זַייא זָאלְן הִיטְן זַיינֶע חוּקִים אוּנ זַיין תּוֹרָה דְרוּם לוֹיבְּט גָאט:
קו (א) הללויה. לוֹיבְּט אוּנ דַאנְקְט צוּ גָאט וָוארוּם עֶר טוּט גוּטְס דֶען אוֹיף אֵייבִּיג אִיז זַיין גִינָאד: (ב) מי וֶוער קָאן דֶער צֵיילְן אַלֶע גְבוּרוֹת פוּן גָאט. וֶוער קָאן מַאכְן הֶערְן אַלֶע זַיינֶע לוֹיבּ: (ג) אשרי ווֹאוֹל צוּ דִי דָאזִיגֶע וָואס הִיטְן דִי מִשְׁפָּטִים פוּן דֶער תּוֹרָה אוּנ טוּעֶן צְדָקָה אַלֶע צַייט: (ד) זכרני גִידֵיינְק מִיךְ גָאט אַז דוּ וֶועסְט זַיין בַּווילִיגְט צוּ דַיין פָאלְק אוּנ גִידֵיינְק מִיךְ צוּ גוּטְס אַז דַיין הִילְף וֶועט קוּמֶען: (ה) לראות אַז אִיךְ זָאל זֶעהְן אִין דֶעם גוּטְס פוּן דַיינֶע אוֹיס דֶער וֶוילְטֶע. צוּ פְרֵייעֶן זִיךְ אִין דֶער שִׂמְחָה פוּן דַיין פָאלְק. צוּ בַּארִימֶען זִיךְ מִיט דִי וָואס זַיינֶען דַיין נַחֲלָה: (ו) חטאנו מִיר הָאבְּן גִיזִינְדִיגְט

זכרו את רב חסדיך וימרו על ים בים סוף:
ח ויושיעם למען שמו להודיע את גבורתו: ט ויגער
בים סוף ויחרב ויוליכם בתהמות כמדבר:
י ויושיעם מיד שונא ויגאלם מיד אויב: יא ויכסו
מים צריהם אחד מהם לא נותר: יב ויאמינו
בדבריו ישירו תהלתו: יג מהרו שכחו מעשיו
לא חכו לעצתו: יד ויתאוו תאוה במדבר וינסו
אל בישימון: טו ויתן להם שאלתם וישלח רזון
בנפשם: טז ויקנאו למשה במחנה לאהרן קדוש
יי: יז תפתח ארץ ותבלע דתן ותכס על עדת
אבירם: יח ותבער אש בעדתם להבה תלהט
רשעים: יט יעשו עגל בחרב וישתחוו למסכה:
כ וימירו את כבודם בתבנית שור אכל עשב:

---

מיט אונזרע עלטערן. מיר האבן פר קרימט אונ שלעכטס געטאן: (ז) אבותינו אונזרע
עלטערן אין מצרים האבן ניט גיקלערט צו פר שטיין די וואונדר וואס דו האסט געטאן
אין מצרים. זיי האבן ניט גידיינקט די פיל חסדים וואס דו האסט געטאן מיט זיי אונ
אז זייא זיינען נאך גיוועזן ביים דעם ים האבן זייא שוין ווידער גישפעניגט אין גאט:
(ח) ויושיעם אונ גאט האט זיי פארט גיהאלפן פון וועגין זיין נאמן אז ער זאל ניט פאר
שוועכט ווערין. ער זאל לאזן וויסן זיין גבורה: (ט) ויגער גאט האט אן גישריען אויף
דעם ים איז ער טרוקן גיווארן אונ האט זיי גיפירט אין דיא טיפעניש פון ים טרוקין
וויא אין דער מדבר: (י) ויושיעם אונ האט זייא גיהאלפן פון דער האנד פון שונא אונ
האט זיי אויס גילייזט פון האנד פון פיינד: (יא) ויכסו אונ דאס וואסר האט צו גידעקט
זייערע בעלידיגר. איינר פון זייא איז ניט גיבליבן: (יב) ויאמינו אונ דענסטמאל האבן
זייא גיגלויבט אין גאטס רייד אונ האבן גיזונגן זיין לויב: (יג) מהרו אין אקליינע צייט
האבן זייא גיאיילט צו פר געסן גאטס ווערק אונ האבן ניט גיווארט אויף גאטס עצה:
(יד) ויתאוו אונ האבן גיגלוסט אגילוסטונג פון פלייש אין דר מדבר אונ האבן גיפרובט
גאט אין דר וויסטעניש: (טו) ויתן אונ גאט האט זייא גיגעבן זייער בגער דאס איז דר
שליו ער האט אבר אריין גישיקט איין אויסצערונג אין זייא דאס זייא זיינען נאך
מאגערר גיווארן: (טז) ויקנאו אונ זייא האבן משה רבינו דער צערינט אין דער מחנה
אונ אהרן דעם היילגן פון גאט האבין זייא אויך דר צערינט: (יז) תפתח דיא ערד האט
גיעפינט איר מויל אונ האט איין גישלונגען דתן אונ האט באדעקט די גימיינדע פון
אבירם: (יח) ותבער אונ אפייער האט גיברענט אין זייער עדה. אפלאם האט גיפלאמט
אויף דיא רשעים: (יט) יעשו איין עגל האבן זייא גימאכט אין חורב אונ האבין זיך
גיבוקט

כא שָׁכְחוּ אֵל מוֹשִׁיעָם עֹשֶׂה גְדֹלוֹת בְּמִצְרָיִם׃
כב נִפְלָאוֹת בְּאֶרֶץ חָם נוֹרָאוֹת עַל יַם סוּף׃
כג וַיֹּאמֶר לְהַשְׁמִידָם לוּלֵי מֹשֶׁה בְחִירוֹ עָמַד בַּפֶּרֶץ
לְפָנָיו לְהָשִׁיב חֲמָתוֹ מֵהַשְׁחִית׃ כד וַיִּמְאֲסוּ בְּאֶרֶץ
חֶמְדָּה לֹא הֶאֱמִינוּ לִדְבָרוֹ׃ כה וַיֵּרָגְנוּ בְאָהֳלֵיהֶם
לֹא שָׁמְעוּ בְּקוֹל יי׃ כו וַיִּשָּׂא יָדוֹ לָהֶם לְהַפִּיל
אוֹתָם בַּמִּדְבָּר׃ כז וּלְהַפִּיל זַרְעָם בַּגּוֹיִם וּלְזָרוֹתָם
בָּאֲרָצוֹת׃ כח וַיִּצָּמְדוּ לְבַעַל פְּעוֹר וַיֹּאכְלוּ זִבְחֵי
מֵתִים׃ כט וַיַּכְעִיסוּ בְּמַעַלְלֵיהֶם וַתִּפְרָץ בָּם מַגֵּפָה׃
ל וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה׃ לא וַתֵּחָשֶׁב
לוֹ לִצְדָקָה לְדֹר וָדֹר עַד עוֹלָם׃ לב וַיַּקְצִיפוּ עַל מֵי
מְרִיבָה וַיֵּרַע לְמֹשֶׁה בַּעֲבוּרָם׃ לג כִּי הִמְרוּ אֶת
רוּחוֹ וַיְבַטֵּא בִּשְׂפָתָיו׃ לד לֹא הִשְׁמִידוּ אֶת הָעַמִּים

---

גיבוקט צו איין אויס גיגאסענם בילד: (כ) וימירו און האבן פר ביטן גאטס כבוד אויף אגישטאלט פון איין אקס וואס עסט גראז: (כא) שכחו זייא האבן פר געסן גאט וואס האט זייא גיהאלפן. וואס האט גיטאן גרויסע זאכן אין מצרים: (כב) נפלאות וואונדער האט ער גיטאן אין דעם לאנד חם. פארכטיגע זאכן האט ער זיי גיטאן אויף דעם ים סוף: (כג) ויאמר אונ גאט האט גיטראכט צו פאר טיליגן זייא, ווען משה רבינו זיין אויס דר ווייל טער וואלט ניט גישטאנן פאר גאט מתפלל זיין פאר דיא ישראל אין ברעכענים ווידער צו קערן גאטס צארן פון צו פאר דארבן דיא ישראל: (כד) וימאסו די יודן האבן פר מיאוסת אין גילוסטיגן לאנד אונ האבן ניט גיגלויבט אין גאטס רייד: (כה) וירגנו זיי האבן זיך גיקריגט אין זייערע גיצעלטן. זיי האבן ניט צו גיהערט אין גאטס קול: (כו) וישא אונ גאט האט אויף גיהויבן זיין האנד צו זייא צו שווערין צו מאכן זייא פאלן אין דער מדבר: (כז) ולהפיל אונ זייערע קינדער צו מאכין פאלין צווישן היידן אונ צו פר שפרייטן זייא אין דיא לענדר: (כח) ויצמדו אונ זיי האבין זיך בהעפט צו דער עבודה זרה וואס האט גיהייסן בעל פעור אונ זייא האבן גיגעסין שעכטונג פון זייערע קרבנות: (כט) ויכעיסו אונ זייא האבן גאט דר צערינט מיט זייערע ווערק אונ עס האט זיך גישטארקט אין זיי אמגפה: (ל) ויעמד איז פינחס אויף גישטאנן אונ האט גיטאן אמשפט אין זמרי בן סלוא אונ די מגפה איז איין גיהאלטן גיווארן: (לא) ותחשב אונ דס איז גירעכינט גיווארן צו פינחס פר אצדקה. דר זכות וועט גיהיט ווערן צו אים ביז אייביג: (לב) ויקציפו אונ נאך דעם האבן די יודין דער צערינט גאט ביי דר מי מריבה איז איבר זייא ארויס גיקומן ארעה צו משה רבינו: (לג) כי ווארום זייא האבן ווידר גישפעניגט גאטס ווילן האט משה רבינו גירעט מיט זיינע לעפצין

אשר אמר יי להם: לה ויתערבו בגוים וילמדו
מעשיהם: לו ויעבדו את עצביהם ויהיו להם
למוקש: לז ויזבחו את בניהם ואת בנותיהם
לשדים: לח וישפכו דם נקי דם בניהם ובנותיהם
אשר זבחו לעצבי כנען ותחנף הארץ בדמים:
לט ויטמאו במעשיהם ויזנו במעלליהם: מ ויחר
אף יי בעמו ויתעב את נחלתו: מא ויתנם ביד
גוים וימשלו בהם שונאיהם: מב וילחצום אויביהם
ויכנעו תחת ידם: מג פעמים רבות יצילם והמה
ימרו בעצתם וימכו בעונם: מד וירא בצר להם
בשמעו את רנתם: מה ויזכר להם בריתו וינחם
כרב חסדיו: מו ויתן אותם לרחמים לפני כל
שוביהם: מז הושיענו יי אלהינו וקבצנו מן הגוים
להודות לשם קדשך להשתבח בתהלתך:

---

אונ האט זייא גירופן ווידר שפעניגע איז ער גישטראפט גיווארן: (לד) לא אונ אז זייא
זיינן גיקומן אין ארץ ישראל האבן זייא ניט פאר טיליגט דיא היידן וואס גאט האט
זייא גיהייסן פר טיליגן: (לה) ויתערבו אונ זייא האבן זיך צו מישט מיט די היידן אונ
האבן זיך אויס גילערינט זייערע מעשים: (לו) ויעבדו אונ זייא האבן גידינט זייערע
היידנישע געטצן אונ די געטצן זיינן גיוועזן צו זייא אשט יוכלונג: (לז) ויזבחו אונ זייא
האבן גישאכטן זייערע זין אונ טעכטער צו שדים: (לח) וישפכו אונ זייא האבן פאר
גאסן ריין בלוט דיא בלוט פון זייערע זין אונ טעכטר וואס זייא האבן גישאכטין צו
די אפ געטר פון כנען אונ דס לאנד איז פאר שולדיגט גיווארן מיט מענשן בלוט:
(לט) ויטמאו אונ זיי זיינען פאר אומריינינגט גיווארן מיט זייערע מעשים אונ האבין אב
גיקערט פון גאט מיט זייערע ווערק: (מ) ויחר האט גאט גיצערינט אין זיין פאלק אונ
האט פר אומווירדיגט אין זיין ארב: (מא) ויתנם אונ האט זייא גיגעבין אין דיא הענד
פון היידין אונ זייערע שונאים האבין אין זייא גיוועלטיגט: (מב) וילחצום אונ זייערע
פיינד האבן זייא גידריקט אונ זייא זיינען וואַרן אונטר טעניג אונטר זייערע הענד:
(מג) פעמים פיל מאל האט זיי גאט מציל גיוועזן אונ נאך דעם האבן זיי ווידר גישפעניגט
אין גאט מיט זייערע בייזע עצות. זיינען זייא פאר ארימט גיווארין מחמת זייערע
עברות: (מד) וירא אונ אז גאט האט גיזעהן זייערע צרות ווייל ער האט גיהערט זייער
גיבעט: (מה) ויזכור האט ער צו זייא גידיינקט דעם ברית פון דיא אבות אונ האט זיך
בראטן אויף דעם בייז מחמת זיינע פיל חסדים: (מו) ויתן אונ גאט האט זייא גיגעבין
חן פר דיא וואס האבן זיי גיפאנגן זיי זאלן רחמנות האבן אויף זיי: (מז) הושיענו בעטן

מח ברוך יי אלהי ישראל מן העולם ועד העולם
ואמר כל העם אמן הללויה:

## ספר ליום ששי חמישי

דער מזמור איז אשכנת צו השית היען איינער איז גיוועזן אין איין מדבר אדער גיפארין אין ים אונ איז ארויס בשלום. אדער ער איז ארויס פון תפיסה. אדער ער איז גיזונד גיווארין פון אקראנקהייט:

קז א הודו ליי כי טוב כי לעולם חסדו: ב יאמרו
גאולי יי אשר גאלם מיד צר: ג ומארצות
קבצם ממזרח וממערב מצפון ומים: ד תעו
במדבר בישימון דרך עיר מושב לא מצאו:
ה רעבים גם צמאים נפשם בהם תתעטף:
ו ויצעקו אל יי בצר להם ממצוקותיהם יצילם:
ז וידריכם בדרך ישרה ללכת אל עיר מושב:
ח יודו ליי חסדו ונפלאותיו לבני אדם: ט כי
השביע נפש שקקה ונפש רעבה מלא טוב:
י ישבי חשך וצלמות אסירי עני וברזל: יא כי
המרו אמרי אל ועצת עליון נאצו: יב ויכנע

---

מיר דיך גאט זאלסט אונז העלפן אונ זאלסט אונז איין זאמלן פון די פעלקר אז מיר זאלן לויבן דיין הייליגן נאמן אונ מיר זאלן זיך בארימען מיט דיין לויב: (מח) ברוך גילויבט איז גאט דר גאט פון ישראל פון דעם אנהייב דר וועלט ביז דעם אויס לאז פון דער וועלט אונ דאס גאנצע פאלק וועט ענטפערן אמן לויבט גאט:

קז (א) הודו לויבט צו גאט ווארום ער טוט גוטס דען אויף אייביג איז זיין גינאד: (ב) יאמרו דס וועלן זאגן גאטס אויס גילייזטע וואס ער האט זייא אויס גילייזט פון דער האנד פון דעם באליידיגר: (ג) ומארצות אונ פון אלע לענדער האט ער זייא איין גיזאמילט. פון אלע פיר זייטן פון דער וועלט: (ד) תעו זיי זיינן פר אירט גיווארין אין אוויסטן וועג אונ האבן ניט גיקאנט גיפינען קיין באזעצטע שטאט: (ה) רעבים זיי זיינן גיוועזן הונגעריג אונ דארשטיג אונ זייער לייב איז גיוועזן איין גיוויקילט אין צרות: (ו) ויצעקו אונ אז עס איז זייא גיוועזן איינג האבן זייא גישריען צו גאט האט ער זייא מציל גיוועזן פון זייערע צרות: (ז) וידריכם אונ ער האט זייא גיפירט אין רעכטן וועג אז זייא זאלן קענן גיין צו איין באזעצטע שטאט: (ח) יודו זייא דארפן לויבן גאט אויף זיין גינאד אונ זיינע וואונדר וואס ער טוט צו מענטשן: (ט) כי ווייל ער האט גיזעט דיא גילוסטיגע לייבר אונ די הונגעריגע לייבר האט ער דר פילט מיט גוטס: (י) יושבי דיא מענטשן וואס זיצן אין דער פינסטערניש וואס זייא זיינן גיבונדן מיט בדריקונג אונ מיט אייזערנע קייטן: (יא) כי ווייל זייא האבן ווידער גישפעניגט גאטס זאג אונ

נאטש

בַּעָמָל לִבָּם כָּשְׁלוּ וְאֵין עֹזֵר: יג וַיִּזְעֲקוּ אֶל יְיָ בַּצַּר
לָהֶם מִמְּצֻקוֹתֵיהֶם יוֹשִׁיעֵם: יד יוֹצִיאֵם מֵחֹשֶׁךְ
וְצַלְמָוֶת וּמוֹסְרוֹתֵיהֶם יְנַתֵּק: טו יוֹדוּ לַייָ חַסְדּוֹ
וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם: טז כִּי שִׁבַּר דַּלְתוֹת נְחֹשֶׁת
וּבְרִיחֵי בַרְזֶל גִּדֵּעַ: יז אֱוִלִים מִדֶּרֶךְ פִּשְׁעָם
וּמֵעֲוֹנֹתֵיהֶם יִתְעַנּוּ: יח כָּל אֹכֶל תְּתַעֵב נַפְשָׁם
וַיַּגִּיעוּ עַד שַׁעֲרֵי מָוֶת: יט וַיִּזְעֲקוּ אֶל יְיָ בַּצַּר לָהֶם
מִמְּצֻקוֹתֵיהֶם יוֹשִׁיעֵם: כ יִשְׁלַח דְּבָרוֹ וְיִרְפָּאֵם
וִימַלֵּט מִשְּׁחִיתוֹתָם: כא יוֹדוּ לַייָ חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו
לִבְנֵי אָדָם: כב וְיִזְבְּחוּ זִבְחֵי תוֹדָה וִיסַפְּרוּ מַעֲשָׂיו
בְּרִנָּה: כג יוֹרְדֵי הַיָּם בָּאֳנִיּוֹת עֹשֵׂי מְלָאכָה בְּמַיִם
רַבִּים: כד הֵמָּה רָאוּ מַעֲשֵׂי יְיָ וְנִפְלְאוֹתָיו בִּמְצוּלָה:
כה וַיֹּאמֶר וַיַּעֲמֵד רוּחַ סְעָרָה וַתְּרוֹמֵם גַּלָּיו: כו יַעֲלוּ
שָׁמַיִם יֵרְדוּ תְהוֹמוֹת נַפְשָׁם בְּרָעָה תִתְמוֹגָג:
כז יָחוֹגּוּ וְיָנוּעוּ כַּשִּׁכּוֹר וְכָל חָכְמָתָם תִּתְבַּלָּע:

---

גאָטס עצה האָבן זייא מבזה געווען: (יב) ויכנע האָט ער זייער האַרץ געמאַכט אונטער
טעניג מחמת מידיקייט און זיינען וואָרן געשטרויכלט און האָבן ניט געפונען קיין
העלפער: (יג) ויזעקו און אַז זיי איז אייננג געווען האָבן זיי געשריען צו גאָט האָט ער זייא
געהאָלפן פון זייערע צרות: (יד) יוציאם און האָט זייא אויס געצויגן פון פינסטערניש
און זייערע בונדן האָט ער צו ריסן: (טו) יודו זיי דאַרפן לויבן גאָט אויף זיין גינאָד און
זיינע וואונדער וואָס ער טוט צו מענטשן: (טז) כי וואָרום ער האָט צו בראָכן די קופערנע
טירן פון דר תפיסה און די אייזערנע ריגלן האָט ער צו האַקט: (יז) אוילים די נאַרן דיא
זינדיגע וואָס מחמת זייערע עבירות זיינען זייא געפייניגט: (יח) כל אַז אַלע עסן וואָרג
טוט זייער לייב פאַר מיאוסן און זייא גרייכן ביז די טויערן פון דעם טויט: (יט) ויזעקו
און אַז זיי איז געווען אייננג האָבן זיי געשריען צו גאָט האָט ער זיי געהאָלפן פון זייערע
צרות: (כ) ישלח און האָט געשיקט זיינע רייד זיינען זייא געהיילט געוואָרן און האָט זייא
געמאַכט אַנטרינען פון זייער פאַר דאַרבונג: (כא) יודו זיי דאַרפן לויבן גאָט אויף זיין גינאָד
און זיינע וואונדער וואָס ער טוט צו מענטשן: (כב) ויזבחו און דאַרפן שעכטן קרבנות
פון לויבונג און דר ציילן זיינע ווערק מיט געזאַנג: (כג) יורדי די מענטשן וואָס נידערן
מיט שיפן אויף דעם ים און טוען זייער געשעפט אין דיא גרויסע וואַסערן: (כד) המה
זיי זעהן דיא ווערק פון גאָט און זיינע וואונדער זעהן זייא אין דיא טיפעניש פון ים:
(כה) ויאמר אַז גאָט טוט זאָגן, שטעלט זיך אויף אַשטורם ווינד און עס הייבט זיך אויף
זיינע

כח ויצעקו אל יי בצר להם וממצוקתיהם יוציאם:
כט יקם סערה לדממה ויחשו גליהם: ל וישמחו
כי ישתקו וינחם אל מחוז חפצם: לא יודו ליי חסדו
ונפלאותיו לבני אדם: לב וירוממוהו בקהל עם
ובמושב זקנים יהללוהו: לג ישם נהרות למדבר
ומצאי מים לצמאון: לד ארץ פרי למלחה מרעת
יושבי בה: לה ישם מדבר לאגם מים וארץ ציה
למצאי מים: לו ויושב שם רעבים ויכוננו עיר
מושב: לז ויזרעו שדות ויטעו כרמים ויעשו פרי
תבואה: לח ויברכם וירבו מאד ובהמתם לא
ימעיט: לט וימעטו וישחו מעצר רעה ויגון: מ שפך
בוז על נדיבים ויתעם בתהו לא דרך: מא וישגב
אביון מעוני וישם כצאן משפחות: מב יראו ישרים

---

זיינע אינדן: (כו) יעלו דיא שיפן הייבן זיך ביז דעם הימיל אונ דר נאך נידערן זיי ביז דעם תהום אונ די מענטשן אויף דיא שיפן ווערן צו גאנגן פר שרעק: (כז) יחגו זייא שאקלען זיך אין די שיפן וויא אשכור אונ אלע זייערע חכמות ווערט פאר דארבן: (כח) ויצעקו אונ אז זייא איז איינג גיוועזן האבן זייא גישריען צו גאט האט ער זייא אויס גיצויגן פון זייערע צרות: (כט) יקם ער שטעלט דעם שטורעם ווינד אונ מאכט אים שטיל אונ זייערע אינדן שווייגן: (ל) וישמחו אונ די מענטשן פרייען זיך דם די אינדן זיינן רוהיג אונ גאט טוט זיי פירן וואוהין זייא בדארפן: (לא) יודו זיי דארפן לויבן גאט אויף זיין גינאד אונ זיינע וואונדר וואס ער טוט צו מענטשן: (לב) וירוממוהו אונ זייא דר הייבן גאטס נאמן צווישן פיל פאלק אונ אין דעם זיצונג פון עלטסטע לייט טוען זיי אים לויבן: (לג) ישם ווארום ער קאן טרוקן מאכן טייכן וויא אמדבר אונ דיא קוועלן פון וואסר מאכט ער צו אדארשטיגן ארט: (לד) ארץ אלאנד וואס וואקסט פרות קאן ער מאכן פר איין פר דארבן לאנד ווייל די לייט וואס זיינן אין לאנד זיינען שלעכטע מענטשן: (לה) ישם אונ גאט קאן ווידר מאכן אטרוקן ארט זאל זיך דארטן איין זאמלן וואסער אונ אוויסט לאנד זאל זיין קוואלן פון וואסער: (לו) ויושב אונ ער בזעצט דארטן מענטשן וואס זיינן הונגריג גיוועזן ביז אהער אונ זיי שטעלן דארטן אויף אבזעצטע שטאט: (לז) ויזרעו אונ זייען פעלדר אונ פלאנצן וויין גערטנער אונ עס וואקסט דארטן פרוכט אונ תבואות: (לח) ויברכם אונ גאט בענטשט זיי אונ זייא מערן זיך זייער אונ זייערע בהמות ווערן ניט גימינערט: (לט) וימעטו אונ די מענטשן ווערן גימינערט אונ איין גיבויגן אז זיי זינדיגן מחמת טרויעריקייט אונ שלעכטס וואס עס איז ביי זייא: (מ) שפך אמאל ברייננט גאט בזיונות אויף גרויסע לייט אונ פאר אירט זייא אז זייא

וְיִשְׂמָחוּ וְכָל עַוְלָה קָפְצָה פִּיהָ: מג מִי חָכָם וְיִשְׁמָר
אֵלֶּה וְיִתְבּוֹנְנוּ חַסְדֵי יְיָ:

דער מזמור גיט איין קבוץ גליות במהרה בימינו:

יום כג קח א שִׁיר מִזְמוֹר לְדָוִד: ב נָכוֹן לִבִּי אֱלֹהִים
אָשִׁירָה וַאֲזַמְּרָה אַף כְּבוֹדִי: ג עוּרָה
הַנֵּבֶל וְכִנּוֹר אָעִירָה שָּׁחַר: ד אוֹדְךָ בָעַמִּים יְיָ
וַאֲזַמֶּרְךָ בַּלְאֻמִּים: ה כִּי גָדוֹל מֵעַל שָׁמַיִם חַסְדֶּךָ
וְעַד שְׁחָקִים אֲמִתֶּךָ: ו רוּמָה עַל שָׁמַיִם אֱלֹהִים וְעַל
כָּל הָאָרֶץ כְּבוֹדֶךָ: ז לְמַעַן יֵחָלְצוּן יְדִידֶיךָ הוֹשִׁיעָה
יְמִינְךָ וַעֲנֵנִי: ח אֱלֹהִים דִּבֶּר בְּקָדְשׁוֹ אֶעְלֹזָה
אֲחַלְּקָה שְׁכֶם וְעֵמֶק סֻכּוֹת אֲמַדֵּד: ט לִי גִלְעָד לִי
מְנַשֶּׁה וְאֶפְרַיִם מָעוֹז רֹאשִׁי יְהוּדָה מְחֹקְקִי: מוֹאָב
סִיר רַחְצִי עַל אֱדוֹם אַשְׁלִיךְ נַעֲלִי עֲלֵי פְלֶשֶׁת
אֶתְרוֹעָע: יא מִי יֹבִלֵנִי עִיר מִבְצָר מִי נָחַנִי עַד
אֱדוֹם: יב הֲלֹא אֱלֹהִים זְנַחְתָּנוּ וְלֹא תֵצֵא אֱלֹהִים

---

גייען אין דר וויסטע וואס איז ניט קיין וועג: (מא) וישגב און אמאל שטארקט ער דעם אביון פון זיין ארעמקייט און ער מאכט זיינע משפחות פיל וויא שאף: (מב) יראו די רעכטפארטיגע לייט וועלין זעהן און וועלן זיך פרייען און דאס אונרעכט וועט צו שליסן איר מויל: (מג) מי דר וואס איז אחכם וועט היטן אין הארצן די זאכן וואס דא איז געשטאנען און וועלין פאר שטיין דיא חסדים פון גאט:

קח (א) שיר וגו׳: (ב) נכון מיין הארץ איז אן געברייט צו דיר גאט דרום טוא איך צו דיר זינגן אויך מיין נשמה טוט זינגן צו דיר: (ג) עורה דוא פידיל דר וועק צו שפילן צו גאט. איך וועל ערוועקן דעם מארגן שטערן: (ד) אודך איך וועל דיך לויבן גאט פאר דיא פעלקר און וועל לויבן צו דיר גאט צווישין נאציאנען: (ה) כי ווארום דיין חסד איז גרויס און העכר פון דעם הימל און דייןווארהייט איז ביז דעם הימל: (ו) רומה וער דר הייבן גאט וויא אז דוא זיצט אין הימל און אויף דר גאנצר וועלט איז דיין כבוד: (ז) למען דאס דיינע געליבטע זאלן גערעטעט ווערן פון זייערע צרות. זאלסט זייא העלפין מיט דיין רעכטע האנד און זאלסט מיר אויך ענטפערן: (ח) אלהים גאט האט גירעט מיט זיינע הייליגע רייד אז איך וועל מיך פרייען מיט מיין מלוכה. שכם וועל איך איין טיילין און עמק סוכות וועל איך צו מעסטין: (ט) לי גלעד און מנשה וועט זיין אינטר טעניג צו מיר און אפרים וועט זיין דאס שטארקייט פון מיין קאפ און פון שבט יהודה וועלן זיין מיינע העררן: (י) מואב מואב וועט זיין מיין וואש טאפ. אויף אדום וועל איך ווארפן מיין שוך. אויף די פלשתים וועל איך שאלן מיט אקול:

מי

בִּצְבְאֹתֵינוּ: יג הָבָה לָּנוּ עֶזְרָת מִצָּר וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת
אָדָם: יד בֵּאלֹהִים נַעֲשֶׂה חָיִל וְהוּא יָבוּס צָרֵינוּ:

דעם מזמור האט דוד המלך געזאגט נעגן זיינע שונאים וואס האבן זיך גערייצט פאר אים וויא גוטע פריינד:

קט א לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד מִזְמוֹר אֱלֹהֵי תְהִלָּתִי אַל תֶּחֱרַשׁ:
ב כִּי פִי רָשָׁע וּפִי מִרְמָה עָלַי פָּתָחוּ דִּבְּרוּ אִתִּי
לְשׁוֹן שָׁקֶר: ג וְדִבְרֵי שִׂנְאָה סְבָבוּנִי וַיִּלָּחֲמוּנִי חִנָּם:
ד תַּחַת אַהֲבָתִי יִשְׂטְנוּנִי וַאֲנִי תְפִלָּה: ה וַיָּשִׂימוּ עָלַי
רָעָה תַּחַת טוֹבָה וְשִׂנְאָה תַּחַת אַהֲבָתִי: ו הַפְקֵד
עָלָיו רָשָׁע וְשָׂטָן יַעֲמֹד עַל יְמִינוֹ: ז בְּהִשָּׁפְטוֹ יֵצֵא
רָשָׁע וּתְפִלָּתוֹ תִּהְיֶה לַחֲטָאָה: ח יִהְיוּ יָמָיו מְעַטִּים
פְּקֻדָּתוֹ יִקַּח אַחֵר: ט יִהְיוּ בָנָיו יְתוֹמִים וְאִשְׁתּוֹ
אַלְמָנָה: י וְנוֹעַ יָנוּעוּ בָנָיו וְשִׁאֵלוּ וְדָרְשׁוּ
מֵחָרְבוֹתֵיהֶם: יא יְנַקֵּשׁ נוֹשֶׁה לְכָל אֲשֶׁר לוֹ וְיָבֹזּוּ
זָרִים יְגִיעוֹ: יב אַל יְהִי לוֹ מֹשֵׁךְ חָסֶד וְאַל יְהִי חוֹנֵן

---

(יא) מי ווער האט מיך דען געבראכט צו דיא פעסטע שטעט. ווער האט מיך דען געפירט ביז אדום: (יב) הלא פאר וואר דוא גאט וואס דוא האסט אונז פריער פר לאזן אונ ביסט ניט גיגאנגען אין אונזער חיל צו העלפין אונז: (יג) הבה גיב אונז אהילף פון באליידיגר ווארום די הילף פון מענטשן איז פאלש: (יד) באלהים מיט דר הילף פון גאט וועלין מיר טאן גבורות אונ ער וועט טרעטין אונזערע באליידיגער:

קט (א) למנצח. גאט וואס איך לויב דיך זאלסטו ניט שווייגין: (ב) כי ווארום דער רשע אונ דר שאלקהאפטיגער האבין אויף מיר געעפינט זייער מויל. זיי האבן גירעט מיט מיר פאלשקייט: (ג) ודברי אונ זיי האבן מיך ארום גירינגילט מיט רייד פון שנאה אונ אומזונסט האלטן זיי מיט מיר מלחמה: (ד) תחת ווייל איך האב דיך גאט ליב טוען זיי היטן אויף מיר אשנאה אונ איך בין שטענדיג מתפלל צו דיר: (ה) וישימו זייא טראכטן אויף מיר ביז דער פאר וואס איך האב זייא טובות גיטאן. ווייל איך האב זייא ליב האבן זייא מיך פיינט: (ו) הפקד דרום זאלסטו בפעלין אויף אים אזו ארשע וויא ער איז אונ דער שטן זאל שטיין ביי זיין רעכטע האנד: (ז) בהשפטו אז ער וועט גמשפט ווערן זאל ער ארויס שולדיג אונ זיין גיבעט זאל דער מאגן זיינע עברות: (ח) יהיו זיינע טעג זאלן ווייניג זיין אויף דער וועלט. זיין עשירות וואס ער באפעלט דרויף זאל אנאנדערר צו נעמן: (ט) יהיו זיינע קינדער זאלן זיין יתומים אונ זיין ווייב זאל זיין איין אלמנה: (י) ונוע אונ די קינדר פון דעם רשע זאלן זיין נע ונד אונ זאלן גיין ברויט בעטן אונ זאלין בעטלען אויף דיא טירין פון זייערע חורבות: (יא) ינקש דער וואס מאנט דעם רשע געלט זאל אויף אים אשטרויכלינדיגע נעץ פר שפרייטן אונ אוועק נעמן אלץ וואס ער האט אונ פרעמדע זאלן רויבן זיין עשירות:

אל

לִיתוֹמָיו: יג יְהִי אַחֲרִיתוֹ לְהַכְרִית בְּדוֹר אַחֵר יִמַּח
שְׁמָם: יד יִזָּכֵר עֲוֹן אֲבֹתָיו אֶל יְיָ וְחַטַּאת אִמּוֹ אַל
תִּמָּח: טו יִהְיוּ נֶגֶד יְיָ תָּמִיד וְיַכְרֵת מֵאֶרֶץ זִכְרָם:
טז יַעַן אֲשֶׁר לֹא זָכַר עֲשׂוֹת חָסֶד וַיִּרְדֹּף אִישׁ עָנִי
וְאֶבְיוֹן וְנִכְאֵה לֵבָב לְמוֹתֵת: יז וַיֶּאֱהַב קְלָלָה
וַתְּבוֹאֵהוּ וְלֹא חָפֵץ בִּבְרָכָה וַתִּרְחַק מִמֶּנּוּ:
יח וַיִּלְבַּשׁ קְלָלָה כְּמַדּוֹ וַתָּבֹא כַמַּיִם בְּקִרְבּוֹ
וְכַשֶּׁמֶן בְּעַצְמוֹתָיו: יט תְּהִי לוֹ כְּבֶגֶד יַעְטֶה וּלְמֵזַח
תָּמִיד יַחְגְּרֶהָ: כ זֹאת פְּעֻלַּת שֹׂטְנַי מֵאֵת יְיָ
וְהַדֹּבְרִים רָע עַל נַפְשִׁי: כא וְאַתָּה יֱהֹוִה אֲדֹנָי
עֲשֵׂה אִתִּי לְמַעַן שְׁמֶךָ כִּי טוֹב חַסְדְּךָ הַצִּילֵנִי:
כב כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנֹכִי וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי: כג כְּצֵל
כִּנְטוֹתוֹ נֶהֱלָכְתִּי נִנְעַרְתִּי כָּאַרְבֶּה: כד בִּרְכַּי
כָּשְׁלוּ מִצּוֹם וּבְשָׂרִי כָּחַשׁ מִשָּׁמֶן: כה וַאֲנִי הָיִיתִי

(יב) אל עֶס זָאל נִיט זַיין אֵיינֶער זָאל אִים חֶסֶד טָאן אוּנ עֶס זָאל קֵיינֶער זִיךְ נִיט מְרַחֵם
זַיין אוֹיף זַיינֶע יְתוֹמִים: (יג) יהי זַיינֶע קִינְדֶער זָאלֶן פַר שְׁנִיטְן וֶוערֶן. אִין דֶעם אַנְדֶערִין
דוֹר זָאל זֵייעֶרֶע נָעמָן אוֹיס גִימֶעקְט וֶוערֶן: (יד) יזכר צוּ גָאט זָאל דֶער מָאנְט וֶוערֶן דִי
עֲבֵרוֹת פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּנ דִיא עֲבֵרוֹת פוּן זַיין מוּטֶער זָאל נִיט אוֹיס גִימֶעקְט
וֶוערְן: (טו) יהיו זַייא זָאלִין זַיין שְׁטֶענְדִיג אַנְטְקֶעגִין גָאט אוּנ עֶר זָאל פַר שְׁנַיידִין זֵייעֶר
גִידֶעכְעֶנִישׁ פוּן דֶר וֶועלְט: (טז) יען וַוייל עֶר הָאט נִיט גִידֵיינְקְט צוּ טָאן חֶסֶד אוּנ הָאט
נָאךְ גֶעיָאגְט דֶעם עָנִי אוּנ דֶעם אֶבְיוֹן אוּנ וָואס הָאט אַצוּבְרָאכֶן הַארְץ צוּ טֵייטְן
אִים: (יז) ויאהב עֶר הָאט לִיבּ גִיהַאט דִי קְלָלָה דְרוּם אִיז זִיא גִיקוּמֶן אוֹיף אִים אוּנ הָאט
נִיט בַּגֶערְט דִיא בְּרָכָה דְרוּם וֶועט דִי בְּרָכָה וַוייט זַיין פוּן אִים: (יח) וילבש אוּנ עֶר וֶועט
זַיין אָן גִיקְלֵיידְט מִיט אַקְלָלָה וִויא מִיט אַמַלְבּוּשׁ אוּנ זִיא וֶועט קוּמֶן אִין אִים אַזוֹ פִיל
וִויא וַואסֶר. אַזוֹ וִויא אֵייל גֵייט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער: (יט) תהי דִי קְלָלוֹת וֶועלְן אִים אַרוּם
וִויקְלֶען וִויא אַקְלֵייד. אוּנ וֶועלִין אִים שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גַארְטְלֶען וִויא אַגַארְטִיל: (כ) זאת
דָס אִיז דִיא בַּאצָאלוּנְג פוּן גָאט אוֹיף מַיינֶע שׂוֹנְאִים אוּנ דִיא וָואס רֵיידְן שְׁלֶעכְטְס
אוֹיף מַיין לַייבּ: (כא) ואתה אוּנ דוּ מַיין גָאט טוּא מִיט מִיר חֶסֶד וֶועגְן דַיין הֵיילִיגְן נָאמֶן.
וִויא דַיין חֶסֶד אִיז גוּט צוּ אִיטְלִיכְן אַזוֹ זָאלְסְטוּ מִיךְ רֶעטְן פוּן מַיינֶע פַיינְד: (כב) כי
אִיךְ בִּין אוּנְטֶער טֶענִיג וִויא אַיין אָרוּמַאן אוּנ מַיין הַארְץ אִיז צוּ שְׁלָאגְן אִין מִיר:
(כג) כצל אִיךְ בִּין גִיגַאנְגְן וִויא דֶר שָׁאטְן גֵייגְט זִיךְ פוּן אַיין אָרְט אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין.
אִיךְ בִּין וָוארְן פַאר וָואגִילְט פוּן אַיין אָרְט אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין וִויא אַהֵיישֶׁערִיק:
(כד) ברכי פוּן פַאסְטְן זַיינֶן מַיינֶע קְנִיא גִישְׁטְרוֹיכִילְט אוּנ שְׁלַאף גִיוָוארְן אוּנ מַיין לַייבּ
אִיז

חֶרְפָּה לָהֶם יִרְאוּנִי יְנִיעוּן רֹאשָׁם: כו עָזְרֵנִי יְיָ אֱלֹהָי
הוֹשִׁיעֵנִי כְחַסְדֶּךָ: כז וְיֵדְעוּ כִּי יָדְךָ זֹּאת אַתָּה יְיָ
עֲשִׂיתָהּ: כח יְקַלְלוּ הֵמָּה וְאַתָּה תְבָרֵךְ קָמוּ וַיֵּבֹשׁוּ
וְעַבְדְּךָ יִשְׂמָח: כט יִלְבְּשׁוּ שׂוֹטְנַי כְּלִמָּה וְיַעֲטוּ
כַמְעִיל בָּשְׁתָּם: ל אוֹדֶה יְיָ מְאֹד בְּפִי וּבְתוֹךְ
רַבִּים אֲהַלְלֶנּוּ: לא כִּי יַעֲמֹד לִימִין אֶבְיוֹן לְהוֹשִׁיעַ
מִשֹּׁפְטֵי נַפְשׁוֹ:

דער מזמור גייט אויף מלך המשיח:

קי א לְדָוִד מִזְמוֹר נְאֻם יְיָ לַאדֹנִי שֵׁב לִימִינִי עַד
אָשִׁית אֹיְבֶיךָ הֲדֹם לְרַגְלֶיךָ: ב מַטֵּה עֻזְּךָ יִשְׁלַח
יְיָ מִצִּיּוֹן רְדֵה בְּקֶרֶב אֹיְבֶיךָ: ג עַמְּךָ נְדָבֹת בְּיוֹם
חֵילֶךָ בְּהַדְרֵי קֹדֶשׁ מֵרֶחֶם מִשְׁחָר לְךָ טַל יַלְדֻתֶיךָ:
ד נִשְׁבַּע יְיָ וְלֹא יִנָּחֵם אַתָּה כֹהֵן לְעוֹלָם עַל דִּבְרָתִי

---

איז מאגער געווארן פון זיין פעטקייט: (כה) ואני און איך בין געווארן איין לעסטערונג
צו זיי. אז זייא זעהן מיך שאקלען זיי אויף מיר זייער קאפ: (כו) עזרני העלף מיר מיין
גאט. שטייא מיר צו הילף ווייא דיין גינאד: (כז) וידעו און זייא זאלן פר שטיין אז דוא
גאט דיין האנט האסט גימאכט מיין ישועה: (כח) יקללו וואס זייא שילטן זאלסטו דאס
אומקערן אויף ברכות. וואס זייא שטייען אויף קעגין מיר וועלן זיי פר שעמט ווערין
און איך דיין קנעכט וועל מיך פרייען: (כט) ילבשו מיינע שונאים זאלן זיך אן קליידין
מיט שאנד און זאלן זיך ארום וויקלען מיט בושה ווייא מיט אהעמד: (ל) אודה איך
וועל גאט זייער לויבן מיט מיין מויל און צווישין פיל לייט וועל איך אים לויבין:
(לא) כי אז ער וועט שטיין אויף דער רעכטער האנד פון ארומאן צו העלפין אים פון
דיא רשעים וואס פאר אורטיילין זיין לייב:

קי (א) לדוד. אז אברהם אבינו האט מנצח געוועזן דיא שטארקע פיינד האט אליעזר
דער צייליט, גאט האט גיזאגט צו מיין האר זיין און ווארט צו דער הילף פון מיין
רעכטע האנד ביז איך וועל מאכן דיינע פיינד פאר איין טרעטונג צו דיינע פיס:
(ב) מטה דאס אונטער לעהנונג פון דיין שטארקייט וועט גאט וואס רועט אין ציון דיר
שיקן וועסטו גיוועלטיגן אין דיינע פיינט: (ג) עמך דיין פאלק וואס וועלן קומן צו דיר
צו הילף וועלן זיך מנדב זיין צו קומען אין דעם טאג אז דוא וועסט מלחמה האלטין
ווייל דוא ביסט גישיינט מיט היילינקייט פון דר צייט אז דוא ביזט ארויס גיגאנגן פון
דער מוטערס טראכט ביסטו צו מיר גיפארשט. דאס וואס דוא האסט מיך גאט דר
קענט פון דער יוגינט אן וועט דיר זיין אזו זיס אזו ווייא דער טויא איז זיס צו דער
וועלט: (ד) נשבע גאט האט גישווארן און וועט זיך ניט בארואטן תוזר צו זיין אז פון דיר
זאל ארויס קומן דיא כהונה אויף אייביג ווייא אויף מלכי צדק איז גיזאגט געווארן

מַלְכִּי צֶדֶק: ה אֲדֹנָי עַל יְמִינְךָ מָחַץ בְּיוֹם אַפּוֹ
מְלָכִים: ו יָדִין בַּגּוֹיִם מָלֵא גְוִיּוֹת מָחַץ רֹאשׁ עַל
אֶרֶץ רַבָּה: ז מִנַּחַל בַּדֶּרֶךְ יִשְׁתֶּה עַל כֵּן יָרִים רֹאשׁ:

דער מדבר וואס מען זאל זיך מיטב זיין אין גאנץ ישראל אונ אין זיינע וואונדערליכע זאכן:

קיא א הַלְלוּיָהּ אוֹדֶה יי בְּכָל לֵבָב בְּסוֹד יְשָׁרִים
וְעֵדָה: ב גְּדֹלִים מַעֲשֵׂי יי דְּרוּשִׁים לְכָל
חֶפְצֵיהֶם: ג הוֹד וְהָדָר פָּעֳלוֹ וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת
לָעַד: ד זֵכֶר עָשָׂה לְנִפְלְאוֹתָיו חַנּוּן וְרַחוּם יי: ה טֶרֶף
נָתַן לִירֵאָיו יִזְכֹּר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ: ו כֹּחַ מַעֲשָׂיו הִגִּיד
לְעַמּוֹ לָתֵת לָהֶם נַחֲלַת גּוֹיִם: ז מַעֲשֵׂי יָדָיו אֱמֶת
וּמִשְׁפָּט נֶאֱמָנִים כָּל פִּקּוּדָיו: ח סְמוּכִים לָעַד
לְעוֹלָם עֲשׂוּיִם בֶּאֱמֶת וְיָשָׁר: ט פְּדוּת שָׁלַח לְעַמּוֹ
צִוָּה לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ קָדוֹשׁ וְנוֹרָא שְׁמוֹ: י רֵאשִׁית

---

ער זאל זיין אכהן: (ה) אדני וויל גאט איז ביא דיר אברהם געשטאנען געבין דיין רעכטע האנד דרום האט אברהם אבינו געשלאגן כדרלעומר אין דעם טאג וואס ער האט געוויזן זיין צארן: (ו) ידין אונ ער האט געטאן אמשפט אין דיא היידין. דאס ארט פון דר מלחמה איז פול געוועזן מיט טויטע לייבר אונ האט געשלאגן איטליכען בזונדר דעם קאפ אויף אגרויסע שטרעקע לאנד: (ז) מנחל אונ אברהם אבינו איז זאט געוועזן פון נצחון וויא אייער איז זאט וואס טרינקט וואסער אויף דעם וועג פון אטייך דרום האט זיך דער הויבן זיין קאפ מנצח צו זיין אבער ניט מיט זיין כח:

קיא (א) הללויה. לויבט גאט אונ איך וועל אויך גאט לויבן מיט דעם גאנצן הארצן מיט דר עצה פון דיא רעכטע פארטיגע אונ מיט דעם איין זאמלונג: (ב) גדולים גאטס ווערק זיינען מיט גרויס חכמה. זייא זיינען געפארשט צו אלע וואס בגערן זייא צו פאר שטיין: (ג) הוד זיינע ווערק זיינען שיין אונ זיין גירעכטיקייט האט אקיום אויף אייביג: (ד) זכר איין אנדייקונג האט ער געמאכט צו זיינע וואונדר וויל ער איז איין לייטזעליגר אונ אדערבארעמיגער גאט: (ה) טרף שפייז דס איז מן האט גאט געגעבן צו זיינע פארכטיגע וויל ער האט גידיינקט אויף אייביג דעם ברית מיט אברהם אבינו: (ו) כח דעם כח פון זיינע ווערק האט ער געזאגט צו זיין פאלק אז ער האט זייא געגעבן דיא ארב פון דיא היידין: (ז) מעשי דיא ווערק פון זיינע הענד איז אמת אונ רעכט. אלע זיינע חוקים זיינען ווארהאפטיג: (ח) סמוכים זייא זיינען אן געלעהנט אז זייא זאלן אקיום האבן אויף אייביג וויל זייא זיינען געמאכט געווארין מיט ווארהייט אונ רעכטפארטיקייט: (ט) פדות גאט האט געשיקט צו זיין פאלק איין אויס לייזונג. ער האט זיי נבאטן די מצות פון דר תורה אויף אייביג וויל זיין נאמן איז הייליג אונ פארכטיג:

ראשית

חָכְמָה יִרְאַת יְיָ שֵׂכֶל טוֹב לְכָל עֹשֵׂיהֶם תְּהִלָּתוֹ
עֹמֶדֶת לָעַד:

דער מזמור גוט יידן פון די נוטע מדות אונ צדקה וואס דער מענטש זאל טאן:

קיב א הַלְלוּיָהּ אַשְׁרֵי אִישׁ יָרֵא אֶת יְיָ בְּמִצְוֹתָיו
חָפֵץ מְאֹד: ב גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר
יְשָׁרִים יְבֹרָךְ: ג הוֹן וָעֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת
לָעַד: ד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים חַנּוּן וְרַחוּם
וְצַדִּיק: ה טוֹב אִישׁ חוֹנֵן וּמַלְוֶה יְכַלְכֵּל דְּבָרָיו
בְּמִשְׁפָּט: ו כִּי לְעוֹלָם לֹא יִמּוֹט לְזֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה
צַדִּיק: ז מִשְּׁמוּעָה רָעָה לֹא יִירָא נָכוֹן לִבּוֹ בָּטֻחַ
בַּיְיָ: ח סָמוּךְ לִבּוֹ לֹא יִירָא עַד אֲשֶׁר יִרְאֶה בְצָרָיו:
ט פִּזַּר נָתַן לָאֶבְיוֹנִים צִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד קַרְנוֹ
תָּרוּם בְּכָבוֹד: י רָשָׁע יִרְאֶה וְכָעָס שִׁנָּיו יַחֲרֹק
וְנָמָס תַּאֲוַת רְשָׁעִים תֹּאבֵד:

דער מזמור אונ דער אנדערער מזמור דער ציילן די נסים פון יציאת מצרים אונ פון בנין בית המקדש:

יום כד קיג א הַלְלוּיָהּ הַלְלוּ עַבְדֵי יְיָ הַלְלוּ אֶת שֵׁם יְיָ:

---

(י) ראשית דם הויפט חכמה איז גאטס פארכט אונ פאר אגוטן פאר שטאנד איז דאס
גירעכינט צו אלע וואס טוען אזו. זיין לויב וועט אקיום האבן אויף אייביג:
קיב (א) הללויה. לויבט גאט אונ זאגט וואול דעם מענטשן וואס האט מורא פאר
גאט אונ בגערט זייער מקיים צו זיין זיינע מצות: (ב) גבור זיינע קינדער וועלין
זיין שטארק אין לאנד. דאס דור פון די רעכט פארטיגע וועלן גיבענטשט זיין מחמת
זייער זכות: (ג) הון ער וועט האבן עשירות אויף דער וועלט אונ זיין שכר וועט זיין
אייביג אויף יענער וועלט אויך: (ד) זרח גאט וועט מאכן שיינען אליכט צו די רעכט
פארטיגע אין דר פינסטער. גאט איז אחנון ורחום אונ אצדיק: (ה) טוב עס איז גוט
אז אמענטש דר בארימט זיך אויף ארימע לייט אונ לייט זיי געלד. ער טוט שפייזן
דיא זאכן פון זיין הויז מיט רעכט פארטיקייט ער פאר בריינגט ניט געלד: (ו) כי
ווארום אייביג וועט ער ניט אויס גיגליטשט ווערן אונ אויף אייביג וועט ער דר מאנט
ווערן פאר אצדיק: (ז) משמועה פאר אבייזע בשורה וועט ער קיין פארכט האבן.
זיין הארץ איז פעסט אונ זיכער אויף גאט: (ח) סמוך זיין הארץ וועט זיין אן גילעהנט
אין גאט ער וועט זיך ניט פארכטן ביז ער וועט זעהן אנקמה אין זיינע בליידיגער:
(ט) פזר ווייל ער האט זיין געלד מפזר גיוועזן צו אביונים דרום וועט זיין גירעכטיקייט
דויערין אויף אייביג אונ זיין הערשאפט וועט דר הויבן ווערן מיט כבוד: (י) רשע דר
רשע וועט דאס זעהן וועט ער צערנן. אונ מיט זיינע ציין וועט ער קריצן אונ זיין
הארץ

ב יְהִי שֵׁם יְיָ מְבֹרָךְ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם: ג מִמִּזְרַח
שֶׁמֶשׁ עַד מְבוֹאוֹ מְהֻלָּל שֵׁם יְיָ: ד רָם עַל
כָּל גּוֹיִם יְיָ עַל הַשָּׁמַיִם כְּבוֹדוֹ: ה מִי כַּייָ אֱלֹהֵינוּ
הַמַּגְבִּיהִי לָשָׁבֶת: ו הַמַּשְׁפִּילִי לִרְאוֹת בַּשָּׁמַיִם
וּבָאָרֶץ: ז מְקִימִי מֵעָפָר דָּל מֵאַשְׁפֹּת יָרִים אֶבְיוֹן:
ח לְהוֹשִׁיבִי עִם נְדִיבִים עִם נְדִיבֵי עַמּוֹ: ט מוֹשִׁיבִי
עֲקֶרֶת הַבַּיִת אֵם הַבָּנִים שְׂמֵחָה הַלְלוּיָהּ:
קיד א בְּצֵאת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם בֵּית יַעֲקֹב מֵעַם
לֹעֵז: ב הָיְתָה יְהוּדָה לְקָדְשׁוֹ יִשְׂרָאֵל
מַמְשְׁלוֹתָיו: ג הַיָּם רָאָה וַיָּנֹס הַיַּרְדֵּן יִסֹּב לְאָחוֹר:
ד הֶהָרִים רָקְדוּ כְאֵילִים גְּבָעוֹת כִּבְנֵי צֹאן: ה מַה
לְּךָ הַיָּם כִּי תָנוּס הַיַּרְדֵּן תִּסֹּב לְאָחוֹר: ו הֶהָרִים
תִּרְקְדוּ כְאֵילִים גְּבָעוֹת כִּבְנֵי צֹאן: ז מִלִּפְנֵי אָדוֹן

הַאַרְץ װעט צוּ גֵיין. דָאס גִילוּסְטִיקַייט פוּן דִיא רְשָׁעִים װעט פַאר לָארִין װערִין:
קיג (א) הללויה. אִיר נָאטס קְנֶעכְט לוֹיבְּט אִים אוּנ לוֹיבְּט נָאטס נָאמֶן: (ב) יהי גָאטס
נָאמֶען זָאל זַיין גִילוֹיבְּט פוּן הַיינְט בִּיז אַייבִּיג: (ג) ממזרח פוּן מִזְרָח זַייט װאס דִיא
זוּן גֵייט אוֹיף בִּיז מַעֲרָב זַייט װאס דִיא זוּן גֵייט אוּנְטֶער אִיז גָאטס נָאמֶען גִילוֹיבְּט:
(ד) רם גָאט אִיז דֶער הוֹיבִּן אוֹיף אַלֶע פֶעלְקֶר דָאס עֶהרֶע פוּן זַיין שְׁכִינָה אִיז אוֹיף
דֶעם הִימִיל: (ה) מי װער אִיז אַזוֹ אַיין עֶנִיו װיא אוּנְזֶער גָאט. חָאטְשֶׁע עֶר הָאט זִיךְ
דֶער הוֹיבִּן צוּ זִיצְן אוֹיף דֶעם הִימִיל: (ו) המשפילי אִיז עֶר פָארְט מַשְׁפִּיל זַיינֶע אוֹיגִין
צוּ קוּקִן װאס װערְט גִיטָאן אוֹיף דֶעם הִימִיל אוּנ עֶרְד: (ז) מקימי עֶר מַאכְט אוֹיף
שְׁטֶעלִין דֶעם אָרוֹמַאן פוּן דֶער עֶרְד. פוּן דֶעם מִיסְט הֵייבְּט עֶר אוֹיף דֶעם אֶבְיוֹן:
(ח) להושיבי אוּנ מַאכְט זַייא זֶעצְן מִיט דִיא בֶּעסְטֶע הַארִין פוּן זַיין פָאלְק: (ט) מושיבי עֶר
מַאכְט זִיצְן דִיא װאס אִיז גִיװֶען אַיין עֲקָרָה אִין שְׁטוּבּ דָאס הֵייסְט זִיא זָאל הָאבִּין
קִינְדֶער װעלִין דִיא מוּטֶר מִיט דִיא קִינְדֶער פְרֵיילִיךְ זַיין אוּנ דְרוּם לוֹיבְּט גָאט:
קיד (א) בצאת. אַז דִיא יִשְׂרָאֵל אוּנ דָאס הוֹיז גִיזִינְד פוּן יַעֲקֹב אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען
פוּן דֶעם פָאלְק לוֹעֵז דָס אִיז דִי מִצְרַיִם: (ב) היתה אִין דֶער צַייט אִיז גִיװָארִן שֵׁבֶט
יְהוּדָה זַיין הַיילִיג פָאלְק אוּנ אַלֶע יִשְׂרָאֵל זַיינֶען גִיװָארִן אַפָאלְק װאס עֶר גִיװֶעלְטִיגְט
אוֹיף זַייא: (ג) הים דֶער יָם הָאט גִיזֶעהן אִיז עֶר אַנְטְלָאפִין גִיװָארִין. דֶער יַרְדֵּן הָאט
זִיךְ אַװעק גִיקֶערְט אַהִינְטֶער: (ד) ההרים בְּשַׁעַת מַתַּן תּוֹרָה הָאבִּן דִי בֶּערְג גִישְׁפְּרוּנְגֶען
אַזוֹ װיא דִיא װִידֶער אוּנ דִיא הוֹיכֶע בֶּערְג אַזוֹ װיא דִיא יוּנְגֶע שָׁאף: (ה) מה גְלַייךְ
װיא מֶען פְרֶעגְט דֶעם יָם װאס אִיז דִיר גִיװֶען װאס דוּא בִּיסְט אַנְטְלָאפִין גִיװָארִין.
דוּא יַרְדֵּן װאס הָאסְטוּ דִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אַהִינְטֶער: (ו) ההרים אִיר בֶּערְג װאס הָאט
אִיר

חוּלִי אָרֶץ מִלִּפְנֵי אֱלוֹהַּ יַעֲקֹב: ח הַהֹפְכִי הַצּוּר
אֲגַם מָיִם חַלָּמִישׁ לְמַעְיְנוֹ מָיִם:

דאס איז איין תפלה אויף דער גאולה פון דעם לאנגן גלות :

קטו א לֹא לָנוּ יְיָ לֹא לָנוּ כִּי לְשִׁמְךָ תֵּן כָּבוֹד עַל
חַסְדְּךָ עַל אֲמִתֶּךָ: ב לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם אַיֵּה
נָא אֱלֹהֵיהֶם: ג וֵאלֹהֵינוּ בַשָּׁמָיִם כֹּל אֲשֶׁר חָפֵץ
עָשָׂה: ד עֲצַבֵּיהֶם כֶּסֶף וְזָהָב מַעֲשֵׂה יְדֵי אָדָם:
ה פֶּה לָהֶם וְלֹא יְדַבֵּרוּ עֵינַיִם לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ:
ו אָזְנַיִם לָהֶם וְלֹא יִשְׁמָעוּ אַף לָהֶם וְלֹא יְרִיחוּן:
ז יְדֵיהֶם וְלֹא יְמִישׁוּן רַגְלֵיהֶם וְלֹא יְהַלֵּכוּ לֹא יֶהְגּוּ
בִּגְרוֹנָם: ח כְּמוֹהֶם יִהְיוּ עֹשֵׂיהֶם כֹּל אֲשֶׁר בֹּטֵחַ
בָּהֶם: ט יִשְׂרָאֵל בְּטַח בַּיְיָ עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא: י בֵּית
אַהֲרֹן בִּטְחוּ בַיְיָ עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא: יא יִרְאֵי יְיָ

---

איר געשפרונגן אזו וויא דיא ווידער. איר הויכע בערג וויא די יונגע שאף: (ז) מלפני
גלייך וויא זייא ענטפערן מיר זיינן אנטלאפן געווארן פאר דעם פחד פון דעם האר
וואס האט בשאפן די ערד. פאר דעם גאט פון יעקב: (ח) ההפכי וואס האט פר קערט
דעם שטיין וויא איין ארט וואס וואסער זאמילט זיך איין אונ דעם הארטן שטיין
האט ער פאר קערט אז ער זאל זיין איין קוואל וואסער :

קטו (א) לא לנו ניט פון וועגין אונזער גירעכטיקייט זאלסטו גאט טאן מיט אונז חסד
נאר גיב כבוד צו דיין נאמען ער זאל גיעהרליכט ווערן מחמת דיין גינאד מיט
דיין ווארהייט: (ב) למה פר וואס זאלן די היידן (דס גייט אויף אלטע היידנישע פעלקר
וואס האבין גידינט צו דיא זון אונ די לבנה אונ מזלות אונ האבן דען ווארהן גאטס
דינסט ניט ערקענט) זאגן וואו איז זייער גאט: (ג) ואלהינו אבער אונזר גאט זיצט אין
הימיל, דרום טוט ער וואס ער באגערט: (ד) עצביהם אין היידנישע בילדער איז קיין
ממשות ניטא, ווייל זיי זיינן גימאכט גיווארן פון גאלד אונ זילבר אונ מענטשן האבן
זייא גימאכט: (ה) פה מאטשע זיי האבן אמויל קאנן זיי ניט ריידן. האטשע זיי האבן
אויגן קאנען זיי ניט זעהן: (ו) אונים זיי האבן אויערין אונ קאנן ניט הערן. זיי האבן
אנאז אונ קאנען ניט שמעקן: (ז) ידיהם חאטשע זייא האבין הענט קאנען זייא ניט אן
טאפין קיין שום זאך. זיי האבן פיס אונ קאנען ניט גיין. זיי האבן קיין קול ניט אין
זייער האלז: (ח) כמוהם די וואס האבן גימאכט די היידנישע געטצין בילדר זאלן אויך
אזו זיין וויא זייא. זייא זאלין ניט קענען ריידן, אונ אזו זאלן זיין אלע וואס האבין
אבטחון אויף זיי: (ט) ישראל דוא ישראל פאר זיכער דיך אין גאט ווייל ער איז זייער
העלפר אונ זייער באשיצר: (י) בית דס הויז גזינד פון אהרן פר זיכערט זיך אין גאט
ווייל ער איז זייער העלפר אונ זייער באשיצר: (יא) יראי די גאטס פארכטיגע פון אלע

פעלקער

במחו ביי עזרם ומגנם הוא: יב יי זכרנו יברך
יברך את בית ישראל יברך את בית אהרן:
יג יברך יראי יי הקטנים עם הגדלים: יד יסף יי
עליכם עליכם ועל בניכם: טו ברוכים אתם ליי
עשה שמים וארץ: טז השמים שמים ליי והארץ
נתן לבני אדם: יז לא המתים יהללו יה ולא כל
ירדי דומה: יח ואנחנו נברך יה מעתה ועד
עולם הללויה:

דער מזמור און דער אנדערער מזמור זיינען אויף דורבן בית המקדש און אויף קבוץ גליות:

קטז א אהבתי כי ישמע יי את קולי תחנוני: ב כי
הטה אזנו לי ובימי אקרא: ג אפפוני חבלי
מות ומצרי שאול מצאוני צרה ויגון אמצא:
ד ובשם יי אקרא אנה יי מלטה נפשי: ה חנון יי
וצדיק ואלהינו מרחם: ו שמר פתאים יי דלותי

---

פעלקר פאר זיכרט זיך אין גאט וויל ער איז זייער העלפער און זייער באשיצער: (יב) יי גאט וואס גידיינקט אונז פון אייביג ער זאל בענטשן דם הויז גיזינד פון ישראל און דאס הויז גיזינד פון אהרן: (יג) יברך ער זאל בענטשן די וואס האבן מורא פאר גאט פון קליין ביז גרויס: (יד) יוסף גאט זאל מערן אויף אייך און אויף אייערע קינדער ברכה: (טו) ברוכים איר זאלט זיין גיבענטשט צו גאט וואס האט באשאפן הימיל און ערד: (טז) השמים חאטשע דר הימיל איז מיוחד צו גאטס רואונג איז ער פארט משגיח אויף דער ערד וואס ער האט איר אוועק גיגעבן צו די מענטשן: (יז) לא דיא טויטע וואס האבין ניט גיגלויבט אין גאט וועלין קיין תחית המתים ניט אויף שטיין און וועלין גאט ניט לויבין אויף דר טובה וואס וועט קומען און אלע וואס נידערין אין קבר וועלין אויך גאט ניט לויבין: (יח) ואנחנו אבער מיר וועלין לויבין גאט פון איצונד ביז אייביג לויבט גאט:

קטז (א) אהבתי. איך האב ליב גאט ווארום ער הערט צו מיין קול און מיין גיבעט: (ב) כי ווארום ער האט גינייגט זיין אויער צו מיר און אלע מיינע טעג וואס איך טוא אים רופין הערט ער מיך צו: (ג) אפפוני אז עס האט ארום גירינגלט מיך דיא ווייטאג פון דעם טויט און די צרות פון דעם גרוב האט מיך גיגרייכט. אויך אז עס האט מיך גיגרייכט צרות און טרויערקייט: (ד) ובשם אז איך האב דערנסט מאל אין גירופן גאטס נאמען און איך האב גיזאגט איך בעט דיך גאט מאך אנטרינען מיין לייב פון צרות: (ה) חנון ווארום דוא ביסט גאט אחנון און אצדיק און דו אונזער גאט ביסט איין דר בארעמיגר: (ו) שמר און דו גאט היטסט דיא נארין. אז איך בין גיוועזן
ארעם

וְלִי יְהוֹשִׁיעַ׃ ז שׁוּבִי נַפְשִׁי לִמְנוּחָיְכִי כִּי יְיָ גָּמַל
עָלָיְכִי׃ ח כִּי חִלַּצְתָּ נַפְשִׁי מִמָּוֶת אֶת עֵינִי מִן דִּמְעָה
אֶת רַגְלִי מִדֶּחִי׃ ט אֶתְהַלֵּךְ לִפְנֵי יְיָ בְּאַרְצוֹת
הַחַיִּים׃ י הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר אֲנִי עָנִיתִי מְאֹד׃
יא אֲנִי אָמַרְתִּי בְחָפְזִי כָּל הָאָדָם כֹּזֵב׃ יב מָה אָשִׁיב
לַייָ כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי׃ יג כּוֹס יְשׁוּעוֹת אֶשָּׂא וּבְשֵׁם
יְיָ אֶקְרָא׃ יד נְדָרַי לַייָ אֲשַׁלֵּם נֶגְדָה נָּא לְכָל עַמּוֹ׃
טו יָקָר בְּעֵינֵי יְיָ הַמָּוְתָה לַחֲסִידָיו׃ טז אָנָּה יְיָ כִּי אֲנִי
עַבְדֶּךָ אֲנִי עַבְדְּךָ בֶּן אֲמָתֶךָ פִּתַּחְתָּ לְמוֹסֵרָי׃
יז לְךָ אֶזְבַּח זֶבַח תּוֹדָה וּבְשֵׁם יְיָ אֶקְרָא׃ יח נְדָרַי
לַייָ אֲשַׁלֵּם נֶגְדָה נָּא לְכָל עַמּוֹ׃ יט בְּחַצְרוֹת בֵּית
יְיָ בְּתוֹכֵכִי יְרוּשָׁלָיִם הַלְלוּיָהּ׃
קיז א הַלְלוּ אֶת יְיָ כָּל גּוֹיִם שַׁבְּחוּהוּ כָּל הָאֻמִּים׃

---

אָרֶעם האָט ער מיר גיהאָלְפֿן׃ (ז) שובי האָב איך דאַן גיזאָגט צו מיין לייב קער דיך
אום צו דיין רואונג וואָרום גאָט האָט אויף דיר גומל חסד גיוועזן׃ (ח) כי וואָרום פון
אייביג האָסטו אויס גיצויגן מיין לייב פון דעם טויט. מיין אויג האָסטו פֿר היטן פון
טרערין. מיינע פיס האָסטו פאַר היטן זיי זאָלין ניט פֿאַר שטויסן ווערין׃ (ט) אתהלך
דרום בין איך היינט אויך בטוח אַז איך וועל גיין פֿר גאָט אין ארץ ישראל אונ איך
וועל זיין צווישין די לעבעדיגע׃ (י) האמנתי עס איז גיוועזן אין מיין האַרצין גרויס אמונה
אַז איך האָב גירעט בשעת אַז איך בין גיוועזן זייער גיפייניגט׃ (יא) אני בשעת אַז איך
האָב גיאיילט צו אַנטלויפֿין פֿר שאול המלך האָב איך דערנאָך מאָל פאָרט גיזאָגט אַז
איטליכער מענטש וואָס זאָגט אַז איך וועל קיין מלך ניט זיין זאָגט ער ליגין׃ (יב) מה
וואָס פֿאַר אַמתנה וועל איך אומקערין צו גאָט פֿאַר אַלע גמולות טובות וואָס ער
האָט מיר גיטאָן׃ (יג) כוס איין בעכער מיט נסכים וועל איך טראָגין פון דיא ישועות
אונ גאָטס נאָמען וועל איך דערנאָך מאָל אָן רופין׃ (יד) נדרי מיינע נדרים צו גאָט וועל
איך בצאָלין אַנטקעגן גאַר זיין פֿאָלק מפרסם צו זיין דעם נס׃ (טו) יקר איך האָב גיזעהן
אַז עס איז שווער אין גאָטס אויגן צו ברייננגען אויף זיינע חסידים איין אומצייטיגען
טויט׃ (טז) אנה איך בעט דיך אונ לויב דיך גאָט אויף דעם חסד וואָס דו האָסט מיר
גיטאָן ניט מחמת מיינע מעשים נאָר וויל איך בין דיין קנעכט. איך בין דיין קנעכט
אַזון פֿון דיין דינסט וואָס דוא האָסט גיעפֿינט מיינע בונדין׃ (יז) לך צו דיר וועל איך
שעכטין אקרבן תודה אונ וועל אָן רופין גאָטס נאָמען׃ (יח) נדרי מיינע נדרים וואָס
איך האָב מנדר גיוועזן צו גאָט וועל איך בצאָלן אַנטקעגן גאַר זיין פֿאָלק׃ (יט) בחצרות
איר אַלע וואָס איר שטייט אין דיא הויפין פון גאָטס הויז אין ירושלים לויבט גאָט
אויף דעם נס וואָס ער האָט מיר גיטאָן׃

ב כי גבר עלינו חסדו ואמת יי לעולם הללויה:

דער מזמור גייט אויף ימות המשיח אויף דער גאולה פון גלות:

קיח א הודו ליי כי טוב כי לעולם חסדו: ב יאמר
נא ישראל כי לעולם חסדו: ג יאמרו נא בית
אהרן כי לעולם חסדו: ד יאמרו נא יראי יי כי
לעולם חסדו: ה מן המצר קראתי יה ענני
במרחב יה: ו יי לי לא אירא מה יעשה לי אדם:
ז יי לי בעזרי ואני אראה בשנאי: ח טוב לחסות
ביי מבטח באדם: ט טוב לחסות ביי מבטח
בנדיבים: י כל גוים סבבוני בשם יי כי אמילם:
יא סבוני גם סבבוני בשם יי כי אמילם: יב סבוני
כדברים דעכו כאש קוצים בשם יי כי אמילם:
יג דחה דחיתני לנפל ויי עזרני: יד עזי וזמרת יה

---

קיז (א) הללו. איר אלע פעלקער לויבט גאט. לויבט אים אלע אומות: (ב) כי ווארום
זיין חסד האט זיך געשטארקט אויף אונז און ער איז אויף אייביג אגאט וואס ער
מאכט ווארהאפטיג זיין הבטחה דרום לויבט גאט:

קיח (א) הודו. לויבט צו גאט ווארום ער טוט גוטס און אויף אייביג איז זיין גינאד:
(ב) יאמר אז די גאולה וועט קומען וועלין די ישראל זאגן אויף אייביג איז זיין
גינאד: (ג) יאמרו דאס הויז געזינד פון אהרן וועט אויך זאגן אויף אייביג איז זיין
גינאד: (ד) יאמרו די גאטס פארכטיגע פון אלע פעלקר וועלן אויך זאגן אויף אייביג
איז זיין גינאד: (ה) מן דס איז דר חסד פון גאט אז עס איז מיר אייננ געווען האב איך
גירופין צו גאט האט מיר גאט געענטפערט און האט מיר גימאכט שטעלין אויף
אברייטן ארט: (ו) יי אז גאט איז געווען מיר צו הילף האב איך ניט מורא געהאט פר
קיינעם ווארום וואס קאן מיר אמענטש טאן: (ז) יי אז גאט איז געווען מיר צו הילף
האב איך געזעהן אנקמה אין מיינע שונאים: (ח) טוב עס איז בעסער זיך צו באשיצין
אין גאט איידער אבטחון צו האבין אויף אמענטשין: (ט) טוב עס איז בעסער זיך צו
באשיצן אויף גאט איידר אבטחון צו האבן אפילו אויף די הערן: (י) כל אלע היידין
וואס האבן מיך ארום גירינגילט האב איך אבטחון אויף גאטס נאמען אז איך וועל
זייא פאר שניידן: (יא) סבוני האטשע זייא האבין מיר עטליכע מאל ארום גירינגילט
האב איך אבטחון אויף גאטס נאמען אז איך וועל זייא פר שניידן: (יב) סבוני האטשע
זייא האבן מיך ארום גירינגילט אזו וויא די בינען און חאטשע זייא האבין פאר
לאשין מיינע קוילין וויא דאס פייער פון דערנער וואס ווערט גיך פאר לאשין האב
איך פארט אבטחון אויף גאטס נאמען אז איך וועל זייא פאר שניידין: (יג) דחה
חאטשע זיי האבין מיר געשטויסין אז איך זאל פאלין האט מיר גאט פארט געהאלפין:

וַיְהִי לִי לִישׁוּעָה: טו קוֹל רִנָּה וִישׁוּעָה בְּאָהֳלֵי
צַדִּיקִים יְמִין יְיָ עֹשָׂה חָיִל: טז יְמִין יְיָ רוֹמֵמָה יְמִין יְיָ
עֹשָׂה חָיִל: יז לֹא אָמוּת כִּי אֶחְיֶה וַאֲסַפֵּר מַעֲשֵׂי
יָהּ: יח יַסֹּר יִסְּרַנִּי יָּהּ וְלַמָּוֶת לֹא נְתָנָנִי: יט פִּתְחוּ לִי
שַׁעֲרֵי צֶדֶק אָבֹא בָם אוֹדֶה יָהּ: כ זֶה הַשַּׁעַר לַייָ
צַדִּיקִים יָבֹאוּ בוֹ: כא אוֹדְךָ כִּי עֲנִיתָנִי וַתְּהִי לִי
לִישׁוּעָה: כב אֶבֶן מָאֲסוּ הַבּוֹנִים הָיְתָה לְרֹאשׁ פִּנָּה:
כג מֵאֵת יְיָ הָיְתָה זֹּאת הִיא נִפְלָאת בְּעֵינֵינוּ: כד זֶה
הַיּוֹם עָשָׂה יְיָ נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ: כה אָנָּא יְיָ
הוֹשִׁיעָה נָּא אָנָּא יְיָ הַצְלִיחָה נָּא: כו בָּרוּךְ הַבָּא
בְּשֵׁם יְיָ בֵּרַכְנוּכֶם מִבֵּית יְיָ: כז אֵל יְיָ וַיָּאֶר לָנוּ אִסְרוּ
חַג בַּעֲבֹתִים עַד קַרְנוֹת הַמִּזְבֵּחַ: כח אֵלִי אַתָּה
וְאוֹדֶךָּ אֱלֹהַי אֲרוֹמְמֶךָּ: כט הוֹדוּ לַייָ כִּי טוֹב כִּי
לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:

---

(יד) עזי דאס וואס גאט האט מיר געהאלפין איז געווען צו ווייזין זיין שטארקייט אונ
איך זאל זינגען זיין שבח: (טו) קול עס זאל געהערט ווערין אין דיא געצעלטין פון
צדיקים אקול פון געזאנג אונ פון הילף אונ זאלין זאגין גאטס רעכטע האנד האט
געטאן גבורות: (טז) ימין גאטס רעכטע האנד וואס זיא איז פון אייביג דער הויבין דיא
האנד טוט היינט אויך גבורות: (יז) לא איך וועל ניט שטארבין ווארום איך וועל נאך
לעבין אונ וועל נאך דער ציילין די ווערק פון גאט: (יח) יסור גאט האט מיך געשטראפט
מיט יסורים אבער צום טויט האט ער מיך ניט איבער געענטפערט: (יט) פתחו דרום
עפינט מיר דיא טויערין פון דעם בית המקדש איך זאל קומען אין זייא אונ זאל גאט
לויבין; (כ) זה דער טויער פון גאט איז דאך געמאכט געווארין אז צדיקים זאלין קומען
דרינען גאט לויבין: (כא) אודך איך וועל דיך לויבין ווייל דוא האסט מיר געענטפערט
אונ דוא ביסט געווען מיר צו הילף: (כב) אבן האטשע איך בין גלייך געווען צו אשטיין
וואס דיא בעלי מלאכות האבין אים מיאוס געווען אבער היינט בין איך געווארין
גלייך צו אווינקיל שטיין וואס מען לייגט פון אויבין: (כג) מאת די גאולה איז געווען
פון גאט. זיא איז פאר הוילין אין אונזערע אויגין: (כד) זה דעם טאג פון דער גאולה
האט גאט געמאכט דרום וועלין מיר זיך פרייען מיט אים: (כה) אנא איך בעט דיך
גאט העלף אונז אונ באגליק אונז: (כו) ברוך געבענטשט וועט זיין דער וואס וועט
קומען אין בית המקדש מיט גאטס נאמען. מיר האבין אייך געבענטשט מיט אברכה
וואס קומט פון דעם וואס רועט אין גאטס הויז: (כז) אל גאט איז שטארק אונ האט
אונז דער לייכט פון פינסטערנעש דרום בינט דעם קרבן פון יום טוב מיט שטריק צו
זאל

דער מזמור איז אכט א״ב און איטליכן פסוק איז תורה. עדות. פקודים. מצות. דבור. משפט. צדק. חוקים:

יום כה קיט א אשרי תמימי דרך ההלכים בתורת
יי: ב אשרי נצרי עדתיו בכל לב
ידרשוהו: ג אף לא פעלו עולה בדרכיו הלכו:
ד אתה צויתה פקדיך לשמר מאד: ה אחלי יכנו
דרכי לשמר חקיך: ו אז לא אבוש בהביטי אל
כל מצותיך: ז אודך בישר לבב בלמדי משפטי
צדקך: ח את חקיך אשמר אל תעזבני עד מאד:
ט במה יזכה נער את ארחו לשמר כדברך:
י בכל לבי דרשתיך אל תשגני ממצותיך: יא בלבי
צפנתי אמרתך למען לא אחטא לך: יב ברוך
אתה יי למדני חקיך: יג בשפתי ספרתי כל
משפטי פיך: יד בדרך עדותיך ששתי כעל כל

---

זאל זיין גיהיט ביז עס וועט קומען דער זמן פון שחיטה אז מען זאל געבין דאס בלוט אויף דיא ווינקלען פון דעם מזבח: (כח) אלי דוא ביסט מיין שטארקער גאט פון אייביג דרום טוא איך דיך לויבין. דוא ביסט מיין גאט דרום טוא איך דיר דער הייבין: (כט) הודו לה׳ כי טוב וגו׳:

קיט (א) אשרי. וואול צו די וואס גייען אין גאנצין וועג דס איז די וואס גייען אין גאטס תורה: (ב) אשרי וואול צו די וואס היטין זייערע מצות אונ פארשטין אים מיט דעם גאנצין הארצין: (ג) אף אויך זיי האבין ניט גיטאן קיין אומרעכט נאך מער זיי זיינען גיגאנגען אין גאטס וועג: (ד) אתה דו האסט גיבאטין דיינע בפעלין דרום גיהער מען זיי זייער היטין: (ה) אחלי איך טו בעטין צו גאט מיינע וועגין זאלין זיין פעסט צו היטין דיינע גיזעצין: (ו) אז דענסטמאל וועל איך מיך ניט שעמען אז איך וועל קוקין אויף אלע דיינע מצות פון דר תורה: (ז) אודך אז איך וועל לערנען דיינע גירעכטע משפטים וועל איך וויסין ווי אזו איך זאל דיך לויבין מיט ארעכטפארטיג הארץ: (ח) את מיין מחשבה איז אז איך זאל היטין דיינע חוקים דרום בעט איך דיך זייער דו זאלסט מיך ניט פר לאזין: (ט) במה ווי אזו זאל זיך אמענטש גיוואוינען פון דער יוגינט אז זיין וועג זאל זיין רעכט פארטיג פאר גאט זאל ער זאגין דאס וואס איך טו איז גאר צו היטין דיינע רייד: (י) בכל מיט דעם גאנצין הארצין האב איך דיך גיפארשט בעט איך אז דו זאלסט מיך היטין פון צו זינדיגין בשוגג אב צו קערין פון דיינע מצות: (יא) בלבי דיינע זאג האב פאר בארגין אין מיין הארץ דס איך זאל ניט זינדיגין צו דיר: (יב) ברוך גילויבט ביסטו גאט איך בעט דיך דו זאלסט מיך לערנען דיינע חוקים: (יג) בשפתי מיט מיינע לעפצין האב איך דער ציילט אלע משפטים פון דיין מויל: (יד) בדרך אז איך בין גיגאנגען אין וועג פון דיינע מצות האב איך מיך גיפרייט ווי איינער פרייט זיך אויף פיל גוטס: (טו) בפקודיך אין דיינע

מצות

הוֹן׃ טו בְּפִקֻּדֶיךָ אָשִׂיחָה וְאַבִּיטָה אֹרְחֹתֶיךָ׃
טז בְּחֻקֹּתֶיךָ אֶשְׁתַּעֲשָׁע לֹא אֶשְׁכַּח דְּבָרֶךָ׃ יז גְּמֹל
עַל עַבְדְּךָ אֶחְיֶה וְאֶשְׁמְרָה דְבָרֶךָ׃ יח גַּל עֵינַי
וְאַבִּיטָה נִפְלָאוֹת מִתּוֹרָתֶךָ׃ יט גֵּר אָנֹכִי בָאָרֶץ
אַל תַּסְתֵּר מִמֶּנִּי מִצְוֹתֶיךָ׃ כ גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה
אֶל מִשְׁפָּטֶיךָ בְכָל עֵת׃ כא גָּעַרְתָּ זֵדִים אֲרוּרִים
הַשֹּׁגִים מִמִּצְוֹתֶיךָ׃ כב גַּל מֵעָלַי חֶרְפָּה וָבוּז כִּי
עֵדֹתֶיךָ נָצָרְתִּי׃ כג גַּם יָשְׁבוּ שָׂרִים בִּי נִדְבָּרוּ עַבְדְּךָ
יָשִׂיחַ בְּחֻקֶּיךָ׃ כד גַּם עֵדֹתֶיךָ שַׁעֲשֻׁעָי אַנְשֵׁי עֲצָתִי׃
כה דָּבְקָה לֶעָפָר נַפְשִׁי חַיֵּנִי כִּדְבָרֶךָ׃ כו דְּרָכַי
סִפַּרְתִּי וַתַּעֲנֵנִי לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ׃ כז דֶּרֶךְ פִּקּוּדֶיךָ
הֲבִינֵנִי וְאָשִׂיחָה בְּנִפְלְאוֹתֶיךָ׃ כח דָּלְפָה נַפְשִׁי
מִתּוּגָה קַיְּמֵנִי כִּדְבָרֶךָ׃ כט דֶּרֶךְ שֶׁקֶר הָסֵר מִמֶּנִּי
וְתוֹרָתְךָ חָנֵּנִי׃ ל דֶּרֶךְ אֱמוּנָה בָחָרְתִּי מִשְׁפָּטֶיךָ

---

מצות טוא איך ריידין אונ טוא זעהן איך זאל גיין אין דיינע וועגין: (טז) בחקותיך אין דיינע חוקים טוא איך מיך באשעפטיגין אז איך זאל ניט פאר געסין דיינע רייד: (יז) גמל זיי גומל חסד אויף דיין קנעכט איך זאל לעבין אונ זאל קאנגען היטין דיינע ווערטער: (יח) גל אנפלעק מיינע אויגין איך זאל קאנן קוקין אונ פאר שטיין פון דיין תורה וואונדערליכע זאכין: (יט) גר איך בין אויף דר וועלט ווי א גר בעט איך דיך דו זאלסט ניט פאר בארגין פון מיר דיינע מצות: (כ) גרסה מיין לייב איז צו בראכן ווייל איך גילוסט אלע צייטין צו דיינע מצות: (כא) גערת דו האסט אן גישריען אין די פר פלוכטע רשעים וואס ציהען זיך צוריק פון דיינע מצות: (כב) גל נעם אראפ פון מיר חרפה מיט בזיונות ווארום איך האב גיהיט דיין תורה: (כג) גם ווען אויך הערין האבן זיך גיזעצט צו ריידין מיט מיר טו איך דיין קנעכט נאר ריידין אין דיינע חוקים: (כד) גם אונ טו זיך אין דיין תורה באשעפטיגין. דיינע צייגניסע זיינען מיינע ראט געבער: (כה) דבקה מיין לייב איז גיווארין באהעפט צו דר ערד בעט איך דיך זאלסט מיך לעבין לאזין ווי דו האסט מיר צו גיזאגט: (כו) דרכי מיין באדערפעניש האב איך דר ציילט פר דיר אונ האסט מיר גיענטפערט בעט איך דיך אויך דו זאלסט מיך לערנען דיינע גיזעץ: (כז) דרך דעם וועג פון דיינע מצות זאלסטו מיך מאכין פאר שטיין וועל איך ריידין אין דיינע וואונדר: (כח) דלפה וועגין טרויערקייט טוט מיין לייב צו גיין בעט איך דיך זאלסט מיך מאכין שטאנדהאפטיג וויא דו האסט מיר צו גיזאגט: (כט) דרך איין פאלשן וועג טו אפ פון מיר אונ מיט דיין תורה לייטזעליג מיך: (ל) דרך איין אמתין וועג

האב

שִׁוִּֽיתִי׃ לא דָּבַקְתִּי בְעֵדְוֺתֶיךָ יְיָ אַל תְּבִישֵֽׁנִי׃ לב דֶּֽרֶךְ
מִצְוֺתֶיךָ אָרוּץ כִּי תַרְחִיב לִבִּֽי׃ לג הוֹרֵנִי יְיָ דֶּרֶךְ
חֻקֶּיךָ וְאֶצְּרֶנָּה עֵֽקֶב׃ לד הֲבִינֵנִי וְאֶצְּרָה תוֹרָתֶךָ
וְאֶשְׁמְרֶנָּה בְכָל לֵֽב׃ לה הַדְרִיכֵנִי בִּנְתִיב מִצְוֺתֶיךָ
כִּי בוֹ חָפָֽצְתִּי׃ לו הַט לִבִּי אֶל עֵדְוֺתֶיךָ וְאַל אֶל בָּֽצַע׃
לז הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא בִּדְרָכֶךָ חַיֵּֽנִי׃ לח הָקֵם
לְעַבְדְּךָ אִמְרָתֶךָ אֲשֶׁר לְיִרְאָתֶֽךָ׃ לט הַעֲבֵר
חֶרְפָּתִי אֲשֶׁר יָגֹֽרְתִּי כִּי מִשְׁפָּטֶיךָ טוֹבִֽים׃ מ הִנֵּה
תָּאַבְתִּי לְפִקֻּדֶיךָ בְּצִדְקָתְךָ חַיֵּֽנִי׃ מא וִיבֹאֻנִי
חֲסָדֶךָ יְיָ תְּשׁוּעָתְךָ כְּאִמְרָתֶֽךָ׃ מב וְאֶעֱנֶה חֹרְפִי
דָבָר כִּי בָטַחְתִּי בִּדְבָרֶֽךָ׃ מג וְאַל תַּצֵּל מִפִּי דְבַר
אֱמֶת עַד מְאֹד כִּי לְמִשְׁפָּטֶךָ יִחָֽלְתִּי׃ מד וְאֶשְׁמְרָה
תוֹרָתְךָ תָמִיד לְעוֹלָם וָעֶֽד׃ מה וְאֶתְהַלְּכָה בָרְחָבָה
כִּי פִקֻּדֶיךָ דָרָֽשְׁתִּי׃ מו וַאֲדַבְּרָה בְעֵדֹתֶיךָ נֶגֶד

---

האָב איך אויס דר וועלט אונ דיינע משפטים האָב איך גיטאָן אנטקעגין מיינע אויגן: (לא) דבקתי וויל איך האָב מיך באהעפט אין דיינע מצות בעט איך דיך גאָט דו זאָלסט מיך ניט ברענגען צו קיין בושה: (לב) דרך אין דעם וועג פון דיינע מצות טו איך לויפן וואָרום דאָס טוט מיר ברייט מאַכין מיין האַרץ: (לג) הורני לערין מיך גאָט דעם וועג פון דיינע חוקים אז איך זאָל איר היטין ביז דעם סוף פון לעבין: (לד) הבינני מאַך מיך פאַר שטיין דעם וועג פון דיין תורה אז איך זאָל זיא היטין מיט גאָר דעם האַרצין: (לה) הדריכני מאַך מיך טרעטין אין דעם שטעג פון דיינע מצות וואָרום איך באַגער אין דעם: (לו) הט גייג מיין האַרץ צו גילוסטין צו דיינע מצות אונ ניט צו קיין געלד: (לז) העבר מאַך איבער פאַרין מיינע אויגין פון צו זעהן פאַלשקייט. מאַך מיך לעבין אין וועג פון דיינע מצות: (לח) הקם זאָיי מקיים צו דיין קנעכט דיין הבטחה וואָס דו האָסט צו גיזאָגט צו דיינע פרומע לייט: (לט) העבר נעם אראָפ מיין שאַנד פון מיין עבירה וואָס איך פירכט מיך דר פאַר וואָרום דיינע משפטים זיינן גוט זיי זיינען מיט חסד: (מ) הנה איך גילוסט צו טאָן דיינע מצות בעט איך דיך זאָלסט מיך מאַכין לעבין מיט דיין גירעכטיקייט: (מא) ויבואני אונ עס זאָל קומען אויף מיר דיינע חסדים אונ איך זאָל גיהאָלפין ווערין דורך דיין הילף ווי דו האָסט גיזאָגט: (מב) ואענה אונ איך וועל ענטפערין צו די וואָס האָבין מיך גילעסטערט ווי זיי האָבין צו מיר גירעט וואָרום איך האָב אבטחון אויף דיינע רייד: (מג) ואל אונ דו זאָלסט ניט אָפ טאָן פון מיין מויל וואָרהאַפטיגע רייד וואָרום איך טו האָפין שטענדיג צו דיינע משפטים: (מד) ואשמרה אונ גיב אין מיין האַרצין אז איך

מְלָכִים וְלֹא אֵבוֹשׁ: מז וְאֶשְׁתַּעֲשַׁע בְּמִצְוֺתֶיךָ
אֲשֶׁר אָהָבְתִּי: מח וְאֶשָּׂא כַפַּי אֶל מִצְוֺתֶיךָ אֲשֶׁר
אָהָבְתִּי וְאָשִׂיחָה בְחֻקֶּיךָ: מט זְכָר דָּבָר לְעַבְדֶּךָ
עַל אֲשֶׁר יִחַלְתָּנִי: נ זֹאת נֶחָמָתִי בְעָנְיִי כִּי
אִמְרָתְךָ חִיָּתְנִי: נא זֵדִים הֱלִיצֻנִי עַד מְאֹד
מִתּוֹרָתְךָ לֹא נָטִיתִי: נב זָכַרְתִּי מִשְׁפָּטֶיךָ מֵעוֹלָם
יְיָ וָאֶתְנֶחָם: נג זַלְעָפָה אֲחָזַתְנִי מֵרְשָׁעִים עֹזְבֵי
תּוֹרָתֶךָ: נד זְמִרוֹת הָיוּ לִי חֻקֶּיךָ בְּבֵית מְגוּרָי:
נה זָכַרְתִּי בַלַּיְלָה שִׁמְךָ יְיָ וָאֶשְׁמְרָה תּוֹרָתֶךָ:
נו זֹאת הָיְתָה לִּי כִּי פִקֻּדֶיךָ נָצָרְתִּי: נז חֶלְקִי יְיָ
אָמַרְתִּי לִשְׁמֹר דְּבָרֶיךָ: נח חִלִּיתִי פָנֶיךָ בְכָל לֵב
חָנֵּנִי כְּאִמְרָתֶךָ: נט חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי
אֶל עֵדֹתֶיךָ: ס חַשְׁתִּי וְלֹא הִתְמַהְמָהְתִּי לִשְׁמֹר

---

איך זאל היטן דיין תורה אויף אייביג: (מה) ואתהלכה אונ איך זאל גוט פאר שטיין דיא
רייד פון דער תורה ווארום דיינע משפטים האב איך גיפארשט: (מו) ואדברה אונ איך
וועל ריידין אין דיין תורה פאר מלכים אונ איך וועל ניט פאר שעמט ווערן: (מז) ואשתעשע
איך פרייא מיך מיט דיינע מצות וואס איך טוא עס מיט ליבשאפט: (מח) ואשא איך טוא
אויף הייבין די הענט צו נעמען דיינע מצות מיט ליבשאפט אונ וועל שטענדיג ריידין
אין דיינע חוקים: (מט) זכר גידיינק די זאך וואס דו האסט מבטיח גיוועזן צו דיין קנעכט
אז איך זאל האפין דרויף: (נ) זאת די הבטחה טוט מיך טרייסטין אין מיין ארימקייט וואס
דו האסט גיזאגט דאס דו וועסט מיר העלפין זען דיין הבטחה ערהאלט מיין לעבין:
(נא) זדים האטשע די מוטוויליגע האבין גיטאן זייער שפעטין פון מיר האב איך פארט
ניט אוועק גינייגט פון דיין תורה: (נב) זכרתי איך גידיינק וואס דו גאט טוסט פון אייביג
משפטים אן די רשעים טא איך מיך טרייסטין: (נג) זלעפה וועו אויך עס האט מיך אן
גינומען א ציטערניש פון די רשעים וואס האבין פאר לאזין דיין תורה: (נד) זמרות פלעג
איך פארט לערנען דיינע חוקים מיט געזאנג אין הויז פון מיין וואוינונג: (נה) זכרתי איך
טו גידיינקען ביי נאכט אין צרות דיין נאמען גאט אונ היט דיין תורה: (נו) זאת די גדולה
וואס איך האב היינט איז מיר נאר גיקומען ווייל איך האב גיהיט דיינע מצות: (נז) חלקי
איך זאג אז גאט איז מיין חלק אונ אין אים גלייב איך כדי אז איטליכער זאל היטין
דיינע רייד: (נח) חליתי איך האב דיך גיבעטין מיט דעם גאנצין הארצין אז דו זאלסט
דיך דער בארעמען אויף מיר ווי דו האסט גיזאגט: (נט) חשבתי אז איך האב גיטראכט
אין וואס פאר איין וועג איך זאל גיין האב איך אום גיקערט מיינע פיס צוא גיין אין
וועג פון דיין תורה: (ס) חשתי איילינדיג אונ ניט גיזאמט בין איך גיגאנגען צו היטין

מִצְוֹתֶֽיךָ: סא חֶבְלֵי רְשָׁעִים עִוְּדֻנִי תּוֹרָתְךָ לֹא
שָׁכָֽחְתִּי: סב חֲצוֹת לַיְלָה אָקוּם לְהוֹדוֹת לָךְ עַל
מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶֽךָ: סג חָבֵר אָנִי לְכָל אֲשֶׁר יְרֵאוּךָ
וּלְשֹׁמְרֵי פִּקּוּדֶֽיךָ: סד חַסְדְּךָ יְיָ מָלְאָה הָאָרֶץ חֻקֶּיךָ
לַמְּדֵֽנִי: סה טוֹב עָשִׂיתָ עִם עַבְדְּךָ יְיָ כִּדְבָרֶֽךָ:
סו טוּב טַעַם וָדַעַת לַמְּדֵנִי כִּי בְמִצְוֹתֶיךָ הֶאֱמָֽנְתִּי:
סז טֶרֶם אֶעֱנֶה אֲנִי שֹׁגֵג וְעַתָּה אִמְרָתְךָ שָׁמָֽרְתִּי:
סח טוֹב אַתָּה וּמֵטִיב לַמְּדֵנִי חֻקֶּֽיךָ: סט טָפְלוּ עָלַי
שֶׁקֶר זֵדִים אֲנִי בְּכָל לֵב אֶצֹּר פִּקּוּדֶֽיךָ: ע טָפַשׁ
כַּחֵלֶב לִבָּם אֲנִי תּוֹרָתְךָ שִׁעֲשָֽׁעְתִּי: עא טוֹב לִי כִי
עֻנֵּיתִי לְמַעַן אֶלְמַד חֻקֶּֽיךָ: עב טוֹב לִי תוֹרַת פִּיךָ
מֵאַלְפֵי זָהָב וָכָֽסֶף: עג יָדֶיךָ עָשׂוּנִי וַיְכוֹנְנוּנִי
הֲבִינֵנִי וְאֶלְמְדָה מִצְוֹתֶֽיךָ: עד יְרֵאֶיךָ יִרְאוּנִי
וְיִשְׂמָחוּ כִּי לִדְבָרְךָ יִחָֽלְתִּי: עה יָדַעְתִּי יְיָ כִּי צֶדֶק

---

דיינע מצות: (סא) חבלי ווען אויך דאס איין זאמלונג פון רשעים האבין מיך גירויבט האב איך פארט דיין תורה ניט פאר געסין: (סב) חצות אין מיטין דער נאכט שטייא איך אויף צו לויבין דיך אויף דיינע גירעכטע משפטים: (סג) חבר איך בין איין חבר צו אלע וואס האבין מורא פאר דיר אונ היטין דיינע מצות: (סד) חסדך דיינע חסדים זיינען פול די וועלט בעט איך דיך זאלסט מיך לערנען דיינע חוקים: (סה) טוב פון אייביג האסט גיטאן גוטס מיט דיין קנעכט. גאט אזו ווי דו האסט מבטיח גיוועזן: (סו) טוב דיא גוטע טעמים פון דר תורה אונ פון דיינע מצות זאלסטו מיך לערנען ווארום איך גלייב אין דיינע מצות: (סז) טרם איידר איך האב מיך גיפייניגט איבר דר תורה איך זאל זיא קאנן בין איך גיוועזן איין שוגג ווארום איך האב זיא ניט גיוואוסט אבר היינט אז איך האב גילערינט די תורה האב איך גיהיט די מצות: (סח) טוב דו ביסט אגוטר אונ טוסט גוטס בעט איך דיך זאלסט מיך לערנען דיינע חוקים: (סט) טפלו די מוטוויליגע רשעים האבין אויף מיר באהעפט פאלשקייט אבער אין אמת מיט דעם גאנצין הארצין היט איך דיינע מצות: (ע) טפש זייער הארץ איז וואריין פעט וויא חלב אבער איך בין שטענדיג עוסק אין דיין תורה: (עא) טוב עס איז גוט וואס איך האב מיך גיפייניגט איבער דער תורה כדי איך זאל קאנען פאר שטיין דיינע חוקים: (עב) טוב די תורה פון דיין מויל איז מיר בעסר פון פיל טויזנד גאלד אונ זילבר: (עג) ידיך דיינע הענט האבין מיך בשאפין אונ גיפארימט בעט איך דיך מאך מיר פר שטענדיג אז איך זאל קאנן לערנען דיינע מצות: (עד) יראיך דיינע פרומע וועלין זעהן מיין גדולה וועלין זיי זיך פרייען ווארום מיין

מִשְׁפָּטֶיךָ וֶאֱמוּנָה עִנִּיתָנִי: עו יְהִי נָא חַסְדְּךָ
לְנַחֲמֵנִי כְּאִמְרָתְךָ לְעַבְדֶּךָ: עז יְבֹאוּנִי רַחֲמֶיךָ
וְאֶחְיֶה כִּי תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי: עח יֵבֹשׁוּ זֵדִים כִּי
שֶׁקֶר עִוְּתוּנִי אֲנִי אָשִׂיחַ בְּפִקּוּדֶיךָ: עט יָשׁוּבוּ לִי
יְרֵאֶיךָ וְיֹדְעֵי עֵדֹתֶיךָ: פ יְהִי לִבִּי תָמִים בְּחֻקֶּיךָ
לְמַעַן לֹא אֵבוֹשׁ: פא כָּלְתָה לִתְשׁוּעָתְךָ נַפְשִׁי
לִדְבָרְךָ יִחָלְתִּי: פב כָּלוּ עֵינַי לְאִמְרָתֶךָ לֵאמֹר
מָתַי תְּנַחֲמֵנִי: פג כִּי הָיִיתִי כְּנֹאד בְּקִיטוֹר חֻקֶּיךָ
לֹא שָׁכָחְתִּי: פד כַּמָּה יְמֵי עַבְדֶּךָ מָתַי תַּעֲשֶׂה
בְרֹדְפַי מִשְׁפָּט: פה כָּרוּ לִי זֵדִים שִׁיחוֹת אֲשֶׁר לֹא
כְתוֹרָתֶךָ: פו כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה שֶׁקֶר רְדָפוּנִי
עָזְרֵנִי: פז כִּמְעַט כִּלּוּנִי בָאָרֶץ וַאֲנִי לֹא עָזַבְתִּי
פִקֻּדֶיךָ: פח כְּחַסְדְּךָ חַיֵּנִי וְאֶשְׁמְרָה עֵדוּת פִּיךָ:
פט לְעוֹלָם יְיָ דְּבָרְךָ נִצָּב בַּשָּׁמָיִם: צ לְדֹר וָדֹר

---

גדולה איז גיקומן ווייל איך האב גיהאפט צו דיינע ווערטער: (עה) ידעתי גאט איך ווייס
אז מיט גירעכטיגקייט האסטו מיך גימשפט אונ וואס דו האסט מיך גיפייניגט איז מיט
ווארהאפטיגקייט: (עו) יהי עס זאל זיין דיין חסד מיך צו טרייסטן ווי דו האסט צו גיזאגט
צו דיין קנעכט: (עז) יבאוני דיין רחמנות זאלין קומען אויף מיר אז איך זאל לעבין ווייל
אין דיין תורה האב איך עוסק גיוועזן: (עח) יבשו לאזין די מוטוויליגע רשעים פאר שעמט
ווערין ווארום מיט פאלשקייט האבין זיי מיך פאר קרימט ווארום איך טו שטענדיג
ריידין אין דיין תורה וואס זיא איז מציל פון עבירות: (עט) ישובו לאזין זיך צו מיר אום
קערין דיינע פרומע אונ וואס ווייסין דיינע מצות: (פ) יהי מיין הארץ זאל זיין גאנץ
אין דיינע חוקים כדי איך זאל ניט פאר שעמט ווערין פאר דיר: (פא) כלתה מיין לייב טוט
גילוסטין צו דיין הילף ווארום איך טו האפין צו דיין הבטחה: (פב) כלו מיינע אויגן גייען
אוים ווענין וואס דיין הבטחה איז פר זאמט. איך טו זאגין ווען וועסטו מיך טרייסטן:
(פג) כי ווען אויך איך בין גיווארין מאגער ווי אלאגיל אין רויך האב איך פארט דיינע
חקים ניט פאר געסין: (פד) כמה וויפיל זיינען גאר די טעג פון דיין קנעכט ווען וועסטו
טאן איין משפט אין מיינע נאך יאגער: (פה) כרו די רשעים האבין גיגראבין גריבער
פון מיינט וועגין. זיי האבין גיטאן ניט וויא אין דיין תורה שטייט: (פו) כל אלע דיינע
מצות זיינען ווארהאפטיג. מיט פאלשקייט יאגין זייא מיך נאך דרום בעט איך דיך
זאלסט מיר העלפין: (פז) כמעט שיער וואלטין זיי מיך פאר לענט אויף דר ערד אונ איך
האב ניט פאר לאזין דיינע מצות: (פח) כחסדך ווען אויך איך האב קיין זכות ניט זאלסטו

אמונתך כוננת ארץ ותעמד: צא למשפטיך
עמדו היום כי הכל עבדיך: צב לולי תורתך
שעשעי אז אבדתי בעניי: צג לעולם לא אשכח
פקודיך כי בם חייתני: צד לך אני הושיעני כי
פקודיך דרשתי: צה לי קוו רשעים לאבדני
עדתיך אתבונן: צו לכל תכלה ראיתי קץ
רחבה מצותך מאד:

יום כו צז מה אהבתי תורתך כל היום היא שיחתי:
צח מאיבי תחכמני מצותך כי לעולם היא לי:
צט מכל מלמדי השכלתי כי עדותיך שיחה לי:
ק מזקנים אתבונן כי פקודיך נצרתי: קא מכל
ארח רע כלאתי רגלי למען אשמר דברך:
קב ממשפטיך לא סרתי כי אתה הורתני: קג מה
נמלצו לחכי אמרתך מדבש לפי: קד מפקודיך

---

מיך לאזין לעבין ווי דיין חסד איז כדי איך זאל היטין די תורה פון דיין מויל: (פט) לעולם
אויף אייביג האבין דיינע ווערטער אקיום אויף דעם הימיל: (צ) לדור אויף אייביגע
דורות האט אקיום דיין ווארהאפטיגע הבטחה. דו האסט אן גיברייט די ערד אונ זיא
שטייט דורך דיר: (צא) למשפטיך אלע טאג שטייען די מלאכים פון דעם הימיל גרייט צו
טאן דיינע משפטים ווארום זיי זיינען אלע דיינע קנעכט: (צב) לולי ווען ניט וואס איך בין
עוסק אין דיין תורה וואלט איך פאר לארין גיווארין אין מיין עלענד: (צג) לעולם אויף
אייביג וועל איך ניט פאר געסין דיינע מצות ווייל דורך זיי האסטו מיר גיגעבן לעבן:
(צד) לך צוא דיר האף איך אז דוא זאלסט מיר העלפין ווייל איך האב דיינע מצות
גיפארשט: (צה) לי די רשעים האפין אז זיי זאלין מיך פאר טיליגין פון דעסט וועגין טו
איך פארט לערנען צו פאר שטיין די תורה: (צו) לכל צו איטליכער זאך האב איך מיט
מיין שכל גיזעהן דעם סוף אבער דיינע מצות זיינען זייער ברייט:
(צז) מה. ווי זייער האב איך ליב דיין תורה איך טו דרום אלע טאג אין איר ריידין:
(צח) מאיבי דיינע מצות מאכין מיך קליגר פון מיינע פיינט ווייל אייבג בין איך
עוסק אין דר תורה: (צט) מכל פון אלע מיינע לעהרער האב איך מיך גיקליגט ווארום
דורך זיי אלע האב איך גילערינט דיין תורה: (ק) מזקנים איך בין גיווארין מער פאר
שטאנדיג פון זקנים ווייל מיין לערנען איז אז איך זאל קאנען מקים זיין דיינע מצות:
(קא) מכל פון אלע שלעכטע וועגין האב איך פאר מיטין מיינע פיס כדי איך זאל קאנען
היטין דיינע ווערטער: (קב) ממשפטיך פון דיינע משפטים האב איך ניט אוועק גיקערט
ווארום

אתבונן על כן שנאתי כל ארח שקר: קה נר
לרגלי דברך ואור לנתיבתי: קו נשבעתי ואקימה
לשמר משפטי צדקך: קז נעניתי עד מאד יי חיני
כדברך: קח נדבות פי רצה נא יי ומשפטיך
למדני: קט נפשי בכפי תמיד ותורתך לא
שכחתי: קי נתנו רשעים פח לי ומפקודיך לא
תעיתי: קיא נחלתי עדותיך לעולם כי ששון לבי
המה: קיב נטיתי לבי לעשות חקיך לעולם עקב:
קיג סעפים שנאתי ותורתך אהבתי: קיד סתרי
ומגני אתה לדברך יחלתי: קטו סורו ממני מרעים
ואצרה מצות אלהי: קטז סמכני כאמרתך ואחיה
ואל תבישני משברי: קיז סעדני ואושעה ואשעה
בחקיך תמיד: קיח סלית כל שוגים מחקיך כי

---

ווארום דו האסט מיך גילערינט ווי אזו איך זאל משפטין: (קג) מה ווי זייער איז זיס צו מיין גומען דיינע זאג מער איידער האניג צום מויל: (קד) מפקודיך ווייל איך האב פר שטאנען אין דיין תורה דרום האב איך פיינט אלע פאלשע וועגין: (קה) נר דיינע ווערטער איז ווי אליכט צו מיינע פיס אונ ווי איין בלייכטונג צו לייכטין מיר וואו הין איך גייא: (קו) נשבעתי איך האב גישווארין אז איך זאל היטין דיינע מצות אונ האב מקיים גיוועזן: (קז) נעניתי איך בין ווארין זייער אונטער טעניג. גאט לאז מיך לעבן ווי דו האסט מיר צו גיזאגט: (קח) נדבות דאס וואס מיין מויל באוויליגט בעט איך דיך אז דו זאלסט מקבל זיין ברצון אונ דיינע משפטים מאך מיך לערנען: (קט) נפשי מיין לייב איז תמיד אין סכנה אונ איך האב פארט דיין תורה ניט פאר געסין: (קי) נתנו ווען אויך די רשעים האבין פאר שפרייט אנעץ אויף מיין וועג האב איך זיך פארט ניט אפ גיקערט אונ פעראירט פון דיינע מצות: (קיא) נחלתי איך האלט דיין תורה אויף אייביג פאר אנחלה צו מיר ווייל די מצות פון דר תורה דר פרייען מיין הארץ: (קיב) נטיתי איך האב אוועק גינייגט מיין הארץ פון תענוגים צו טאן דיינע חוקים ביז אייביג אונ ביז דעם סוף פון מיינע יארין: (קיג) סעפים שלעכטע מחשבות האב איך פיינט אבער דיין תורה האב איך ליב: (קיד) סתרי דו ביסט מיין פאר בארגער אונ מיין באשיצער איך טו האפין צו דיינע רייד: (קטו) סורו קערט אפ פון מיר איר רשעים ווארום איך וויל היטין די מצות פון מיין גאט: (קטז) סמכני לעהן מיך אונטער ווי דו האסט מיר מבטיח גיוועזן אונ איך זאל לעבין אונ דו זאלסט מיך ניט פאר שעמען פון מיין האפונג: (קיז) סעדני אז דו וועסט מיך אונטער לעהנן וועל איך בודאי גיהאלפין ווערן אונ וועל שטענדיג ריידן אין דיינע חוקים: (קיח) סלית האסטו צו טראטין אלע ווס זאגן אז זיי האבין בשוגג עובר

גיוועזן

שֶׁקֶר תַּרְמִיתָם׃ קיט סִגִים הִשְׁבַּתָּ כָל רִשְׁעֵי אָרֶץ
לָכֵן אָהַבְתִּי עֵדֹתֶיךָ׃ קכ סָמַר מִפַּחְדְּךָ בְשָׂרִי
וּמִמִּשְׁפָּטֶיךָ יָרֵאתִי׃ קכא עָשִׂיתִי מִשְׁפָּט וָצֶדֶק בַּל
תַּנִּיחֵנִי לְעֹשְׁקָי׃ קכב עֲרֹב עַבְדְּךָ לְטוֹב אַל יַעַשְׁקֻנִי
זֵדִים׃ קכג עֵינַי כָּלוּ לִישׁוּעָתֶךָ וּלְאִמְרַת צִדְקֶךָ׃
קכד עֲשֵׂה עִם עַבְדְּךָ כְחַסְדֶּךָ וְחֻקֶּיךָ לַמְּדֵנִי׃
קכה עַבְדְּךָ אָנִי הֲבִינֵנִי וְאֵדְעָה עֵדֹתֶיךָ׃ קכו עֵת
לַעֲשׂוֹת לַייָ הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ׃ קכז עַל כֵּן אָהַבְתִּי
מִצְוֹתֶיךָ מִזָּהָב וּמִפָּז׃ קכח עַל כֵּן כָּל פִּקּוּדֵי כֹל
יִשָּׁרְתִּי כָּל אֹרַח שֶׁקֶר שָׂנֵאתִי׃ קכט פְּלָאוֹת
עֵדְוֹתֶיךָ עַל כֵּן נְצָרָתַם נַפְשִׁי׃ קל פֵּתַח דְּבָרֶיךָ
יָאִיר מֵבִין פְּתָיִים׃ קלא פִּי פָעַרְתִּי וָאֶשְׁאָפָה כִּי
לְמִצְוֹתֶיךָ יָאָבְתִּי׃ קלב פְּנֵה אֵלַי וְחָנֵּנִי כְּמִשְׁפָּט
לְאֹהֲבֵי שְׁמֶךָ׃ קלג פְּעָמַי הָכֵן בְּאִמְרָתֶךָ וְאַל

---

גיווען אויף דיינע חוקים וואָרום זייער קלוגשאַפט איז פאַלש אונ זייא האָבין במזיד
עובר גיווען: (קיט) סגים ווי פסולת וועט פאַר ברענט ווען מען לייטערט די זילבער אַזוי
האָסטו צו שטערט אַלע רשעים פון דר וועלט דרום האָב איך ליב דיין תורה: (קכ) סמר
מיין לייב איז האַרט גיוואָרין מחמת דיין פחד ווייל איך האָב מורא פאַר דיינע
משפטים: (קכא) עשיתי איך האָב גיטאָן משפט אונ צדקה דרום בעט איך דיך אַז דוא
זאָלסט מיך ניט איבער לאָזין צו מיינע רויבער: (קכב) ערוב באַגיטיג דיין קנעכט ער זאָל
האָבין גוטץ אונ די רשעים זאָלין מיך ניט רויבין: (קכג) עיני מיינע אויגין טוען גילוסטין
צו דיין הילף אונ צו דיינע גירעכטע רייד: (קכד) עשה טו מיט דיין קנעכט ווי דיין חסד
איז אַז דו זאָלסט מיך לערנען דיינע חוקים: (קכה) עבדך איך בין דיין קנעכט אונ וויל
דיך דינען בעט איך דיך מאַך מיך פאַר שטיין אַז איך זאָל וויסין די דינים פון דיין
תורה: (קכו) עת עס איז באַוואוסט צו גאָט אַצייט ער זאָל טאָן אַמשפט אין די רשעים
וואָס פאַר שטערין דיין תורה: (קכז) על דרום ווייל איך ווייס אַז עס קומט אַמשפט אויף
די רשעים האָב איך ליבער דיינע מצות פון גאָלד אונ פון גין גאָלד: (קכח) על דרום זאָג
איך אַז אַלע גאָטס מצות זיינען רעכטפאַרטיג אונ אַלע פאַלשע וועגין האָב איך
פיינט: (קכט) פלאות ווייל דיינע מצות זיינען פאַר הוילין דרום האָט מיין לייב אַלע מצות
גיהיט: (קל) פתח אַז אַמענטש הייבט אָן צו לערנען דיא תורה ווערין זיינע אויגין דער
לויכטין זיא גיט פאַר שטאַנד צו דיא נאַרין: (קלא) פי מיין מויל האָב איך גיעפינט אונ
גילוסט די מצות ווייל איך גילוסט זייער צו דיינע מצות: (קלב) פנה קער דיך אום צו

תַּשְׁלֶט בִּי כָל אָוֶן: קלד פְּדֵנִי מֵעֹשֶׁק אָדָם וְאֶשְׁמְרָה
פִּקּוּדֶיךָ: קלה פָּנֶיךָ הָאֵר בְּעַבְדֶּךָ וְלַמְּדֵנִי אֶת
חֻקֶּיךָ: קלו פַּלְגֵי מַיִם יָרְדוּ עֵינָי עַל לֹא שָׁמְרוּ
תוֹרָתֶךָ: קלז צַדִּיק אַתָּה יְיָ וְיָשָׁר מִשְׁפָּטֶיךָ:
קלח צִוִּיתָ צֶדֶק עֵדֹתֶיךָ וֶאֱמוּנָה מְאֹד: קלט צִמְּתַתְנִי
קִנְאָתִי כִּי שָׁכְחוּ דְבָרֶיךָ צָרָי: קמ צְרוּפָה אִמְרָתְךָ
מְאֹד וְעַבְדְּךָ אֲהֵבָהּ: קמא צָעִיר אָנֹכִי וְנִבְזֶה פִּקֻּדֶיךָ
לֹא שָׁכָחְתִּי: קמב צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ
אֱמֶת: קמג צַר וּמָצוֹק מְצָאוּנִי מִצְוֹתֶיךָ שַׁעֲשֻׁעָי:
קמד צֶדֶק עֵדְוֹתֶיךָ לְעוֹלָם הֲבִינֵנִי וְאֶחְיֶה: קמה קָרָאתִי
בְכָל לֵב עֲנֵנִי יְיָ חֻקֶּיךָ אֶצֹּרָה: קמו קְרָאתִיךָ
הוֹשִׁיעֵנִי וְאֶשְׁמְרָה עֵדֹתֶיךָ: קמז קִדַּמְתִּי בַנֶּשֶׁף
וָאֲשַׁוֵּעָה לִדְבָרְךָ יִחָלְתִּי: קמח קִדְּמוּ עֵינַי אַשְׁמֻרוֹת

---

מיר אונ דר בארעם מיך ווי עס איז ראוי צו דר בארעמען זיך אויף די וואס האבן ליב
דיין נאמען: (קלג) פעמי ברייט אן מיינע טריט צו גיין אין דעם וועג וואס דו האסט גיזאגט
אונ דו זאלסט ניט געבין כח אין דיא עבירות אז זייא זאלין גיוועלטיגין אויף מיר:
(קלד) פדני לייז מיך אויס פון דעם מענטשין וואס רויבט וועל איך היטין דיינע מצות:
(קלה) פניך וואיז מיר אפריילך פנים אונ לערין מיך דיינע חוקים: (קלו) פלגי פון מיינע
אויגין נידעריגן טרערין ווי בעך וואסער ווייל זיי האבין ניט גיהיט וואס שטייט אין דיין
תורה: (קלז) צדיק דוא גאט ביסט גירעכט אונ דיינע משפטים זיינען רעכטפארטיג:
(קלח) צוית דיינע מצות וואס דו האסט גבאטין זיינען אמת אונ זייער גירעכט: (קלט) צמתתני
מיין פערדרוס האט מיך פאר שניטן וואס מיינע בליידיגער האבין פאר געסין דיינע
ווערטער: (קמ) צרופה דיינע זאג זיינען זייער לויטער דרום האט זייא דיין קנעכט ליב:
(קמא) צעיר ווען אויך איך בין גיווארין קליין אונ מבוזה האב איך פארט ניט פר געסין
דיינע מצות: (קמב) צדקתך די צדקות וואס דו טוסט צו די וואס היטן דיינע מצות האבין
אקיום אויף אייביג אונ דיין תורה איז אמת: (קמג) צר ווען אויך מיך האט גיגרייכט
צרות אונ איינגענעש האב איך פארט שטענדיג עוסק גיוועז אין דיינע מצות:
(קמד) צדק דיינע מצות וואס זיינען מיט גירעכטיקייט האבין אקיום אויף אייביג בעט
איך דיך מאך מיך זייא פאר שטיין צייט איך וועל לעבין: (קמה) קראתי איך טוא דיך
רופן מיט דעם גאנצן הארצן ענטפער מיר גאט ווארום איך וועל היטן דיינע חוקים:
(קמו) קראתיך אז איך טוא דיר רופן זאלסטו מיר העלפין וועל איך היטין דיין תורה:
(קמז) קדמתי איך האב מיך גיפעדערט אויף צו שטיין בייא נאכט צו שרייען. איך טוא
האפין אז דוא וועסט מקים זיין דיינע ווערטער וואס דוא האסט מיר מבטיח גיוועז:

קדמו

לְשִׂיחַ בְּאִמְרָתֶךָ: קמט קוֹלִי שִׁמְעָה כְחַסְדֶּךָ יְיָ
כְּמִשְׁפָּטֶךָ חַיֵּנִי: קנ קָרְבוּ רֹדְפֵי זִמָּה מִתּוֹרָתְךָ
רָחָקוּ: קנא קָרוֹב אַתָּה יְיָ וְכָל מִצְוֹתֶיךָ אֱמֶת:
קנב קֶדֶם יָדַעְתִּי מֵעֵדֹתֶיךָ כִּי לְעוֹלָם יְסַדְתָּם:
קנג רְאֵה עָנְיִי וְחַלְּצֵנִי כִּי תוֹרָתְךָ לֹא שָׁכָחְתִּי:
קנד רִיבָה רִיבִי וּגְאָלֵנִי לְאִמְרָתְךָ חַיֵּנִי: קנה רָחוֹק
מֵרְשָׁעִים יְשׁוּעָה כִּי חֻקֶּיךָ לֹא דָרָשׁוּ: קנו רַחֲמֶיךָ
רַבִּים יְיָ כְּמִשְׁפָּטֶיךָ חַיֵּנִי: קנז רַבִּים רֹדְפַי
וְצָרָי מֵעֵדְוֹתֶיךָ לֹא נָטִיתִי: קנח רָאִיתִי בֹגְדִים
וָאֶתְקוֹטָטָה אֲשֶׁר אִמְרָתְךָ לֹא שָׁמָרוּ: קנט רְאֵה
כִּי פִקּוּדֶיךָ אָהָבְתִּי יְיָ כְּחַסְדְּךָ חַיֵּנִי: קס רֹאשׁ
דְּבָרְךָ אֱמֶת וּלְעוֹלָם כָּל מִשְׁפַּט צִדְקֶךָ: קסא שָׂרִים
רְדָפוּנִי חִנָּם וּמִדְּבָרְךָ פָּחַד לִבִּי: קסב שָׂשׂ אָנֹכִי

---

(קמח) קדמו מיינע אויגן האבן זיך געפעדערט צו עפענען צווייא טייל נאכט פאר טאג צו רעדן אין דיין תורה: (קמט) קולי מיין קול זאלסטו צו הערין וויא דיין חסד איז. איך בעט דיך גאט דו זאלסט מיך לאזן לעבן וויא דיין מנהג איז צו טאן חסד: (קנ) קרבו דיא וואס יאגן נאך צו טאן שלעכטע מעשים זיינן זייא נאהענט דער צו אבער זייא זיינן ווייט פון דיין תורה: (קנא) קרוב דוא גאט ביסט נאהענט צו אלע וואס רופן דיך אונ אלע דיינע מצות זיינן אמת: (קנב) קדם דאס איז דאס ערשטע פון אלע וויסן שאפט וואס איך האב פאר שטאנען אין דיין תורה ווייל דוא האסט זייא גיגרונד פעסטיגט אויף אייביג: (קנג) ראה זעה מיין ארומקייט אונ ציא מיך ארויס דער פון ווארום איך האב דיין תורה ניט פר געסן: (קנד) ריבה קריג מיט מיינע שונאים מיין קריג אונ לייז מיך אויס פון זיי. לאז מיך לעבן אז איך זאל קאנען מקיים זיין דיינע זאג: (קנה) רחוק פון די רשעים איז ווייט די הילף ווייל זיי האבן דיינע חוקים ניט גיפארשט: (קנו) רחמיך דיינע רחמנות זיינען זייער פיל דוא גאט וויא דיין מנהג איז מרחם זיך צו זיין אויף לייטן זאלסטו מיך לאזין לעבן: (קנז) רבים מיינע נאך יאגער אונ מיינע בלייידיגער זיינן פיל אונ איך האב פארט ניט אוועק גינייגט פון דיינע מצות: (קנח) ראיתי איך האב גיזעהן פעלשער אונ האב מיך גיקריגט מיט זייא איבר דעם וואס זיי האבן דיא זאג פון דיין תורה ניט גיהיט: (קנט) ראה זעה אז איך האב דיינע מצות ליב, דרום בעט איך דיך גאט אז דוא זאלסט מיך לאזן לעבן אזו וויא דיין חסד איז: (קס) ראש דר אן הייב פון דיינע ווערטר וואס דו האסט גיזאגט אויף דעם בארג סיני (אנכי יי אלהיך) איז דאס אמת, אונ דרום וועלן אקיום האבין אויף אייביג דיינע גירעכטע משפטים: (קסא) שרים ווען אויך הערן האבין מיך אומזונסט נאך גיאגט האט מיין הארץ פארט

על אמרתך כמוצא שלל רב: קסג שקר שנאתי
ואתעבה תורתך אהבתי: קסד שבע ביום
הללתיך על משפטי צדקך: קסה שלום רב
לאהבי תורתך ואין למו מכשול: קסו שברתי
לישועתך יי ומצותיך עשיתי: קסז שמרה נפשי
עדתיך ואהבם מאד: קסח שמרתי פקודיך
ועדתיך כי כל דרכי נגדך: קסט תקרב רנתי
לפניך יי כדברך הבינני: קע תבוא תחנתי לפניך
כאמרתך הצילני: קעא תבענה שפתי תהלה כי
תלמדני חקיך: קעב תען לשוני אמרתך כי כל
מצותיך צדק: קעג תהי ידך לעזרני כי פקודיך
בחרתי: קעד תאבתי לישועתך יי ותורתך
שעשעי: קעה תחי נפשי ותהללך ומשפטך
יעזרני: קעו תעיתי כשה אבד בקש עבדך כי
מצותיך לא שכחתי:

---

פחד גיהאט פר דיינע ווערטר: (קסב) שש אויף דעם וואס איך האב מקיים גיוועזן דיינע
זאג האב איך מיך גיפרייט וויא איינער וואס גיפינט אגרויסין זאק רויב: (קסג) שקר
פאלשקייט האב איך פיינט אונ האב פר אומווירדיגט ווייל איך האב ליב דיין תורה
וואס זיא איז מזהיר דרויף: (קסד) שבע זיבן מאל אין טאג האב איך דיך גיטאן לויבן
אויף דעם וואס דוא האסט אונז גיגעבין דיינע גירעכטע משפטים: (קסה) שלום פיל
שלום וועט זיין צו די וואס האבן ליב דיין תורה אונ עם וועט צו זייא ניט קומן קיין
שטרויכלונג: (קסו) שברתי איך האב גיטאן האפן צו דיין הילף גאט אונ האב גיטאן
דיינע מצות: (קסז) שמרה מיין לייב האט גיטאן היטן דיין תורה אונ דיינע מצות האב
איך זייער ליב: (קסח) שמרתי איך האב גיהיט דיינע מצות אונ דיין תורה ווארום איך
ווייס אז אלע מיינע וועגן זיינען פר דיר: (קסט) תקרב מיין תפלה זאל גינעהן פאר דיר
גאט דוא זאלסט מיר געבן צו פאר שטיין די תורה: (קע) תבוא מיין גיבעט זאל קומען
פר דיר. וויא דוא האסט גיזאגט דורך נתן הנביא זאלסטו מיך מציל זיין: (קעא) תבענה
מיינע לעפצין וועלן זאגן אלויב צו דיר אז דוא וועסט מיך לערנען דיינע חוקים:
(קעב) תען מיין צונג טוט הויך ריידן דיינע זאג ווארום אלע דיינע מצות זיינן גירעכטע
רייד: (קעג) תהי דיין האנט זאל זיין אנגיברייט צו העלפין מיר ווארום איך האב אויס
דער ווילט צו טאן דיינע מצות: (קעד) תאבתי איך טוא גילוסטין צו דיין הילף גאט אונ
אז דו וועסט מיר העלפן וועל איך עוסק זיין אין דיין תורה: (קעה) תחי מיין לייב זאל לעבן

דער מִזְמוֹר אִיז אַיין מוּסַר קֶעגִין דִיא וָואס רַיידִין לָשׁוֹן הָרָע :

יום כז קכ א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת אֶל יְיָ בַּצָּרָתָה לִּי קָרָאתִי
וַיַּעֲנֵנִי: ב יְיָ הַצִּילָה נַפְשִׁי מִשְּׂפַת שֶׁקֶר
מִלָּשׁוֹן רְמִיָּה: ג מַה יִּתֵּן לְךָ וּמַה יֹּסִיף לָךְ לָשׁוֹן
רְמִיָּה: ד חִצֵּי גִבּוֹר שְׁנוּנִים עִם גַּחֲלֵי רְתָמִים:
ה אוֹיָה לִי כִּי גַרְתִּי מֶשֶׁךְ שָׁכַנְתִּי עִם אָהֳלֵי קֵדָר:
ו רַבַּת שָׁכְנָה לָּהּ נַפְשִׁי עִם שׂוֹנֵא שָׁלוֹם: ז אֲנִי
שָׁלוֹם וְכִי אֲדַבֵּר הֵמָּה לַמִּלְחָמָה:

דָאס אִיז אַיין תְּפִלָּה דָאס הַשי"ת זָאל הֶעלְפִין יִשְׂרָאֵל אוּנ זָאל זַייא הִיטִין פוּן אַלֶע צָרוֹת :

קכא א שִׁיר לַמַּעֲלוֹת אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים מֵאַיִן
יָבֹא עֶזְרִי: ב עֶזְרִי מֵעִם יְיָ עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ:
ג אַל יִתֵּן לַמּוֹט רַגְלֶךָ אַל יָנוּם שֹׁמְרֶךָ: ד הִנֵּה לֹא

---

כְּדֵי אִיךְ זָאל דִיךְ קָאנֶען לוֹיבִּן, אוּנ דַיינֶע מִשְׁפָּטִים וָואס דוּא וֶועסְט טָאן אִין מַיינֶע שׂוֹנְאִים וֶועלִין מִיר הֶעלְפִין פוּן זַייעֶרֶע הֶענְט : (קט) תעיתי אִיךְ בִּין וָוארִין פַר אִירְט אַזוֹ וִויא אַפַרְלָארֶענֶע שָׁאף, בֶּעט אִיךְ דִיךְ בַּגֶער אִין דַיין קְנֶעכְט אוּנ וַוייז מִיר דֶעם וֶועג וואוּהִין אִיךְ זָאל גֵיין, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ דַיינֶע מִצְוֹת נִיט פַאר גֶעסִין :

קכ (א) שיר. דִיא פוּפְצֶעהִן שִׁיר הַמַּעֲלוֹת הָאט דָוִד גֶיזָאגְט דִי לְוִיִּם זַייא זָאלִין זָאגִין אוֹיף דִיא פוּפְצֶעהִן טְרֶעפּ וָואס גַייעֶן פוּן דֶער עֲזָרָה פוּן וַוייבֶּר צוּ דֶער עֲזָרָה פוּן מַאנֶן אוֹיף אִיטְלִיכֶר טְרֶעפּ אַשִׁיר הַמַּעֲלוֹת. אַז עֶס אִיז מִיר גִיוֶוען לֵייד הָאבּ אִיךְ צוּ גָאט גִירוּפִין הָאט עֶר מִיר גִיעֶנְטְפֶערְט : (ב) יי גָאט זַאיי מִיךְ מַצִּיל פוּן פַאלְשֶׁע לֶעפְּצִן. פוּן דִי וָואס הָאבִּין אַפַאלְשֶׁע צוּנְג : (ג) מה דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גִיזָאגְט צוּ דִי וָואס הָאבִּן אַפַאלְשֶׁע צוּנְג וָואס נָאךְ פַאר אַצַאס זָאל עֶר מֶערִן דִיר צוּ גֶעבִּן אוּנ וָואס זָאל מֶען נָאךְ מֶער שְׁמִירָה דִיר מַאכִין דוּא פַאלְשֶׁע צוּנְג, דִיא צוּנְג אִיז דָאךְ פַר שְׁלָאסִין מִיט דִיא צֵיין אוּנ לִיפִּן : (ד) חצי לָשׁוֹן הָרָע אִיז גְלַייךְ צוּ שַׁארְפֶע פַיילִין בַּייא אַגִּבּוֹר אִין דִיא הֶענְט וָואס עֶר הַרְגֶּעט מִיט זַיי פוּן וַוייטִין אוּנ אִיז גְלַייךְ צוּ קוֹילִין פוּן בּוּקְסִן הָאלְץ וָואס פוּן אוֹיסִין וֶוערִין זַייעֶן זַייא פַאר לָאשִׁין אוּנ פוּן אִינֶעווֵייניג בְּרֶענֶען זַייא : (ה) אויה דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גִיזָאגְט גְלַייךְ וִויא דִי יוּדִין קְלָאגִין זִיךְ וֵוייא אִיז מִיר אַז אִיבֶּר לָשׁוֹן הָרָע הָאבּ אִיךְ גִירוּעֶט בַּיי דִי גִיצֶעלְטִין פוּן דִי טָאטֶערִין : (ו) רבת אוּנ דְרוּם הָאט מַיין לַייבּ אַלַאנְגֶע צַייט גִירוּעֶט מִיט דִי וָואס הָאבִּין פַיינְט שָׁלוֹם : (ז) אני אִיךְ הָאבּ גִירֶעט שָׁלוֹם אוּנ אַז אִיךְ הָאבּ גִירֶעט שָׁלוֹם הָאבִּין זַיי דֶער וֶועקְט מִלְחָמָה צוּ הַאלְטִין מִיט מִיר :

קכא (א) שיר. אִיךְ הֵייבּ אוֹיף מַיינֶע אוֹיגִן צוּ דִי בֶּערְג צוּ זֶעהִן פוּן וַואנֶען וֶועט קוּמֶען מַיין הִילְף : (ב) עזרי אִיךְ הָאבּ נִיט פוּן קַיינֶעם קֵיין הִילְף נָאר פוּן גָאט וָואס הָאט בַּאשַׁאפִין הִימִיל אוּנ עֶרְד : (ג) אל דַיינֶע פִּיס וֶועט עֶר נִיט לָאזִין אוֹיס גִיגְלִיטְשְׁט וֶוערִין. גָאט דַיין הִיטֶער טוּט נִיט דְרֶעמְלֶען דָאס הֵייסְט עֶר טוּט נִיט אָפּ זַיין הַשְׁגָּחָה פוּן דִיר קֵיין מָאל : (ד) הנה גָאט דֶער הִיטֶער פוּן יִשְׂרָאֵל טוּט קֵיין מָאל נִיט דְרֶעמְלֶען אוּנ נִיט

שׁ"אפין

יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל: ה יְיָ שֹׁמְרֶךָ יְיָ צִלְּךָ
עַל יַד יְמִינֶךָ: ו יוֹמָם הַשֶּׁמֶשׁ לֹא יַכֶּכָּה וְיָרֵחַ
בַּלָּיְלָה: ז יְיָ יִשְׁמָרְךָ מִכָּל רָע יִשְׁמֹר אֶת נַפְשֶׁךָ:
ח יְיָ יִשְׁמָר צֵאתְךָ וּבוֹאֶךָ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם:

דֶער מִזְמוֹר דֶער צֵיילְט דִיא שִׂמְחָה פוּן דִיא עוֹלֵי רְגָלִים אוּנ דֶעם שֶׁבַח פוּן יְרוּשָׁלַיִם:

קכב א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד שָׂמַחְתִּי בְּאֹמְרִים לִי
בֵּית יְיָ נֵלֵךְ: ב עֹמְדוֹת הָיוּ רַגְלֵינוּ בִּשְׁעָרַיִךְ
יְרוּשָׁלָםִ: ג יְרוּשָׁלַםִ הַבְּנוּיָה כְּעִיר שֶׁחֻבְּרָה לָּהּ
יַחְדָּו: ד שֶׁשָּׁם עָלוּ שְׁבָטִים שִׁבְטֵי יָהּ עֵדוּת
לְיִשְׂרָאֵל לְהֹדוֹת לְשֵׁם יְיָ: ה כִּי שָׁמָּה יָשְׁבוּ כִסְאוֹת
לְמִשְׁפָּט כִּסְאוֹת לְבֵית דָּוִד: ו שַׁאֲלוּ שְׁלוֹם
יְרוּשָׁלָםִ יִשְׁלָיוּ אֹהֲבָיִךְ: ז יְהִי שָׁלוֹם בְּחֵילֵךְ שַׁלְוָה
בְּאַרְמְנוֹתָיִךְ: ח לְמַעַן אַחַי וְרֵעָי אֲדַבְּרָה נָּא שָׁלוֹם
בָּךְ: ט לְמַעַן בֵּית יְיָ אֱלֹהֵינוּ אֲבַקְשָׁה טוֹב לָךְ:

דֶער מִזְמוֹר אִיז אַיין תְּפִלָּה אוֹיף דֶער גְאוּלָה פוּן גָלוּת:

קכג א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת אֵלֶיךָ נָשָׂאתִי אֶת עֵינַי

---

שְׁלָאפִין: (ה) יי גָאט אִיז דַיין הִיטֶער. גָאט שְׁטֵייט בַּייא דַיין רֶעכְטֶע הַאנְד מֵגִין צוּ זַיין אוֹיף דִיר: (ו) יומם בַּייא טָאג וֶועט דִי הִיץ פוּן דֶער זוּן דִיךְ נִיט מַזִיק זַיין אוּנ בַּיי דֶער נַאכְט וֶועט דִיךְ נִיט מַזִיק זַיין דִיא לְבָנָה: (ז) יי גָאט וֶועט דִיךְ הִיטִין פוּן אַלֶע בֵּייז אוּנ וֶועט הִיטִין דַיין לַייבּ: (ח) יי גָאט וֶועט דִיךְ הִיטִין אִין דַיין אַרוֹיס גֵיין אִין וֶועג אוּנ אִין דַיין קוּמֶען פוּן הַיינְט בִּיז אֵייבִּיג:

קכב (א) שיר. אִיךְ הָאבּ מִיךְ גִיפְרֵייט אַז מֶען זָאגְט מִיר אַז מִיר וֶועלִין גֵיין אִין גָאטְס הוֹיז: (ב) עומדות וֶועגִין פִיל מֶענְטְשִׁין וָואס זַיינֶען גִיקוּמֶען אוֹיף יוֹם טוֹב הָאבִּין מִיר גִימוּזְט פַאר זַאמֶען אַצַייט אִין דִיא טוֹיעֶרִין פוּן יְרוּשָׁלַיִם: (ג) ירושלים דִיא שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם וָואס זִיא אִיז גִיבּוֹיט גִיוָוארִין וִוי אַשְׁטָאט וָואס אִין אִיר גִיפִינְט זִיךְ אַלֶערְלֵיי שֵׁיינְקַייט: (ד) ששם וָואס דָארְטִין זַיינֶען אוֹיף גִיגַאנְגֶען גָאטְס שְׁבָטִים אוֹיף יוֹם טוֹב. דָאס אוֹיף גַאנְג אִיז גִיוֶועז אַיין עֵדוּת אַז דִיא שְׁכִינָה רוּעֶט אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּנ דְרוּם אִיז רָאוּי גִיוֶוען צוּ לוֹיבִּין גָאט אוֹיף דֶעם נֵס: (ה) כי וַוייל דָארְטִין זַיינֶען גִיזֶעסִין דִי סַנְהֶדְרִין אוֹיף שְׁטוּלִין אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ דָאס הוֹיז גִיזִינְד פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ זַיי זָאלִין דָארְטִין מִשְׁפָּטִין: (ו) שאלו טוּט בֶּעטִין פוּן גָאט אוֹיף דֶעם שָׁלוֹם פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּנ דִי לִיבּ הָאבֶּער פוּן דִיר יְרוּשָׁלַיִם זָאלִין שַׁלְוָה הָאבִּין: (ז) יהי שָׁלוֹם זָאל זַיין אִין דַיינֶע מוֹיעֶרִן אוּנ שַׁלְוָה זָאל זַיין אִין דַיינֶע פַּאלַאצִין: (ח) למען וֶועגִין מַיינֶע בְּרִידֶער אוּנ פְרַיינְד דָס כְּלַל יִשְׂרָאֵל בֶּעט אִיךְ אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין דִיר יְרוּשָׁלַיִם: (ט) למען אוּנ פוּן וֶועגִין דֶעם בהמ״ק אוּנְזֶער

הַיֹּשְׁבִי בַּשָּׁמָיִם: ב הִנֵּה כְעֵינֵי עֲבָדִים אֶל יַד
אֲדוֹנֵיהֶם כְּעֵינֵי שִׁפְחָה אֶל יַד גְּבִרְתָּהּ כֵּן עֵינֵינוּ
אֶל יְיָ אֱלֹהֵינוּ עַד שֶׁיְּחָנֵּנוּ: ג חָנֵּנוּ יְיָ חָנֵּנוּ כִּי רַב
שָׂבַעְנוּ בוּז: ד רַבַּת שָׂבְעָה לָּהּ נַפְשֵׁנוּ הַלַּעַג
הַשַּׁאֲנַנִּים הַבּוּז לִגְאֵי יוֹנִים:

דֶער מִזְמוֹר אִיז אַיין שֶׁבַח צוּא הַשֵּׁ״ית וָואס עֶר הָאט נִיט גִילָאזְן דִיא שׂוֹנְאִים פֶערְשְׁלִינְגְן דִיא יִשְׂרָאֵל:

קכד א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד לוּלֵי יְיָ שֶׁהָיָה לָנוּ יֹאמַר
נָא יִשְׂרָאֵל: ב לוּלֵי יְיָ שֶׁהָיָה לָנוּ בְּקוּם עָלֵינוּ
אָדָם: ג אֲזַי חַיִּים בְּלָעוּנוּ בַּחֲרוֹת אַפָּם בָּנוּ:
ד אֲזַי הַמַּיִם שְׁטָפוּנוּ נַחְלָה עָבַר עַל נַפְשֵׁנוּ: ה אֲזַי
עָבַר עַל נַפְשֵׁנוּ הַמַּיִם הַזֵּידוֹנִים: ו בָּרוּךְ יְיָ שֶׁלֹּא
נְתָנָנוּ טֶרֶף לְשִׁנֵּיהֶם: ז נַפְשֵׁנוּ כְּצִפּוֹר נִמְלְטָה
מִפַּח יוֹקְשִׁים הַפַּח נִשְׁבָּר וַאֲנַחְנוּ נִמְלָטְנוּ: ח עֶזְרֵנוּ
בְּשֵׁם יְיָ עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ:

---

גָאטְס הויז וָואס אִין יְרוּשָׁלַיִם וָועט גִיבּוֹיט וֶוערְן בֶּעט אִיךְ גָאטְס אוֹיף דִיר יְרוּשָׁלַיִם:
קכג (א) שִׁיר. צוּ דִיר גָאט טוּא אִיךְ אוֹיף הֵייבְּן מַיינֶע אוֹיגְן. צוּ דִיר גָאט וָואס זִיצְט
אִין הִימִיל: (ב) הנה וִויא דִיא אוֹיגְן פוּן דִיא קְנֶעכְט קוּקְן צוּ דִי הֶענְט פוּן זֵייעֶרֶע
הֶערְן. וִויא דִיא אוֹיגְן פוּן דֶער שִׁפְחָה קוּקְן צוּ דִיא הֶענְט פוּן אִיר הַארִינְטֶע אַזוֹי
קוּקְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן צוּ אוּנְזֶער גָאט בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ דֶער בַּארִימֶען אוֹיף אוּנְז: (ג) חננו
דֶער בַּארֶעם דִיךְ אוּנְזֶער גָאט אוֹיף אוּנְז וָוארוּם מִיר זַיינֶען גִיזֶעט גִיוָוארִין מִיט
פִיל בִּזְיוֹנוֹת: (ד) רבת אוּנְזֶערֶע לַייבֶּער זַיינֶען פִיל גִיזֶעט גִיוָוארְן פוּן דֶעם שְׁפֶּעטִינְג
פוּן דִיא וָואס זַיינֶען גִיזֶעסִין בְּשַׁלְוָה אוּנ פוּן דִיא בִּזְיוֹנוֹת וָואס דִיא בַּעֲלֵי גַאֲוָה
הָאבִּין אוּנְז מְבַזֶּה גִיוֶוען:

קכד (א) שִׁיר. אַז גָאט וָואלְט מִיט אוּנְז נִיט גִיוֶוען זָאגְין יִשְׂרָאֵל: (ב) לולי וֶוען גָאט
וָואלְט מִיט אוּנְז נִיט גִיוֶוען אִין דֶער צַייט אַז אַמֶענְטְשׁ אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוֹיף
אוּנְז: (ג) אזי וָואלְטִין זֵייא אוּנְז לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט אַיין גִישְׁלוּנְגֶן אִין דֶר צַייט אַז זֵייעֶר
צָארִין הָאט גִיגְרִימְט אוֹיף אוּנְז: (ד) אזי דִיא שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשִׁין וָואלְטֶן אוּנְז גִיוֶוען וִויא
וַואסֶער פַאר פְלֵייצְט אוּנ וִויא אַבֶּעךְ וַואסֶער וָואלְט גִיוֶוען אִיבֶּר גִיפָּארִין אוֹיף אוּנְזֶער
לַייבּ: (ה) אזי וָואלְט אִיבֶּער גִיפָארִין אוֹיף אוּנְז דָאס רוֹישֶׁענְדֶע וַואסֶער דָאס אִיז דִיא
שִׂנְאָה אוּנ נְקָמָה: (ו) ברוך אָבֶּער גִילוֹיבְּט אִיז גָאט וָואס עֶר הָאט אוּנְז נִיט גִיגֶעבִּין מִיר
זָאלִין זַיין אַפָּארְצוּקוּנְג צוּא זֵייעֶרֶע צֵיין: (ז) נפשנו אוּנְזֶערֶע לַייבֶּער זַיינֶען אַנְטְרוּנֶען
גִיוָוארִין פוּן זֵייעֶרֶע הֶענְט וִויא אַפוֹיגִיל וֶוערְט אַנְטְרוּנֶען פוּן דֶער נֶעץ פוּן דִי פַיינְגֶער.
דִי נֶעץ אִיז צוּ בְּרָאכִין גִיוָוארְן אוּנ מִיר זַיינֶען אַנְטְרוּנֶען גִיוָוארְן: (ח) עזרנו אוּנְזֶער הִילְף
קוּמְט אַז מִיר דֶר מָאנֶען נָאמֶען וָואס הָאט בַּשַׁאפְן הִימֶל אוּנ עֶרְד:

שיר

אין דעם מזמור איז אין הבטחות דאס ירושלים אונ דער בהמ״ק וועלן ווידער אויף גיבויט ווערן :

קכה א שיר המעלות הבטחים ביי כהר ציון לא
ימוט לעולם ישב : ב ירושלם הרים סביב לה
ויי סביב לעמו מעתה ועד עולם : ג כי לא ינוח
שבט הרשע על גורל הצדיקים למען לא ישלחו
הצדיקים בעולתה ידיהם : ד היטיבה יי לטובים
ולישרים בלבותם : ה והמטים עקלקלותם
יוליכם יי את פעלי האון שלום על ישראל :

דער מזמור רעט פון דיא גרויסע שמחה וואס װעט זיין בעת דיא גאולה איה :

קכו א שיר המעלות בשוב יי את שיבת ציון היינו
כחלמים : ב אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה
אז יאמרו בגוים הגדיל יי לעשות עם אלה :
ג הגדיל יי לעשות עמנו היינו שמחים : ד שובה יי
את שביתנו כאפיקים בנגב : ה הזרעים בדמעה
ברנה יקצרו : ו הלוך ילך ובכה נשא משך הזרע
בא יבא ברנה נשא אלמתיו :

---

קכה (א) שיר . דיא וואס האבין אבטחון אויף גאט װעלין זייא זיין וויא דער בארג ציון וואס ער וואנקט ניט אונ בלייבט אייביג : (ב) ירושלים וויא די בערג רינגלין ארום דיא שטאט ירושלים אזוי רינגילט ארום גאט זיין פאלק פון היינט ביז אייביג : (ג) כי ניט אויף אלאנגע צייט טוט רוען דם בייזקייט פון די רשעים אויף דער נחלה פון די צדיקים כדי די צדיקים זאלן ניט אוים שטרעקן זייערע הענט צו טאן עולות : (ד) היטיבה גאט זאל בגיטיגן צו די גוטע אונ צו די וואס זיינען רעכטפארטיגע אין זייער הארצין : (ה) והמטים אבער די וואס נייגן זיך צו גיין אין פאר קרימטע וועגן וועט זיי גאט פירין מיט דיא וואס ווערקין אומרעכט . שלום אויף ישראל :

קכו (א) שיר . אז גאט וועט אומקערן די ווידערקערונג פון דר שטאט ציון וועלן זייא דאמאלס זאגן אז עס איז נאר גיוועזן וויא אחלום : (ב) אז דענסטמאל וועט אונזר מויל דר פילט ווערן מיט פרייד אונ אונזר צונג מיט גיזאנג . דענסטמאל וועט מען זאגן צווישן דיא פעלקר גאט האט גרויסע טובות גיטאן מיט דיא דאזיגע : (ג) הגדיל אמת גאט האט מיט אונז גיטאן גרויסע נסים אונ מחמת דעם בטחון האבן מיר זיך גיפרייט : (ד) שובה קער אום גאט אונזערע ווידערקערונג גלייך וויא די בעך וואסר אויף טרוקענע ערד : (ה) הזורעים דיא וואס האבין גיזייט מיט טרערין אבער אז עס האט גיוואקסין תבואה שניידין זייא מיט גיזאנג : (ו) הלוך אז ער האט גיפירט דיא

דער מוסר זאגט טוסר אז מען זאל נאר האבן בטחון אויף השי"ת דארום אן אים קאן גאר נישט זיין :

קכז א שיר המעלות לשלמה אם יי לא יבנה בית
שוא עמלו בוניו בו אם יי לא ישמר עיר שוא
שקד שומר: ב שוא לכם משכימי קום מאחרי
שבת אכלי לחם העצבים כן יתן לידידו שנא:
ג הנה נחלת יי בנים שכר פרי הבטן: ד כחצים
ביד גבור כן בני הנעורים: ה אשרי הגבר אשר
מלא את אשפתו מהם לא יבשו כי ידברו
את אויבים בשער:

דער מוסר זאגט דאס גליקליך איז דער וואס איז יראת שמים בסוד :

קכח א שיר המעלות אשרי כל ירא יי ההלך
בדרכיו: ב יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב
לך: ג אשתך כגפן פריה בירכתי ביתך בניך

---

תבואה צו זייען אויף דעם טרוקענעם ארט איז ער גיגאנגען אונ גיוויינט אבער נאך דעם אז דיא בעך וואסר איז אנגיקומען אויף דעם ארט האט ער גיטראגן די גארבן פון פעלד אהיים מיט גיזאנג אזו זיינן דיא וואס טוען דיא מצות מיט גיוויין אבער זייא ווערן מקבל זיין שכר מיט גרויס שמחה :

קכז (א) שיר . דאס האט דוד המלך גיזאגט אויף זיין זון שלמה אז גאט וועט ניט בגערן דס גיבייא פון דעם בהמ"ק איבר דייגע מעשים וואס זיינן ניט גוט האבן זיך דיא בעלי מלאכות אומזונסט גימיהט איבר דעם גיבייא אונ אז גאט וועט ניט היטן די שטאט ירושלים האט זיך דאך אומזונסט דר היטר גישטארקט צו היטן דיא שטאט : (ב) שוא אונ צו אייך מענטשין איז אויך אומזונסט אייער פריא אויף שטיין אונ שפעט לייגן . זיי עסין ברויט וואס קומט אן מיט טרויערקייט אונ מיט שווערע ארבייט אזו ניט דאך גאט דס בדערפעניש צו דעם דאזיגן וואס פאר וואוילט זיין שלאף אונ איז עוסק אין דר תורה : (ג) הנה דיא מענטשין וואס בראכטן עשירות וועגן זייערע קינדר איז דאס אייך ניט ווארום דיא קינדער זיינען דאך גאבס ארב אונ ער גיט זייא צו וועמן ער וויל אונ קינדר קומן נאר פון גאט פאר שכר פון מעשים טובים וואס דר מענטש טוט : (ד) כחצים ווי די פיילין וואס זיינן בייא אגבור ניט דיא פיילן הרגנן נאר דר גבור וואס שיסט מיט זיי אזו זיינן אויך די קינדר וואס דר פאטר איז זיי מדריך אין דר יוגנט : (ה) אשרי וואויל דעם מענטשן וואס ער האט דר פילט זיין קעכר פון זיי. אזעלכע קינדר וועלן ניט פר שעמט ווערן אז זיי וועלן זיך מפלפל זיין מיט דיא לומדים וואס רעדן מיט זייא אין דעם טויער וואו דיא לומדים זיצן :

קכח (א) שיר . וואול צו אלע וואס האבן מורא פאר גאט אונ גייען אין גאטס וועג : (ב) יגיע אז דו וועסט עסן נאר וואס דוא פר דינסט מיט דיינע הענט וועט דיר וואול

כְּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ: ד הִנֵּה כִי כֵן יְבֹרַךְ
גָּבֶר יְרֵא יְיָ: ה יְבָרֶכְךָ יְיָ מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב
יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ: ו וּרְאֵה בָנִים לְבָנֶיךָ שָׁלוֹם
עַל יִשְׂרָאֵל:

דָאס גֵייט אוֹיף דִיא צָרוֹת וָואס דִיא יִשְׂרָאֵל הָאבִּין גֶילִיטִין אִין אַלֶע גָלֻיוֹת.

קכט א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת רַבַּת צְרָרוּנִי מִנְּעוּרָי יֹאמַר
נָא יִשְׂרָאֵל: ב רַבַּת צְרָרוּנִי מִנְּעוּרָי גַּם לֹא
יָכְלוּ לִי: ג עַל גַּבִּי חָרְשׁוּ חֹרְשִׁים הֶאֱרִיכוּ
לְמַעֲנִיתָם: ד יְיָ צַדִּיק קִצֵּץ עֲבוֹת רְשָׁעִים: ה יֵבֹשׁוּ
וְיִסֹּגוּ אָחוֹר כֹּל שֹׂנְאֵי צִיּוֹן: ו יִהְיוּ כַּחֲצִיר גַּגּוֹת
שֶׁקַּדְמַת שָׁלַף יָבֵשׁ: ז שֶׁלֹּא מִלֵּא כַפּוֹ קוֹצֵר
וְחִצְנוֹ מְעַמֵּר: ח וְלֹא אָמְרוּ הָעֹבְרִים בִּרְכַּת יְיָ
אֲלֵיכֶם בֵּרַכְנוּ אֶתְכֶם בְּשֵׁם יְיָ:

דָאס אִיז אַיין תְּפִלָּה אוֹיף אֲרִיכַת הַגָּלוּת בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים אוּנ אוֹיף דֶער גְאוּלָה:

קל א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ יְיָ: ב אֲדֹנָי

---

וואוֹל אוּנ גוּט זַיין: (ג) אשתך דַיין וַוייבּ וֶועט זַיין גְלַייךְ צוּ אַפְרוּכְטְבַּארֶר וַויין שְׁטָאק אִין דִיא ווינְקְלֶען פוּן דַיין הוֹיז אוּנ דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלִין זַיין פְרִישׁ ווִיא דִיא צְוַוייגִין פוּן אֵייל בֶּערְטִין אוּנ וֶועלִין זִיצִין אַרוּם דַיין טִישׁ: (ד) הנה מִיט אַזֶעלְכֶע בְּרָכוֹת וֶוערְט גִיבֶּענְטְשְׁט נָאר דֶער וָואס הָאט מוֹרָא פַאר גָאט: (ה) יברכך גָאט וֶועט דִיךְ בֶּענְטְשִׁין פוּן דֶער שְׁטָאט צִיוֹן אוּנ וֶועסְט זֶעהְן אִין דֶעם גוּטְס פוּן יְרוּשָׁלַיִם אַלֶע טָעג פוּן דַיין לֶעבִּין: (ו) וראה אוּנ וֶועסְט זֶעהְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלִין הָאבִּין קִינְדֶער אוּנ וֶועסְט זֶעהְן דֶעם שָׁלוֹם וָואס יִשְׂרָאֵל וֶועלִין הָאבִּין:

קכט (א) שיר. פִיל בַּלֵיידִיגֶער זַיינֶען אוֹיף מִיר אוֹיף גִישְׁטַאנֶען פוּן דֶער יוּגִינְט אָן זָאגִן יִשְׂרָאֵל: (ב) רבת פִיל בַּלֵיידִיגֶער הָאבּ אִיךְ גִיהַאט פוּן דֶער יוּגִינְט אָן דָאךְ הָאבִּין זֵיי מִיךְ נִיט גִיקָאנְט בַּיי קוּמֶען: (ג) על די וָואס אֶקֶערִין הָאבִּין אוֹיף מַיין רוּקִין גִיאַקֶערְט אוּנ דֶעם שְׁנוּר פוּן דֶעם אַקֶער הָאבִּין זֵייא לַאנְג גִיצוֹיגִן: (ד) יי אָבֶּער גָאט דֶער צַדִּיק הָאט צוּ שְׁנִיטִין דִיא שְׁטְרִיק פוּן דִיא רְשָׁעִים: (ה) יבשו אַלֶע וָואס הָאבִּין פַיינְט דִיא שְׁטָאט צִיוֹן וֶועלִין זִיךְ פַאר קֶערִין אַהִינְטֶער מֵחֲמַת בּוּשָׁה: (ו) יהיו אוּנ וֶועלִין זַיין ווִיא דָאס גְרָאז וָואס וַואקְסְט אוֹיף דִיא דֶעכֶער אַז אֵיידֶער מֶען רַייסְט דָאס אוֹיס וֶוערְט דָאס פַאר דַארְט: (ז) שלא אוּנ דֶער שְׁנִיטֶער הָאט נִיט דֶער פִילְט זַיין הַאנְט פוּן זֵייא אוּנ זַיין עֶק קְלֵייד הָאט פוּן זֵייא נִיט דֶער פִילְט דֶער גַארְבִּין מַאכֶער: (ח) ולא אוּנ דִי וָואס פָארִין אִין וֶועג הָאבִּין נִיט גִיזָאגְט צוּ דִיא שְׁנִיטֶער גָאטְס בְּרָכָה זָאל זַיין צוּ אַייךְ מִיר בֶּענְטְשִׁין אַייךְ מִיט גָאטְס נָאמֶען:

שיר

שִׁמְעָה בְקוֹלִי תִּהְיֶינָה אָזְנֶיךָ קַשֻּׁבוֹת לְקוֹל
תַּחֲנוּנָי׃ ג אִם עֲוֹנוֹת תִּשְׁמָר יָהּ אֲדֹנָי מִי יַעֲמֹד׃
ד כִּי עִמְּךָ הַסְּלִיחָה לְמַעַן תִּוָּרֵא׃ ה קִוִּיתִי יְיָ קִוְּתָה
נַפְשִׁי וְלִדְבָרוֹ הוֹחָלְתִּי׃ ו נַפְשִׁי לַאדֹנָי מִשֹּׁמְרִים
לַבֹּקֶר שֹׁמְרִים לַבֹּקֶר׃ ז יַחֵל יִשְׂרָאֵל אֶל יְיָ כִּי עִם
יְיָ הַחֶסֶד וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת׃ ח וְהוּא יִפְדֶּה אֶת
יִשְׂרָאֵל מִכֹּל עֲוֹנֹתָיו׃

דער מזמור זאגט דאס די ישראל זאלן ניט זיין שטאלץ ביי זיך נאר דאפן צו השי"ת ער זאל זייא העלפן׃

קלא א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד יְיָ לֹא גָבַהּ לִבִּי וְלֹא
רָמוּ עֵינַי וְלֹא הִלַּכְתִּי בִּגְדֹלוֹת וּבְנִפְלָאוֹת
מִמֶּנִּי׃ ב אִם לֹא שִׁוִּיתִי וְדוֹמַמְתִּי נַפְשִׁי כְּגָמֻל עֲלֵי
אִמּוֹ כַּגָּמֻל עָלַי נַפְשִׁי׃ ג יַחֵל יִשְׂרָאֵל אֶל יְיָ מֵעַתָּה
וְעַד עוֹלָם׃

דאס איז איין תפלה דאס מלכות בית דוד זאל בלייבן פעסט דורך דעם מלך המשיח׃

קלב א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת זְכוֹר יְיָ לְדָוִד אֵת כָּל עֻנּוֹתוֹ׃

---

קל (א) שיר. פון דעם טיפן הארץ האב איך דיך גאט גירופן׃ (ב) ארני גאט הער צו
מיין קול. דיינע אויערן זאלן פר נעמן דס קול פון מיין גיבעט׃ (ג) אם אויב דוא
גאט וועסט היטן מיינע עבירות ווער וועט קאנען בשטיין פאר דיר גאט׃ (ד) כי
ווארום ביא דיר אין דיא הענט איז מוחל צו זיין כדי מען זאל מורא האבין פאר
דיר׃ (ה) קויתי מיין לייב טוט האפן צו דיר גאט אונ איך טוא האפן צו זיינע רייד׃
(ו) נפשי מיין לייב טוט האפן צו דיר גאט מער וויא דיא היטער וואס היטן ביא נאכט
האפן אז עס זאל טאג ווערן׃ (ז) יחל איר יודין האפט צו גאט ווארום מיט גאט איז דר
חסד אונ פיל מאל האט ער אייך שוין אויס גילייזט וועט ער אייך היינט אויך אויס
לייזין׃ (ח) והוא אונ דיא עבירות וועלין ניט מעכב זיין דיא גאולה ווארום גאט וועט
אויס לייזין דיא יודין פון אלע זייערע עבירות׃
קלא (א) שיר. גאט. אין מיין הארצין האב איך מיך ניט בעל גאוה גיהאלטין אונ
מיינע אויגן האב איך ניט אויף גיהויבן אזו וויא די בעלי גאוה אונ איך בין ניט
גיגאנגן אין גרויסע אונ אין וואונדערליכע זאכן מער וויא עס איז ראוי צו מיר׃
(ב) אם דאס שווער איך אויב איך האב אזו ניט גיטאן איך האב מיין לייב גיגליכן צו
אקינד וואס זייגט אונ האט נאר אבטחון אויף דר מוטר אזו האב איך אבטחון נאר
אויף גאט׃ (ג) יחל איר ישראל האפט אויך צו גאט פון היינט ביז אייביג׃
קלב (א) שיר. דוד המלך האט גיבעטן אז גאט זאל גידיינקן זיין פיין וואס ער האט
גיהאט איידער ער האט גיפונען איין ארט וואו מען זאל בויען דעם בהמ"ק׃
אשר

ב אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַיְיָ נָדַר לַאֲבִיר יַעֲקֹב: ג אִם
אָבֹא בְּאֹהֶל בֵּיתִי אִם אֶעֱלֶה עַל עֶרֶשׂ יְצוּעָי:
ד אִם אֶתֵּן שְׁנַת לְעֵינָי לְעַפְעַפַּי תְּנוּמָה: ה עַד
אֶמְצָא מָקוֹם לַיְיָ מִשְׁכָּנוֹת לַאֲבִיר יַעֲקֹב: ו הִנֵּה
שְׁמַעֲנוּהָ בְאֶפְרָתָה מְצָאנוּהָ בִּשְׂדֵי יָעַר: ז נָבוֹאָה
לְמִשְׁכְּנוֹתָיו נִשְׁתַּחֲוֶה לַהֲדֹם רַגְלָיו: ח קוּמָה יְיָ
לִמְנוּחָתֶךָ אַתָּה וַאֲרוֹן עֻזֶּךָ: ט כֹּהֲנֶיךָ יִלְבְּשׁוּ צֶדֶק
וַחֲסִידֶיךָ יְרַנֵּנוּ: י בַּעֲבוּר דָּוִד עַבְדֶּךָ אַל תָּשֵׁב פְּנֵי
מְשִׁיחֶךָ: יא נִשְׁבַּע יְיָ לְדָוִד אֱמֶת לֹא יָשׁוּב מִמֶּנָּה
מִפְּרִי בִטְנְךָ אָשִׁית לְכִסֵּא לָךְ: יב אִם יִשְׁמְרוּ בָנֶיךָ
בְּרִיתִי וְעֵדֹתִי זוֹ אֲלַמְּדֵם גַּם בְּנֵיהֶם עֲדֵי עַד יֵשְׁבוּ
לְכִסֵּא לָךְ: יג כִּי בָחַר יְיָ בְּצִיּוֹן אִוָּהּ לְמוֹשָׁב לוֹ:
יד זֹאת מְנוּחָתִי עֲדֵי עַד פֹּה אֵשֵׁב כִּי אִוִּתִיהָ:

---

(ב) אשר וָואס עֶר הָאט גִישְׁוָוארִן צוּ גָאט אוּנ הָאט אַנֶדר גִיטָאן צוּ דֶעם שְׁטַארְקִן גָאט פוּן יַעֲקֹב: (ג) אם אוֹיבּ אִיךְ וָועל קוּמֶן אִין דֶעם גִיצֶעלְט פוּן מַיין שְׁטוּבּ אוּנ אוֹיבּ אִיךְ וָועל אוֹיף גֵיין אוֹיף מַיין בֶּעט: (ד) אם אוֹיבּ אִיךְ וֶועל גֶעבִּין שְׁלָאף צוּ מַיינֶע אוֹיגִין צוּ מַיינֶע בְּרֶעמֶען אַשְׁלוּמֶער: (ה) עד בִּיז אִיךְ וֶועל גִיפִינֶען אֵיין אָרְט פוּן אַבֵּית הַמִקְדָשׁ וֶוענִין צוּ גָאט. אַרוּאוּנְג צוּ דֶעם שְׁטַארְקִין גָאט פוּן יַעֲקֹב: (ו) הנה אִין אֶפְרָת הָאבִּין מִיר גִיהֶערְט אַז עֶס וֶועט זַיין אֵיין אוֹיס דֶר וֵוייל אָרְט פוּן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ וֶוענִין. הַיינְט הָאבִּין מִיר גִיפוּנֶען דָאס אָרְט אִין פֶעלְד פוּן חֵלֶק בִּנְיָמִין וָואס עֶר אִיז גִיגְלִיכִין צוּ אַחִיָה פוּן הָאלְד: (ז) נבואה הַיינְט אַז מִיר וַוייסִין דָאס אָרְט וֶועלִין מִיר קוּמֶען צוּ זַיין רוּאוּנְג. מִיר וֶועלִין זִיךְ בּוּקִין צוּם שֶׁעמֶעל פוּן זַיינֶע פִיס: (ח) קומה דְרוּם שְׁטֵייא אוֹיף גָאט אוּנ מַאךְ רוּעֶן דַיין שְׁכִינָה אִין דַיין רוּאוּנְג דוּא גָאט וָואס דוּא הָאסְט גִיווַייזִין דַיין שְׁטַארְקַייט אִין דִי פְּלִשְׁתִּים מִיט דֶעם אָרוֹן: (ט) כהניך דַיינֶע בַּאדִינֶר דִיא כֹּהֲנִים זָאלִין זִיךְ אָן קְלֵיידִין מִיט דִיא גִירֶעכְטֶע קְלֵיידֶער דִיא בִּגְדֵי כְּהוּנָה אוּנ דַיינֶע חֲסִידִים דִי לְוִיִם זָאלִין זִינְגֶען: (י) בעבור מַיין תְּפִלָּה זָאלְסְטוּ צוּ הֶערִין פוּן וֶועגִין מִיר דַיין קְנֶעכְט דָוִד אוּנ זָאלְסְט נִיט אוּם קֶערִין לֵיידִיג דָאס פָּנִים פוּן דַיין גִיזַאלְבְּטִין מֶלֶךְ: (יא) נשבע גָאט הָאט גִישְׁווָארִין צוּ דָוִד אֵיין אֱמֶתֶע שְׁבוּעָה וָואס עֶר וֶועט קֵיין חֲרָטָה נִיט הָאבִּין פוּן אִיר אַז פוּן דַיינֶע קִינְדֶער וֶועל אִיךְ מַאכִין אַמֶלֶךְ עֶר זָאל זִיצִין אוֹיף דַיין שְׁטוּל: (יב) אם אוּנ אוֹיבּ דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלִין הִיטִין מַיין בְּרִית אוּנ מַיין תּוֹרָה וֶועלִין זַייא הִיטִין וָואס אִיךְ וֶועל זַייא לֶערְנֶען דוּרְךְ דִיא נְבִיאִים וֶועלִין זַייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיךְ בִּיז אַייבִּיג זִיצִין אוֹיף דַיין שְׁטוּל: (יג) כי וַוייל גָאט הָאט אוֹיס דֶער וֵוייל אִין דֶער שְׁטָאט צִיּוֹן אוּנ דָוִד הָאט אָן גִיבְּרֵייט דָאס אָרְט פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ. דְרוּם הָאט גָאט גִיגְלוּסְט עֶר זָאל רוּעֶן אִין דֶר

שטאט

טו צֵידָהּ בָּרֵךְ אֲבָרֵךְ אֶבְיוֹנֶיהָ אַשְׂבִּיעַ לָחֶם׃
טז וְכֹהֲנֶיהָ אַלְבִּישׁ יֶשַׁע וַחֲסִידֶיהָ רַנֵּן יְרַנֵּנוּ׃ יז שָׁם
אַצְמִיחַ קֶרֶן לְדָוִד עָרַכְתִּי נֵר לִמְשִׁיחִי׃ יח אוֹיְבָיו
אַלְבִּישׁ בֹּשֶׁת וְעָלָיו יָצִיץ נִזְרוֹ׃

דער מוסר זאגט אויף מלך המשיח מיט דעם כהן גדול וואס זיינען וויא ברידער אין דער גדולה׃

קלג א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד הִנֵּה מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים
שֶׁבֶת אַחִים גַּם יָחַד׃ ב כַּשֶּׁמֶן הַטּוֹב עַל
הָרֹאשׁ יֹרֵד עַל הַזָּקָן זְקַן אַהֲרֹן שֶׁיֹּרֵד עַל פִּי
מִדּוֹתָיו׃ ג כְּטַל חֶרְמוֹן שֶׁיֹּרֵד עַל הַרְרֵי צִיּוֹן כִּי
שָׁם צִוָּה יְיָ אֶת הַבְּרָכָה חַיִּים עַד הָעוֹלָם׃

דער מוסר זאגט דאס די לייטן פון קבוץ גלות זאלן לויבן גאט פר די גאולה׃

קלד א שִׁיר הַמַּעֲלוֹת הִנֵּה בָּרְכוּ אֶת יְיָ כָּל עַבְדֵי יְיָ
הָעֹמְדִים בְּבֵית יְיָ בַּלֵּילוֹת׃ ב שְׂאוּ יְדֵכֶם קֹדֶשׁ
וּבָרְכוּ אֶת יְיָ׃ ג יְבָרֶכְךָ יְיָ מִצִּיּוֹן עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ׃

---

שטאט ציון : (יד) זאת גאט האט געזאגט דיא דאזיגע שטאט וועט זיין מיין רואונג אויף
אייביג . דא וועל איך זיצן ווארום איך גילוכט צו איר : (טו) צידה און פון דעם ארט
וועל איך בענטשן זייער שפייז. אירע אביונים וועל איך מאכן זאט מיט ברויט :
(טז) וכהניה און דורך דעם וואס דיא כהנים וועלן אנקליידן דיא בגדי כהונה וועט קומן
דיא הילף און אירע חסידים דיא לוים וועלן זינגן : (יז) שם אין דער שטאט ציון וועל
איך מאכן שפראצין אגיוועלטיקייט צו דוד המלך און דארט האב איך אן גירוכט
אליכטיקייט צו מיין געזאלבטן מלכות : (יח) אויביו זיינע פיינד וועל איך מאכן אנקליידן
מיט שאנד און אויף אים וועט שיינען זיין קרוין :
קלג (א) שיר . וויא גוט און וויא זיס עס וואלט גיוועזן אז דיא ישראל וואס ווערן אן
גירופן ברידער זאלן זיצן אין זייער לאנד אלע צו זאמען : (ב) כשמן דאס וועט
גלייך זיין וויא דער גוטער אייל וואס מען האט גיגעבן אויף דעם קאפ פון אהרן
הכהן און עס האט אראפ גיגידערט אויף דר בארד און אויף זיינע קליידר : (ג) כטל
אזו וויא עס נידערט אראפ דר טויא פון דיא בערג חרמון אויף דיא בערג פון ציון
אזו וועט קומן שפע וברכה, ווארום דארט אין דער שטאט ציון האט גאט גיבאטן
אז דיא ברכה און דאס לעבן זאל זיין ביז אייביג :
קלד (א) שיר . איר אלע גאטס קנעכט וואס איר שטייט אין גאטס בהמ״ק ביי דר
נאכט לויבט אים : (ב) שאו הייבט אויף אייערע הענט מיט קדושה און לויבט
גאט : (ג) יברכך וועט זיין אייער שכר אז גאט וואס האט בשאפן הימל און ערד וועט
אייך בענטשן פון דר שטאט ציון וואס דארטן רועט דיא שכינה :

הללויה

דם מזמור האט דוד המלך געזאגט צו די כהנים און לוים דאס זיי זאלן לויבן השי"ת ווייל ער האט מיט אונז גרוים חסד געטאן:

יום כח קלה א הַלְלוּיָהּ הַלְלוּ אֶת שֵׁם יי הַלְלוּ עַבְדֵי
יי: ב שֶׁעֹמְדִים בְּבֵית יי בְּחַצְרוֹת בֵּית
אֱלֹהֵינוּ: ג הַלְלוּיָהּ כִּי טוֹב יי זַמְּרוּ לִשְׁמוֹ כִּי נָעִים:
ד כִּי יַעֲקֹב בָּחַר לוֹ יָהּ יִשְׂרָאֵל לִסְגֻלָּתוֹ: ה כִּי אֲנִי
יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל יי וַאֲדֹנֵינוּ מִכָּל אֱלֹהִים: ו כֹּל אֲשֶׁר
חָפֵץ יי עָשָׂה בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ בַּיַּמִּים וְכָל תְּהֹמוֹת:
ז מַעֲלֶה נְשִׂאִים מִקְצֵה הָאָרֶץ בְּרָקִים לַמָּטָר
עָשָׂה מוֹצֵא רוּחַ מֵאוֹצְרוֹתָיו: ח שֶׁהִכָּה בְּכוֹרֵי
מִצְרָיִם מֵאָדָם עַד בְּהֵמָה: ט שָׁלַח אוֹתוֹת וּמֹפְתִים
בְּתוֹכֵכִי מִצְרָיִם בְּפַרְעֹה וּבְכָל עֲבָדָיו: י שֶׁהִכָּה
גּוֹיִם רַבִּים וְהָרַג מְלָכִים עֲצוּמִים: יא לְסִיחוֹן מֶלֶךְ
הָאֱמֹרִי וּלְעוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן וּלְכֹל מַמְלְכוֹת כְּנָעַן:
יב וְנָתַן אַרְצָם נַחֲלָה נַחֲלָה לְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ: יג יי
שִׁמְךָ לְעוֹלָם יי זִכְרְךָ לְדֹר וָדֹר: יד כִּי יָדִין יי עַמּוֹ
וְעַל עֲבָדָיו יִתְנֶחָם: טו עֲצַבֵּי הַגּוֹיִם כֶּסֶף וְזָהָב

---

קלה (א) הללויה. לויבט גאטס נאמען. איר גאטס קנעכט לויבט אים: (ב) שעומדים
וואס איר שטייט אין גאטס הויז. אין דיא הויפין פון אונזר גאטס הויז זאלט
איר אים לויבין: (ג) הללויה לויבט גאט ווארום ער טוט גוטס. זינגט צו זיין נאמען ווארום
ער איז זים: (ד) כי ווארום גאט האט אויס דער ווילט דיא קינדער פון יעקב. ישראל
פאר זיין גילוסטיגין אוצר: (ה) כי ווארום איך ווייס אז גאט איז גרויס און אונזער האר
איז גרעסער פון אלע מלאכים: (ו) כל אלץ וואס גאט באגערט טוט ער אויף דעם
הימיל און אויף דער ערד. אין די טייכין און אין אלע אפ גרונדין: (ז) מעלה ער ברייננט
אויף דיא וואלקין פון עק וועלט. אין דער צייט אז דער רעגין גייט מאכט גאט בליצין
ער ציהט אויס דעם ווינד פון זיינע אוצרות: (ח) שהכה גאט האט גישלאגין אלע בכורים
פון מצרים פון מענטשין ביז בהמות: (ט) שלח גאט האט גישיקט זיינע צייכין און זיינע
וואונדער דאס זיינען דיא מכות אין מצרים אין פרעה און אין אלע זיינע קנעכט:
(י) שהכה ער האט גישלאגין פיל פעלקער און האט גיהרגת דיא שטארקע מלכים פון
כנען: (יא) לסיחון צו סיחון דעם מלך פון אמורי און צו עוג דעם מלך פון בשן און אלע
מלוכות פון כנען: (יב) ונתן און האט גיגעבין זייער לאנד פאר איין ארב צו זיין פאלק
ישראל: (יג) יי דיין נאמן גאט ווייזט ווייזט אויף גיוועלטיקייט אויף אייביג. גאט דיין נאמן
ווערט

מַעֲשֵׂה יְדֵי אָדָם: טז פֶּה לָהֶם וְלֹא יְדַבֵּרוּ עֵינַיִם
לָהֶם וְלֹא יִרְאוּ: יז אָזְנַיִם לָהֶם וְלֹא יַאֲזִינוּ אַף אֵין
יֶשׁ רוּחַ בְּפִיהֶם: יח כְּמוֹהֶם יִהְיוּ עֹשֵׂיהֶם כֹּל אֲשֶׁר
בֹּטֵחַ בָּהֶם: יט בֵּית יִשְׂרָאֵל בָּרְכוּ אֶת יְיָ בֵּית אַהֲרֹן
בָּרְכוּ אֶת יְיָ: כ בֵּית הַלֵּוִי בָּרְכוּ אֶת יְיָ יִרְאֵי יְיָ בָּרְכוּ
אֶת יְיָ: כא בָּרוּךְ יְיָ מִצִּיּוֹן שֹׁכֵן יְרוּשָׁלָיִם הַלְלוּיָהּ:

דער מזמור זאגט צוא לויבן השי"ת אויף דיא חסדים וואס ער בוט אלע מענטשן אין כלל אונ אין פרט:

קלו א הוֹדוּ לַייָ כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: ב הוֹדוּ
לֵאלֹהֵי הָאֱלֹהִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: ג הוֹדוּ לַאֲדֹנֵי
הָאֲדֹנִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: ד לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת
גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: ה לְעֹשֵׂה הַשָּׁמַיִם
בִּתְבוּנָה כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: ו לְרוֹקַע הָאָרֶץ עַל
הַמָּיִם כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: ז לְעֹשֵׂה אוֹרִים גְּדֹלִים כִּי
לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: ח אֶת הַשֶּׁמֶשׁ לְמֶמְשֶׁלֶת בַּיּוֹם כִּי
לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: ט אֶת הַיָּרֵחַ וְכוֹכָבִים לְמֶמְשְׁלוֹת
בַּלָּיְלָה כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: י לְמַכֵּה מִצְרַיִם

---

ווערט דער מאנט אויף אייביג: (יד) כי ידין גאט וועט משפטן דעם משפט פון זיין
פאלק אונ אויף זיינע קנעכט וועט ער זיך בארעמן אז ער זאל זיי גוטס טאן: (טו) עצבי
דיא בילדר פון די היידין זיינען פון גאלד אונ זילבר, מענטשין האבין זייא גימאכט:
(טז) פה זייא האבין אמויל אונ קאנען ניט ריידין. זייא האבין אויגין אונ קאנן ניט זעהן:
(יז) אזנים זייא האבין אויערין אונ הערין ניט. עס איז אפילו קיין אטום ניטא אין זייער
מויל: (יח) כמוהם דיא בעלי מלאכות וואס האבין גימאכט דיא היידענישע בילדער
זאלין אויך זיין וויא זייא אונ אזו אויך אלע וואס האבין אבטחון אויף זייא:
(יט) בית איר הויז גיזינד פון ישראל לויבט גאט. דס הויז גיזינד פון אהרן לויבט גאט:
(כ) בית איר הויז גיזינד פון לוים לויבט גאט. איר גאטס פארכטיגע לויבט אויך גאט:
(כא) ברוך גילויבט איז דער גאט פון ציון וואס רועט אין ירושלים. הללויה:
קלו (א) הודו. לויבט גאט ווארום ער טוט גוטס אונ אויף אייביג איז זיין גינאד:
(ב) הודו לויבט צו גאט וואס ער איז אגאט איבר אלע מלאכים: (ג) הודו לויבט
צו גאט וואס ער איז אהאר איבר אלע הארן: (ד) לעושה וואס ער טוט גרויסע וואונדר
אליין: (ה) לעושה וואס ער האט בשאפן דעם הימל מיט פאר שטאנדיקייט: (ו) לרוקע
וואס ער האט פאר שפרייט די ערד אויף דעם וואסר: (ז) לעושה וואס ער האט בשאפן

בבכוריהם כי לעולם חסדו : יא ויוצא ישראל
מתוכם כי לעולם חסדו : יב ביד חזקה ובזרוע
נטויה כי לעולם חסדו : יג לגזר ים סוף לגזרים כי
לעולם חסדו : יד והעביר ישראל בתוכו כי לעולם
חסדו : טו ונער פרעה וחילו בים סוף כי לעולם
חסדו : טז למוליך עמו במדבר כי לעולם חסדו :
יז למכה מלכים גדלים כי לעולם חסדו : יח ויהרג
מלכים אדירים כי לעולם חסדו : יט לסיחון מלך
האמרי כי לעולם חסדו : כ ולעוג מלך הבשן כי
לעולם חסדו : כא ונתן ארצם לנחלה כי לעולם
חסדו : כב נחלה לישראל עבדו כי לעולם חסדו :
כג שבשפלנו זכר לנו כי לעולם חסדו : כד ויפרקנו
מצרינו כי לעולם חסדו : כה נתן לחם לכל בשר כי
לעולם חסדו : כו הודו לאל השמים כי לעולם חסדו :

דער מוסר איז גיזאגט אויף חורבן בית המקדש און אויף גלות בבל :

קלז א על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו

---

גרויסע ליכט אויף דער וועלט : (ח) את דיא זון האט גאט בשאפן צו גיוועלטיגן בייא
טאג : (ט) את די לבנה מיט די שטערן צו גיוועלטיגן ביי נאכט : (י) למכה לויבט צו דעם
וואס ער האט גישלאגן דיא מצרים מיט זייערע בכורים : (יא) ויוצא און האט אויס
גיצויגן דיא יודין פון מצרים : (יב) ביד מיט דער שטארקער האנד און מיט דעם אויס
גישטרעקטין ארום : (יג) לגזר לויבט צו דעם וואס האט צו שניטין דעם ים סוף אויף
שטיקר און איטליכר שבט איז גיגאנגן בזונדר : (יד) והעביר און ער האט דורך גיפירט
די יודן איבר דעם ים : (טו) ונער און האט אויס גיטרייסילט פרעה מיט זיין חיל אין
ים : (טז) למוליך לויבט צו דעם וואס האט גיפירט זיין פאלק אין דער מדבר : (יז) למכה
און האט גשלאגן די גרויסע מלכים : (יח) ויהרג און האט אומגיבראכט די שטארקע
מלכים פון כנען : (יט) לסיחון צו סיחון דעם מלך פון אמורי : (כ) ולעוג און צו עוג דעם
מלך פון בשן : (כא) ונתן און האט גיגעבן זייער לאנד פר איין ארב : (כב) נחלה איין ארב
צו זיין דינר ישראל : (כג) שבשפלנו לויבט צו גאט וואס האט אונז גידיינקט אז מיר זיינן
גיוועזן מבוזה אין מצרים : (כד) ויפרקנו און האט אונז אויס גילייזט פון אונזרע בליידיגר :
(כה) נותן און ער גיט ברויט און שפייז צו אלע בשעפעניש : (כו) הודו לויבט צו גאט
וואס רועט אין הימל ווארום אויף אייביג איז זיין גינאד :

על

אֶת צִיּוֹן: ב עַל עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ:
ג כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי שִׁיר וְתוֹלָלֵינוּ
שִׂמְחָה שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן: ד אֵיךְ נָשִׁיר אֶת שִׁיר
יְיָ עַל אַדְמַת נֵכָר: ה אִם אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָםִ
תִּשְׁכַּח יְמִינִי: ו תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי
אִם לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַםִ עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי:
ז זְכֹר יְיָ לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלָםִ הָאֹמְרִים עָרוּ
עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: ח בַּת בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה אַשְׁרֵי
שֶׁיְשַׁלֶּם לָךְ אֶת גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: ט אַשְׁרֵי
שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

דָוִד הַמֶּלֶךְ לוֹיבְּט השי״ת אויף דיא חֲסָדִים וָואס ער האט מִיט אִים גִּיטָאן אוּנ וָואס אִים גִיגֶעבְּן דִיא מְלוּכָה:

קלח א לְדָוִד אוֹדְךָ בְכָל לִבִּי נֶגֶד אֱלֹהִים אֲזַמְּרֶךָּ:
ב אֶשְׁתַּחֲוֶה אֶל הֵיכַל קָדְשְׁךָ וְאוֹדֶה אֶת שְׁמֶךָ
עַל חַסְדְּךָ וְעַל אֲמִתֶּךָ כִּי הִגְדַּלְתָּ עַל כָּל שִׁמְךָ

---

קלז (א) על. בַּיי דִי טַייכְן פוּן בָּבֶל זַיינֶען מִיר גִיוֶעסְן אוּנ מִיר הָאבְּן גִיוֵויינְט אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ דֶר מָאנְט אַז דִי שְׁטָאט צִיּוֹן אִיז חָרוּב: (ב) על אוֹיף דִיא בּוֹימֶער וָואס וַואקְסְן אִין דֶעם טַייךְ הָאבְּן מִיר אוֹיף גִיהַאנְגֶן אוּנְזֶערֶע פִידְלֶען: (ג) כי וָוארוּם אוּנְזֶערֶע פַיינְד הָאבְּן אוּנְז גִיבֶּעטְן מִיר זָאלְן שְׁפִּילְן אוֹיף דִי פִידְלֶען רֵייד פוּן גִיזַאנְג. אַזוֹ וִויא מִיר פְלֶעגְן שְׁפִּילְן אִין בהמ״ק אוּנ אוּנְזֶערֶע שְׁבֶּעטֶר הָאבְּן אוּנְז גִיבֶּעטְן מִיר זָאלִין שְׁפִּילְן גִיזַאנְג פוּן שִׂמְחָה. שְׁפִּילְט אוּנְז אַזוֹ וִויא אִיר פְלֶעגְט שְׁפִּילְן אִין צִיּוֹן: (ד) איך הָאבְּן מִיר גִיטְרַאכְט וִויא אַזוֹ קָאנֶען מִיר זִינְגֶן גָאטְס גִיזַאנְג אוֹיף אַפְרֶעמְד לַאנְד: (ה) אם דִיא יִשְׂרָאֵל זָאגְן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל פַאר גֶעסְן אָן דִיר יְרוּשָׁלַיִם זָאל מַיין רֶעכְטֶע הַאנְד פַאר גֶעסְן אִיר כֹּחַ: (ו) תדבק מַיין צוּנְג זָאל וֶוערְן צוּ גִיקְלֶעפְּט צוּ מַיין גוּמֶען אַז אִיךְ זָאל נִיט קָאנֶן רֵיידְן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דִיךְ שְׁטֶענְדִיג נִיט גִידֵיינְקֶען אוּנ אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נִיט אוֹיף בְּרֵיינְגֶן דָאס דֶער מָאנוּנְג פוּן יְרוּשָׁלַיִם אִין אָנְהֵייבּ פוּן מַיין שִׂמְחָה: (ז) זכור דוּא זָאלְסְט גִידֵיינְקֶען צוּ דִיא וָואס הָאבְּן גִיטָאן אִין דֶעם טָאג אַז זַייא הָאבְּן יְרוּשָׁלַיִם חָרוּב גִימַאכְט אוּנ וָואס זַיי הָאבְּן גִיזָאגְט צוּ דִיא בַּבְלִים מַאכְט חָרוּב יְרוּשָׁלַיִם בִּיז עֶס וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן דֶער יְסוֹד פוּן אִיר: (ח) בת דוּא אַיין זַאמְלוּנְג פוּן בָּבֶל וָואס דַיין סוֹף וֶועט זַיין אַז דוּא וֶועסְט גִירוּיבְּט וֶוערִין דוּרְךְ דָרְיָוֶשׁ וואוֹל צוּ דֶעם וָואס וֶועט דִיר בַּצָאלִין דַיין פֶערְגֶעלְטוּנְג דֶער פַאר וָואס דוּא הָאסְט אוּנְז שְׁלֶעכְטְס גִיטָאן: (ט) אשרי וואוֹל צוּ דֶעם וָואס וֶועט אָן נֶעמֶען אִין הַאנְד דַיינֶע יוּנְגֶע קִינְדֶר אוּנ וֶועט זַייא צוּ שְׁפַּאלְטִין אוֹיף דֶעם שְׁטֵיין:

קלח (א) לדוד. אִיךְ טוּא דִיךְ גָאט לוֹיבְּן מִיט מַיין גַאנְצְן הַארְצְן. פַאר דִיא גְּרֶעכְטֶע

אִמְרָתֶךָ: ג בְּיוֹם קָרָאתִי וַתַּעֲנֵנִי תַּרְהִבֵנִי בְנַפְשִׁי
עֹז: ד יוֹדוּךָ יְיָ כָּל מַלְכֵי אָרֶץ כִּי שָׁמְעוּ אִמְרֵי פִיךָ:
ה וְיָשִׁירוּ בְּדַרְכֵי יְיָ כִּי גָדוֹל כְּבוֹד יְיָ: ו כִּי רָם יְיָ
וְשָׁפָל יִרְאֶה וְגָבֹהַּ מִמֶּרְחָק יְיֵדָע: ז אִם אֵלֵךְ
בְּקֶרֶב צָרָה תְּחַיֵּנִי עַל אַף אֹיְבַי תִּשְׁלַח יָדֶךָ
וְתוֹשִׁיעֵנִי יְמִינֶךָ: ח יְיָ יִגְמֹר בַּעֲדִי יְיָ חַסְדְּךָ לְעוֹלָם
מַעֲשֵׂי יָדֶיךָ אַל תֶּרֶף:

דער מזמור ערקלערט דיא השגחה פרטית פון השי"ת אויף איטליכע טהאט און יעדען טריט פון מענטשען :

קלט א לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד מִזְמוֹר יְיָ חֲקַרְתַּנִי וַתֵּדָע:
ב אַתָּה יָדַעְתָּ שִׁבְתִּי וְקוּמִי בַּנְתָּה לְרֵעִי
מֵרָחוֹק: ג אָרְחִי וְרִבְעִי זֵרִיתָ וְכָל דְּרָכַי הִסְכַּנְתָּה:
ד כִּי אֵין מִלָּה בִּלְשׁוֹנִי הֵן יְיָ יָדַעְתָּ כֻלָּהּ: ה אָחוֹר
וָקֶדֶם צַרְתָּנִי וַתָּשֶׁת עָלַי כַּפֶּכָה: ו פְּלִיאָה דַעַת

---

חכמים וועל איך דיך לויבען : (ב) אשתחוה אל היכל איך וועל מיך בוקען צו דיין הייליגען
היכל און איך וועל לויבען דיין נאמען אויף דיינע חסדים און אויף דיין אמת ווארום
דוא האסט געמאכט גרויס דיין נאמען אויף אלע מענטשין ווייל דוא ביסט מקיים דיינע
רייד : (ג) ביום אין דעם טאג אז איך האב דיך גירופען האסטו מיר געענטפערט . דער
מיט האסטו גימאכט שטארקען אין מיין לייב איין שטארקייט : (ד) יודוך אלע מלכים
פון דער וועלט וועלין דיך גאט לויבען אז זייא וועלין הערין די זאג פון דיין מויל :
(ה) וישירו און זייא וועלן נאר זינגען אין גאטס זאכען ווייל גאטס כבוד איז גרויס : (ו) כי
ווען אויך גאט זיצט אין דר הייך טוט ער פארט זעהן דעם נידעריגען און ווען אויך גאט
זיצט אין דר הייך טוט ער פארט שטראפען פון ווייטען די רשעים : (ז) אם אז איך וועל
גיין אין אצרה זאלסטו מיך לעבעדיג מאכען און מציל זיין פון דער צרה . איבער דעם
וואס מיינע פיינד צערענען אויף מיר זאלסטו שיקין אויף זייא דאס שלאק פון דיין
האנד און זאלסט מיר העלפען מיט דיין רעכטע האנד : (ח) יי אזו וויא דוא האסט אן
גהויבען צו ווייזן מיר חסד אזו זאלסטו מיט מיר אייביג טאן חסדים . דס וואס איך בין
גווארן אמלך האסטו דס גטאן מיט דיינע הענד זאלסטו ניט אפ לאזן און מיר העלפען :
קלט (א) למנצח . גאט דו האסט גיפארשט מיינע מחשבות און דו ווייסט זייא: (ב) אתה
דו ווייסט די מחשבות פון מיין זיצין און פון מיין אויף שטיין . דוא פר שטייסט
מיינע מחשבות פון לאנגע צייטין : (ג) ארחי מיין וועג און מיין רואונג האסטו ארום
גירינגעלט און אין אלע מיינע וועגן ביסטו גיוואוינט דו ווייסט זייא אלע: (ד) כי איך
האב נאך דס ווארט ניט גירעט מיט מיין צונג ווייסטו גאט אלע ווערטער וואס איך
וויל ריידן : (ה) אחור דוא האסט מיך ארום גירינגעלט פון פאריגט און פון הינטין איך
זאל ניט אנטלויפן און האסט אויף מיר גיטאן דיין כח צו שטראפן מיך : (ו) פליאה עס

מִמֶּנִּי נִשְׂגְּבָה לֹא אוּכַל לָהּ׃ ז אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ
וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח׃ ח אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה
וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ׃ ט אֶשָּׂא כַנְפֵי שָׁחַר אֶשְׁכְּנָה
בְּאַחֲרִית יָם׃ י גַּם שָׁם יָדְךָ תַנְחֵנִי וְתֹאחֲזֵנִי יְמִינֶךָ׃
יא וָאֹמַר אַךְ חֹשֶׁךְ יְשׁוּפֵנִי וְלַיְלָה אוֹר בַּעֲדֵנִי׃
יב גַּם חֹשֶׁךְ לֹא יַחְשִׁיךְ מִמֶּךָ וְלַיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר
כַּחֲשֵׁיכָה כָּאוֹרָה׃ יג כִּי אַתָּה קָנִיתָ כִלְיֹתָי תְּסֻכֵּנִי
בְּבֶטֶן אִמִּי׃ יד אוֹדְךָ עַל כִּי נוֹרָאוֹת נִפְלֵיתִי
נִפְלָאִים מַעֲשֶׂיךָ וְנַפְשִׁי יֹדַעַת מְאֹד׃ טו לֹא נִכְחַד
עָצְמִי מִמֶּךָּ אֲשֶׁר עֻשֵּׂיתִי בַסֵּתֶר רֻקַּמְתִּי
בְּתַחְתִּיּוֹת אָרֶץ׃ טז גָּלְמִי רָאוּ עֵינֶיךָ וְעַל סִפְרְךָ
כֻּלָּם יִכָּתֵבוּ יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם׃ יז וְלִי מַה
יָּקְרוּ רֵעֶיךָ אֵל מֶה עָצְמוּ רָאשֵׁיהֶם׃ יח אֶסְפְּרֵם

---

איז פַר הוילְן פון מִיר. דִי זַאךְ איז עֶרְהאבְּן פון מִיר אונ איךְ קָאן דָאס נִיט וויסְן:
(ז) אנה וואוּ אַהִין זָאל איךְ גֵיין בַּהַאלְטְן מִיךְ פַאר דַיין כַּעַס אונ וואוּ אַהִין קָאן איךְ
אַנְטְלויפְן פון דִיר: (ח) אם אויבּ איךְ זָאל אַרויף גֵיין אויף דֶעם הִימֶל בִּיסְטוּ דָארְטְן
אונ וֶוען איךְ זָאל מִיר מַאכְן אַגִילֶעגֶר אונטֶער דֶער עֶרְד בִּיסְטוּ דָארְטְן אויךְ דָא:
(ט) אשא איךְ זָאל וויא מִיט פְלִיגְלֶען פְלִיעֶן אִין מִזְרָח זַייט וואוּ דֶער מָארְגְן שְׁטֶערְין
לַייכְט אָדֶר איךְ זָאל רוּעֶן אִין סוֹף מַעֲרָב זַייט: (י) גם דָארְטְן טוּט מִיךְ אויךְ פִירְן
דַיין הַאנְט וואוּ דוּא ווילְסְט אונ דַיין רֶעכְטֶע הַאנְט טוּט מִיךְ אָן הַאלְטְן: (יא) ואומר
אונ אויבּ איךְ זָאל זָאגְן אַז דָם פִינְסְטֶערְקַייט פון דֶר נַאכְט וֶועט פַר מִיר פַר בָּארְגְן
איז דָאס אויךְ גִישֶׁט וָוארוּם דִי נַאכְט טוּט מִיךְ אַרוּיס וַוייזְן וויא בַּייא טָאג: (יב) גם
דָאס פִינְסְטֶערְנִישׁ מַאכְט אויךְ נִיט פִינְסְטֶער פַר דִיר אונ צוּ דִיר טוּט לַייכְטְן דִיא
נַאכְט וויא דֶער טָאג. דָאס פִינְסְטֶערְנִישׁ מִיט דֶער לִיכְטִיקַייט אִיז גְלַייךְ פַאר דִיר:
(יג) כי וָוארוּם דוּא הָאסְט מַיינֶע נִירְן בַּשַׁאפְן. אִין מַיין מוּטֶערְס לַייבּ הָאסְטוּ מִיךְ
בַּדֶעקְט מִיט פְלֵיישׁ אונ הויט: (יד) אודך אִיךְ טוּא דִיךְ לויבְּן וַוייל מַיין בַּשַׁאפוּנְג איז
גִיוֶוען מִיט וואוּנְדֶערְלִיכֶע אונ פָארְכְטִיגֶע וֶוערְק. דַיינֶע וֶוערְק זַיינֶען וואוּנְדֶערְלִיךְ.
וֶוען אויךְ מַיין שֵׂכֶל וֵוייס פִיל קְלוּגֶע זַאכְן אָבֶּר דַיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶוערְק וַוייס איךְ
נִיט: (טו) לא דֶער בַּשְׁטַאנְד פון מַיין גוּף איז פון דִיר נִיט פַאר הוילְן וָואס איךְ בִּין
גִימַאכְט גִיוָוארְן אִין דֶער מוּטֶערְס לַייבּ אונ בִּין גִיוֶועבְּט גִיוָוארְן אִין מַיין מוּטֶערְס
גִידֶערִים: (טז) גלמי מַיין גוֹלֶם אִין אָנְפַאנְגְס בַּשַׁאפְן וֶוערִין הָאבְּן שׁוֹין דַיינֶע אויגְן
גִיזֶעהְן. אַלֶס וָואס מִיךְ טְרֶעפְט איז פַאר שְׁרִיבְּן בַּייא דִיר אִין סֵפֶר. אויךְ דִיא טֶעג
וָואס וֶועלְן עֶרְשְׁט בַּשַׁאפְן וֶוערְן וַוייסְטוּ אַלֵין. נִיט אֵיין זַאךְ פון זֵייא איז פון דִיר פַר

מֵהוֹל יִרְבּוּן הֱקִיצֹתִי וְעוֹדִי עִמָּךְ׃ יט אִם תִּקְטֹל
אֱלוֹהַּ רָשָׁע וְאַנְשֵׁי דָמִים סוּרוּ מֶנִּי׃ כ אֲשֶׁר יֹמְרוּךָ
לִמְזִמָּה נָשֻׂא לַשָּׁוְא עָרֶיךָ׃ כא הֲלוֹא מְשַׂנְאֶיךָ יְיָ
אֶשְׂנָא וּבִתְקוֹמְמֶיךָ אֶתְקוֹטָט׃ כב תַּכְלִית שִׂנְאָה
שְׂנֵאתִים לְאוֹיְבִים הָיוּ לִי׃ כג חָקְרֵנִי אֵל וְדַע לְבָבִי
בְּחָנֵנִי וְדַע שַׂרְעַפָּי׃ כד וּרְאֵה אִם דֶּרֶךְ עֹצֶב בִּי
וּנְחֵנִי בְּדֶרֶךְ עוֹלָם׃

דעם מִזְמוֹר האט דוד המלך גיזאגט אויף דואג אונ דיא זיפים וואס דיא האבן גירעט אויף אים רכילות :

יום כט קמ א לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ ב חַלְּצֵנִי יְיָ מֵאָדָם
רָע מֵאִישׁ חֲמָסִים תִּנְצְרֵנִי׃ ג אֲשֶׁר חָשְׁבוּ
רָעוֹת בְּלֵב כָּל יוֹם יָגוּרוּ מִלְחָמוֹת׃ ד שָׁנְנוּ לְשׁוֹנָם
כְּמוֹ נָחָשׁ חֲמַת עַכְשׁוּב תַּחַת שְׂפָתֵימוֹ סֶלָה׃
ה שָׁמְרֵנִי יְיָ מִידֵי רָשָׁע מֵאִישׁ חֲמָסִים תִּנְצְרֵנִי

---

הוילן : (יז) ולי וויא זייער טייער זיינן ביא מיר דיא מחשבות פון דיר גאט אונ וויפיל זיינן זיא אין זייער צאל : (יח) אספרם וויא אזו זאל איך זיא ציילן זיי זיינן דאך מער פון זאמד . ווען איך זאל אפילו זיין שטענדיג וואכענד אונ וויא לאנג איך לעב וואלט איך גיוועזן מיט דיר אין הימל וואלט איך זיא ניט גיקאנט אויס דער ציילין : (יט) אם הלוואי דוא גאט זאלסט טויטן דעם רשע אויך דיא מענטשן וואס פאר גיסן בלוט וואס איך זאג זיא קערט זיך אפ פון מיר : (כ) אשר דם וואס דיא רשעים דער הויבן דיך איז נאר ווענן שלעכטע גידאנקן צו נארן לייטן . דוא ביסט דר הויבן אין מויל פון דיינע שונאים נאר זיא זאלן קאנן טאן פאלשקייט : (כא) הלוא די וואס מאכן פיינט דיינע מצות פר לייטן האב איך זיא פיינד אונ מיט די וואס שטייען אויף קעגין דיר צו לייקענן דיין השגחה טוא איך מיך קריגן : (כב) תכלית דיא גרעסטע שנאה האב איך זיא פיינט . זיא זיינן אין מיינע אויגן וויא מיינע פיינט : (כג) חקרני פארשט מיך ביז דוא זאלסט וויסן די מחשבות פון מיין הארצן . פרוב מיך ביז דו זאלסט וויסן מיינע גידאנקן : (כד) וראה אונ זעה אויב מיינע מחשבות גייען אין וועג פון אונרעכט וואס מאכט דיך פערדרוס , אונ אויב זיי גייען אין פאלשן וועג זאלסטו מיך בעסר פירין אין דעם וועג וואו דיא גאנצע וועלט גייט דאס הייסט איך זאל בעסער שטארבן :

קמ (א) למנצח וגו׳ : (ב) חלצני ציא מיך אויס פון דיא הענט פון אשלעכטין מענטשין . פון אמענטשן וואס רויבט זאלסטו מיך היטין : (ג) אשר פון דיא מענטשין וואס טראכטן שלעכטס אין הארצן אונ אלע טאג זאמלן זיא זיך איין מלחמות צו האלטן מיט מיר : (ד) שננו זיא האבן גישארפט זייער צונג צו ריידן לשון הרע וויא אשלאנג צו ביסן . אגיפט פון אשלאנג איז שטענדיג אונטר זייערע ליפצן : (ה) שמרני היט מיך גאט פון דיא הענט פון רשע . פון אמענטשין וואס רויבט זאלסטו מיך היטין וואס

אשר חשבו לדחות פעמי: ו טמנו גאים פח לי
וחבלים פרשו רשת ליד מעגל מקשים שתו לי
סלה: ז אמרתי ליי אלי אתה האזינה יי קול
תחנוני: ח יהוה אדני עז ישועתי סכותה לראשי
ביום נשק: ט אל תתן יי מאויי רשע זממו אל
תפק ירומו סלה: י ראש מסבי עמל שפתימו
יכסימו: יא ימוטו עליהם גחלים באש יפלם
במהמרות בל יקומו: יב איש לשון בל יכון בארץ
איש חמס רע יצודנו למדחפת: יג ידעתי כי
יעשה יי דין עני משפט אבינים: יד אך צדיקים
יודו לשמך ישבו ישרים את פניך:

דעם מזמור האט דוד געזאגט בעת ער איז אנטלאפן פון שאול אין לאגר פון פלשתים:

קמא א מזמור לדוד יי קראתיך חושה לי האזינה
קולי בקראי לך: ב תכון תפלתי קטרת

---

זייא האבן גיטראכט צו פר שטויסן מיינע פיס: (ו) טמנו דיא האפערדיגע האבן פאר
בארגן צו מיר אנעץ און דיא שטריק פון דר געץ האבן זיי פאר שפרייט אויף דעם
ארט וואו איך גייא. שטרויכלונג האבן זייא גיטאן צו מיר שטענדיג: (ז) אמרתי איך
טוא מתפלל זיין צו גאט און איך זאג דוא ביסט דאך מיין שטארקער גאט בעט איך
דיך פאר נעם דם קול פון מיין גיבעט: (ח) יי דו ביסט גאט מיין הערר מיין שטארקע
הילף. פון אייביג האסטו צו גידעקט מיין קאפ אין דעם טאג אז עם זיינען גיקומען
אויף מיר שונאים גיוואפינט מלחמה צו האלטן: (ט) אל בעט איך דיך גאט זאלסט
ניט געבן צום רשע זיין גילוסטיקייט וואס ער וויל זעהן אין מיר ביין. זיין מחשבה
זאלסטו ניט אויס ציהען דם ער זאל קיין מאל ניט קאנען אויס פירן און זייא זאלין
זיין הויך פון אים ער זאל זייא ניט קאנען אויס פירן: (י) ראש דר הויבט פון דיא וואס
רינגלען מיך ארום דם איז דואג האדומי דאס פאלשקייט פון זיינע לעפצן און פון
דיא וואס זיינען מיט אים זאל זייא צו דעקן: (יא) ימוטו פייערדיגע קוילין זאלין פאלין
אויף זייא. זייער פאלשקייט זאל זייא מאכן פאלן אין פייער אין גריבר זייא זאלין
ניט קאנן אויף שטיין: (יב) איש אמענטש וואס רעט לשון הרע זאל קיין קיום ניט האבן
אויף דר וועלט. דער מענטש וואס רויבט זאל דאס שלעכטס אים פאנגען ביז ער
וועט פר שטויסן ווערן: (יג) ידעתי איך וויים אז דער סוף וועט זיין אז גאט וועט טאן
דעם משפט פון עני און פון אביון: (יד) אך און נאר דיא צדיקים וועלין לויבן דיין
נאמען און דיא רעכטפארטיגע וועלין זיצן פאר דיר צו לויבין דיך:
קמא (א) מזמור. גאט, אז איך וועל דיך רופן זאלסטו איילן צו הערין מיך. זאלסט

פאר

לְפָנֶיךָ מַשְׂאַת כַּפַּי מִנְחַת עָרֶב׃ ג שִׁיתָה יי
שָׁמְרָה לְפִי נִצְּרָה עַל דַּל שְׂפָתָי׃ ד אַל תַּט לִבִּי
לְדָבָר רָע לְהִתְעוֹלֵל עֲלִלוֹת בְּרֶשַׁע אֶת אִישִׁים
פֹּעֲלֵי אָוֶן וּבַל אֶלְחַם בְּמַנְעַמֵּיהֶם׃ ה יֶהֶלְמֵנִי צַדִּיק
חֶסֶד וְיוֹכִיחֵנִי שֶׁמֶן רֹאשׁ אַל יָנִי רֹאשִׁי כִּי עוֹד
וּתְפִלָּתִי בְּרָעוֹתֵיהֶם׃ ו נִשְׁמְטוּ בִידֵי סֶלַע
שֹׁפְטֵיהֶם וְשָׁמְעוּ אֲמָרַי כִּי נָעֵמוּ׃ ז כְּמוֹ פֹלֵחַ וּבֹקֵעַ
בָּאָרֶץ נִפְזְרוּ עֲצָמֵינוּ לְפִי שְׁאוֹל׃ ח כִּי אֵלֶיךָ יֱהֹוִה
אֲדֹנָי עֵינָי בְּכָה חָסִיתִי אַל תְּעַר נַפְשִׁי׃ ט שָׁמְרֵנִי
מִידֵי פַח יָקְשׁוּ לִי וּמֹקְשׁוֹת פֹּעֲלֵי אָוֶן׃ י יִפְּלוּ
בְמַכְמֹרָיו רְשָׁעִים יַחַד אָנֹכִי עַד אֶעֱבוֹר׃

דעם מזמור האט דוד מתפלל גיוועזן אז ער האט אפ גישניטן דאס קלייד פון שאול המלך אין הייל׃

קמב א מַשְׂכִּיל לְדָוִד בִּהְיוֹתוֹ בַמְּעָרָה תְפִלָּה׃

---

פאר נעמן מיין קול אז איך רוף דיך׃ (ב) תכון תפלתי מיין תפלה זאל זיין אנגיברייט
פאר דיר וויא קטורת. די אויף הייבונג פון מיינע הענט צו דיר זאל זיין אנגינומן וויא
דיא אבינט מנחה וואס מען האט מקריב גיוועזן׃ (ג) שיתה מאך א שמירה צו מיין מויל
אז זיא זאל ניט ריידן דאס וואס ניט רעכט איז. זאלסט מיך היטן פון אויף צו הייבן
מיינע לעפצן צו ריידן שלעכטס׃ (ד) אל דוא זאלסט ניט נייגן מיין הארץ צו שלעכטס
צו טאן מעשים מיט רשעות מיט די מענשין וואס טוען אומרעכט אונ איך זאל ניט
גילוסטן צו עסין זייערע זיסע מאכלים׃ (ה) יהלמני אבער אז דר צדיק וועט מיך אפילו
שלאגן כדי איך זאל גיין אין גוטן וועג וועט עס גירעכינט ווערן צו מיר פאר א חסד,
אונ ווען ער וועט מיך שטראפן וועט דורך זיין שטראף ניט אפ גיטאן ווערן פון מיין
קאפ דער אייל וואס איך בין גיזאלבט גיווארן פאר א מלך דען כל זמן איך לעב טוא
איך מתפלל זיין אז גאט זאל מיך מציל זיין פון זייערע שלעכטע מעשים׃ (ו) נשמטו
זיי זיינען אוועק גירוקט פון גוטן וועג דורך דעם פעלזין דאס איז דר יצר הרע זייערע
דיינים. אונ ווען איך זייא האבן גיהערט מיינע זיסע שטראף האבן זייא פארט קיין
תשובה גיטאן׃ (ז) כמו וויא איינר וואס אקערט אונ גראבט ווערן דאך דיא שטיקער
ערד צו שפרייט אזו זיינען אונזערע ביינר פאר שפרייט גיווארן צו נידערן אין גרוב׃
(ח) כי ווייל איך טוא קוקין צו דיר מיט מיינע אויגין אונ אין דיר טוא איך מיך
באשיצן, דרום בעט איך דיך אז דוא זאלסט מיין נשמה ניט אויס גיסן פון דעם גוף׃
(ט) שמרני היט מיך פון דיא הענט וואס האבן אויף מיר אנגיברייט שטרויכלונג אונ
פון דיא שטרויכלונג פון דיא וואס ווערקן אומרעכט׃ (י) יפלו די רשעים זאלן אריין
פאלין איטליכער אין זיין נעץ וואס ער האט פאר בארגין איידר איך וועל איבער
פארין אויף דעם ארט וואו דער נעץ איז׃

ב קוֹלִי אֶל יְיָ אֶזְעָק קוֹלִי אֶל יְיָ אֶתְחַנָּן: ג אֶשְׁפֹּךְ
לְפָנָיו שִׂיחִי צָרָתִי לְפָנָיו אַגִּיד: ד בְּהִתְעַטֵּף עָלַי
רוּחִי וְאַתָּה יָדַעְתָּ נְתִיבָתִי בְּאֹרַח זוּ אֲהַלֵּךְ טָמְנוּ
פַח לִי: ה הַבֵּיט יָמִין וּרְאֵה וְאֵין לִי מַכִּיר אָבַד
מָנוֹס מִמֶּנִּי אֵין דּוֹרֵשׁ לְנַפְשִׁי: ו זָעַקְתִּי אֵלֶיךָ יְיָ
אָמַרְתִּי אַתָּה מַחְסִי חֶלְקִי בְּאֶרֶץ הַחַיִּים:
ז הַקְשִׁיבָה אֶל רִנָּתִי כִּי דַלּוֹתִי מְאֹד הַצִּילֵנִי מֵרֹדְפַי
כִּי אָמְצוּ מִמֶּנִּי: ח הוֹצִיאָה מִמַּסְגֵּר נַפְשִׁי לְהוֹדוֹת
אֶת שְׁמֶךָ בִּי יַכְתִּרוּ צַדִּיקִים כִּי תִגְמֹל עָלָי:

דעם מזמור האט דוד געזאגט בעת ער איז אנטלאפן פון אבשלום:

קמג א מִזְמוֹר לְדָוִד יְיָ שְׁמַע תְּפִלָּתִי הַאֲזִינָה אֶל
תַּחֲנוּנַי בֶּאֱמֻנָתְךָ עֲנֵנִי בְּצִדְקָתֶךָ: ב וְאַל
תָּבוֹא בְמִשְׁפָּט אֶת עַבְדֶּךָ כִּי לֹא יִצְדַּק לְפָנֶיךָ
כָל חָי: ג כִּי רָדַף אוֹיֵב נַפְשִׁי דִּכָּא לָאָרֶץ חַיָּתִי

---

קמב (א) משכיל. אז דוד המלך איז געוועז אין דער הייל אז ער האט אפ געשניטן דאס עק קלייד פון שאול המלך האט ער דיא תפלה מתפלל געוועזן: (ב) קולי מיט מיין קול טוא איך שרייען צו גאט. מיט מיין קול טוא איך בעטן צו גאט: (ג) אשפוך פאר גאט טוא איך פאר גיסן מיינע רייד. מיינע צרות טוא איך פאר איהם זאגן: (ד) בהתעטף אז מיין גימיט איז ארום גיוויקעלט אין מיר מחמת צרות. אונ דוא ווייסט דאך וואויל מיין שטעג וואס איך גייא ניט צו טאן קיינעם שלעכטס האבין זייא פארט אויף דעם וועג פאר בארגן צו מיר אנגעץ: (ה) הביט אז איך קוק אויף דער רעכטע זייט האב איך ניט קיין בקאנטין מענטשין. איך האב ניט צו קיינעם צו לויפן אויף הילף. קיינער פארשט ניט מיין לייב: (ו) זעקתי איך האב צו דיר גאט גישריען. איך האב גיזאגט אז דוא ביסט מיין באשיצער. מיין חלק וועט זיין פון דיא וואס לעבן אויף דער וועלט אונ וועל ניט שטארבן דורך שאול: (ז) הקשיבה איך בעט דיך אז דוא זאלסט פאר נעמען צו מיין גיזאנג ווארום איך בין זייער ארעם. זאיי מיך מציל פון מיינע נאך יאגער ווארום זייא זיינען שטארקער פון מיר: (ח) הוציאה ציא אוים מיין לייב פון דעם ארט וואו איך בין פאר שלאסן וועגן מיינע שונאים כדי אז איך זאל לויבין דיין נאמען. אז דוא וועסט מיט מיר גומל חסד זיין וועלין דיא צדיקים מיך האלטין פאר אצירונג אויף זייער קאפ:

קמג (א) מזמור. הער צו גאט מיין תפלה. פאר נעם מיינע גיבעט. דו זאלסט מקיים זיין דיין הבטחה אונ מיר ענטפערין מיט דיין גירעכטיקייט: (ב) ואל אונ דוא זאלסט ניט קומען משפטן דיין קנעכט נאך זיינע מעשים נאך ווארום עס איז ניט דא

קיינער

הוֹשִׁיבַנִי בְמַחֲשַׁכִּים כְּמֵתֵי עוֹלָם: ד וַתִּתְעַטֵּף עָלַי
רוּחִי בְּתוֹכִי יִשְׁתּוֹמֵם לִבִּי: ה זָכַרְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם
הָגִיתִי בְכָל פָּעֳלֶךָ בְּמַעֲשֵׂה יָדֶיךָ אֲשׂוֹחֵחַ:
ו פֵּרַשְׂתִּי יָדַי אֵלֶיךָ נַפְשִׁי כְּאֶרֶץ עֲיֵפָה לְךָ סֶלָה:
ז מַהֵר עֲנֵנִי יְיָ כָּלְתָה רוּחִי אַל תַּסְתֵּר פָּנֶיךָ מִמֶּנִּי
וְנִמְשַׁלְתִּי עִם יֹרְדֵי בוֹר: ח הַשְׁמִיעֵנִי בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ
כִּי בְךָ בָטָחְתִּי הוֹדִיעֵנִי דֶּרֶךְ זוּ אֵלֵךְ כִּי אֵלֶיךָ
נָשָׂאתִי נַפְשִׁי: ט הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי יְיָ אֵלֶיךָ כִסִּתִי:
י לַמְּדֵנִי לַעֲשׂוֹת רְצוֹנֶךָ כִּי אַתָּה אֱלוֹהָי רוּחֲךָ
טוֹבָה תַּנְחֵנִי בְּאֶרֶץ מִישׁוֹר: יא לְמַעַן שִׁמְךָ יְיָ תְּחַיֵּנִי
בְּצִדְקָתְךָ תוֹצִיא מִצָּרָה נַפְשִׁי: יב וּבְחַסְדְּךָ תַּצְמִית
אֹיְבָי וְהַאֲבַדְתָּ כָּל צֹרְרֵי נַפְשִׁי כִּי אֲנִי עַבְדֶּךָ:

---

קיינער אויף דער וועלט ער זאל פאר דיר גירעכט זיין: (ג) כי דען דער פיינט האט
נאך גיאגט מיין לייב אונ האט צו שטויסין מיין לעבין צו דער ערד. ער האט מיך
גימאכט זיצן אין דער פינסטערניש וויא דיא מתים פון דער וועלט: (ד) ותתעטף מיין
גימיט טוט זיך אין מיר ארום וויקלען אונ אין מיר טוט זיך מיין הארץ פר וואונדרין:
(ה) זכרתי אז איך טוא מיך דער מאנען אן דעם גוטס וואס איך האב גיהאט אין דיא
ערשטע טעג. אז איך טוא טראכטן אין אלע דיינע ווערק וואס דוא האסט גיטאן.
אז איך טוא ריידן פון דיא ווערק פון דיינע הענט: (ו) פרשתי טוא איך פאר שפרייטין
צו דיר מיינע הענד אונ טוא מתפלל זיין. מיין לייב טוט גילוסטין דוא זאלסט מיט
אונז טאן נסים וויא אדארשטיג לאנד טוט גילוסטן צו וואסר: (ז) מהר איך בעט דיך
נאט אז דוא זאלסט מיר אין דער גיך ענטפערן ווארום מיין גימיט איז פאר לענגט
גיווארן. דוא זאלסט ניט פאר בארגן דיין פנים פון מיר ווארום אז דוא וועסט פאר
בארגן דיין פנים וועל איך גיגליכן ווערן צו דיא וואס נידערן אין גרוב: (ח) השמיעני
מאך מיך אין דער פריא הערן דיין חסד ווייל איך האב אבטחון אין דיר. מאך מיך
וויסין דעם וועג וואס איך זאל דארטין גיין אז איך זאל ניצול ווערין פון דעם שונא
ווארום צו דיר האב איך אויף גיהייבין מיין לייב אבטחון צו האבין אויף דיר:
(ט) הצילני זאיי מיך גאט מציל פון מיינע פיינד. מיין אומגליק וואס מיך טרעפט דעק
איך צו אונ בין ניט מגלה פר קיינעם נאר פר דיר גאט: (י) למדני לערין מיך איך זאל
טאן וויא דיין רצון איז ווארום דוא ביסט מיין גאט. דיין גוטער רצון זאל מיך פירין
אין גלייכן וועג: (יא) למען פון וועגן אז דיין נאמן זאל בארימט ווערן זאלסטו מיך לאזן
לעבן. מיט דיין גירעכטיקייט זאלסטו אויס ציהען מיין לייב פון צרות: (יב) ובחסדך אונ
מיט דיינע חסדים זאלסטו פאר שניידן מיינע פיינד אונ זאלסט מאכן פאר לירן אלע
באליידיגער פון מיין לייב ווארום איך בין דיין קנעכט:

אין דעם מזמור האט דוד המלך געלויבט השי"ת וואס ער האט אים געהאלפן אין זיינע מלחמות:

קמד א לְדָוִד בָּרוּךְ יְיָ צוּרִי הַמְלַמֵּד יָדַי לַקְרָב
אֶצְבְּעוֹתַי לַמִּלְחָמָה׃ ב חַסְדִּי וּמְצוּדָתִי
מִשְׂגַּבִּי וּמְפַלְטִי לִי מָגִנִּי וּבוֹ חָסִיתִי הָרוֹדֵד עַמִּי
תַחְתָּי׃ ג יְיָ מָה אָדָם וַתֵּדָעֵהוּ בֶּן אֱנוֹשׁ וַתְּחַשְּׁבֵהוּ׃
ד אָדָם לַהֶבֶל דָּמָה יָמָיו כְּצֵל עוֹבֵר׃ ה יְיָ הַט
שָׁמֶיךָ וְתֵרֵד גַּע בֶּהָרִים וְיֶעֱשָׁנוּ׃ ו בְּרוֹק בָּרָק
וּתְפִיצֵם שְׁלַח חִצֶּיךָ וּתְהֻמֵּם׃ ז שְׁלַח יָדֶיךָ מִמָּרוֹם
פְּצֵנִי וְהַצִּילֵנִי מִמַּיִם רַבִּים מִיַּד בְּנֵי נֵכָר׃ ח אֲשֶׁר
פִּיהֶם דִּבֶּר שָׁוְא וִימִינָם יְמִין שָׁקֶר׃ ט אֱלֹהִים שִׁיר
חָדָשׁ אָשִׁירָה לָּךְ בְּנֵבֶל עָשׂוֹר אֲזַמְּרָה לָּךְ׃
י הַנּוֹתֵן תְּשׁוּעָה לַמְּלָכִים הַפּוֹצֶה אֶת דָּוִד עַבְדּוֹ
מֵחֶרֶב רָעָה׃ יא פְּצֵנִי וְהַצִּילֵנִי מִיַּד בְּנֵי נֵכָר אֲשֶׁר
פִּיהֶם דִּבֶּר שָׁוְא וִימִינָם יְמִין שָׁקֶר׃ יב אֲשֶׁר בָּנֵינוּ

---

קמד (א) לדוד. דוד המלך זאגט געלויבט איז מיין שטארקער גאט וואס ער מאכט לערנען מיינע הענד מלחמה צו האלטן. מיינע פינגער לערינט ער האלטן מלחמה: (ב) חסדי גאט טוט מיט מיר חסד און איז מיין פעסטונג און מיין שטארקער און מאכט מיך אנטרינען פון צרות. ער איז מיין בשיצער און איך טוא מיך אין אים בשיצן. ער מאכט פאר שפרייטן מיין פאלק אונטער מיר אז זייא זאלן זיין אונטער טעניג צו מיר: (ג) יי גאט, וואס איז דען גאר חשוב א מענטש דאס דוא האסט אים ליב און וואס איז א מענטש חשוב דאס דוא מאכסט אים חשוב אויף דער וועלט: (ד) אדם א מענטש איז גיגליכן צו גישט. זיינע טעג גייען גיך אוועק וויא א שאטן גייט אוועק: (ה) יי גאט איך בעט דיך נייג דיינע הימלן און נידער אראפ. ריר אן דיא בערג דאס מיינט מען דיא שונאים זייא זאלן ברענען און רייכערן: (ו) ברוק זאלסט טאן בליצן אויף זייא און זאלסט זייא פאר שפרייטן. שיק דיינע פיילין און פאר טומיל זייא: (ז) שלח שיק דיינע הענד פון הימיל און רעטע מיך און זאיי מיך מציל פון פיל וואסר פון דיא הענד פון פרעמדע לייט: (ח) אשר וואס זייער מויל האט גטאן ריידן פאלשקייט און זייער רעכטע האנד האט גיטאן אומרעכט: (ט) אלהים און דאן וועל איך זינגען א נייע גיזאנג צו דיר גאט און אויף א פידל פון צעהן סטרונעס וועל איך שפילין צו דיר: (י) הנותן גאט וואס גיט א הילף צו דיא מלכים. ער האט מציל גיוועזן זיין קנעכט דוד פון דער בייזער שווערד פון שאול: (יא) פצני ציא מיך אויס זאיי מיך מציל פון דיא הענד פון די פרעמדע וואס זייער מויל האט גירעט פאלשקייט און זייער רעכטע האנד האט גיטאן אומרעכט: (יב) אשר איך בין ראווי דער צו אז דוא זאלסט מיך מציל

זיין

כנטעים מגדלים בנעוריהם בנותינו כזוית
מחטבות תבנית היכל: יג מזוינו מלאים מפיקים
מזן אל זן צאננו מאליפות מרבבות בחוצותינו:
יד אלופינו מסבלים אין פרץ ואין יוצאת ואין
צוחה ברחבתינו: טו אשרי העם שככה לו אשרי
העם שיי אלהיו:

דער מזכיר פאננט אן מיט תהלה אונ ענדיגט מיט תהלת. ווייל אין אים געפינט זיך גרויסע שבחים וואס יעדער מענש דארף לויבן השם יתברך:

יום ל קמה א תהלה לדוד ארוממך אלוהי המלך
ואברכה שמך לעולם ועד: ב בכל יום
אברכך ואהללה שמך לעולם ועד: ג גדול יי
ומהלל מאד ולגדלתו אין חקר: ד דור לדור
ישבח מעשיך וגבורתיך יגידו: ה הדר כבוד
הודך ודברי נפלאתיך אשיחה: ו ועזוז נוראותיך

---

זיין ווייל אונזערע קינדער זיינען שיין אונ ריין פון עבירות אזו וויא דיא צווייגן פון דיא
ביימער וואס זיינען שיין אונ זיינען אזו ערצויגן גיוואקסן פון דער יוגנט אן זייא
זאלן קיין עבירות ניט טאן. אונזערע טעכטער זיינען גיגליכן צו אווינקיל פון אמויער
וואס ער ווערט גימאכט פון גישניטענע שטיינער אויף דעם גישטאלט פון די שטיינער
וואס מען בויט פון זייא אפאלאץ: (יג) מזוינו דרום זייען מיר ראוי דיא ווינקלען פון
אונזערע חדרים זאלן זיין פול מיט תבואה עס זאל גינוג זיין אונז צוא עסין פון דער
צייט אז מען זאמילט איין דיא תבואה פון פעלד אין דעם יאר ביז מען זאמילט איין
דיא תבואה אין דעם אנדערין יאר. אונזערע שאף ווערן זיין פיל אין אונזערע גאסין
טויזינט אונ צעהן טויזינט: (יד) אלופינו אונזערע אקסן ווערן זיין גילאדן מיט פעטקייט.
עס וועט ניט קימען קיין בראך אין אונז אונ אין אונזערע בהמות אונ עס וועט ניט
אוועק קיין נפש פון אונז אונ עס וועט ניט גיהערט ווערין אין אונזערע גאסין
קיין גישרייא: (טו) אשרי וואויל דעם פאלק וואס האט אזו פיל גוטס. וואויל דעם
פאלק וואס גאט איז זיין גאט:

קמה (א) תהלה. דוד המלך האט גאט גילויבט. איך וועל דיך דער הייבן מיין גאט
דער קעניג אונ וועל לויבן דיין נאמען אויף אייביג: (ב) בכל אלע טאג וועל
איך דיך לויבן אונ וועל רימען דיין נאמען אויף אייביג: (ג) גדול גאט איז גרויס אונ
זייער גילויבט אונ צו זיין גרויסקייט איז ניט דא קיין פארשונג: (ד) דור איין דור וועט
לויבן דיינע מעשים צום אנדערן דור אונ דיינע גבורות וועלן זייא זאגן: (ה) הדר די
פראכט פון דיין שיינעם כבוד אונ דיא רייד פון דיינע וואונדער וועל איך דר ציילן:
(ו) ועזוז אונ דיין שטארקע פארכטיגע ווערק וועלן זייא זאגן אונ דיין גרויסהייט וועל
איך

יֹאמֵרוּ וּגְדֻלָּתְךָ אֲסַפְּרֶנָּה: ז זֵכֶר רַב טוּבְךָ יַבִּיעוּ
וְצִדְקָתְךָ יְרַנֵּנוּ: ח חַנּוּן וְרַחוּם יי אֶרֶךְ אַפַּיִם וּגְדָל
חָסֶד: ט טוֹב יי לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו: י יוֹדוּךָ
יי כָּל מַעֲשֶׂיךָ וַחֲסִידֶיךָ יְבָרְכוּכָה: יא כְּבוֹד
מַלְכוּתְךָ יֹאמֵרוּ וּגְבוּרָתְךָ יְדַבֵּרוּ: יב לְהוֹדִיעַ לִבְנֵי
הָאָדָם גְּבוּרֹתָיו וּכְבוֹד הֲדַר מַלְכוּתוֹ: יג מַלְכוּתְךָ
מַלְכוּת כָּל עֹלָמִים וּמֶמְשַׁלְתְּךָ בְּכָל דּוֹר וָדֹר:
יד סוֹמֵךְ יי לְכָל הַנֹּפְלִים וְזוֹקֵף לְכָל הַכְּפוּפִים:
טו עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם
בְּעִתּוֹ: טז פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן:
יז צַדִּיק יי בְּכָל דְּרָכָיו וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו: יח קָרוֹב
יי לְכָל קֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת: יט רְצוֹן
יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה וְאֶת שַׁוְעָתָם יִשְׁמַע וְיוֹשִׁיעֵם: כ שׁוֹמֵר
יי אֶת כָּל אֹהֲבָיו וְאֵת כָּל הָרְשָׁעִים יַשְׁמִיד:
כא תְּהִלַּת יי יְדַבֶּר פִּי וִיבָרֵךְ כָּל בָּשָׂר שֵׁם קָדְשׁוֹ
לְעוֹלָם וָעֶד:

---

איך דער ציילן: (ז) זכר זייא טוען ריידן אונ דר מאנן דיין פיל גוטס אונ זייא זינגען
דיין גירעכטיקייט: (ח) חנון גאט איז אדערבארעמיגער אונ דר לייגגערט זיין צארין
אונ טוט גרויסע חסדים: (ט) טוב גאט איז גוט צו אלע אונ אויף אלע זיינע ווערק איז
זיין רחמנות: (י) יודוך פון אלע דיינע ווערק קומט אן צו דיר אלויב אונ דיינע חסידים
לויבן דיך: (יא) כבוד דעם כבוד פון דיין מלוכה טוען זייא זאגין אונ דיינע גבורות
טוען זייא ריידן: (יב) להודיע אונ זייער טעם איז בקאנט צו מאכן גאטס גבורות צו דיא
מענטשן אונ דעם שיינעם כבוד פון זיין מלוכה: (יג) מלכותך דיין מלוכה איז אויף
אלע עולמות אונ דיין גיוועלטיקייט איז אויף אלע דורות: (יד) סומך גאט לעהנט
אונטער צו אלע וואס פאלן אונ אלע וואס זיינען איין גיבויגן ביז דער ערד מאכט
זייא גאט אויף שטעלן: (טו) עיני דיא אויגן פון אלע בשעפעניש טוען צו דיר האפין
אונ דוא גיסט זייא זייער עסין יעדערין אין זיין צייט: (טז) פותח דוא עפינסט דיין האנט
אונ דוא מאכסט אן זעטין איטליכין לעבעדיגין נאך זיין רצון: (יז) צדיק גאט איז
גירעכט אין אלע זיינע וועגן אונ איז אחסיד אין אלע זיינע ווערק: (יח) קרוב גאט איז
נאהענט צו אלע וואס רופן אים. צו אלע וואס רופן אים מיט אמת מיט דעם גאנצן
הארצן: (יט) רצון דעם רצון פון זיינע פארכטינע טוט גאט אונ זייער גישרייא הערט

ער

דער מזמור רעדט צו תשובה און מעשים טובים און האבן בטחון אויף השי"ת און ניט אויף א מענטשן׃

קמו א הַלְלוּיָהּ הַלְלִי נַפְשִׁי אֶת יְיָ׃ ב אֲהַלְלָה יְיָ בְּחַיָּי
אֲזַמְּרָה לֵאלֹהַי בְּעוֹדִי׃ ג אַל תִּבְטְחוּ
בִנְדִיבִים בְּבֶן אָדָם שֶׁאֵין לוֹ תְשׁוּעָה׃ ד תֵּצֵא
רוּחוֹ יָשֻׁב לְאַדְמָתוֹ בַּיּוֹם הַהוּא אָבְדוּ עֶשְׁתֹּנֹתָיו׃
ה אַשְׁרֵי שֶׁאֵל יַעֲקֹב בְּעֶזְרוֹ שִׂבְרוֹ עַל יְיָ אֱלֹהָיו׃
ו עֹשֶׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ אֶת הַיָּם וְאֶת כָּל אֲשֶׁר בָּם
הַשֹּׁמֵר אֱמֶת לְעוֹלָם׃ ז עֹשֶׂה מִשְׁפָּט לָעֲשׁוּקִים
נֹתֵן לֶחֶם לָרְעֵבִים יְיָ מַתִּיר אֲסוּרִים׃ ח יְיָ פֹּקֵחַ
עִוְרִים יְיָ זֹקֵף כְּפוּפִים יְיָ אֹהֵב צַדִּיקִים׃ ט יְיָ שֹׁמֵר
אֶת גֵּרִים יָתוֹם וְאַלְמָנָה יְעוֹדֵד וְדֶרֶךְ רְשָׁעִים יְעַוֵּת׃
י יִמְלֹךְ יְיָ לְעוֹלָם אֱלֹהַיִךְ צִיּוֹן לְדֹר וָדֹר הַלְלוּיָהּ׃

אין דעם מזמור איז אין לויב צום השי"ת אויף קבוץ גליות און בנין ירושלים לעתיד לבוא׃

קמז א הַלְלוּיָהּ כִּי טוֹב זַמְּרָה אֱלֹהֵינוּ כִּי נָעִים נָאוָה

ער צו און העלפט זיא׃ (כ) שומר גאט היט אלע זיינע ליב האבער אבער אלע רשעים פאר־טיליגט ער׃ (כא) תהלת מיין מויל טוט ריידין גאטס לויב און אלע מענטשן טוען אויך לויבן זיין היילינגן נאמען אייביג׃

קמו (א) הללויה. איר אלע לויבּט גאט און דוא מיין נשמה לויב אויך גאט׃ (ב) אהללה וויא לאנג איך וועל לעבן וועל איך גאט לויבן מיט מיין מויל און וויא לאנג איך וועל זיין אויף דער וועלט וועל איך גאט לויבן מיט כלי זמר׃ (ג) אל איר זאלט קיין בטחון ניט האבן אויף דיא נדיבים און אויף א מענטשן וואס ער האט ניט אין דיא הענד צו העלפן׃ (ד) תצא אז עס גייט ארויס זיין לעבעדיגער אטום קערט ער זיך אום צו זיין ערד וואס ער איז גינומן גיוואָרן פון איר און אין דעם דאזיגן טאג ווערן פאר לארן אלע זיינע מחשבות׃ (ה) אשרי וואויל דעם מענטשן וואס גאט פון יעקב אבינו איז אין זיין הילף און זיין האפונג איז אויף זיין גאט׃ (ו) עושה וואס האט בשאפן הימל און ערד דעם ים און אלץ וואס איז אין דעם ים און אויף דעם הימל און אויף דער ערד. ער היט זיין וואָרהאפטיגע הבטחה אויף אייביג׃ (ז) עושה ער טוט א משפט צו די וואס זיינען גירויבט גיוואָרן. ער גיט ברויט צו די הונגעריגע. גאט בינדעט אויף די וואס זיינען גיבונדן אין תפיסה׃ (ח) יי גאט מאכט זעהענדיג דיא בלינדע. גאט שטעלט אויף די וואס זיינען איין גיבויגן. גאט האט ליב די צדיקים׃ (ט) יי גאט היט דיא פרעמדלינגע, דעם יתום מיט דער אלמנה טוט גאט שטארקן און דעם וועג פון דיא רשעים פאר קרימט ער׃ (י) ימלוך דיין גאט וואס רועט אין ציון וועט קיניגין אויף אייביג. איר אלע לויבּט גאט׃

קמז (א) הללויה. לויבּט צו גאט וואָרום ער איז גוט. לויבּט צו אונזער גאט ווייל ער

איז

תְּהִלָּה׃ ב בּוֹנֵה יְרוּשָׁלַיִם יְיָ נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל יְכַנֵּס׃
ג הָרוֹפֵא לִשְׁבוּרֵי לֵב וּמְחַבֵּשׁ לְעַצְּבוֹתָם׃ ד מוֹנֶה
מִסְפָּר לַכּוֹכָבִים לְכֻלָּם שֵׁמוֹת יִקְרָא׃ ה גָּדוֹל
אֲדוֹנֵינוּ וְרַב כֹּחַ לִתְבוּנָתוֹ אֵין מִסְפָּר׃ ו מְעוֹדֵד
עֲנָוִים יְיָ מַשְׁפִּיל רְשָׁעִים עֲדֵי אָרֶץ׃ ז עֱנוּ לַייָ
בְּתוֹדָה זַמְּרוּ לֵאלֹהֵינוּ בְכִנּוֹר׃ ח הַמְכַסֶּה שָׁמַיִם
בְּעָבִים הַמֵּכִין לָאָרֶץ מָטָר הַמַּצְמִיחַ הָרִים חָצִיר׃
ט נוֹתֵן לִבְהֵמָה לַחְמָהּ לִבְנֵי עֹרֵב אֲשֶׁר יִקְרָאוּ׃
י לֹא בִגְבוּרַת הַסּוּס יֶחְפָּץ לֹא בְשׁוֹקֵי הָאִישׁ
יִרְצֶה׃ יא רוֹצֶה יְיָ אֶת יְרֵאָיו אֶת הַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ׃
יב שַׁבְּחִי יְרוּשָׁלַיִם אֶת יְיָ הַלְלִי אֱלֹהַיִךְ צִיּוֹן׃ יג כִּי
חִזַּק בְּרִיחֵי שְׁעָרָיִךְ בֵּרַךְ בָּנַיִךְ בְּקִרְבֵּךְ׃ יד הַשָּׂם
גְּבוּלֵךְ שָׁלוֹם חֵלֶב חִטִּים יַשְׂבִּיעֵךְ׃ טו הַשֹּׁלֵחַ
אִמְרָתוֹ אָרֶץ עַד מְהֵרָה יָרוּץ דְּבָרוֹ׃ טז הַנֹּתֵן שֶׁלֶג

---

אין זיס. צו אים איז שיין אלויב: (ב) בונה ירושלים לעתיד לבא וועט גאט בויען דיא
שטאט ירושלים. דיא יודין וואס זיינען פר שטויסן ביז עק וועלט וועט ער זייא איין
זאמלן קיין ירושלים: (ג) הרופא צו דיא וואס האבן איין צו בראכן הארץ היילט זייא
גאט. אונ היילט אזו וויא מיט אפלאסטער זייערע שמערצן: (ד) מונה ער ציילט מיט
אצאל דיא שטערין אונ צו אלע רופט ער מיט אנאמען וואס פאסט צו איטליכן:
(ה) גדול אונזר האר גאט איז גיאכפערט אונ האט גרויס כח אונ צו זיינע פר שטענדיגע
זאכן איז ניט דא קיין צאל מחמת פילקייט: (ו) מעודד גאט שטארקט דיא דעמוטיגע
אבר דיא רשעים מאכט ער נידעריג ביז דר ערד: (ז) ענו הייבט אויף אייער קול מיט
לויב צו גאט אונ לויבט צו אונזר גאט מיט אפידל: (ח) המכסה ער בדעקט דיא הימל
מיט וואלקן אונ ברייטאן צו דער ערד רעגן אונ מאכט שפראצין אויף דיא בערג
גראז: (ט) נותן דס גראז גיט ער עסין צו דיא בהמות, אונ צו דיא יונגע ראבן וואס
רופין אונ שרייען פון הונגער גיט ער עסין: (י) לא גאט באגערט ניט אין דעם וואס
האט אבטחון אויף דיא גבורה פון פערד. ער באגערט ניט אין דעם וואס האט
אבטחון אין זיינע שטארקע פיס: (יא) רוצה גאט באגערט נאר אין זיינע פארכטיגע
דיא וואס האפן צו זיין גינאד: (יב) שבחי איר זיצער פון ירושלים לויבט גאט אונ איר
פון ציון לויבט אייער גאט: (יג) כי ווארום ער האט גישטארקט דיא ריגלן פון דיינע
טויערן אונ האט דיך גיבענטשט אז דוא זאלסט האבן פיל קינדער: (יד) השם אונ אין
דיין גרענעצין האט ער גינעבין שלום. מיט דעם בעסטין ווייץ האט ער דיך גימאכט

כצמר כפור כאפר יפזר: יז משליך קרחו כפתים
לפני קרתו מי יעמד: יח ישלח דברו וימסם ישב
רוחו יזלו מים: יט מגיד דבריו ליעקב חקיו
ומשפטיו לישראל: כ לא עשה כן לכל גוי
ומשפטים בל ידעום הללויה:

אין דעם מזמור איז גרויסע שבחים וואס עס דארפין לויבין השי"ת אלע בריאים פון גרוים ביז קליין:

קמח א הללויה הללו את יי מן השמים הללוהו
במרומים: ב הללוהו כל מלאכיו הללוהו כל
צבאיו: ג הללוהו שמש וירח הללוהו כל כוכבי
אור: ד הללוהו שמי השמים והמים אשר מעל
השמים: ה יהללו את שם יי כי הוא צוה ונבראו:
ו ויעמידם לעד לעולם חק נתן ולא יעבור: ז הללו
את יי מן הארץ תנינים וכל תהמות: ח אש וברד

---

זאט: (טז) השולח דעם רעגין וואס קומט דורך גאטס זאג שיקט ער אויף דר ערד אונ דער רעגין לייפט אין דער גיך צו טאן גאטס ווארט: (טז) הנותן ער גיט שנייא אויף דער וועלט ווייס וויא וואל. רייף טוט ער פאר שפרייטן אויף דר ערד וויא אש: (יז) משליך ער ווארפט זיין פראסט אונ פון וואסער ווערט אייז וויא שטיקער גלאז. ווער קאן באשטיין פאר זיין קעלט: (יח) ישלח ער שיקט זיין רעגין אדר זיין היץ מאכט ער צו גיין דעם שנייא מיט דעם אייז. ער מאכט וויעהן זיין ווינט טוט פון דעם אייז ריגען וואסער: (יט) מגיד ער האט גיזאגט זיין תורה צו דיא יודין די קינדר פון יעקב. זיינע גיזעץ אונ זיינע משפטים צו דיא ישראל: (כ) לא אזו האט ער בייא דעם בארג סיני ניט גיטאן צו קיין שום פאלק אונ קיין משפטים האט ער זייא ניט גימאכט וויסין, דרום לויבט גאט:

קמח (א) הללויה. לויבט גאט פון דעם הימל. לויבט אים אין דיא הויכע הימלען: (ב) הללוהו לויבט אים אלע זיינע מלאכים. לויבט אים איר גלגלים מיט דיא מזלות: (ג) הללוהו דיא זון מיט דער לבנה גיהערט איר צו לויבן גאט אונ איר שטערן וואס איר לייכט אויף דער וועלט לויבט צו גאט: (ד) הללוהו לויבט אים איר אויבערשטע הימלען אונ דאס וואסער וואס הייננט אין לופט איבער דעם הימל: (ה) יהללו זייא אלע זאלן לויבן גאטס נאמען ווארום ער האט גיבאטן אז זייא זאלן בשאפן ווערן זיינן זייא בשאפן גיווארן: (ו) ויעמידם אונ ער האט זייא גישטעלט אז זייא זאלן אקיום האבן אויף אייביג אונ האט גיגעבן אגיזעץ ווען איטליכער זאל זיין דינסט טאן אונ זאל ניט איבער פארן דעם גיזעץ: (ז) הללו אונ פון דער ערד זאל מען אויך לויבן גאט. וואלפישן אונ אלע וואס רוען אין דיא אפגרונטן: (ח) אש פייער אונ האגיל שנייא אונ דער דונסט וואס גייט פון דער ערד אונ דער שטורעם ווינט וואס טוט אזו וויא

שֶׁלֶג וְקִיטוֹר רוּחַ סְעָרָה עֹשָׂה דְבָרוֹ: ט הֶהָרִים
וְכָל גְּבָעוֹת עֵץ פְּרִי וְכָל אֲרָזִים: י הַחַיָּה וְכָל
בְּהֵמָה רֶמֶשׂ וְצִפּוֹר כָּנָף: יא מַלְכֵי אֶרֶץ וְכָל
לְאֻמִּים שָׂרִים וְכָל שֹׁפְטֵי אָרֶץ: יב בַּחוּרִים וְגַם
בְּתוּלוֹת זְקֵנִים עִם נְעָרִים: יג יְהַלְלוּ אֶת שֵׁם יְיָ כִּי
נִשְׂגָּב שְׁמוֹ לְבַדּוֹ הוֹדוֹ עַל אֶרֶץ וְשָׁמָיִם: יד וַיָּרֶם
קֶרֶן לְעַמּוֹ תְּהִלָּה לְכָל חֲסִידָיו לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל
עַם קְרֹבוֹ הַלְלוּיָהּ:

דער מִזְמוֹר גֵייט אויף יְמוֹת הַמָּשִׁיחַ:

קמט א הַלְלוּיָהּ שִׁירוּ לַייָ שִׁיר חָדָשׁ תְּהִלָּתוֹ בִּקְהַל
חֲסִידִים: ב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעֹשָׂיו בְּנֵי צִיּוֹן
יָגִילוּ בְמַלְכָּם: ג יְהַלְלוּ שְׁמוֹ בְמָחוֹל בְּתֹף וְכִנּוֹר
יְזַמְּרוּ לוֹ: ד כִּי רוֹצֶה יְיָ בְּעַמּוֹ יְפָאֵר עֲנָוִים בִּישׁוּעָה:
ה יַעְלְזוּ חֲסִידִים בְּכָבוֹד יְרַנְּנוּ עַל מִשְׁכְּבוֹתָם:
ו רוֹמְמוֹת אֵל בִּגְרוֹנָם וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם:

---

נָאס הַייסְט אִים טָאן: (ט) ההרים דִיא הוֹיכֶע בֶּערְג מִיט דִיא נִידֶערִיגֶע בֶּערְג. דִיא
בּוֹימֶער וָואס וַואקְסְט פֵּרוֹת אוֹיף זַייא אוּנ אַלֶע טֶענֶען בּוֹימֶר: (י) החיה גְרוֹיסֶע חַיוֹת
מִיט אַלֶע בְּהֵמוֹת. קְלֵיינֶע חַיוֹת אוּנ אַלֶע עוֹפוֹת וָואס הָאבְּן פְלִיגְלֶען: (יא) מלכי דִיא
מְלָכִים פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ אַלֶע פֶעלְקֶר. דִיא הַארְן אוּנ אַלֶע רִיכְטֶער פוּן דֶר וֶועלְט:
(יב) בחורים דִי בַּחוּרִים אוֹיךְ דִי בְּתוּלוֹת. דִי אַלְטֶע מִיט דִיא יוּנְגֶע: (יג) יהללו זָאלְט אִיר
אַלֶע לוֹיבְּן גָאטְס נָאמֶען וָוארוּם זַיין נָאמֶן אַלֵיין אִיז שְׁטַארְק. זַיין שֵׁיינְקַייט וֶוערְט
גִיזֶעהְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנ אוֹיף דֶעם הִימְל: (יד) וירם אוּנ עֶר הָאט עֶרְהֵייבְּן אַיין
הֶערְשַׁאפְט צוּ זַיין פָאלְק. אַלוֹיבּ צוּ אַלֶע זַיינֶע חֲסִידִים. צוּ דִיא קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל
זַיין נָאהֶענְט פָאלְק. לוֹיבְּט גָאט:

קמט (א) הללויה. זִינְגְט צוּ גָאט אַנַייעֶ גִיזַאנְג. זַיין לוֹיבּ זָאל דֶער צֵיילְט וֶוערְן אִין
דָאס אַיין זַאמְלוּנְג פוּן דִיא חֲסִידִים: (ב) ישמח דִיא יוּדִין זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט
זֵייעֶר בַּשֶׁעפֶר אוּנ דִיא קִינְדֶער פוּן צִיוֹן זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט זֵייעֶר קֶענִיג: (ג) יהללו
זֵייא זָאלִין לוֹיבְּן זַיין נָאמֶען מִיט טַאנְצִין. מִיט אַפּוּיק אוּנ מִיט אַפִּידִיל זָאלִין זַייא
אִים לוֹיבְּן: (ד) כי דֶען גָאט הָאט בַּאוִוילִיגְט אִין זַיין פָאלְק אוּנ טוּט בַּאשֵׁיינֶען דִיא
דֶעמוּטִיגֶע מִיט הִילְף: (ה) יעלזו דִיא חֲסִידִים וֶועלִין זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם כָּבוֹד וָואס
זֵייא הָאבְּן אוּנ זַייא וֶועלִין זִינְגֶען אַז זַייא וֶועלִין זַיין אִין לַאנְד בַּארוּעֶט: (ו) רוממות
מִיט זֵייעֶר הַאלְז וֶועלִין זֵייא דֶער צֵיילִין גָאטְס גְרוֹיסְקַייט אוּנ דוּרְךְ דֶעם וֶועלִין זַייא
יד

ז לַעֲשׂוֹת נְקָמָה בַּגּוֹיִם תּוֹכֵחוֹת בַּלְאֻמִּים: ח לֶאְסֹר
מַלְכֵיהֶם בְּזִקִּים וְנִכְבְּדֵיהֶם בְּכַבְלֵי בַרְזֶל:
ט לַעֲשׂוֹת בָּהֶם מִשְׁפָּט כָּתוּב הָדָר הוּא לְכָל
חֲסִידָיו הַלְלוּיָהּ:

אין דעם סיסו"ר איז פר האנדין דער ייצעהן מאל הלול אנקעגען די דער ייצעהן מדות וואס השי"ת פירט מיט ווי די גאנצע וועלט:

קנ א הַלְלוּיָהּ הַלְלוּ אֵל בְּקָדְשׁוֹ הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ
עֻזּוֹ: ב הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ:
ג הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר:
ד הַלְלוּהוּ בְתֹף וּמָחוֹל הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעוּגָב:
ה הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי שָׁמַע הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי
תְרוּעָה: ו כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ הַלְלוּיָהּ:

סכום הפסוקים של תהלים אלפים וחמש מאות ושבעה ועשרים א"א כז"ך
סימן. וחציו ויפתוהו בפיהם וסדריו י"ט ומזמוריו קן

# יהי רצון אחר אמירת תהלים

אחר סיום תהלים יאמר ג' פסוקים אלו

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהֹוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהֹוָה מָעוּזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְהֹוָה וַיְפַלְּטֵם יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ:

יהי רצון שיאמר אחר כל ספר שבתהלים

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ בִּזְכוּת סֵפֶר רִאשׁוֹן שֶׁבַּתְּהִלִּים שֶׁקָּרָאנוּ לְפָנֶיךָ שֶׁהוּא כְּנֶגֶד ספר בראשית: ספר שני כנגד ספר שמות: ספר שלישי כנגד ספר ויקרא: ספר רביעי כנגד ספר במדבר: ספר חמישי כנגד ספר דברים: בִּזְכוּת מִזְמוֹרָיו וּבִזְכוּת פְּסוּקָיו וּבִזְכוּת תֵּיבוֹתָיו וּבִזְכוּת אוֹתִיּוֹתָיו וּבִזְכוּת נְקוּדוֹתָיו וּבִזְכוּת שְׁמוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים וְהַטְּהוֹרִים הַיּוֹצְאִים מִמֶּנּוּ שֶׁתְּכַפֵּר לָנוּ עַל כָּל חַטֹּאתֵינוּ וְתִסְלַח לָנוּ עַל כָּל עֲוֹנוֹתֵינוּ וְתִמְחוֹל לָנוּ עַל כָּל פְּשָׁעֵינוּ שֶׁחָטָאנוּ

וְשֶׁעָוִינוּ וְשֶׁפָּשַׁעְנוּ לְפָנֶיךָ וְהַחֲזִירֵנוּ
בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ וְהַדְרִיכֵנוּ
לַעֲבוֹדָתֶךָ וְתִפְתַּח לִבֵּנוּ בְּתַלְמוּד תּוֹרָתֶךָ
וְתִשְׁלַח רְפוּאָה שְׁלֵמָה לְחוֹלֵי עַמֶּךָ
(וּלְחוֹלֶה פב"פ) וְתִקְרָא לִשְׁבוּיִים דְּרוֹר
וְלַאֲסוּרִים פְּקַח קוֹחַ וּלְכָל הוֹלְכֵי דְרָכִים
וְעוֹבְרֵי יַמִּים וּנְהָרוֹת מֵעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל תַּצִּילֵם
מִכָּל צַעַר וָנֶזֶק וְתַגִּיעֵם לִמְחוֹז חֶפְצָם
לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם. וְתִפְקוֹד לְכָל חֲשׂוּכֵי
בָנִים בְּזֶרַע שֶׁל קַיָּמָא לַעֲבוֹדָתֶךָ וּלְיִרְאָתֶךָ:
וְעוּבָּרוֹת שֶׁל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל תַּצִּילֵן
שֶׁלֹּא תַפֵּלְנָה וְלָדוֹתֵיהֶן. וְהַיּוֹשְׁבוֹת עַל
הַמַּשְׁבֵּר בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תַּצִּילֵן מִכָּל
רָע. וְאֶל הַמֵּינִיקוֹת תַּשְׁפִּיעַ שֶׁלֹּא יֶחְסַר
חָלָב מִדַּדֵּיהֶן. וְאַל יִמְשׁוֹל אַסְכָּרָה וְשֵׁדִין
וְכָל פְּגָעִים וּמַרְעִין בִּישִׁין לְכָל יַלְדֵי עַמְּךָ
בֵּית יִשְׂרָאֵל וּתְגַדְּלֵם לְתוֹרָה לִלְמוֹד
תּוֹרָה לִשְׁמָהּ. וְתַצִּילֵם מֵעַיִן הָרָע וּמִדֶּבֶר
וּמִמַּגֵּפָה וּמִשָּׂטָן וּמִיֵּצֶר הָרָע. וּתְבַטֵּל
מֵעָלֵינוּ וּמִכָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל

מָקוֹם שֶׁהֵם כָּל גְּזֵרוֹת קָשׁוֹת וְרָעוֹת. וְתַטֶּה לֵב הַמַּלְכוּת עָלֵינוּ לְטוֹבָה וְתִגְזוֹר עָלֵינוּ גְּזֵרוֹת טוֹבוֹת וְתִשְׁלַח בְּרָכָה וְהַצְלָחָה בְּכָל מַעֲשֵׂה יָדֵינוּ. וְהָכֵן פַּרְנָסָתֵנוּ מִיָּדְךָ הָרְחָבָה וְהַמְּלֵאָה וְלֹא יִצְטָרְכוּ עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל זֶה לָזֶה וְלֹא לְעַם אַחֵר וְתֵן לְכָל אִישׁ וְאִישׁ דֵּי פַּרְנָסָתוֹ וּלְכָל גְּוִיָּה וּגְוִיָּה דֵּי מַחְסוֹרָהּ: וּתְמַהֵר וְתָחִישׁ לְגָאֳלֵנוּ וְתִבְנֶה בֵּית מִקְדָּשֵׁנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ: וּבִזְכוּת שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹתֶיךָ שֶׁל רַחֲמִים הַכְּתוּבִים בְּתוֹרָתֶךָ כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר. יְיָ יְיָ אֵל רַחוּם וְחַנּוּן אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חֶסֶד וֶאֱמֶת נוֹצֵר חֶסֶד לָאֲלָפִים נוֹשֵׂא עָוֹן וָפֶשַׁע וְחַטָּאָה וְנַקֵּה שֶׁאֵינָן חוֹזְרוֹת רֵיקָם מִלְּפָנֶיךָ. עָזְרֵנוּ אֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ עַל דְּבַר כְּבוֹד שְׁמֶךָ וְהַצִּילֵנוּ וְכַפֵּר עַל חַטֹּאתֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ. בָּרוּךְ יְיָ לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

בשבת וביום טוב אומרים זה

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ בִּזְכוּת סֵפֶר (פ) שֶׁבַּתְּהִלִּים

# יהי רצון אחר אמירת תהלים

שֶׁקָּרָאנוּ לְפָנֶיךָ שֶׁהוּא כְּנֶגֶד סֵפֶר (פ)
בִּזְכוּת מִזְמוֹרָיו וּבִזְכוּת פְּסוּקָיו וּבִזְכוּת
תֵּבוֹתָיו וּבִזְכוּת שְׁמוֹתֶיךָ הַקְּדוֹשִׁים
וְהַטְּהוֹרִים הַיּוֹצְאִים מִמֶּנּוּ שֶׁתְּהֵא נֶחְשָׁב
לָנוּ אֲמִירַת מִזְמוֹרֵי תְהִלִּים אֵלּוּ כְּאִלּוּ
אֲמָרָם דָּוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל עָלָיו הַשָּׁלוֹם
בְּעַצְמוֹ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְיַעֲמוֹד לָנוּ לְחַבֵּר
אֵשֶׁת נְעוּרִים עִם דּוֹדָהּ בְּאַהֲבָה וְאַחֲוָה
וְרֵיעוּת וּמִשָּׁם יִמָּשֵׁךְ לָנוּ שֶׁפַע לְנֶפֶשׁ
רוּחַ וּנְשָׁמָה. וּכְשֵׁם שֶׁאָנוּ אוֹמְרִים לְפָנֶיךָ
שִׁירָה בָּעוֹלָם הַזֶּה כָּךְ נִזְכֶּה לוֹמַר לְפָנֶיךָ
יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שִׁיר וּשְׁבָחָה
לָעוֹלָם הַבָּא. וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים
תִּתְעוֹרֵר חֲבַצֶּלֶת הַשָּׁרוֹן לָשִׁיר בְּקוֹל נָעִים
גִּילַת וְרַנֵּן כְּבוֹד הַלְּבָנוֹן יִתֶּן לָהּ הוֹד וְהָדָר
בְּבֵית אֱלֹהֵינוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן סֶלָה:

## יהי רצון לליל הושענא רבה

אחר שהשלים ספר ראשון שבתהלים יאמר זה :

יהי רצון מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו בזכות ספר ראשון שבתהלים שקראנו לפניך שהוא מכון כנגד ספר בראשית שבחמשה חמשי תורה בזכות מזמוריו ובזכות פסוקיו ובזכות תבותיו ובזכות אותיותיו ובזכות נקודותיו ובזכות טעמיו ובזכות שמותיך הקדושים הכתובים בהם ובזכות שמותיך הקדושים הרמוזים והמצורפים בהם שתחון עלינו כגדל חסדך ותחתמנו בספר חיים טובים ותפתח לנו שערי אורה שערי לוית חן וחסד שערי פדות שערי לכפר עונות שערי מזל העליון שערי דרור : יומם יצוה יי חסדו ובלילה שירה עמי תפלה לאל חיי :

זה יאמר אחר כל ספר לאחר צאת הלבנה

יהי רצון מלפניך השם הגדול והקדוש והטהור (אדני) שתצילני היום וכל יום לי ולכל אנשי ביתי ולכל אשר עמי ולכל אשר לי בבית ובשדה לכל הנלוים עלינו לכל אחד ואחד מהם וממנו . מכל צרה וצוקה ומכל צער ונזק וסכנה . ומכל מיני שבוש ומכל מיני הפסד ומכל דבר תקלה מכל נסיון ומכל דבר בזיון . ומכל גזלן וחמסן ואלם ומכל מיני פורעניות המתרגשות ובאות לעולם . ומכל גזרות קשות ורעות ומרעב ומשבי ומכל מאסר מבית הכלא וממדלות יעניות , בכח השם הגדול והקדוש היוצא מפסוק אנכי ארד

# יהי רצון לליל הושענא רבה

עִמְּךָ מִצְרַיְמָה וְאָנֹכִי אַעַלְךָ גַם עָלֹה שֶׁסּוֹדוֹ כַּךְ (אמ"י נצ"א כר"ע י"ל אמ"ך רה"ג דו"ם עא"ע מנ"ל ככ"ה) וּבְשֵׁם (אל"ד) שֶׁתֵּיטִיב לָנוּ הַחֲתִימָה וְתַעַזְרֵנוּ בְּכָל עִנְיָנֵינוּ וְחֶפְצֵנוּ. אָמֵן:

אחר שהשלים ספר שני וספר שלישי שבתהלים יאמר זה:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ בִּזְכוּת סֵפֶר שֵׁנִי (סֵפֶר שְׁלִישִׁי) שֶׁבַּתְּהִלִּים שֶׁקָּרָאנוּ לְפָנֶיךָ שֶׁהוּא מְכֻוָּן כְּנֶגֶד סֵפֶר שְׁמוֹת (וַיִּקְרָא) שֶׁבַּחֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תוֹרָה בִּזְכוּת מִזְמוֹרָיו וּבִזְכוּת פְּסוּקָיו וּבִזְכוּת תֵּבוֹתָיו וּבִזְכוּת אוֹתִיּוֹתָיו וּבִזְכוּת נְקוּדוֹתָיו וּבִזְכוּת טְעָמָיו וּבִזְכוּת שְׁמוֹתֶיךָ הַקְּדוֹשִׁים הָרְמוּזִים

אחר ספר שני אומרים זה

וְהַמְּצוֹרָפִים בָּהֶם שֶׁתְּצַוֶּה פַּחְדְּךָ עַל אוֹיְבֵינוּ וְתַצִּילֵנוּ בְּכֹחַ גְּבוּרָתֶךָ וְתַחְתְּמֵנוּ בְּסֵפֶר גְּאֻלָּה וִישׁוּעָה וְתִפְתַּח לָנוּ שַׁעֲרֵי אֹמֶץ שַׁעֲרֵי לִבּוּב שַׁעֲרֵי הַצָּלָה שַׁעֲרֵי יְשׁוּעָה שַׁעֲרֵי מְזוֹנוֹת: וְגַם עַד זִקְנָה וְשֵׂיבָה אֱלֹהִים אַל תַּעַזְבֵנִי. עַד אַגִּיד זְרוֹעֲךָ לְדוֹר לְכָל יָבוֹא גְּבוּרָתֶךָ:

אחר ספר שלישי אומרים זה

וְהַמְּצוֹרָפִים בָּהֶם שֶׁתְּרַחֵם עָלֵינוּ בְּרַחֲמֶיךָ וַאֲמִתְּךָ וְתַחְתְּמֵנוּ בְּסֵפֶר מְזוֹנוֹת וּפַרְנָסָה טוֹבָה וְתִפְתַּח לָנוּ שַׁעֲרֵי יֹשֶׁר שַׁעֲרֵי וָתִיקוּת שַׁעֲרֵי דֵעָה שַׁעֲרֵי הַצְלָחָה שַׁעֲרֵי אַהֲבָה שַׁעֲרֵי וַעַד טוֹב שַׁעֲרֵי אֱמֶת שַׁעֲרֵי וִתְרָנוּת שַׁעֲרֵי הַרְוָחָה שַׁעֲרֵי אֲרוּכָה. וְקַיֵּם בָּנוּ מִקְרָא שֶׁכָּתוּב וּלְתִתְּךָ עֶלְיוֹן עַל כָּל הַגּוֹיִם אֲשֶׁר עָשָׂה לִתְהִלָּה וּלְשֵׁם וּלְתִפְאָרֶת וְלִהְיוֹתְךָ עַם קָדוֹשׁ לַייָ אֱלֹהֶיךָ כַּאֲשֶׁר דִּבֵּר:

אחר שהשלים ספר רביעי וספר חמישי שבתהלים יאמר זה:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ בִּזְכוּת סֵפֶר רְבִיעִי (סֵפֶר חֲמִישִׁי) שֶׁבַּתְּהִלִּים שֶׁקָּרָאנוּ לְפָנֶיךָ שֶׁהוּא מְכֻוָּן כְּנֶגֶד סֵפֶר בַּמִּדְבָּר (דְּבָרִים) שֶׁבַּחֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תוֹרָה בִּזְכוּת מִזְמוֹרָיו וּבִזְכוּת פְּסוּקָיו וּבִזְכוּת תֵּבוֹתָיו וּבִזְכוּת אוֹתִיּוֹתָיו וּבִזְכוּת

נקודותיו

נְקֻדּוֹתָיו וּבִזְכוּת טְעָמָיו וּבִזְכוּת שְׁמוֹתֶיךָ הַקְּדוֹשִׁים הָרְמוּזִים

אחר ספר רביעי אומרים זה

וְהַמְּצוּרָפִים בָּהֶם שֶׁתָּגֵן עָלֵינוּ וּתְאַמְּצֵנוּ לְנַצֵּחַ שׂוֹנְאֵינוּ וְתַחְתְּמֵנוּ בְּסֵפֶר יְשָׁרִים וּתְמִימִים וְתִפְתַּח לָנוּ שַׁעֲרֵי יְדִידוּת שַׁעֲרֵי הוֹד וְהָדָר שַׁעֲרֵי הַצְלָחָה שַׁעֲרֵי צְדָקָה שַׁעֲרֵי בְרָכָה שַׁעֲרֵי אַהֲבָה וְרֵעוּת שַׁעֲרֵי תְקוּמָה׃ יְיָ צְבָאוֹת עִמָּנוּ מִשְׂגָּב לָנוּ אֱלֹהֵי יַעֲקֹב סֶלָה׃ תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת פָּנֶיךָ נְעִימוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח׃

אחר ספר חמישי אומרים זה

וְהַמְּצוּרָפִים בָּהֶם שֶׁתִּתֵּן הוֹדְךָ עַל מְשִׁיחֶךָ לְיַחֵד מַלְכוּתֶךָ וְתַחְתְּמֵנוּ בְּסֵפֶר צַדִּיקִים וְתִפְתַּח לָנוּ שַׁעֲרֵי אוֹצַר טוֹב שַׁעֲרֵי לֶקַח שַׁעֲרֵי הַשְׁקֵט שַׁעֲרֵי יְקָר שַׁעֲרֵי מְנוּחָה שַׁעֲרֵי צָהֳלָה שַׁעֲרֵי בִינָה שַׁעֲרֵי אוֹמֶץ וֶאֱיָלוּת שַׁעֲרֵי תְשׁוּעָה׃ אֱלֹהִים צְבָאוֹת הֲשִׁיבֵנוּ וְהָאֵר פָּנֶיךָ וְנִוָּשֵׁעָה׃ יְיָ אֲדוֹנֵינוּ מָה אַדִּיר שִׁמְךָ בְּכָל הָאָרֶץ אֲשֶׁר תְּנָה הוֹדְךָ עַל הַשָּׁמָיִם׃ נִכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשִׁי לְחַצְרוֹת יְיָ לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ אֶל אֵל חָי׃ כִּי אַתָּה אֲדֹנָי טוֹב וְסַלָּח וְרַב חֶסֶד לְכָל קוֹרְאֶיךָ׃

## תפלה להתפלל על החולה

מזמורים שאומרים על בית עלמין · מזמור כה · לד · קיא · קיב · קיט עד קלה מזמור קמה עד סוף תהלים · ואח"כ התפלה יי יי וכו' ובעת הליכה מבית עלמין יאמרו רננו צדיקים ואנא בכח ויושב בסתר וכשמתפללים בבהכ"נ אומרים ל"ו מזמורים אלו · מזמור כ · ו · ט · יג · טז · יז · יח · כב · כג · כה · ל · לא · לב · לג · לז · לח · לט · מא · מט · נה · נו · סט · פו · פח · פט · צ · צא · קב · קג · קד · קז · קטז · קיח · קמב · קמג · קכח · ואח"כ יאמרו בתמניא אפי (קי"ט) כל הפסוקים משמו של החולה כגון אם שמו יעקב יאמרו הפסוקים יודי"ן עייני"ן קופי"ן ביתי"ן · ואח"כ יאמרו כל פסוקי האותיות מהשם קרע שטן בתמניא אפי · ואחר כך יאמרו תפלת החולה עם כל הכוונות ·

יְיָ יְיָ אֵל רַחוּם וְחַנּוּן אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חֶסֶד וֶאֱמֶת׃ נֹצֵר חֶסֶד לָאֲלָפִים נֹשֵׂא עָוֹן וָפֶשַׁע וְחַטָּאָה וְנַקֵּה׃ לְךָ יְיָ הַגְּדֻלָּה

והגבורה

# תפלה להתפלל על החולה

והגבורה והתפארת והנצח וההוד כי כל בשמים ובארץ · לך יי הממלכה והמתנשא לכל לראש: ואתה בידך נפש כל חי ורוח כל בשר איש ובידך כח וגבורה לגדל ולחזק ולרפאות אנוש עד דכא עד דכדוכה של נפש ולא יפלא ממך כל דבר ובידך נפש כל חי · לכן יהי רצון מלפניך האל הנאמן אב הרחמים הרופא לכל תחלואי עמו ישראל הקרובים עד שערי מות והמחבש מזור ותעלה לידידיו והגואל משחת חסידיו והמציל ממות נפש מרודיו אתה רופא נאמן תשלח מרפא וארוכה ותעלה ברב חסד וחנינה וחמלה לנפש (פב"פ) לרוחו ונפשו (לנקבה לרוחה ונפשה) האמללה ולא תרד נפשו (נפשה) לשאולה והמלא רחמים עליו (עליה) להחלים ולרפאות ולהחזיק ולהחליף ולהחיות אותו (אותה) כרצון כל קרוביו (קרוביה) (ואהביו) ויראו לפניך זכיותיו (זכיותיה) וצדקותיו (וצדקותיה) ותשליך במצלות ים כל חטאתיו (חטאתיה) ויכבשו רחמיך את כעסך מעליו (מעליה) ותשלח לו (לה) רפואה שלמה רפואת הנפש ורפואת הגוף ותחדש כנשר נעוריו (נעוריה) ותשלח לו (לה) ולכל חולי ישראל מרפא ארוכה מרפא ברכה מרפא תרופה ותעלה מרפא חנינה וחמלה מרפא ידועים וגלוים מרפא רחמים ושלום וחיים מרפא ארך ימים ושנים טובים ויקים בו (בה) ובכל חולי ישראל מקרא שכתוב על ידי משה עבדך נאמן ביתך ויאמר אם שמוע תשמע לקול יי אלהיך והישר בעיניו תעשה והאזנת למצותיו ושמרת כל חקיו כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני יי רפאך: ועבדתם את יי אלהיכם וברך את לחמך ואת מימיך והסרתי מחלה מקרבך: לא תהיה משכלה ועקרה בארצך את מספר ימיך אמלא: והסיר יי ממך כל חלי וכל מדוי מצרים הרעים אשר ידעת לא ישימם בך ונתנם בכל

שנאיך

# תְּפִלָּה לְהִתְפַּלֵּל עַל הַחוֹלֶה

שְׂנֹאֶיךָ: וְעַל יְדֵי עֲבָדֶיךָ הַנְּבִיאִים כָּתוּב לֵאמֹר וַאֲכַלְתֶּם אָכוֹל וְשָׂבוֹעַ וְהִלַּלְתֶּם אֶת שֵׁם יְיָ אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר עָשָׂה עִמָּכֶם לְהַפְלִיא וְלֹא יֵבֹשׁוּ עַמִּי לְעוֹלָם: דְּרָכָיו רָאִיתִי וְאֶרְפָּאֵהוּ וְאַנְחֵהוּ וַאֲשַׁלֵּם נִחוּמִים לוֹ וְלַאֲבֵלָיו: בּוֹרֵא נִיב שְׂפָתָיִם שָׁלוֹם שָׁלוֹם לָרָחוֹק וְלַקָּרוֹב אָמַר יְיָ וּרְפָאתִיו: וְזָרְחָה לָכֶם יִרְאֵי שְׁמִי שֶׁמֶשׁ צְדָקָה וּמַרְפֵּא בִּכְנָפֶיהָ: אָז יִבָּקַע כַּשַּׁחַר אוֹרֶךָ וַאֲרֻכָתְךָ מְהֵרָה תִצְמָח: רְפָאֵנוּ יְיָ וְנֵרָפֵא הוֹשִׁיעֵנוּ וְנִוָּשֵׁעָה כִּי תְהִלָּתֵנוּ אָתָּה: וְהַעֲלֵה רְפוּאָה שְׁלֵמָה לְכָל מַכּוֹת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל וּבִפְרָט (לפב"פ) רְפוּאָה שְׁלֵמָה לרמ"ח אֵבָרָיו (אֵבָרֶיהָ) ושס"ה גִּידָיו (גִּידֶיהָ) לְרַפְּאוֹת אוֹתוֹ (אוֹתָהּ) כְּחִזְקִיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה מֵחָלְיוֹ וּכְמִרְיָם הַנְּבִיאָה מִצָּרַעְתָּהּ בְּשֵׁם הַשֵּׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹתֶיךָ אֵל נָא רְפָא נָא (לפב"פ) לְהָקִים אוֹתוֹ (אוֹתָהּ) מֵחָלְיוֹ (מֵחָלְיָהּ) זֶה וּלְהַאֲרִיךְ עוֹד יְמֵי חַיָּיו (חַיֶּיהָ) חַיִּים שֶׁל רַחֲמִים חַיִּים שֶׁל בְּרִיאוּת חַיִּים שֶׁל שָׁלוֹם חַיִּים שֶׁל בְּרָכָה כִּדְכְתִיב כִּי אֹרֶךְ יָמִים וּשְׁנוֹת חַיִּים וְשָׁלוֹם יוֹסִיפוּ לָךְ: אָמֵן סֶלָה: